STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06973

MAYNE LEBNS

Sh. Dayksel

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיינע לעבנס

ש. דייקסעל

פינפטער באַנד

נאָוועלן און דערציילונגען.

●

פאַרלאַג:

„סיגנאַל" ביים „פראָלעטפען"

„פריינט און חברים".

"MINE LEBENS"

Fifth Volume

Novels and Short Stories

Copyright
By
SHEEN DAIXEL
New York, N. Y.
1940

מ. סווידער, אַסטאָריע פּרעס, 61 איסט 4טע גאַס, ניו יאָרק

490

געזעצט פון א. ראַפּאַפּאָרט

מיינע לעבנס

ש. דייקסעל

אינהאַלט:

●

1. אין אַ זילבערנער נאַכט 5
2. דער וואָלונטיר — שאַרל גראַוויע 57
3. גליק (צוועלף עטיודן) 111
4. יאַנקל און זיין מאַדאָנע 168
5. קאַרמען 189
6. זעקס מענטשן אויף אַ באַנק 210
7. מיסטער פרידמאַנס פּאַלאַץ 222
8. שלאַנגען 241
9. שטערן 251

פריער דערשינען :

●

„וועגן אין נעבל" 1טער באַנד (נאָוועלן און דערציילונגען) 1923

„אַזיאַטישע דערציילונגען" 2טער באַנד (נאָוועלן און דערציילונגען) 1924

„זיין מאַיעסטעט" 3ער באַנד (נאָוועלן און דערציילונגען) 1925

„10 איינאַקטערס" 4ער באַנד. 1935

„דער צאָרן פון דער ערד"
(מאַסן־שפיל אין 5 אַקטן און 9 בילדער) 1929.

אין אַ זילבערנער נאַכט

(אין אָנדענק פון מיין טייערן חבר וואַניאַ איוואַנאָוו — געהאַנגען
אין 1907 אין נאָווא־מאַרגעלאַן, רוסישע קליין־אַזיע.)

א

דער וואַלד איז געווען אַ געדיכטער, אַן אוראַלטער און, אפילו אין די זוניקסטע טעג, איז ער געשטאַנען אַ פאַרכמורעטער, אַ פאַרזונקענער אין שווערע מחשבות און ווי געוואָרנט יעדן איינעם צו זיין וואָס פאַר־זיכטיקער און שטילער אין זיינע קילע שאָטנס. באַשטאַנען איז ער, אַממערסטנס, פון פאַרשידענע, האַלב־טראָפּישע ביימער און קוסטן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געהויבן רייען מאַסיווע טאָפּאָלן, דורכ־שטעכנדיק די אויבערפלאַך פון וואַלד מיט זייערע שטאָלצע, שפּי־ציקע קעפּ.

דורך דער סאַמע מיט פון וואַלד — האָט אין משך פון הונדערטער יאָרן, דורכגעריזלט זיין זיגזאַג־וועג אַ שנעל לויפנדיקער „אַריק" (טייכל). זיינע בורשטין־קלאָרע וואַסערן האָבן געטראָגן אין זיך די דערפרישנדיקע קילקייט פון די ווייטע, שנייאיקע „טיאַן־שאַן" בערג און זייער שטענדיקער מעלאָדישער געקלאַנג איבערן פלאַכן, מיט פאַרביקע שטיינדעלעך, אויסגעפלאַסטערטן גרונט, האָט איינצייטיק געצויבערט און געשראָקן.

אויף איינעם פון די זייטן פון אָט דעם „אַריק", אויף אַ רייע זוניקע, ציכטיק־אויפגעראַמטע לאָנקעס — האָט זיך אין דער לענג און ברייט צעוואָרפן אַ רוסישער, מיליטערישער לאַגער. לינקס און רעכטס, אויף וויפיל דאָס אויג האָט נאָר געקענט כאַפּן, האָבן זיך געצויגן רייען ווייסע געצעלטן, צווישן וועלכע עס האָט פון קאַיאַר ביז פאַרנאַכט, געשווירבלט מיט סאָלדאַטן און אָפיצערן, באַשעפטיקטע מיט מיליטערישע איבונגען.

איך — אַ יונגער, אַ שטאַרקער, אַ איין און צוואַנציק יאָריקער — האָב זיך געפונען צווישן די זעלנער פון דער ערשטער ראָטע פונם פערטן, אַנדיזשאַנער רעזערוו־באַטאַליאָן. געקומען אַהער בין איך

כמעט ווי פּרייווילִיק, אַ טיף איבערצייגטער, אַז אָן דער הילף פונם מיליטער, וועט קיין רעוואָלוציע ניט זיין דערפאָלגרייך און ס'איז דער־פאַר דער חוב פון יעדן ערלעכן רעוואָלוציאָנער אַריינצודרינגען מיט זיין וואָרט און טאַט אין דער אַרמיי און אין דער זעלבער צייט זיך אויך אויסלערנען די מיליטערישע קונסט.

און דערפאַר טאַקע בין איך גאָר אין גיכן אין מיין ראַטע פאַר־רעכנט געוואָרן אַלס איינער פון די פּייאיקסטע סאָלדאַטן און בעסטע גימנאַסטן. דערצו האָב איך זיך אויך אויסגעלערנט ניט נאָר גוט שיסן פון אַ ביקס, נאָך אויך גאַנץ געניט צו האַגלען פון אַ קוילן־וואַרפער און אפילו אַפּערירן מיט אַ פעלד־האַרמאַט.

מיט עטלעכע חדשים נאָך מיין אָנקומען אין דער „נאָווא־מאַר־געלאַנער" פעסטונג, האָט שוין אין דער ערשטער ראַטע פונקציאָנירט אַ קליינע גרופּע באַוואוסטזיניקע און האַלב־באַוואוסטזיניקע סאָלדאַטן, מיט וועלכע כ'פלעג אויפנעמען און דיסקוטירן יעדע פּאָליטישע דער־שיינונג סיי אין לאַנד גופא אַזוי אויך איבער דער וועלט און פאַרזיכטיק געוועקט דעם באַוואוסטזיין פון דער אַרומיקער סאָלדאַטסקער מאַסע.

עס זיינען געשאַפן געוואָרן פאַרבינדונגען מיט אַ ציווילער גרופּע רעוואָלוציאָנערן אין שטאָט, וואָס פלעגט אונז פון צייט צו צייט באַ־זאָרגען מיט רעוואָלוציאָנערער ליטעראַטור און מיליטערישע פּראָקלאַ־מאַציעס, וועלכע מיר האָבן באַדאַרפט פאַרשפּרייטן צווישן די סאָלדאַטן.

צווישן אָט דער ציווילער גרופּע האָט זיך אויך געפונען וואַניאַ איוואַנאָוו, אין וועמענס אָנדענק איך שרייב מיין איצטיקע דער־ציילונג.

גיך איז אונז אויך געלונגען אַריינצודרינגען אין די רייען פון די „סעמירעטשענער" קאָזאַקן און אָרגאַניזירן דאָרטן אַ גאַנץ פיינע אויפקלערונגס אַרבעט.

די „נאַטשאַלסטוואָ" (1) איז געקראָכן פון דער הויט אויסצוגע־פינען די געפערלעכע אַגיטאַטאָרן, געזוכט, גענישטערט אין יעדער ראַטע, געהאַלטן רעדעס פאַר די סאָלדאַטן, שרעקנדיק זיי מיט די גע־פערלעכע פאַרברעכער קעגן קיסר און גאָט און זיי ניט נאָר געהעצט צו כאַפּן די מערדער, נאָר אַפּילו צוגעזאָגט אַ פיינע באַלוינונג פאַר

---

1. עלטסטע.

דעם. ס׳האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן: דורך עטלעכע חברים אין די הויפּט „קאַנצעליאַריעס״ (1), אויך דורך די „דענשיקעס״ (2), וואָס האָבן געדינט ביי די הויפּט קאָמאַנדירן — האָבן מיר מער אָדער ווייניקער געוואוסט וועגן זייערע פּלענער און זיך אויסגעהיט פון זייערע שפּיאָנען און פּאַסטקעס.

און אַ גרויסע פרייד האָט זיך געוואַרימט אין ברוסט, זיך געוואַרימט און געוואַקסן צוזאַמען מיט דער צאָל נייע כברים, צוזאַמען מיט די גרופּעס באַוואוסטזיניקע סאָלדאַטן אין פאַרשידענע ראָטעס פון אונזער גאַרניזאָן. און ניט געווען איז דאַן קיין צייט צו קוקן אויף צוריק, צו וועגן די קרבנות, אָדער גאָר צו טראַכטן וואָס עס וועט זיין מיט דיר אָדער מיט דיינע חברים, ווען מען זאָל אונז כאַפּן? וואָס איז דער אונטערשייד? איינמאָל בלויז שטאַרבט מען און דאָ וואַקסט אַ ניי לעבן, וואַקסט אַ דיסציפּלינירטע, שטאַלענע קראַפט וואָס וועט ניט נאָר ניט פאַרטיידיקן דעם אַלטן שטייגער, נאָר אויך העלפן בויען אַ נייע רוסלאַנד.

2

ביי טאָג, גלייך נאָך מיטאָג, איז דער גרוזין אַכאַשווילי אַריין צו מיר אין לייטענאַנטעם ביידל און, ניט זאָגנדיק קיין וואָרט, מיר דערלאַנגט אַ צעטעלע, וועלכעס ער האָט פאַרזיכטיק אַרויסגעשלעפּט פון זיין לינקן שטיוול.

— ביסט געווען היינט אין שטאָט? — האָב איך געפרעגט, צעוויקלענדיק דאָס פּאַפּירל.

— כ׳קום גלייך פון דאָרטן.

— געטראָפן אימיצן פון די חברים?

— יאָ. וועסט עס שוין זען פונעם צעטעלע. — ער האָט זיך אָוועקגעשטעלט ביים אַרויסגאַנג פון ביידל און געהיט צו עס קומט ניט ווער אָן.

אַכאַשווילין האָבן אַלע אין דער ראָטע, סיי די סאָלדאַטן אַזוי אויך די אָפיצערן, געהאַלטן פאַר אַביסל אַ דערשלאָגענעם, אָדער אַ שוואַכזיניקן. מען איז גאַרניט מיד געוואָרן אָפּצולאַכן סיי פון זיין שאַרפער, האַרבאַטער נאָז, —אַזוי אויך פון די פּאָר צענדליק רוסישע ווער-

---

1. אָפּיס. 2. דינער.

טער מיט וועלכע ער פלעגט זיך באַנוצן און וועלכע פלעגן, אַרויס־קומענדיק פון זיין מויל, פאַרלירן יעדן קלאַנג פון דער רוסישער שפּראַך. ער איז ממש געווען אַ קינסטלער אין פאַרגרייזן, פאַרגרוּ־זיניוען און איבערקערן די אויסשפּראַך פון די רוסישע ווערטער. דער פעלדפעבעל האָט אים אָוועקגעשטעלט אויף שוואַרצע אַרבעט אַרום דער קיך און זעלטן, בלויז אין דער מינוט פון נויט, פלעגט מען אים באַשטימען אין אַ וואַך. אים האָט עס, ווי ס׳ווייזט אויס, ווייניק וואָס געקימערט און דאָס איז ווידער אָנגענומען געוואָרן אַלס אַ סימן פון זיין שוואַכזיניקייט.

דאָס איז אָבער, ווי כ׳האָב זיך שפּעטער איבערצייגט, געווען בלויז אַ מאַסקע, אַ געוויסער וועג אויסצומיידן די אַקטיווע מיליטער דינסט, צי האָבן מער פרייע צייט פאַר זיך אַליין. אין דער אמת׳ן איז ער געווען אַ קלוגער יונג, האָט ניט נאָר געקענט אויסגעצייכנט די רוסישע שפּראַך, נאָר געווען אויך גוט באַהאַוונט אין דער רוסישער ליטע־ראַטור. ער איז געווען אַ איבערצייגטער רעוואָלוציאָנער, אַ בלוטיקער שונא פון צאַריזם, וועלכער האָט פאַרשקאַלפּט זיין פאָלק, געהאַנגען זיינעם אַ ברודער, און אים אַליין איצט פאַרשיקט אין קאַזאַרמע אָפּ־צוהיטן די פאַרהאַסטע מאַכט.

אונזער ערשטע באַגעגעניש און קורצער געשפּרעך איז פאָרגע־קומען איינמאָל אין אַ פינצטערער נאַכט, אַ זעקס חדשים נאָך מיין אָנקומען אין קאַזאַרמע, ביי זייער טשיקאַווע אומשטענדן. עס האָט באַדאַרפט זיין אַרום צוויי אַזייגער פאַרטאָג, ווען איך בין איינמאָל אַרויס אַ האַלב־נאַקעטער פון דער קאַזאַרמע און זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג צום אָפּטריט. אָפּגייענדיק אָבער אַ פּאָר צענדליק טריט און ניט זייענדיק קיינעם אַרום, האָב איך זיך פאַרנומען לינקס, צום „מאַרשיר־פּלאַץ” און גענומען צעוואַרפן פּראָקלאַמאַציעס, וועלכע כ׳האָב נאָך ביי טאָג געבראַכט מיט זיך פון שטאָט. מיט אַמאָל איז פאַר מיר, ווי פון אונטער דער ערד, אויסגעוואַקסן אַ סאָלדאַט מיט אַ ביקס אין האַנט: — שטיי וואָס טוסטו דאָ?

די ערשטע רגע בין איך ווי פאַראַליזירט געוואָרן פון שרעק, אינ־סטינקטיוו בלויז, צוגעדריקט די בלעטלעך צו זיך.

— נו זאָג, וואָס שפּאַנסטו דאָ אַרום? — האָט דער וועכטער איבערגע׳חזר׳ט זיין פראַגע.

ניט קוקנדיק אויף מיין שרעק, איז דאָס קול פונם סאָלדאַט און

זיין אויסשפּראַך מיר געווען ווי באַקאַנט. אָבער ווער ס'איז, האָב איך זיך בשום־אופן ניט געקענט דערמאָנען.

— כ'גיי פון אַפּטריט — האָב איך געפּרוּווט זיך אויסדרייען.

— האַ־האַ — האָט דער וועכטער אַ שטילן לאַך געטאָן — דער אַפּטריט איז אָט אַ דאָרטן, אַ פערטל מייל פון דאַנען. פאַרדעכ־טיקט . . . זייער פאַרדעכטיקט . . . — אַ גוטמוטיקער שפּאַס האָט אָפּגעקלונגען אין זיין שטימע — און דאָס וואָס איז? — ער האָט מיר אונטערגעטראָגן צום נאָז אַ פּראָקלאַמאַציע — דו צעוואַרפסט עס, ברודערקע, אַ?

כ'האָב זיך שוין געהאַט אַביסל באַרואיקט און באַשלאָסן, אַז דאָס בעסטע פאַר מיר וועט זיין צו דערלאַנגען דעם בחור אין די ציין אַריין וואָס שטאַרקער און אַנטלויפן. כ'האָב זיך שוין אפילו גענומען אַרומקוקן, צו עס געפינט זיך ניט עמיצער פון דער נאָענט, ווי כ'האָב דערקענט דעם היטער:

— דו ביסט עס, אַכאַשווילי?

ער האָט זיך צעלאַכט: — זיכער ניט קיין אַנדערער.

— ווי קומסטו צו זיין אויף דער וואַך?

— דער פעלדפעבעל האָט זיך אַנגע'שכור'ט היינט און מיך באַ־גליקט מיט'ן גרויסן כבוד.

— דו קענסט מיך?

— וואָס פאַרא פראַגע? ווער קען דען ניט דעם שרייבער פון דער ערשטער ראָטע?

— וואָס דענקסטו . .. צי טאָן איצט?

ער האָט אַ צופרידענעם לאַך געטאָן: — דו ביסט אַ שלעכטער סאָלדאַט, אַנדערש וואָלסטו געדענקט, אַז די אָפיצערן האָבן אונז גע־לערנט, אַז איין סאָלדאַט דאַרף שטענדיק העלפן דעם צווייטן אין אַ מינוט פון נויט.

— וואָס מיינסטו?

— כ'מיין . . . — ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט — גיב אַהער די פּראָקלאַמאַציעס, איך וועל זיי שוין צעוואַרפן און דו גיי שלאָפן. די אַרבעט איז סיי־ווי ניט פאַר דיר: יעדער הונט קען דיך דאָ אויסגעצייכנט. אַ צווייטן מאָל וועל איך עס טאָן. ער האָט אַ נעם געטאָן די בלעטלעך פון אונטער מיין מאַנטל און צופרידן צוגעגעבן:

— שוין וואָכן לאַנג, ברודער, אַז איך האַלט זיך אין איין צוקוקן צו

דיר . . . דאַכט זיך אַ חבר, אַן אייגענער . . . אָבער גיי זיי אַ חכם און טרעף . . . קענסט זיך נאָך לייכט „פאַרשיטן” . . . נו אַ גוטע נאַכט און אַ צווייטן מאָל זיי מער פאָרזיכטיק . . . — ער איז פאַרשוואונדן אין דער פינצטערניש. איך האָב אים נאָכגעקוקט אַ היבש צוטומלטער.

און אָט איצט איז ער געשטאַנען אין מיין ביידל און געהיט דעם אַריינגאַנג.

אין בריוול זיינען געווען בלויז עטלעכע ווערטער: „היינט באַ־נאַכט, ניין אַזייגער אין נומער דריי. קום אומבאַדינגט. דיין: וו. א.

— האָסטו אַליין געזען איוואַנאָוון?

— געוויס.

— ווי זעט ער אויס?

— זייער בלייך און צעשטרייט.

— גוט אַכאַשווילי, אַ דאַנק.

— מאָרגן צוויי בייטאָג גיי איך ווידער אין שטאָט. אויב ווילסט עפּעס דאַרפן, מאַך עס פאַרטיק.

— גוט. אַ דאַנק. — ער איז שטיל אַרויס.

3

מיט אַ צען מינוטן נאָך דעם, ווי ס'איז אין דער נאַכטיק־פרישער לופט זיך צעגאַנגען דער לעצטער מעלאַדישער אָפּקלאַנג פון דער מיליטערישער טרובע, וועלכע האָט זינגענדיק באַפוילן די סאָלדאַטן צו גיין שלאָפן, בין איך שוין געלעגן אין הויכן גראָז, ניט ווייט פון דער פאַרצאַמונג, וואָס האָט אָפּגעטיילט דעם לאַגער פונם אַרומיקן וואַלד. ליגנדיק פלאַך אויסגעצויגן אויפן בויך, האָב איך געהיט דעם וועכטער, וועלכער האָט, מיט אַ ביקס אין האַנט, אַרומגעשפּאַנט ניט ווייט. יעדעס מאָל, ווען ער איז געגאַנגען אין דער קעגנזייטיקער ריכטונג, בין איך שנעל געקראָכן אויף אַלע פיר פאָראויס, ביז כ'בין ענדלעך אַריינגעקראָכן אין וואַלד, קונציק אויסמיידנדיק די שטעכיקע דראָטן פון דער פאַרצאַמונג.

אין וואַלד האָב איך זיך פאָרזיכטיק אויפגעשטעלט אין שטן פון אַ געדיכטן דעמב, און גענומען זיך גנב'ענען פון איין בוים צום צווייטן, פאַזע דעם בראַקירטן וועג פון שטאָט, אויפמערקזאַם צו־הערנדיק זיך, צו עס קומט ניט אַן אַ פאַרשפּעטיקטער אָפיצער אין לאַגער אַריין. פאַר קיין פשוט'ן סאָלדאַט איז ניט געווען וואָס מורא

צו האָבן: אַרעסטירן פאַר פאַרלאָזן דעם לאַגער אָן אַ דערלויבעניש האָבן געהאַט דאָס רעכט בלויז אָפּיצערן.

פון דער לעצט־וואַכיקער גאַנצער לבנה איז איצט אויפן הימל פאַרבליבן ניט מער ווי איין דריטל און דאָס דריטל לבנה־שיין, פאַלנדיק צווישן דיביימער אין קוסטן, איז געווען אָנגעפילט מיט אַ מין מאָדנע מרה־שחורה: עס האָט יעדן שטאָם פון אָן אָפּגעהאַקטן בוים, יעדן איינזאַמען קוסט פאַרוואַנדלט אין אַ בייזן, דראָענדיקן מענטשן־שטן, אָנגעפילט יעדן האַלב־באַלויכטענעם ווינקל מיט געפאַר.

וואַניא האָט שוין געוואָרט אויף מיר אין שטן פון אַ געדיכטן טענען בוים, אויף דער לאַנקע נומער דריי. אויב מען קען רעדן וועגן ליבע צווישן מאַן און פרוי פונם „ערשטן בליק" מוז מען אויך דערלאָזן, אַז ענלעכע געפילן קענען אויך געבוירן ווערן צווישן מענער. וואַניען האָב איך ליב באַקומען פונם ערשטן מאָמענט אָן, גלייך ווי כ׳האָב זיך נאָר געטראָפן מיט אים. מיר איז זייער געפעלן געוואָרן זיין אָפענער, העכסט־רוסישער פנים, מיטן עטוואָס פאַרריסענעם נעזל, מיטן שטענדיק אָנגעשטריינגטן, זיך ווי איינקוקנדיקן און איינ־הערנדיקן בליק פון זיינע בלוי־גרויע אויגן, איבער וועלכע עס האָט קיימאָל ניט אויפגעהערט צו פלאָנטערן זיך אַ געדיכטער לאָק קאַש־טאַן האָר. זיין מיטל וואוקסיקער, פעסט געבויטער קערפּער האָט, אַ דאַנק זיינע שטענדיקע ברויזנדיקע באַוועגונגען, אויסגעזען פיל שמאָלער און איידעלער, זיין שטימע, אַ שטילע, אַ האַרציקע, האָט שטענדיק וויברירט, אייך אָנגעפילט מיט אומרו, אייך מיטגעריסן מיט זיך. עס האָט זיך געפילט, אַז אין אָט דעם מענטשן ברענט אַ שטענדיקער פייער אין וועלכן ער אַליין ווערט אויך ביסלעכווייז פאַרצערט.

ווי ס׳האָט אויסגעוויזן, בין איך אים אויך שטאַרק געפעלן גע־וואָרן און מיר פלעגן זיך טרעפן יעדעס מאָל, ווען ס׳פלעגט מיר גע־לונגען זיך אַרויסצורייסן פון דער קאַזאַרמע און קומען אין שטאָט אַריין. אַמאָל פלעגן מיר שפּאַצירן טיף אין וואַלד און אַמאָל פאַר־ברענגען ביי אים אין הויז. אונזער שטענדיקע הויפּט־טעמע איז גע־ווען, ווי אַזוי גיכער און בעסער צו פאַרניכטן דעם צאַריזם און באַפרייען רוסלאַנד.

סאַשענקאַ — זיין פרוי — אַ צאַרטער לאַנדיש אויף וועלכן מען האָט אַרויפגעוואָרפן אַ שווערן צודעק. אַזאַ רואיקע, אַזאַ שטילע, אַזאַ

ציכטיק־בלאָנדע. און אויגן גרויסע, גאָלדיק־בלויע, פולע מיט גרע־נעצלאָזער ליבע צו איר וואַניאָן, צו אירע צוויי קינדער; פול מיט גע־בעט צו דער גרויסער, גרויזאַמער וועלט ניט צו פאַרניכטן איר הי־ציקן אינגל־מאַן, ניט אויסלעשן דעם פייער, וואָס ברענט שטענדיק אין אים, צוזאַמען מיט זיין לעבן.

מיך האָט זי שטיל געבעטן: — חבר טייערער, כ'בעט אייך, גיט אים צו פאַרשטיין, אַז מען קען ניט, מען טאָר ניט לעבן אין שטענדיקן ברען. איך שטים איין מיט אַלץ וואָס איר ביידע זאָגט מיר, מען דאַרף אָבער זיין אַביסל מער געדולדיק, אַביסל מער פאַרזיכטיק... עטוואָס מער שאַצן דאָס אייגענע לעבן און . . . זיך אַביסל אויך רע־כענען מיט מיר . . . מיט די קינדער . . .

— איר זייט גערעכט, סאַשענקאַ, פאָלקאָמען גערעכט — האָב איך האַלב אין ערנסט, האַלב אין שפּאַס איר געענטפערט — מירן עס איצט צוזאַמען זיך אַ נעם טאָן צו אים: אים מאַכן פאַר אַ שטיקל מענטשן — און שוין אינגאַנצן ערנסט צוגעגעבן: — אויסלעשן אים איז אַ גרויסער שאָד, אָבער אויסלערנען זיך קאָנטראָלירן, זיך קאָנ־דענסירן איז אַבסאָלוטנע נויטיק פאַר אים . . לאָך ניט, וואַניע: ברענענדיקע גראָז ווערט לייכט אויסגעלאָשן אפילו מיט אַביסל זאַמד...

וואַניאַ האָט ניט איינמאָל געשוואוירן צו ווערן אַ מענטש און מיר האָבן אַלע דריי געלאַכט.

פאַרזיכטיק בין איך צוגעקומען צו דער לאָנקע, ניט ווייט פון טייכל, וועלכער מיר האָבן גערופן: „לאָנקע נומער דריי״ און וואו מיר פלעגן זיך אַמאָל טרעפן, ווען כ'האָב ניט געקענט קריגן קיין דערלויבעניש צו קומען אין שטאָט. וואַניאַ האָט מיך, ווי ס'ווייזט אויס' באַמערקט פון דערווייטנס און איז מיר אַנטקעגן געגאַנגען. אונזערע הענט האָבן זיך צוזאַמענגעשלאָסן. אין דער טונקלקייט האָב איך באַמערקט, אַז זיין פּנים איז זייער בלייך און די אויגן גרעסער און ליכטיקער ווי שטענדיק.

— וואָס איז געשען, וואַניאַ?

מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אויפן גראָז, מיט די פּלייצעס צוגע־שפּאַרט צו אַ שטאַם פון אַ דיקן בוים און אַ פּאָר מינוטן געשוויגן. זיין לינקע האַנט איז געבליבן ליגן אין מיינער און כ'האָב געפילט אַ קאַלטן ציטער אין זיינע פינגער. זיינע בליקן געווענדט אויף דעם שטיקל לבנה צווישן די צווייגן און אין זיי האָב איך געזען עפּעס אַ

מאָדנע פרייד און נאָך אַ גרעסערע פאַרלאָרנקייט.

— וואָס איז געשען, וואַניאַ?

ער האָט זיך מיט אַמאָל אַ דריי געטאָן צו מיר. זיין קול האָט געציטערט: — זאָג, ווייסטו, אַז מיט אַ פּאָר חדשים צוריק האָט אונזער גענעראַל פּאַקאַטילאָוו געשמיסן די פּויערים פון עטלעכע דערפער פאַר ניט צאָלן קיין צינזן? . . . ווייסטו עס?

— יאָ, כווייס. נו, איז וואָס?

— אונזער קאָמיטעט האָט נאָך דאַן באַשלאָסן, אַז ס'איז אונזער חוב צו רעאַגירן אויף דעם, זען, אַז דער בלוטיקער גענעראַל זאָל מיט זיין לעבן באַצאָלן פאַר דעם פאַרברעכן . . .

מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָט זיך אין מיר אויסגעקריסטאַליזירט אַ געדאַנק, אַז וואַניאַ איז עס באַשטימט געוואָרן דורכצופירן דעם אַטענטאַט און . . . באַצאָלן פאַר דעם מיט זיין לעבן. עס איז אָבער געווען צו שרעקלעך צו גלויבן און כ'האָב אומגעדולדיק, כמעט ווי בייז איבערגעפרעגט:

— איז וואָס? וואָס ווילסטו זאָגן? . . . כ'האָף זיי האָבן דיך ניט באַשטימט דער אַטענטהאַט דורכצופירן?

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און שוין כמעט ווי רואיק געענטפערט:

— ניין . . . קיינער האָט ניט באַשטימט . . . כ'האָב אַליין געקעמפט פאַר מיין רעכט צו זיין דער גליקלעכער און . . . עס אויס געפירט. עס זיינען נאָך צוויי בעלנים געווען. דורך מיין האַנט וועט דאָס רוסישע פאָלק אָפּווישן איינעם פון זיינע שונאים, וואָס שטייט אויפן וועג צו זיין באַפרייאונג.

כ'האָב געפילט, אַז איך קאָרטשע זיך אינגאַנצן צוזאַמען פון ווי און כעס: ווי — פאַרן שרעק צו פאַרלירן וואַניען און כעס — פאַר דער נוצלאָזיקייט פון אַטענטאַטן אין אַלגעמיין. און אין דער זעלבער צייט האָב איך אויך געפילט מיין אייגענע הילפלאָזיקייט: וואַניאַ האָט געגלויבט אין טעראָר, און שוין ניט איין מאָל האָבן מיר שעה'ן פאַרבראַכט אַרגומענטירנדיק וועגן דעם. כ'האָב פיבעריש גערעדט:

— וואַניאַ, דו האָסט עס ניט געטאָרט טאָן . . . אייער קאָמיטעט באַשטייט פון נאַראָנים . . . אייער אַקציע וועט אפילו אויף קיין איינציקן טראָט ניט אַ רוק טאָן פאָראויס די רעוואָלוציע. זיכער ניט . . . דערצו נאָך ביסטו, וואַניאַ, ניט דער פּאַסיקער פּערזאָן . . . ביסט צו טעמפּעראַמענטפול, עס פעלט דיר אויסדויער, עס פעלט דיר די קאַלטע

אויסגערעכנטקייט. דו ביסט אַן אויסגעצייכנטער פּראָפּאַגאַנדיסט, אָבער זייער אַ שלעכטער טעראָריסט. וואַניאַ, איך זאָג דיר . . .
— כ׳האָב אים געוואָלט בעטן, ער זאָל זיך אָפּזאָגן, אָדער זאָל מיר דערלויבן גיין צו זיי און רעדן אין זיין נאָמען . . . כ׳האָב אים גע־וואָלט דערמאָנען אַן סאַשענקען, אַן זיינע קינדער . . . כ׳האָב אָבער איינציייטיק געפילט, אַז מיינע רייד זיינען אַרויסגעוואָרפן, אַז וואַניעס שיקזאַל איז פאַרזיגלט.

ער האָט אָנגעשטרענגט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים: — דו דענקסט, אַז איך בין אַ פייגלינג? . . . אַז כ׳וועל עס ניט קענען דורכפירן?

כ׳האָב שוין ווי געזען פאַר זיך איוואַנאָוון אַ געהאַנגענעם און, וואָס נאָך ערגער, גענעראַל פּאָקאָטילאָוון אַ ניט־באַשעדיקטן. כ׳האָב אויך פאַרשטאַנען, אַז דאָס איינציקע מיט וואָס איך קען אים איצט פּערזענלעך העלפן — איז צוגעבן מוט, וואָס מער מוט. און, האַלטנדיק זיך שוין אַליין אין די הענט, האָב איך אים רואיק געענטפערט:

— ניין, וואַניאַ, דו ביסט ווייט ניט קיין פייגלינג און איך צווייפל גאָרניט, אַז דו וועסט דערשיסן דעם בלוטיקן הונט, אַז . . . זאָג, ווייסט שוין סאַשענקאַ וועגן דעם?

ער איז מיט אַמאָל ווי געקומען צו זיך און דער גאַנצער פּנים האָט זיך באַ אים אויסגעקרימט. — סאַשענקאַ? . . . ניין. כ׳האָב איר נאָך וועגן דעם ניט דערציילט . . . און כ׳ווייס ניט ווי אַזוי עס צו טאָן. איך קען ניט זי פילט אָבער עפּעס. איז אומרואיק. שלאָפט זייער שלעכט, פרעגט זיך אַלץ נאָך אויף מיין געזונט. וואָס זאָל איך טאָן? ווי קען איך איר זאָגן? זי וועט פון זינען אַראָפּ . . .

ווי אַ קינד, איז ער הילפלאָז געזעסן פאַר מיר, מיט די הענט צע־שפּרייט, און געוואַרט אויף אַן עצה.

— ניין, קיין וואָרט ניט סאַשענקען: דו הערסט? קיין איינציק וואָרט ניט.

ער האָט זיך דערפרייט: — איך דענק אויך אַזוי. כ׳וועל איר גאָרניט זאָגן.

נאָך איין וויכטיקע פראַגע האָב איך אים געוואָלט פרעגן און קיין מוט ניט געהאַט. מיט אַ פיינלעכן שמייכל אויפן פּנים, האָט ער מיר עפּעס דערציילט וועגן דער פרוי מיט די קינדער. כ׳האָב ניט

פאַרשטאַנען וואָס ער רעדט, אַלץ געטראַכט ווי אַזוי אים צו שטעלן די שרעקלעכע פראַגע. ענדלעך האָב איך זיך אָנגענומען מיט מוט:

— וואַניאַ, ווען?

זיין פּנים האָט זיך אויסגעצויגן, האָט אַ ווייסן שיין געטאָן אין שאָטן פון בוים.

— איבערמאָרגן . . . זונטיק אין דער פרי. גלייך ווי ער ווערט אַרויסגיין פון קלויסטער און זיך לאָזן גיין צו די סאָלדאַטן. מיר ווילן זיי זאָלן עס זען, זיי זאָלן אָנהייבן צו טראַכטן.

אויפן וועג, ניט ווייט, האָט זיך צעסקריפּעט אַ סאַרטישע „אַר־באַ" (1) און דער סאָרט אַליין האָט פאַרצויגן אַ איינטאָניקע מעלאָדיע, פול מיט האָפנונגסלאָזן טרויער. און אָט די מעלאָדיע, וועלכע איז באַשטאַנען בלויז פון דריי אָדער פיר טענער, האָט אָנגעפילט דעם וואַלד, זיך געהויבן צו די שטערן און צוריק געפאַלן אויף דער ערד, אַ אָנגעזאַפּטע מיט מרה־שחורה׳דיק מאַטע לבנה שטראַלן.

מיר האָבן ביידע געשוויגן, געקוקט מיט פאַרזשמורעטע אויגן אויף דעם שטיקל לבנה און געטראַכט. כ׳ווייס ניט וועגן וואָס זיינע גע־דאַנקען זיינען געווען, נאָר פאַר מיר איז איינגעהילט אין לבנה־שיין געשטאַנען סאַשענקאַ און זיך געבעטן, פּונקט ווי דעם לעצטן מאָל, ווען כ׳בין געווען ביי איר אין הויז: „חבר טייערער, כ׳בעט אייך, גיט אים צו פאַרשטיין, אַז מען טאָר ניט לעבן אין שטענדיקן ברע־נען . . . מען דאַרף זיין אַביסל פאָרזיכטיקער . . . זיך אַביסל רע־כענען מיט מיר . . . מיט די קינדער . . .

און דאָס האַרץ האָט אין מיר געוויינט: — פאַרפאַלן, סאַשענקאַ . . אויס וואַניאַ . . . ניטאָ מער און וועט שוין קיינמאָל מער ניט זיין . . . פאַרפאַלן.

מיר האָבן זיך אַרומגענומען און זיך צעקושט.

— נו, ברודער וואַניאַ, פאַרפאַלן: האָסט זיך אונטערגענומען

— וועסטו שוין מוזן דורכפירן דיין אַרבעט! סיידן וועסט אַליין איבערטראַכטן. און איך ראָט דיר זייער עס צו טאָן.

— בלייב געזונט. כ׳וועל עס זיכער דורכפירן. לאָז גריסן די חברים אין קאַזאַרמע. קום צום קלויסטער זונטיק, אויב וועסט קענען.

— זיכער, וואַניאַ. מירן אַלע דאָרטן זיין, אַלע.

---

1. וואָגן אויף צוויי רעדער.

ער האָט מונטער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: — אַ דאַנק: ווען מענטשן קוקן אויף דיר, איז אַפילו שטאַרבן לייכטער . . . נו בלייב געזונט און זעץ פאָר דיין אַרבעט. ס'איז גוטע אַרבעט. זייער נויטיקע. היט די ביינער.

מיר האָבן זיך ווידער אַרומגענומען און ער איז אַוועק. כ'האָב אים נאָכגעקוקט. ביזן וועג איז ער געגאַנגען איינגעבויגן, דערנאָך מיט איין מאָל זיך אויסגעגלייכט און גענומען גיין אין ריכטונג צו דער שטאָט. זיין גאַנג איז געווען אַ קונציק־פעסטער און געדאַכט האָט זיך, אַז ער טראָגט עפּעס און האָט עס מורא צו פאַרגיסן.

מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער, בין איך שוין ווידער, ווי אַ שלאַנג, אויפן בויך, געקראָכן צווישן די הויכע גראָזן און קוסטן צוריק אין לאַגער אַריין. אין קאָפּ האָט געהאַמערט: „איבער־מאָרגן . . . איבער . . . איבער־מאָרגן . . .” און מיין פּנים איז נאָס געווען: כ'ווייס ניט צו פון טרערן, צו פון די טויאיקע גראָזן.

4

פונם קלויסטער זיינען די סאָלדאַטן, די פּוסגייער, אַרויס מיט אַ צען מינוטן פריער פונם איבעריקן עולם, זיך אויסגעשטעלט נעבן די צוזאַמענגעשטעלטע ביקסן־פּיראַמידן און גענומען וואַרטן אויפן גענע־ראַל פּאָקאַטילאָוו, וועלכער האָט, ווי געוויינלעך, באַדאַרפט זיי באַ־גריסן און דורכלאָזן אין געשלאָסענע רייען, אונטער די קלאַנגען פון אַ צערעמאָניאַלן מאַרש. גיך זיינען אויך אַרויס די סעמירעטשענער קאָ־זאַקן און פאַרנומען זייערע פּלעצער נעבן די פערד.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ העלער, די זון — אויסגעפּוצט אין הימל־בלוי, דער געדיכטער פּאַרק אַרום דעם קלויסטער האָט פאַר־כאַפּט דאָס אויג מיט פאַרשיידענאַרטיקע גרינקייטן פון זיינע האַלב־טראָפּישעביימער און קוסטן, מיט די העלסטע פאַרבן פון בלומען בייטן, מיטן סוויסטשעריי פון העל־פאַרביקע פייגל.

עס האָבן גענומען קלינגען די קלויסטער־גלעקער. דער עולם האָט אין אַ פילפאַרביק־שימערירנדיקן שטראָם זיך אַ לאָז געטאָן פונם קלויסטער. הונדערטער פרויען, מענער און קינדער האָבן זיך גע־איילט צו פאַרכאַפּן אַ נאָענטערן פּלאַץ צו די סאָלדאַטן, כדי וואָס בעסער צו זען דעם „פּאַראַד”. אַ געדיכטע סטענגע מענטשן האָט שטייף אַרומגעכאַפּט דעם פּלאַץ, וואו עס האָבן זיך געפונען אַרום

פיר ראָטעס סאָלדאַטן און צוויי מאות קאָזאַקן. מען האָט געוואַרט אויפן גענעראַל.

איך בין געשטאַנען איינער אַליין צווישן עולם, געהיט דעם אַרויסגאַנג פון קלויסטער און די גאַס וואָס האָט געפירט צו אים. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אָט אויף דעם אַספּאַלטענעם פּאַס וועג וועט עס וואַניאַ באַגעגענען דעם גובערנאַטאָר. דער מח — ווי אַ סטרונע צום פּלאַצן. כ׳וואַרף פון צייט צו צייט אַ זייטיקן בליק אויפן אַרומיקן עולם, אויף די שערענגעס סאָלדאַטן און קאָזאַקן און קען ניט פאַר־שטיין, ווי אַזוי שטייען זיי עס אַזוי רואיק, ווי פילן זיי ניט, אַז עט־וואָס שרעקלעכעס וועט דאָ באַלד פּאַסירן, אַז בלוט וועט זיך באַלד גיסן און איינער פון די בעסטע זין פונם רוסישן פאָלק וועט אויס־בייטן זיין לעבן פאַרן לעבן פון אַן אונטערדריקער.

ניין, קיינער ווייסט קיין זאַך ניט: אַלע רעדן זיי צווישן זיך, לאַכן, פרייען זיך מיטן אָפּרו־טאָג, מיטן זוניק־בלויען פרימאָרגן און טאַטעס הויבן די קינדער אויף די אַקסלען: זיי זאָלן בעסער קענען זען דעם פּאַראַד.

די גלעקער, וועלכע זיינען אַנטשוויגן געוואָרן אויף אַ פּאָר מינוטן, האָבן ווידער גענומען קלינגען. פונם קלויסטער איז צוערשט אַרויס דעם גענעראַל׳ס פּערזענלעכע וואַך און אָט שטייט ער שוין אַליין אויף די טרעפּ, אַ געזונטער, אַ פעטער, גלעט די האַלב־גרויע וואָנצעס, און באַטראַכט די וועלט פאַר זיך מיט אַ שטרענגן, אָבער צופרידענעם בליק.

דער עולם האָט אָנגעפאַנגען אַפּלאָדירן. די גלעקער זיינען מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. מיט געלאַסענע טריט, אַרומגערינגלט מיט זיינע אַדיוטאַנטן, האָט דער גענעראַל זיך געלאָזט גיין צום מיליטער.

— סמירנאַ!״ (1) — האָבן זיך דורכגעטראָגן דורך די סאָלדאַטסקי רייען די שטימעס פון זייערע אָפיצערן — נאַ קאַראַאול? (2)

די קאָזאַקישע שווערדן און די שפּיזן פון די פוסגייער האָבן אַ בלאַנק געטאָן אונטער די העלע זונען־שטראַלן און בעת דער גענע־ראַל איז לאַנגזאַם געגאַנגען פאַר די רייען און באַטראַכט די אונגע־שטרענגטע פּנימ׳ער, האָב איך זיך מיטן גאַנצן קערפּער אַרויסגערוקט פונם עולם און ניט אַראָפּגענומען דעם בליק פון פּאָקאַטילאָוון.

---

(1) רואיק. (2) אויף דער וואַך!

און אין מוח האָבן געדאַנקען ממש געשטאָכן: וואו איז ער, וואַניאַ? . . . אויף וואָס וואַרט ער? . . . אָט איצט איז דאָך די בעסטע צייט: דער גענעראַל גייען פּאַראויס אַליין. די אָפיצערן פון זיין וואַך זיינען אָפּגעשטאַנען אויף גאַנצע צען טריט . . . אפשר האָט מען דעם אַטענטאַט איינגאַנצן צוריקגערופן? . . . ווי גוט, ווי קלוג עס וואָלט געווען . . .

אַ פרייד פינקלט אויף אין מיר. דאָ באַמערק איך אָבער עפּעס אַ באַוועגונג צווישן עולם אין קעגנזייטיקן טייל פּאַרק. אַ צען שפּאַן פּאַראויס, וואו דער גענעראַל האָט זיך אין דעם מאָמענט געפונען. אַ באַוועגונג, פּונקט ווי עמיצער וואָלט זיך געוואָלט דורכשטופּן און די אַרומיקע וואָלטן אים ניט געלאָזט. איך נעם שוין דעם בליק ניט אַראָפּ פון יענעם אָרט. יאָ, דאָס איז ער, וואַניאַ. אָט איז ער אַרויס פון דער ריי, אפילו אויסגעלייכט מיט איין האַנט דאָס צע־קנייטשטע רעקל, איז ניט געאיילט פאַרבייגעגאַנגען דעם שמאָלן ליי־דיקן שטח צווישן איין ראָטע סאָלדאַטן און דער צווייטער און זיך געלאָזט גיין אַנטקעגן דעם גענעראַל, האַלטנדיק די רעכטע האַנט טיף אין קעשענע.

פּאָקאָטילאָוו איז שטיין געבליבן און, מיט פּאַרוואונדערונג און אומצופרידנקייט אין בליק, געקוקט אויפן בלאָנדן — יונגן־מאַן, וועל־כער האָט ניט איילנדיק זיך דערנענטערט צו אים. מיט אַמאָל האָט דער גענעראַל געמאַכט צוויי דערשראָקענע טריט אויף צוריק און עפּעס בייז אַ געשריי געטאָן צו איינעם פון זיינע נאָענטסטע אדיו־טאַנטן, אָנווייזנדיק מיט דער האַנט אויף וואַניאַן. דער אָפיצער האָט אויף שנעל אים אָפּגעגעבן כבוד און זיך געלאָזט האַלב־לויפן אַנטקעגן איוואַנאָוון. אָבער אין דעם מאָמענט האָט דער לעצטער אַרויסגעכאַפּט פון קעשענע אַ גאַנץ היבשן, שוואַרצן רעוואָלווער און זיך געלאָזט לויפן צו פּאָקאָטילאָוון.

און אַ טויטע שטילקייט איז מיט אַמאָל באַפאַלן דעם נאָר וואָס לעבעדיקן פּאַרק. די בראַוואורנע קלאַנגען פונם מיליטערישן מאַרש, וואָס האָבן נאָר וואָס פאַרהילכט די לופט, האָבן זיך אַ ריס געטאָן אין דער הויך און מיט אַמאָל ווי אָפּגעהאַקט געוואָרן. בלויז איין פאַר־טראַכטער קאָרנעט־פּיסטאָן האָט נאָך פאַר אַ פּאָר רגע׳ס פאַרטגעזעצט אַ הויכע, זילבערנע „סי״־נאָטע, געפּרואווט אפילו אַ דריי טאָן אַ שיינע קאָלאָראַטור, אָבער באַלד זיך אָפּגעריסן מיט אַ כאָרכל. פאַרשטומטע,

מיט ברייט צעעפנטע, ניט גלויביקע אויגן, האָבן אַלע צוגעקוקט ווי דער גענעראַל מיט זיין אַדיוטאַנט זיינען אין טויט־שרעק געלאָפן איבערן סקווער און נאָך זיי האָט זיך געיאָגט אַ אומבאַקאַנטער, בלאָנ־דער יונגערמאַן מיט אַ גרויסן, שוואַרצן רעוואָלווער אין האַנט, ניט אויפהערנדיק צו שיסן אויפן גענעראַל.

נאָך אַ רגע און פּאַקאַטילאָוו איז געפאַלן און, שוין ליגנדיק אויף דער ערד, האָט ער מיטן רעכטן אָרעם זיך פאַרשטעלט דאָס פּנים און מיטן גאַנצן קערפּער געפּרואווט טיפער זיך איינגראָבן אין ווייסן זאַמד. דער אַדיוטאַנט איז צוגעלאָפן צו די קאָזאַקן און עפּעס גע־נומען שרייען מיט באַנומענע קולות, אָנווייזנדיק אויפן ליגנדיקן גענעראַל.

און מיט דער זעלבער פּלוצלומדיקייט מיט וועלכער ס׳איז פריער געפאַלן די שטילקייט, האָט זיך איצט אַ שטורם אַ ריס געטאָן און פאַרדרייט אין זיינע רינגען דעם גאַנצן פּלאַץ: די לופט איז אָנגע־פילט געוואָרן מיט פּרויעשע און מענערשע היסטערישע אויסגעשרייען, מיט קינדערשן געוויין, מיט דערשראָקענע מיליטערישע באַפעלן. מיטן טופּן פון פעדישע קלאָען און מיט קלאַנגען פון געווער.

און וואו איז וואַניאַ? . . . וואו איז מיין טייערער פריינט, מיין וואַניאַ? . . . אָט לויפט ער דאָרטן, אין דער מיט פונם רינג, נאָך מיטן שוואַרצן רעוואָלווער אין האַנט. ער לויפט לינקס, צו אַ גרופּע ביימער. אַלע צעלויפן זיך פאַר אים. מיט אַמאָל באַמערק איך ווי פּאַקאַטילאָוו שטעלט זיך אויף און שרייט עפּעס בייז צו די סאָלדאַטן, אָנווייזנדיק אויפן אַנטלויפנדיקן איוואַנאָוון. און דער גאַנ־צער שטורמדיקער געפּלעכט פון פּאָליציי, סאָלדאַטן און קאָזאַקן — האָט זיך מיט אַמאָל אַ ריס געטאָן לינקס, נאָך וואַניען.

איך לויף מיט זיי, לויף און שריי עפּעס און אין מוח שניידט: „פאַרפאַלן וואַניאַ. גאָט מיינער! אומזיסט פאַרפאַלן. ניט געטראָפן. דער הונט איז געבליבן לעבן. געבליבן . . . געבליבן לעבן.

מיט אַמאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אָן אַ מענטשלעכער וואַנט. אוממעגלעך זיך ווייטער אַ רוק צו טאָן. איך הייב זיך אויף די שפּיץ פינגער. אויף אַ קליינער לאָנקע צוגעשפּאַרט צו אַ קורצן, דיקן בוים, שטייט וואַניאַ. זיין פּנים ווייס, אויסגעצויגן, זיינע ברייט צעעפנטע אויגן זען גאָרניט. אַרום אים אַ געדיכטער רינג פון דערשראָקענע און אויפגערעגטע פּנימ׳ער, אַממערסטן סאָלדאַטן. אַלע שרייען, וואַרפן

אויפגערעגט מיט די הענט, אָבער וואַגן ניט צוקומען צו אים נאָענט.

— וואַניאַ! — שריי איך ווילד אויס, פאַרגעסנדיק אַלץ אַרום זיך — וואַניאַ!

ער קוקט זיך אַרום, זיינע אויגן פאַרלירן מיט אַמאָל דעם אויס־דרוק פון פאַריאָגטקייט, ער ציט טיף אַריין אין זיך אַ פולע ברוסט מיט לופט, הויבט אויף דעם רעוואָלווער, שטעלט צו דאָס פיסקל צום רעכטן שלייף און שיסט אויס.

פון אַלעמענס ברוסטן רייסט זיך אַרויס ווי אַ הילכיקער „אַך!" איך זע אים פאַלן, זע דאָס שוואַרצע בינטל רויך, וואָס איז געבליבן הענגען אויפן אָרט, וואו זיין קאָפּ איז נאָר וואָס געווען.

5

מיט אַ צען מינוטן שפּעטער. איך שטיי אויפן זעלבן פּלאַץ, וואו וואַניאַ איז ערשט ניט לאַנג צוריק געשטאַנען. אויף איינעם פון די צווייגן פונם נידעריקן בוים זעען זיך טראָפּנס בלוט. אין דער לופט פּילט זיך נאָך דער רויך פון פּולווער. אים אַליין האָט מען שוין אַוועקגענומען. אַרום אַ געדיכטער עולם פון ציווילע מענטשן. מען רעדט אויפגערעגט צווישן זיך, מען באַטראַכט דעם פּלאַץ.

איך זאָג אין דער הויך: — עס וועט קומען אַ צייט, ווען אָט אויף דעם זעלבן אָרט, וועט מען שטעלן אַ דענקמאָל אָט דעם מאַן, וואָס האָט געפּראָוווט איצט שיסן גענעראַל פּאָקאָטילאָוון . . . פּאָקאָ־טילאָוו איז אַ שונא פון פאָלק, אונזער אַלעמענס אַ שונא . . .

די אַרומיקע קוקן מיט פאַרוואונדערונג און שרעק אויף מיר, בפרט אויף מיין מיליטערישע אוניפאָרם. איך קום צו זיך, דערקען פון דערווייטנס די שטים פון מיין פעלדפעבל, וועלכער פּרואווט צו־זאַמענלעבן די צעלאָפּענע סאָלדאַטן. איך דערפיל די געפאַר פון מיין לאַגע, די נאַרישקייט פון מיינע פאַר ווערטער. איך דערשרעק זיך פאַר אַן אַרעסט. כ'לויף אין ריכטונג צו די סאָלדאַטן, אָבער אין אַ געדיכטן פּלאַץ אין וועלדל, פאַרקירעווע איך אָן אַ זייט, פאַרפּלאָנ־טער מיין וועג צווישן די געדיכטעביימער, און אייל זיך אין קאַזאַרמע דורך אַ פאַרקירצטן וועג.

דער ניט־געלונגענער, אָבער געוואָגטער אָנפאַל אויפן פאַרהאַסטן גענעראַל האָט געמאַכט אַן איינדרוק אויף די סאָלדאַטן. אין קאַזאַרמע האָט זיך געטומלט. אין אַלע ווינקלען זיינען געשטאַנען גרופּקעס

און אויפן פאַרשיידנסטן אופן דיסקוטירט די פּאַסירונג. די גרעסטע מערהייט, אַליין פּויערים, וועלכע האָבן שוין פאַרזוכט דעם טעם פון אויפשטאַנד און פּריצישע שמיץ און וועלכע האָבן געוואוסט, אַז פּאַ־קאַטילאָוו האָט געשמיסן „עטלעכע דערפער" — האָבן באַגריסט דעם אָנפאַל און באַדויערט, וואָס ער איז ניט געלונגען. עטלעכע געוועזענע פאַבריק־אַרבעטער האָבן דערציילט וועגן זייערע סטרייקס און ווי זיי האָבן זיך אָפּגערעכנט מיט שפּיאָנען און באַלעבאַטים. ס'האָבן זיך אפילו געפונען אַ פּאָר, איינער אַ געוועזענער פּאַסטוך, דער צווייטער אַ רייכן קולאַק'ס אַ זינדל, וועלכע האָבן פאַרזיכערט די אַרומיקע, אַז די „ציציליסטן" זיינען גאָר קיין מענטשן ניט, נאָר טייוואָלים, כשוף־מאַכערס און דערפאַר האָבן זיי פאַר קיין זאַך, אפילו פאַרן טויט, קיין מורא ניט. א סימן, ווען מען וועט קומען און וועלן הענגען דעם איצטיקן שיסער, וועט ער פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שוואַרצע קאַץ אָדער וואָראָנע און פאַרשווינדן. מען האָט זיי אויסגעלאַכט.

גיך איז געקומען צעלויפן דער ראָטנע קאָמאַנדיר, אַ בלייכער, אַן אויפגערעגטער, געהייסן אויסשטעלן די סאָלדאַטן אויפן מושטיר־פּלאַץ און געהאַלטן פאַר אונז אַ שאַרפע רעדע קעגן די גנבים, די מערדער, „די אינוויניקסטע שונאים", — סאָציאַליסטן, וועלכע ווילן אויס'הרג'ענען די העכסטע „נאַטשאַלסטווע" (עלטסטע) און פאַרקויפן גאַנץ רוסלאַנד צו אירע שונאים, צו די ענגלענדער און פראַנצויזן.

די סאָלדאַטן האָבן זיך אונטערוויילעכטס איבערגעקוקט און זיך איבערגערעדט מיט די בליקן: — ער לייגט, דער הונט . . . מיר קענען אים . . .

ווי אַ משוגע'נער האָב איך יענעם צווייטן העלפט טאָג אַרומגע־שפּאַנט איבער דער קאַזאַרמע און איבערן גרויסן הויף פון דער פעסטונג און צענדליקער הונגעריקע וועלף האָבן אין מיר פיינלעך גע־יאָמערט: — וואַניאַ, אָרימער, טייערער וואַניאַ.. אומגעקומען פאַר גאָרניט. פאַר גאָרניט.

אין שטאָט אַריין האָט מען קיינעם ניט געלאָזט גיין און פון די, שפּעטער געקומענע, האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער גענעראַל איז אפילו ניט באַשעדיקט געוואָרן, אַז ער האָט זיך פריוויליק אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד, כדי אויסצומיידן די קוילן און אַז דער „שיסער" דערזעענדיק, אַז ער איז אַרומגערינגלט, האָט געוואָלט זיך אַריינשיסן אַ קויל אין קאָפּ, אָבער אויך דאָס איז אים ניט געלונגען: ער האָט

זיך בלויז אַרויסגעשאָסן דאָס רעכטע אויג און געפינט זיך איצט אונ־טער אַ שטאַרקער וואַך אין שפּיטאָל.

אויפן צווייטן טאָג, מאָנטיק, האָט אונזער ראָטע באַדאַרפט „האַלטן" וואַך אין אַלע שטאַטישע און מיליטערישע אינסטיטוציעס. מיט דער הילף פון אַ היבשער פלאַש משקה, האָב איך גע׳פּועל׳טביים פעלדפעבל צו באַשטימען אַ גרופּע פון אונזערע חברים אין דער וואַך פאַרן האָספּיטאַל. אַ תּירוץ האָב איך שוין געפונען. און צוועלף בייטאָג האָב איך מיט אַכאַשווילין געבראַכט זיי עסן.

— מיטיוכין, וואָס מאַכט ער? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דעם עלטסטן פון דער וואַך?

— כ׳ווייס ניט. ער רעדט קיין וואָרט ניט. אָדער ער לויפט איבערן צימער, ווי אַ משוגע׳נער, אָדער ליגט אויפן בעטל ווי אַ טויטער.

— ווי אַזוי איז זיין אויג?

— ווער ווייסט אים.—האָט דער עלטסטער שטיל דערציילט.—אינ־דערפרי איז אַ דאָקטאָר געווען, זיך ביים אויג געפּאָרעט. אַרויסגייענ־דיק האָב איך געהערט ווי די באַרמהאַרציקע שוועסטער האָט געזאָגט: „דאָקטאָר, ווי ס׳זעט אויס וועט ער שוין בלייבן בלינד אויף איין אויג?" און דער דאָקטאָר האָט געענטפערט: „וואָס איז דער אונטער־שייד? עס וועט אים דאָס צווייטע אויך ניט אויסקומען צו לאַנג צו נוצן.

— הער, מיטיוכין, כ׳מוז אים זען . . . בלויז אויף אַ פּאָר מינוטן. ס׳איז זייער נויטיק.

— גוט. נאָר מאַך עס שנעל! זע „פאַרשיט" אונז אַלעמען ניט. דער אַלטער טייוול, דער אויפזעער איבערן לאַזאַרעט, שלעפּט זיך דאָ אַלע ווײַלע אַרום. נו, שנעלער. עי, מיטקאַ — האָט ער אַ רוף געטאָן איינעם פון די וועכטער — שטעל זיך נעבן דער טיר און קוק „אויף ביידע". פאַרשטייסט? — ער האָט אָנגעוויזן אויף מיר — ער מוז זיך דורכרעדן מיטן קראַנקן . . . פאַרשטייסט?

מיטקאַ האָט צושטימיק אַ בויג געטאָן מיטן קאָפּ און זיך אַוועק־געשטעלט ביים אַריינגאַנג.

מיט אַ קלאַפּנדיקן האַרצן בין איך אַריין אין לאַנגן קאָרידאָר און צו צו איינעם פון די צוויי שמאָלע פענצטערלעך, וועלכע זיינען אַרויסגע־קומען פונם אַרעסטירטנס צימער. כ׳האָב אַריינגעקוקט: אַ בעטל, אַ טישל, אַ שטול און אַ וואַג. צוויי גרויסע פענצטער זיינען אַרויס־געקומען אין הויף. פענצטער מיט שווערע גראַטעס. פּאָר איינעם פון

זיי — דער סילועט פון אַ וועכטער מיט אַ ביקס אין האַנט. אויפן בעטל איז געלעגן וואַניאַ, דעם פאַרבאַנדאַזשירטן קאָפּ האָט ער גע־האַלטן טיף אין קישן, די הענט אַרום דעם קאָפּ.

כ'האָב האַלב אַריינגערוקט מיין פּנים צווישן דער וואַנט און דער איינציקער גראַטע פונם פענצטער און שטיל אַ רוף געטאָן: — וואַניאַ! . . . וואַניאַ!

דער פלאַך אויסגעצויגענער קערפּער אויפן בעטל האָט אַ ציטער געטאָן, זיך אָבער ניט גערירט פון אָרט.

— וואַניאַ! — האָב איך איבערגע'חזר'ט.

ער האָט זיך געגעבן אַ קאָנוואולסיוון טרייסל, זיינע הענט האָבן זיך פאַרשטייפט אַרום קאָפּ און אים געפּרוּווט נאָך טיפער איינגראָבן אין קישן.

כ'האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט מעגלעך די גאַנצע צייט געהאַט גאַלוצינאַציעס און גלויבט זיך אויך איצט אַליין ניט. כ'האָב עטוואָס אויפגעהויבן דאָס קול: — איוואַנאָוו, דאָס בין איך, אַרטור, קום שנעלער צו צום פענצטער! שנעל!

ער האָט עטוואָס אויפגעהויבן דעם קאָפּ, זיך איינגעהערט, מיט אַמאָל זיך אויפגעזעצט און ניט גלויביק אויסגעדרייט דעם קאָפּ צו די גרויסע פענצטער, וואָס האָבן אַרויסגעקוקט צום הויף.

— אַהער קוק, וואַניאַ, צום שמאָלן פענצטערל אין קאָרידאָר . . .

ער האָט שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ, זיך איינגעקוקט אין מיר, אויסגעריבן די אויגן, ווידער אַ קוק געטאָן און איז האַסטיק צוגע־לאָפן: — אַרטור! — ביסטו עס אין אַן אמת'ן? . . . — ער האָט אַ כאַפּ געטאָן מיינע ביידע הענט — גאַללוצינאַציעס די גאַנצע צייט... זאָג, ווי אַזוי ביסטו צוגעקומען אַהער? . . .

— מיין ראָטע איז אויף דער וואַך. נו, ווי פילסטו?

די איינציקע באַק וועלכע כ'האָב געקענט זען, איז געווען טיף איינגעפאַלן, דאָס איינציקע אויג האָט געברענט מיט אַ וואַנזיניקן, פיבערישן גלאַנץ.

— זאָג מיר, איז ער, דער גובערנאַטאָר, טאַקע אינגאַנצן ניט באַשעדיקט? . . . קיין איין קויל האָט אים ניט געטראָפן? . . . קיין איינע? . . . אַך, ווי נאַריש, ווי טראַגיש . . . און מיך וועלן זיי שוין אויפהענגען מיט איין אויג . . . — און מיט אַמאָל האָט זיך זיין האַלבער פּנים אינגאַנצן צוזאַמענגעדריקט, פונקט ווי ביי אַ קינד, ווען עס

קלייבט זיך צו וויינען: — דו ביסט גערעכט געווען . . . גערעכט געווען . . . — עס האָט אים גענומען וואַרפן ווי אין אַ קדחת.

טרערן האָבן פאַרגאָסן מיינע אויגן. כ׳האָב זיך קוים קאָנטראָ־לירט ניט צוציען זיינע צוויי אויסגעדאַרטע, אייז־קאַלטע, הענט מיט די ציטערנדיקע פינגער און זיי אַ קוש טאָן.

— הער, וואַניאַ, וואָס געווען איז פאַרפאַלן. — כ׳האָב געוואָלט צוגעבן, אַז וועגן דעם וועלן מיר נאָך רעדן אַ צווייטן מאָל, זיך אָבער גלייך געכאַפּט, אַז דער צווייטער מאָל וועט מעגלעך קיינמאָל ניט פאָרקומען — איצט וויל איך פון דיר צוויי זאַכן: ערשטנס, זאָלסט זיך נעמען אין די הענט אַריין, אויסנוצן דיין שטאַרקן ווילן און זיין רואיק. אַלע, אין שטאָט, זיינען זיכער, אַז קיין טויט־שטראָף וועט מען דיר ניט געבן . . — זיין איינציק אויג האָט ניט גלויביק אַ בליק געטאָן אויף מיר — יאָ, יאָ, וואַניאַ, אַזוי רעדן אַלע אין שטאָט — האָב איך איבערגע׳חזר׳ט דעם ליגן — דעריבער בעט איך דיך: אויף אַלע זייערע פראַגעס, ענטפער רואיק, היץ זיך ניט, שפּיל ניט אין קיין חוצפּה . . — ער האָט אויסגעווישט אַ טרער, איך האָב מיט אַלע כוחות אַרונטערגעשלונגען מיינע. — און נאָך אַ זאַך: נאַ דיר אַ פּאַפּירל און שרייב שנעל אָן עטלעכע ווערטער סאַשענקען . . . כ׳וועל זי נאָך היינט אָוונט זען . . .

ער האָט מיר עפּעס געוואָלט זאָגן, עס האָט אים אָבער פאַרכאַפּט דער אָטעם. זיין אָפענער מויל האָט קאָנוואולסיוו גענומען ציטערן און קיין קלאַנג פון זיך ניט אַרויסגעלאָזט. פון אונטערן איינציקן, האַלב־פאַרמאַכטן אויגן־דעקל האָבן געדיכטע, געדיכטע, ווי אָפּגעהאַקט איינער פונם צווייטן, גענומען פאַלן טרערן. ענדלעך האָב איך קוים דערהערט: סאַשענקאַ. כ׳האָב איר גאָרניט געזאָגט . . . און די קינ־דער . . . כאָטש נאָך איינמאָל זיי זען . . .

— וועסט זיי נאָך זען, וואַניאַ . . . גלויב מיר! איצט שרייב שנעל אָן אַ פּאָר ווערטער. שנעל! — ס׳האָט מיר אויסגעפעלט אַ בלייפעדער און כ׳האָב אים געקראָגן ביי איינעם פון די וועכטער

דריקנדיק זיינע הענט פאַרן אַוועקגיין, האָב איך אים געזאָגט: — זעסטו דעם לאָך אין אָט יענעם נידעריקן, ליימיקן פאַרקן? פון דיין גרויסן פענצטער, וואו דער וועכטער שטייט, קענסטו אים בעסער זען. אָט דאָרטן, וועל איך מאָרגן דריי אַזייגער בייטאָג שטיין מיט סאַשענקען און רעדן. קוק דורכן פענצטער. וועסטו זי קענען אַביסל

זען פון דערווייטנס. געדענק־זשע: מאָרגן דריי אַזייגער . . . יאָ, יאָ, כ׳וועל זיכער זיין מיט איר. נאַר רואיק.

מיט אַ צען מינוטן שפּעטער, בין איך געלעגן אין געדיכטן גראָז אויף אַ פּוסטן פעלד, ניט ווייט פון שפּיטאָל, און, כדי מען זאָל מיינע משוגע׳נע קולות ניט הערן אויפן ניט ווייט פאַרביילויפנדיקן וועג, האָב איך מיטביידע הענט פעסט צוזאַמענגעדריקט דאָס מויל.

6

אַ טאָג מיט אַ נאַכט זיינען פאַרבייגעלאָפן איינגעהילטע אין ווייטאָגן און האַלבע קאָשמאַרן. וואַניאַ׳ס ציטערנדיקער האַלבער פּנים, זיין שטום־אָפענער מויל און די געדיכט־פאַלנדיקע טרערן פון אונטער דער צוגעשלאָסענער וויע, האָבן זיך געמישט מיט סאַשענקעס בלייכן, מידן פּנים, ווי כ׳האָב זי דעם לעצטן מאָל געזען ביי איר אין הויז.

אויפן צווייטן טאָג, אַרום 11 אַזייגער אין דער פרי, האָב איך מיט אַ ציטערנדיקער האַנט אָנגעקלאַפּט אָן דער טיר פון אַ פּריינט׳ס וואוינונג, וואו מען האָט סאַשענקען מיט די קינדער אויסבאַהאַלטן. צוערשט האָט מען זיך דערשראָקן פאַר מיין סאָלדאַטסקער אוניפאָרמע, שפּעטער זיך געפרייט מיט איר. מיט שטילע, דערשראָקענע ווערטער האָט מען מיר דערציילט, אַז סאַשענקען קען מען זען, רעדן צו איר איז אָבער אוממעגלעך: זי דערקענט ניט קיינעם און, ווי ס׳ווייזט אויס, פאַרשטייט זי אויך ניט וואָס מען רעדט צו איר. מען האָט מיר איבערגעגעבן אַביסל מער איינצעלהייטן: אַ גאַנצע נאַכט האָט זי געוואַרט אויף וואַניען און אין דער פרי האָט מען באַשלאָסן איר דערציילן דעם אמת. זי האָט קיין וואָרט ניט געענטפערט, בלויז אַ שטילן קרעכץ געטאָן און זיך אַרונטערגעלאָזט אויפן דיל. מען האָט זי געבראַכט צו זיך. איצט ליגט זי שוין אַ גאַנצן טאָג מיט אָפענע אויגן, רעדט קיין וואָרט ניט און ענטפערט ניט, ווען מען רעדט צו איר.

מען האָט מיך אַריינגעפירט אין אַ האַלב־טונקעלן צימער. די פאָרהאַנגען אויף די צוויי פענצטער זיינען געווען אַראָפּגעצויגן און אויפן טיש האָט שוואַך געברענט אַ קליין לעמפּל. עס האָט געשמעקט מיט שטאַרקע טראָפּן. סאַשענקע איז געלעגן גלייך אויסגעצויגן אויף אַ בעט, און, אונטער די טונקעלע שאָטנס פונם לעמפּל, האָט איר פּנים איינפאַך געשניטן די נערוון מיט זיין ווייסקייט, און ווען ניט די אָפענע אויגן, און די ווייעס וואָס האָבן זיך ציטנווייז באַוועגט,

וואָלט מען עס גיכער געקענט אָננעמען פאַר אַ גיפּסענער מאַסקע.

אָן רייד האָט מען מיר אָנגעוויזן אויף איר. ס׳האָט זיך געוואָלט צופאַלן צו אָט דער באַוועגלאָזער, ליכטיקער פיגור, איינגראָבן דאָס פּנים אין אירע הענט און שרייען אויפן קול.

כ׳האָב געבעטן מען זאָל אויפהויבן די פאָרהאַנגען. אין צימער איז געוואָרן ליכטיק. כ׳האָב זיך אַוועקגעזעצט אויפן בעט נעבן איר, זי אָנגענומען פאַרן האַנט און פעסט געזאָגט: — סאַשענקאַ, קוקט צו מיר. צו מיר. איר קענט דאָך מיר?!

אירע אויגן־דעקלעך האָבן זיך אַ הויב געטאָן אין ריכטונג צו מיר און כ׳האָב דערזען אירע אויגן: קאַלטע, גלייכגילטיקע האָבן זיי ווי געקוקט ניט אויף מיר, נאָר דורך מיר, פּונקט ווי איך וואָלט אַ פּוסטקייט געווען. כ׳האָב אויך באַמערקט, אַז דער רעכטער ווינקל פון איר אויג און מויל זיינען געווען עטוואָס צוזאַמענגעצויגן און ווי באַהאַלטן אין זיך אַ לייכטן שפּאָט.

אַ שרעק האָט מיך אַרומגעכאַפּט, אַ שרעק מיט פאַרצווייפלונג געמישט. כ׳האָב זי אַ נעם געטאָן מיטביידע הענט פאַר די אַקסלען, מיט אימפּעט זי אויפגעזעצט, מיט אַלע כוחות זי גענומען טרייסלען און כמעט שרייען: — סאַשענקאַ, סאַשאַ, כאַפּ זיך אויף! אַ בריוו האָב איך דיר געבראַכט! אַ בריוו פון וואַניען.. פון שפּיטאָל!! קום צו זיך, פאַשענקאַ, ער וואַרט אויף דיר, וואַניאַ... פאַרשטייסט? ער וואַרט! דו מוזסט גלייך לייענען דעם בריוו.. גלייך! נאַ, לייען! לייען! נעכטן האָב איך אים געזען, גערעדט צו אים. נו, שנעלער, שנעלער! קום צו זיך! איך וועל דיך נאָך היינט נעמען צו אים! נאָך היינט! נאָך היינט.. סאַשאַ!! — מיט איין האַנט האָב איך זי געטרייסלט, מיט דער אַנדערער געדרייט דעם בריוו פאַר אירע אויגן.

און מיט אַמאָל האָב איך דערפילט ווי איר נאָר וואָס שטייפע פּלייצע איז ווייך געוואָרן, האָט זיך צוגעבויגן צו מיר, אירע אויגן האָבן זיך ברייט און דערשראָקן צעעפנט, די הענט האָבן זיך גענומען באַוועגן אין דער לופטן, ווי פליגל פון אַ פאַרוואונדעטן פויגל.

און איך האָב זי אַלץ געטרייסלט, ניט אויפגעהערט צו רעדן וועגן וואַניען און דרייען מיטן בריוו פאַר אירע אויגן. איר היסטערישער געוויין און דאָס כליפּן פון די אַרומיקע האָט מיך געבראַכט צו זיך.

— סאַשענקאַ, אָט דאָס איז דער בריוו! וואַניעס בריוו צו אייך! ערשט נעכטן געשריבן!

מיט אַמאָל האָט זי אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו און אים צוגעדריקט צו איר ברוסט.

7

אַ פערטל צו דריי בין איך מיט סאַשענקען אַרויס פון אַ זייטיק געסל און זיך לאַנגזאַם געלאָזט גיין דורך אַ האַלב־פּאַרוואַקסענעם פעלד אין ריכטונג צו דער שפּיטאָל וואַנט. אויפן קאָפּ האָט זי געטראָגן אַ רויט טיכל, אויף די פּלייצעס אַ גרויסן, גרינעם שאַל. איר פּנים ווייס, דער קערפּער אין שטענדיקער קאָנוואולסיע. כ׳האָב זי געהאַלטן אַרומגענומען און ניט אויפגעהערט צו באַרואיקן.

אינמיטן פעלד האָבן פיר סעמירעטשענער קאָזאַקן געשפּילט אין „פערד־פּאָדקאָוועס". זיי האָבן אונז באַגריסט מיט אַ פריילעכן געלעכטער און צווײדייטנדיקע אויסגעשרייען:

— עי, סאָלדאַטיק, וואוהין פירסטו עס דיין קראַסאַוויצע? . . .

— דער פעלד איז דאָ צו אָן אָפּענער: וועסט גאָרניט קענען טאָן.

— דאָ ניט ווייט איז אַ וועלדל פּאַראָן . . . פאַרנעם זי אַהין . . .

איך האָב זיי געענטפערט מיט אַ שמייכל און אַ פריילעכן מאַך פון דער האַנט און מיר האָבן פאַרטגעזעצט אונזער וועג.

אין איין פלאַץ איז די ליימענע וואַנט געווען זייער שטאַרק צעבראָכן, אַזוי, אַז שטייענדיק פון דרויסן, האָט מען געקענט גאַנץ גוט זען וואָס עס קומט פאָר ניט נאָר אין הויף, נאָר אויך אין די פענצטער פון די אַרומיקע געביידעס. די פענצטער פונם צימער, וואו וואַניאַ האָט זיך געפונען, זיינען געווען די נאָענטסטע צו אונז. נאָך אַ פּאָר מינוטן און מיר שטייען שוין ביים צעבראָכענעם פּאַרקן. סאַשענקאַ בויגט זיך פאָראויס און נישטערט זשעדנע מיט די אויגן אין די פענצטער. איך נעם זי שטייף אַרום און צי זי אויף צוריק.

— סאַשענקאַ, אַזוי טויג ניט: מען וועט אונז גלייך באַמערקן און ביידן אַרעסטירן.

— וואו איז ער? זאָגט וואו? אין וואָס פּאַראַ פענצטער?

— זי ציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

— קוקט רעכטס. דאָס דריטע פענצטער רעכטס. אין דער געלער געביידע . . . אָט שטייט איצט דער וועכטער נעבן דעם. רואיק: וואַניאַ שטייט שוין ביים פענצטער . . . ער זעט אונז. זעט איר אים?

זי גיט זיך מיט אַלע כוחות אַ ריס פאָראויס — וואו, וואו, איז

ער? איך זע ניט קיינעם. ליידיקע פענצטער. וואו.. וואו?
איינער פון די קאַזאַקן שרייט צו מיר פון ווייטנס, כ׳זאָל די געליבטע מיינע אַביסל פעסטער צודריקן צו זיך, אַנדערש וועט ער צוקומען און מיר ווייזן ווי אַזוי מען דאַרף עס טאָן. איך בויג אָן דעם קאָפּ און ענטפער אים מיט אַ דריי פון האַנט.
— וואו איז ער. וואו איז ער? איך זע אים ניט. בלויז . . . עפּעס אַ ווייסער פלעק אין פענצטער. אַ פלעק. דאָס אַלץ. וואו איז מיין וואַניאַ?!
— דאָס איז ער זיכער. זיין קאָפּ איז פאַרבונדן. ער זעט אייך. ער זעט אייך!
זי גיט זיך אַ הויב אויף די שפּיץ פינגער און באַגריסט אים מיט דער האַנט. ער ענטפערט איר. זי פאַרגעסט זיך אינגאַנצן און נעמט זיך רייסן צו אים, שטיל רעדנדיק דורך צוזאַמענגעדריקטע, ציטערנדיקע ציין: — וואַניאַ. וואַניטשקאַ.. איינציקער מיינער!..
איך כאַפּ זי אַרום און דריק זי פעסט צו זיך: — סאַשענקאַ, מען וועט אונז באַלד אַרעסטירן . . . זעט, וואַניאַ איז שוין אַוועק פונם פענצטער . . . ער פאַרשטייט . . .
זי רייסט זיך פון מיינע הענט: — זאָל מען מיך אַרעסטירן . . . כ׳וויל זיין מיט אים . . . לאָזט מיך! לאָזט מיך!
כ׳האָב זי נאָך שטאַרקער צוגעדריקט צו זיך און שטיל גערעדט:
— סאַשענקאַ, באַרואיקט זיך . . . אויב מען וועט אייך דאָ איצט אַרעסטירן, שיקט מען אייך גלייך אַוועק אין טורמע און איר וועט אים שוין קיינמאָל מער ניט זען. אָט קומט ער ווידער צו צום פענצטער . . . רואיק . . . דער וועכטער קוקט שוין עפּעס צופיל אין אונזער זייט . . .
מיט ברייט צעעפנטע אויגן קוקט זי זיך איין אין פענצטער און וויינט מאַכטלאָז, קינדעריש: — איך זע ניט זיין פנים . . . בלויז אַ ווייסער פלעק . . . אַ ווייסער פלעק . . . ער מאַכט מיט דער האַנט...
— יאָ. ער שיקט אייך אַ קוש און הייסט אונז אַוועקגיין . . . נו, קומט און וואָס שנעלער: די קאַזאַקן קומען אַהער.
זי וויינט, רעדט עפּעס שטיל, געבראָכן צו זיך אַליין. איך הער זי שוין ניט מער. איך האַלט זי פעסט אַרומגענומען און פיר זי אין ריכטונג צו דער שטאָט. די קאַזאַקן שרייען און פייפן אונז נאָך. קוים וואָס זי באַוועגט מיט די פיס. איך מוז זי כמעט טראָגן אויף די הענט.

8

אין צוויי וואָכן אַרום איז פֿאָרגעקומען אַ ספּעציעלער, מיליטער־רישער געריכט, וועלכער האָט איוואַנאָוון איינשטימיק פֿאַראורטיילט צו דער תליה. ער האָט רואיק אויסגעהערט דעם אורטייל, געהאַלטן אַ קורצע, אָבער שאַרפֿע רעדע קעגן בלוטיקן צאַריזם מיט זיינע משרתים און אויפֿן פֿאָרשלאַג פֿונם פֿאָרזיצער צו בעטן ביים קיסר באַגנאַדיגונג, זיך אָפּגעקערט און קיין וואָרט ניט געענטפֿערט. אונטער אַ שטאַרקער וואַך פֿון סעמירעטשענער קאָזאַקן, צווישן וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען צוויי חברים, האָט מען אים אָפּגעפֿירט אין טורמע.

9

די ערשטע פֿיר חדשים פֿון מיין מיליטער דינסט זיינען פֿאַר מיר געווען אַ קינדער־שפּיל: כ׳בין געווען דער ראָטני שרייבער, גע־וואוינט אין דער „קאַנצעליאַריע״ (אָפּיס פֿון דער אָפּטיילונג), ניט געגאַנגען אויף קיין וואַך, אויף קיינע אַרבעטן און זיך געפֿונען אונטער דער ספּעציעלער שוץ פֿונם ראָטני קאָמאַנדיר, קאַפּיטאַן פּאַפּאַיעוו. דאָס איז געווען זייער אַ סימפּאַטישער, ראַדיקאַל געשטימטער אָפֿי־צער, וועלכער האָט נאָך ביי מיין ערשטן אָנקומען קיין נאָוואָ־מאַרגעלאַן, מיך אָפּגערופֿן אָן אַ זייט און שטיל אַ פֿרעג געטאָן:
— ביסטו ניט קיין סטודענט? און ווען כ׳האָב אים געענטפֿערט, אַז יאָ, האָט ער אַ צופֿרידענעם שמייכל געטאָן און שוין געזען, אַז מען זאָל מיך באַשטימען צו אים אין דער ראָטע.

שפּעטער אָבער, מיטן אָנקומען פֿון אַ נייעם ראָטנע קאָמאַנדיר, אַ קליין, פּאַסקודנע מענטשל, מיט אַ פּנים פֿון אַ פֿוקס, אָדער אַ גרויסן ראַץ — האָבן זיך פֿאַר מיר געענדיקט מיינע „זיבן גוטע יאָר״. דער פֿאַקט בלויז, וואָס דער אַלטער קאָמאַנדיר האָט מיך ליב געהאַט, איז געווען גענוג, דער נייער זאָל מיך האַסן. כ׳בין גיך געוואָרן אויס שרייבער און זיך געמוזט איבערציִען אין דער קאַזאַרמע, צו די פּשוט׳ע סאָלדאַטן.

די סאָלדאַטן מיט די קלענערע „עלטסטע״ האָבן מיך אויפֿגענו־מען מיט פֿרייד: אונזערע באַציאונגען זיינען די גאַנצע צייט געווען די בעסטע. דערצו האָבן זיי אַלע פֿיינט געהאַט דעם נייעם קאָמאַנדיר און מיין „פֿאַלן״ איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין שטיקל העל־דישקייט אָדער אפֿילו מאַרטירערטום.

מיטן פעלדפעבל (הויבט איבער דער קאַזאַרמע), ווען מען כ׳האָב די גאַנצע צייט געלערנט לייענען, שרייבן רוסיש און אויך רעכענען, ביז איך איצט געוואָרן גאָר באַפריינדעט און געקענט ביי אים פועל׳ן כמעט יעדע זאַך וואָס כ׳האָב נאָר געוואָלט.

מאָנטיק איז געווען דער טאָג, ווען אונזער ערשטע ראָטע פלעגט האַלטן וואַך איבער אַלע רעגירונגס און מיליטערישע אינסטיטוציעס אין שטאָט. אַזוי לאַנג ווי וואַניאַ האָט זיך נאָך געפונען אין מיליטערישן האָספּיטאַל, פלעג איך שוין זען, אָדער באַשטימט צו ווערן אין דער האָספּיטאַל וואַך, אָדער, אַמווייניקסטן, טראָגן זיי עסן. ווען מען האָט אָבער וואַניען איבערגעפירט אין טורמע, האָב איך שוין געמוזט פאָרן פעלדפעבעל אויסטראַכטן נייע, פאַסיקע מעשות, כדי רעכטפערטיקן מיין וואונטש צו גיין מיט דער טורמע וואַך.

פון אַלע מענטשלעכע ליידנשאַפטן האָט מיין פעלדפעבעל, קאַראַוואַיעוו איז געווען זיין נאָמען, פאַרמאָגט צוויי; שנאַפּס און פרויען. וועגן דער ערשטער ליידנשאַפט זיינער פלעגט ער רעדן מיט פרייד און באַגייסטערונג, וועגן דער צווייטער — מיט שפּאָט און קללות. לויט זיין איבערצייגונג, איז אַ מענטש אָן אָט דיביידע ליידנשאַפטן, אָדער אַמווייניקסטן, אָן איינער פון זיי, גאָר קיין מענטש ניט. אויף אַזאַ מענטשן, האָט לויט זיין באַליבטן אויסדרוק, זיך אַפילו ניט געלוינט אַ שפּיי צו טאָן.

אַזוי ווי קיין שנאַפּס האָב איך ניט געטרונקען, אַלענפאַלס ניט מיט קיין טיי־גלעזער, ווי ער, און מיט קיין פרויען זיך אויך ווייט ניט איבערגעגעסן און זיין פריינטשאַפט איז מיר געווען זייער און זייער נויטיק, פלעג איך יעדעס מאָל, אַהיימקומענדיק פון שטאָט, שאַפן פאַר אים אַלץ נייע ליבע אַוואַנטיורעס, אים ברענגען פרישע ליבע געשיכטעס. פאַרשטענדלעך, אַז וואָס מער ציניש איינצעלהייטן, אַלץ מער האָט די מעשה ביי אים אויסגענומען.

זיין ברייט־פויערישער פנים מיט דער פלאַכער נאָז, פלעגט שיינען פון צופרידנקייט און שוויים, דער צעעפנטער מויל, מיט די האַלב־שוואַרצע ציין, האָט זיך גאָרניט צוגעמאַכט פון געלעכטער, די שמאָלע, ווער ווייסט וואָס פאַראַ פאַרב, אויגן, שוין פאַרגאָסענע מיט שנאַפּס, האָבן געטאַנצט מיט שוואַרצינקע טייוואַלימלעך. ער פלעגט מיר אָפט דערלאַנגען מיט דער ברייטער דלאָני אַ קלאַפּ איבערן אַקסל און געשפּיגן דערביי מיט הייסע ווערטער: — אַזוי דאַרף מען, ברוו־

דערל דו מיינער . . . אַזוי דאַרף מען לעבן. די יוגנט איז קורץ, קורץ ווי דער עק פון אַ פלוי . . . חאַפּ, דו הינטעשער זון, כאַפּ אַריין וויפיל נאָר דו קענסט . . . שלינג!

און אַמאָל פלעג איך אים גאָר דערציילן עפּעס אַ טראַגישע, האַרץ־רייסנדע מעשה. און אַ שיכור'ער, איצט שוין מיט ברייט צע־עפנטע, אַלץ מיט שנאַפּס פאַרגאָסענע, אויגן, פלעגט ער מיר קוקן אין מויל אַריין און שווער, קינדערש־הילפלאָז, זיפצן.

אָט די מעשות פלעגן מיר עפענען די טויערן פון דער פעסטונג, וואו אונזער ראָטע איז געשטאַנען, און גאַנצע טעג פלעג איך אָפּט אַרומשפּאַצירן איבער די אויסטערלישע מערק, אָריענטאַלישע קאַפע־הייזער, פאַרבאָרגענע פריטאַנען פון אָפּיום־רויכערער, איבער די „הויכע־הויפן" (פּראָסטיטוציע־הייזער) און זיך צוקוקן צום ווילד־פרעמדן לעבן.

ווען מען האָט וואַניען איבערגעפירט אין טורמע, איז דער קרבן פון מיין ליידנשאַפטלעכער ליבע געוואָרן מאַרינקאַ, אַ טאָכטער פון איינעם פון די טורמע־וועכטער. דאָס איז געווען אַ מיאוס'ע, אויסגע־לאָסענע מויד, וואָס פלעגט זיך אַרומשלעפּן מיט יעדן איינעם, ווער ס'האָט נאָר געוואָלט גיין מיט איר.

אמת, דעם פעלדפעבעל איז מיין נייע ליבע ניט זייער געפעלן געוואָרן, אָבער שוין דעם ערשטן מאָנטיק, ניין אַזייגער אין דער פרי, אויסרופנדיק די נעמען פון באַשטימטע אויף פאַרשיידענע וואַכן, איז מיין נאָמען געווען צווישן דער טורמע־וואַך. דערביי האָט ער מיר צו־געוואָרפן אַ סאַרקאַסטישן בליק. איך האָב געפּרואווט וואָס בעסער צו סימולירן מיין גרויסע פרייד: כ'האָב אויפגערעגט געריבן די הענט און געקוקט דערביי אויף אים, דעם פעלדפעבעל, מיט אַ לאַנגן און דאַנקבאַרן בליק.

דער פרימאָרגן איז געווען אַ קילער, אַ אויסערגעוויינלעך לויטערער. די ביימער און קוסטן — אַזעלכע פרישע, אויסגעבאָדענע און אויף יעדן בלעטל — קליינינקע דימענטלעך. די שניי־שפּיצן פון די ווייטע טיאַן־שאַן בערג האָבן אויסגעזען אַזוי נאָענט און פוכיק־לייכט און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז אָט באַלד רייסן זיי זיך אָפּ פון די בערג און טראָגן זיך אַוועק צוזאַמען מיט די ווייסע, קיילעכדיקע וואָלקנדלעך, וואָס רוען אויף זייערע קעפּ און רוקנס. אין מיטן מילך־בלויען הימל האָט געדרימלט אַ פאַרגעסן שטיקל לבנה.

איך בין געגאַנגען מיט דער וואָך צו דער טורמע.

דורך די פּאָר שטאָטישע גאַסן, וועלכע מיר האָבן באַדאַרפט דורכ־גיין, האָבן מיר נאָך מאַרשירט לויט די אַנגענומענע מיליטערישע כללים, אָבער גלייך ווי מיר זיינען אַריין אין וואַלד, זיינען די רייען צעפאַלן, יעדער איינער איז געגאַנגען ווי אים האָט זיך געוואָלט, גע־טראָגן די ביקס ווי אַזוי אים איז געפעלן און אַלע האָבן מיר צו־זאַמען געלאַכט, געטומלט, געשפּאַסט, זיך גוטמוטיק געשאָלטן (ניט גייענדיק ווייטער פונם פערטן דור) און ווי קינדער זיך געפרייט מיט דער קורצער פרייהייט, מיט די מאַסיווע טאָפּאָל־ביימער און לייכטע בערעזקעס.

איך האָב געלאַכט, זיך געוויצלט גלייך מיט אַלעמען, אָבער טיף אין ברוסט איז אַ שלאַנג שווער געלעגן און ניט אויפגעהערט צו דערמאָנען וועגן וואַניען, וועמען כ׳וועל נאָך באַלד זען און וועמענס לעבן וועט מעגלעך נאָך קומענדיקע וואָך אָפּגעהאַקט ווערן.

אָט האָבן שוין אין דער ווייט, צווישן די ביימער, אַ שאַריע געטאָן די הויכע, ליימענע ווענט פון דער געפענקעניש. דער אונטער־אָפיצער האָט אַ שטילן קאָמאַנדעווע געטאָן: — אין די רייען! — און באַלד זיינען מיר שוין געגאַנגען אין אַ גלייכער שורה, צוויי נאָך צוויי און די שטיקעס האָבן דראָענדיק און קאַלט שעמערירט איבער אונזערע קעפּ.

— איינס, צוויי, לינקס, רעכטס! — האָט שוין הויך געקלונגען די קאָמאַנדע און די ערד האָט פון אונטער אונזערע שווערע שטיוול, הילכיק אָפּגעענטפערט: — איינס, צוויי . . . מיר גייען! מיר קומען . . . מאַכט אַ וואָרע! . . . לינקס, רעכטס . . . איינס, צוויי!

און די ברייטע, אייזערנע טויערן פון דער טורמע האָבן זיך גאַסטפריינטלעך צעעפנט און דער וועכטער ביים אַריינגאַנג האָט, סאַלוטירנדיק מיט דער ביקס, אונז בייז צוגעוואָרפן: — פאַרשפּעטיקט האָט איר, הינטישע זין, אויף גאַנצע 10 מינוטן. בלימעלעך אויפן וועג געקליבן? . . . אָדער אפשר מוידן געזוכט? . . .

10

ס׳איז געווען די צייט פון שפּאַציר און אויפן ברייטן, מיט גע־דיכטן גראָז פאַרוואַקסענעם, הויף פון דער טורמע האָבן זיך געפונען אירע עטלעכע הונדערט איינוואוינער. לויט די קלאַנגען און פאַרבן,

האָט דער פּלאַץ גיכער אויסגעזען ווי אַן אָריענטאַלישער מאַרק. סאָרטן. קורגיזן, טאַדזשיקער און טורקמענער פון פאַרשיידענער על־טער, אויסגעפּוצט אין רייך־פאַרביקע כאַלאַטן, מיט רעגנבויגן קאָלירן, געשטיקטע „טיובעטעיקעס" (יאַרמעלקעס) אויף די געגאָלטע קעפּ, האָבן געלאָזן שפּאַצירט איבערן הויף און שטיל גערעדט צווישן זיך; אייניקע זיינען געזעסן אָדער געלעגן איינציקווייז, אָדער גרופּנווייז אויפן גראָז און זיך געוואַרימט אויף דער זון; אין איין ווינקל האָט אַ גרופּע יונגע סאָרטן געזונגען, אין צווייטן האָט מען זיך געראַנגלט, ווער ס'וועט וועמען אַוועקלייגן פלאַך אויף דער פּלייצע. פון ערגעץ־וואו האָט זיך געטראָגן דאָס שפּילן פון אַ ליפּן־האַרמאָניע. אַ גרופּע „קאַטאָרזשניקעס" האָט שפּאַצירט באַזונדער, געקוקט אויף די איבעריקע אַרעסטאַנטן פון אויבן־אַראָפּ און העלדיש צוגעקלונגען מיט זייערע קייטן.

ניט ווייט פונם אַריינגאַנג אין דער טורמע־געביידע, אונטער דער שוץ פון צוויי וועכטער, זיינען אין אַ ענגער גרופּע געזעסן זיבן פרויען, וועלכע האָבן זיך געפונען אין טורמע פאַר פאַרשיידענע פאַרברעכנס: פון גנבה ביז מאָרד. אַלע האָבן זיי געהאַלטן אין שיסעלעך שנירלעך פאַרביקע קרעלן פון וועלכע זיי האָבן געפלאָכטן רינגלעך און בראַסלעטן. אַרבעטנדיק, האָבן זיי ניט אויפגעהערט צו שפּילן מיט זייערע שוואַרצע אויגן און מיט זייער הילכיקן געלעכטער געצונדן די בלוטן פון די צענדליקער יונגען, וועלכע זיינען געשטאַ־נען ניט ווייט און זיי געשלונגען מיט די אויגן.

כדי צו באַפרייען די אַלטע וועכטער, האָבן מיר גלייך געמוזט פאַרנעמען זייערע פּלעצער אין הויף צווישן די אַרעסטאַנטן.

וואַניען האָב איך דערקענט פון דער ווייטנס: ער איז געזעסן אויף אַ שטיין, די הענט צוזאַמענגעלייגט אויף דער ברוסט און דאָס פּנים, מיט איין אויג פאַרמאַכט, געהאַלטן אויסגעצויגן צו דער זון. דאָס צווייטע אויג, דאָס אויסגעשאָסענע, איז געווען פאַרבונדן מיט אַ שוואַרצן טיכל. אויף זיינע אייגענע קליידער האָט ער געטראָגן אַ גרויען, אַרעסטאַנטן כאַלאַט.

עטלעכע טריט פון אים איז געשטאַנען אַ ספּעציעלער טורמע־וועכטער און פון אים קיין אויג ניט אַראָפּגענומען.

צווישן מיר און וואַניען איז איצט געווען ניט מער ווי אַ פּופּצן, אפשר צוואַנציק טריט. און ווילד האָט אין מיר געיאָמערט אַ געדאַנק,

אַז אַט ער, וואַניאַ איוואַנאָוו, מיין טייערסטער, מיין האַרציקסטער פריינט, איז פון אונזער בלוטיקסטן שונא פּאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און איך שטיי דאָ, מיט אַ ביקס אין האַנט, און היט אים, ער זאָל ניט אַנטלויפן, זאָל ניט אויסמיידן די תליה.

איך קאָנטראָליר זיך קוים: עס וויל זיך אים אַ רוף טאָן ביים נאָמען, צולויפן, אים אַרומכאַפּן, דערציילן ווי טיף מיין ווייַ איז, ווי שטאַרק כ'האָב אים ליב. אָט זיצט ער דאָך אויפן שטיין אַזוי נאָענט . . . ניט מער ווי אַ פופצן, אפשר צוואַנציק טריט פון מיר . . . עך, וואַניאַ, וואַניאַ, באַדאַרפט געווען מיך פאָלגן דאַן . . . אויף דער לאַנקע נומער דריי . . .

איך גיי צו נאָענטער, אַזוי אַז זיין פּנים זאָל זיין געוועגדעט אין מיין זייט, שפּאַר זיך אָן אויפן שפּיז פון מיין ביקס און פאַנג שטיל אָן אויסצופייפן די „מאַרסעליעזע", וועלכע כ'האָב אין די פריערדיקע טעג ניט איינמאָל מיט אים געזונגען. עס לויפט איבער אַ מינוט, צוויי, ער רירט זיך ניט פון אָרט. אָדער מיין פייפן דערגרייכט אים ניט, אָדער ער איז צו פאַרטיפט אין זיין צער.

איך פייף ווידער און העכער. דאַכט זיך שוין אַביסל צו הויך. מיט אַמאָל גיט וואַניעס קאָפּ זיך אַ טרייסל, פונקט ווי ער וואָלט זיך באַמיט צו באַפרייען פון אַ קאָשמאַר, זיין געזונט אויג עפנט זיך ברייט און ער פאַנגט אָן זיך איינצוהערן. איך באַמערק אפילו ווי זיין שטערן שטרענגט זיך אָן. איך זעץ פאָר מיין פייפן. אָט דרייט ער פאַרזיכטיק אויס דעם קאָפּ אין מיין זייט, לויפט שנעל איבער מיט די פאַרשנדיקע בליקן די נאָענסטע גרופּן אַרעסטאַנטן, סאָלדאַטן, און שטעלט זיי ענדלעך אָפּ אויף מיר. איך נעם אַרויס פון קעשענע אַ נאָז־טיכל, וויש זיך דעם פּנים און בויג בעת־מעשה אַ פּאָר מאָל אָן דעם קאָפּ, באַגריסנדיק אים.

אין איין אויגנבליק פאַרשווינדט די טויטקייט פון וואַניעס פּנים, עס צעשיינט זיך מיט אַ פאַרוואונדערט־גליקלעכן שמייכל און פון זיינע אויגן גיבן זיך אַ גאַס שטראָמען ליכט, פונקט ווי פון דער זון, ווען זי רייסט זיך אַרויס פון אונטער אַ געדיכטן וואָלקן. ער גיט אַ טיפן קרעכץ, ציט אויס פאַר זיך זיינע ציטערנדיקע הענט, און פאַר־דעקט מיט זיי דעם פּנים.

דער וועכטער ווערט אומרואיק. ער גייט צו אַ פּאָר שפּאַן נאָ־

ענטער צום אַרעסטירטן און פּרואווט פון דער זייט אַריינקוקן אים אין פּנים אַריין.

איך קוק אויך אויף וואַניעס הענט און טראַכט: וואָס טוט ער איצט? לאַכט ער צו אפשר וויינט ער גאָר?

גיך שטעלט זיך וואַניאַ אויף, גלייכט אויס די ביינער און נעמט אַרומשפּאַנען אין אַ גלייכע ליניע איבערן שטיקל הויף, צווישן מיר און זיין וועכטער, צוקומנדיק יעדעס מאָל עטוואָס טאָענטער צו מיר. דער וועכטער לאָזט פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ.

ווען ער איז דעם פינפטן מאָל פאַרבייגעגאַנגען, האָב איך זיך שנעל אויסגעדרייט און בייז אַ זאָג געטאָן, האַלטנדיק די ביקס מיטן שפּיז צו אים:

— וואָס קריכסטו אַלץ אויף דער זייט? . . . פעלט דיר אפשר אויס פּלאַץ וואו דו ביסט?

וואַניאַ שטעלט זיך אָפּ און ענטפערט מיט אַ שמייכל: — אַ סאָל־דאַט, זע איך, ביסטו אַ גרויסער, אָבער קיין נאַר אויך ניט קיין קליי־נער: וואָס האָסטו מורא, כ׳וועל די גראָז אונטער דיר אויפעסן? און שטיל גיט ער אַ פרעג מיט די ליפּן און מיט די אויגן: — ווען?

— ווער ווייסט איך? — ענטפער איך אים אין זעלבן טאָן — אפשר וועסטו ניט אויפעסן און אפשר יאָ? . . . פון אייך איז אַלץ צו דערוואַרטן. האַלט זיך בעסער אויף דיין זייט . . — און שטיל ענטפער איך: — ניין אַזייגער . . . היט דיין פענצטער . . .

וואַניאַ גיט אַ האָפנונגסלאָזן מאַך מיט דער האַנט און זעצט זיך צוריק אויף זיין שטיין.

פאַרבייגייענדיק, זאָגט מיר שטיל דער וועכטער: — האָסט אים גוט געזאָגט. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיק מיט זיי. אַנטלויפט ער, וועסטו מיט דיין קאָפּ מוזן צאָלן.

דער טאָג האָט זיך געצויגן אָן אַ סוף: לאַנג, נודנע און שווער.

פּונקט ניין — האָט מען געביטן די וואַך. איידער דער „אונטער־אָפיצער" איז אַוועק, איבערלאָזנדיק מיך אַליין אין דער פינצטער, פאַר די צוויי רייען קוים באַלויכטענע טורמע פענצטערלעך, האָט ער מיר שטיל אַ זאָג געטאָן:

— קוק היינט, ברודער, מיט בײדע אויגן און האַלט דעם אויער שאַרף.

— וואָס איז היינט ערגער פון אַן אַנדערס מאָל?

ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף די אונטערשטע פענצטער פון דער

געביידע: — ערגעץ־וואו אין איינעם פון אָט די לעכער זיצט דער אוכאַרעטץ(יאַט), וועלכער האָט דאָ ניט לאַנג צוריק אויף גענעראַל פּאַקאַטילאָוון געשאָסן.

— וואָס רעדסטו? ביסטו זיכער?

— כ׳שווער דיר ביי גאָט . . .

— זיי רואיק: כ׳וועל שוין קיין אויג פון די פענצטער ניט אַראָפּנעמען.

— האַלט אויך אַן אויג אויפ׳ן פּלויט: דער אויפזעער פון טורמע האָט מיך געוואָרנט, אַז פאַרדעכטיקע פערזאָנען דרייען זיך איצט אָפט אַרום דער טורמע. ווער ווייסט זיי, אפשר ווילן זיי אים נאָך פּרואוון אַרויס׳גנב׳ענען? . . . ער גיט צו עטוואָס פאַרטראַכט — הלואי וואָלט ער אים געווען דערשאָסן אויף טויט . . . דעם פּאָסקודנעם הונט, דעם פּאַקאַטילאָוון . . . מיך וואָלט אפילו ניט געאַרט דער „אוכאַרעץ״ זאָל אַנטלויפן. אָבער ניט היינט, ווען מיר זיינען אויף דער וואַך.

— זיי רואיק: כ׳וועל שוין היינט ניט שלאָפן.

— און שוין אָפּגייענדיק אַ פּאָר טריט, האָט ער אַ וואָרף געטאָן אויף צוריק: — כ׳דענק, אַז דער טייוול אונזערער, דער ראָטנע, וועט מן־הסתם נאָך היינט אויך אַריינקריכן אַהער.

— זיי רואיק!

כ׳האָב גענומען שפּאַנען פאַרביי די פענצטער, האַלטנדיק פעסט די ביקס אין דער רעכטער האַנט יעדער פענצטער איז געווען ווי אַ באַזונדער בייז באַשעפעניש מיט זיין אייגענעם פּנים, אייגענעם האָס און אַלע צוזאַמען האָבן זיי געדראָעט מיט די שוואַרצע גראַטעס און זיך ווי פאַרברייטעט צו אַ טויט שפּרונג.

און מיט אַמאָל האָט אַ בליץ געטאָן אַן איינפאַכער געדאַנק און דער שרעק סיי פאַר דער נאַכט אַזוי אויך פאַר די פענצטער איז מאָמענטאַל פאַרשוואונדן. דער געדאַנק, אַז אָט אין איינעם פון די פענצטער ליגט אויף אַ בעטל וואַניאַ, ליגט און זיין ברענענדיקער מאַרך הערט זיך איין מיט טויזנטער אויערן, צו קען ער שוין צוגיין צום פענצטער, אָפּנעמען אַ גרוס פון זיין פרוי און קינדער, אַ גרוס פון דער גרויסער, שיינער וועלט.

און ניטאָ איז שוין מער קיין שרעק אין מיר, ניטאָ אפילו מער קיין פאַרזיכטיקייט, וואַניען מוז איך זען און טאַקע גלייך, וואָס שנעלער: צוויי שעה בלויז וועל איך שטיין אויף דער וואַך און דער־

נאָך? דערנאָך וועל איך אים שוין ניט זען מער. מעגלעך קיינמאָל ניט. אויס וואַניאַ. פּונקט ווי ניט געווען.

איך בלייב שטיין אין דער מיט פון דער געביידע, הויב זיך אויף די שפּיץ פינגער, און פּרואוו פון וויטנס אַריינקוקן אין די קאַמער־לעך דורך די פענצטער. די נערוון ווערן אַלץ אָנגעשטרענגטער. אָט באַלד שריי איך אויס דעם נאָמען. דאָ דערמאָן איך זיך און פאַנג אָן אויספייפן די „מאַרסעליעזע". און באַלד גיט אין איינעם פון די באַלויכטענע פיערעקן אַ שוועב אַ מענטשלעכער שאָטן און אַ ווייסער פּנים שניידט זיך טיף איין אין די גראַטעס.

אָטאָמאַטיש גיב איך אַ שנעלן קוק אין ביידע זייטן און גיי צו צום פענצטער. וואַניאַ איז גאָר נאָענט פון מיר: מיט דער האַנט קען איך אים לייכט דערלאַנגען. מיר קוקן ביידע איינער אויפן צווייטן און אַלע פראַגעס זיינען מיט אַמאָל ווי אָפּגעשטאָרבן. דאַכט זיך, אַז שוין זייער לאַנג ווי מיר שטייען אַזוי און שווייגן. ער ציט אויס ביידע הענט צו מיר. איך דריק זיי צו מיין הייסן שטערן. איך הער זיין קול: (עס קלינגט אַזוי נאָענט און אַזוי ווייט).

— וואָס מאַכט סאַשענקאַ? די קינדער? וואו געפינען זיי זיך איצט? וואָס רעדט מען אין שטאָט וועגן זיין ניט . . ניט געלונ־גענען אָנפאַל? וואָס שרייבן די צייטונגען? ווי שלעכט עס דאַרפן זיך פילן די חברים נאָך . . . אַזאַ דורכפאַל.

ניט איך, נאָר עמיצער אין מיר האָט פיבעריש גערעדט, געענט־פערט אויף זיינע פראַגן, און אים געפּרואווט דערוויזן די אומגע־הויער גרויסע ווירקונג וואָס זיין אַטענטאַט האָט געהאַט אויף דער געזעלשאַפטלעכער מיינונג ניט נאָר אין אונזער געגנט, נאָר אויך איבערן גאַנצן לאַנד. בפרט האָב איך זיך אָפּגעשטעלט אויף דער גרוי־סער ווירקונג וואָס זיין אַקט האָט געהאַט אויף די סאָלדאַטן. אַ סך פון זיי זיינען געוואָרן זיינע פריינט, פריינד פון אונזער באַוועגונג . . . און אַרויפקוקנדיק צו אים, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זיין פּנים ווערט אַלץ ליכטיקער, די אויגן שטראַליקער און דער דרוק פון זיינע הענט אין מיינע — הייסער און פעסטער.

— הייסט עס, מיין לעבן איז פאָרט ניט אינגאַנצן אין ניוועץ אַוועק? . . . עס וועט פאָרט אַביסעלע נוצן ברענגען? . . .

— אַ סך נוצן, וואַניאַ . . . פּונקט ווי דאָס לעבן פון אַלע אונ־זערע העלדן, פון אַלע אונזערע מאַרטירער . . .

וואַניאַ האָט אַרויסגענומען זיינע הענט פון מיינע און מיט אַ טי־כעלע גענומען ווישן די אויגן שטיקנדיק זיך מיט טרערן. און ביים זעלבן פענצטער, נאָר עטוואָס נידעריקער, האָט אויך דער וועכטער שטיל געוויינט.

11

דעם צווייטן מאָנטיק האָב איך ניט געקענט גיין מיט דער וואָך אין טורמע: מיט אַ טאָג פריער האָב איך זיך מיט אַ קלייניקייט פאַרזינדיקט פאַרן ראַטני־קאָמאַנדיר און ער האָט מיך באַשטראָפט מיט זעקס שעה שטייען „אונטערן ביקס" (1).

אָבער דאָס ערגסטע איז געווען ניט די שטראָף גופא (די הברים האָבן זי מיר פאַרלייכטערט) נאָר דער פאַקט, וואָס כ'האָב ניט געקענט מיטגיין אין טורמע. ניט געקענט זען וואַניען, אים איבערגעבן אַ פּאָר בריוו און אים אַביסל דערמוטיקן. געוואוסט האָב איך, אַז לאַנג וועט עס שוין ניט אָנהאַלטן, אַז גאָר אינגיכן וועט מען אויספירן דעם אורטייל.

פרייטיק אין דער פרי האָט מיר אַ יונגער, ליבעראַל־געשטימטער אָפיצער, איבערגעגעבן, אַז ער האָט נעכטן געהערט אין שטאַב, אַז דעם קומענדיקן מאָנטיק ביינאַכט וועט מען איוואַנאָוון הענגען. ער האָט מיר אויך דערציילט, אַז איוואַנאָוו'ס פרוי און אַ גרופּע ליבעראַלן פון שטאָט זיינען לעצטע וואָך געגאַנגען צו גענעראַל פּאַקאַטילאָוון, אים בעטן צו באַגנאַדיקן דעם יונגן איוואַנאָוון. פּאַקאַטילאָוו האָט זיך ניט נאָר אָנטזאָגט עס צו טאָן, נאָר זיי אַלעמען אַרויסגעטריבן פון זיין הויז.

ערשט איצט איז פאַר מיר אויפגעקומען מיט דער פולסטער גרויזאַמקייט דער פאַקט, אַז וואַניאַ וועט מוזן שטאַרבן. אמת כ'האָב אויך ביז איצט געוואוסט וועגן דעם, אָבער אונטער דעם ווּיסן איז, ווי ס'ווייזט אויס, שטענדיק געליגן אַן אונטערגעדאַנק, אַז עפּעס אַ נס וועט געשען, און וואַניע'ס לעבן וועט געראַטעוועט ווערן. זאָל זיין

---

(1) אַ שטראָף ביי וועלכער דער באַשטראָפטער מוז שטיין באַוועג־לאָז, אונטער דער זון, אַ באַלאָדענער מיט דער פולער מאָס אַמוניציע.

קאַטאָרגע, זאָל זיין לעבנסלענגלעכע געפענקעניש, זאָל זיין וואָס עס וויל זיך, אַבי ניט דער שטריק, אַבי דער העלער, אימער ברויזנדיקער, וואַניאַ זאָל ניט דערשטיקט ווערן אויף דער תליה . . . ניין, נאָר ניט דאָס . . .

און דאָ מיט אַמאָל אַזעלכע קלאָרע דיבורים: „מאָנטיק ביינאַכט וועט מען אים הענגען". צו ווייסט ער שוין וועגן דעם? צו האָט ער די גאַנצע צייט, פונקט ווי איך, זיך אַליין ניט גענאַרט און אויך געוואַרט אויף אַ נס? . . . געגלויבט, אַז ער וועט נאָך ווען עס איז אַרומגעמען זיין בלאָנדע סאַשענקע, זיך שפּילן מיט די קינדער? . . . וואָס־זשע טוט מען איצט? . . . וואָס טוט מען פּאָרט? . . . ביז מאָנטיק זיינען נאָך דריי טעג פאַראַן . . . דריי טעג . . . דריי טעג צו ראַטעווען וואַניען, אָבער ווי אַזוי? ווי אַזוי?

האָבן זיך אַ צי געטאָן פיינלעכע טעג און וואַנזיניקע נעכט, ווען די גרעניצן פון ליכט און פינצטערניש, פון קלאָרן פאַרשטאַנד און וואַנזין, פון מעגלעכקייטן און אַבסורדן, — האָבן צוזאַמענגעפלאָכטן אַ געדיכטן פּלאָנטער אין מיין מאַרך, מיך האָפנונגסלאָז געטריבן פון איין עקסטרימען פּלאַן צו אַ צווייטן, נאָך אַ מער פאַנטאַסטישן.

„מאָנטיק . . . מאָנטיק וועט עס געשען. דאָס וואָרט „מאָנטיק" איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קאָשמאַר אין אַ גרויסן גיפטיק־שוואַרצן שפּין, וועלכער האָט זיך דראָענדיק געוויגט איבער מיר. וואָס איז אייגנטליך אַזעלכעס שרעקלעכעס אין וואָרט „מאָנטיק"? מאָנטיק איז דער ערשטער טאָג פון וואָך. צוויי און פופציק מאָנטיקס שטעלן צוזאַמען אַ יאָר און אין מיין לעבן זיינען שוין פאַרלאָפן . . . לאָמיר נאָר זען: כ'בין איין און צוואַנציק יאָר אַלט. 21 מאָל 52. ס'איז עטוואָס מער ווי טויזנט מאָנטיקס . . . און דאָך איז קיין איינ־ציקער פון זיי ניט געווען אַזוי שרעקלעך, קיין איינציקער פון די אַריבער טויזנט מאָנטיקס . . ."

פאַרן פעלדפעבל האָב איך זונטיק באַנאַכט געוויינט מיט ביטערע טרערן. טאַקע אין אַן אמת'ן געוויינט. כ'האָב זיך פאַר אים מודה געווען, אַז אָן מאַרינקען, דעם וועכטערס טאָכטער, קען איך ניט לעבן. כ'האָב אים דערציילט מיט אַלע איינצלהייטן ווי אַזוי מיר האָבן ביידע זיך אין ליבע דערקלערט, ווי זי האָט מיר געשוואוירן ביי גאָט און ביים צלם, אַז פון היינט אָן ווערט זי שוין אַ ערלעכע פרוי און וועט אפילו ניט קוקן מער אויף קיין פרעמדן מאַן. און אָט בין

איך איצט געקומען צו אים, צו מיין בעסטן פריינט, קאַראַוואַיעוון, פרעגן אַן עצה, צו קען איך מאַרינקען גלויבן, צו מעג איך חתונה האָבן מיט איר?

און אַ דערוואָרעמטער, אַ טיף גערירטער פון מיין גלויבן אין אים, פון מיינע טרערן און נאָך מער, פון די פּאָר טיי־גלעזער שנאַפּס, וואָס ער האָט אַריינגעכאַפּט, האָט ער מיך פעסט געהאַלטן ביים קאָלנער פון מיין נייער, גימנאַסטישער העמדל און שווערלעך גערעדט, אָטע־מענדיק מיט הייסן שנאַפּס מיר אין פּנים אַריין:

— הער, ברודער, וואָס איך וועל דיר זאָגן . . . דו גלויב זיי ניט די סטערוועס, די ווייבער . . . די בליאַדיעס (1). ניין, זאָג איך דיר, ווייבער טאָר מען קיינמאָל ניט גלויבן . . . נו און מיינער, מיינסטו, דער ווייב מיינער, גלויב איך? . . . אַז לעבן זאָל זי אַזוי, די הינטישע טאָכטער . . . און אפילו דאָס וואָס זי האָט שוין דריי בייסטרוקעס און יעדער פון זיי זעט אויס פּונקט ווי איך, קאַראַ־וואַיעוו . . . איז וואָס? זאָג איך דיר, אַז דאָס איז נאָך אויך קיין באַוויז ניט . . . הערסט, פון וואַנען ווייס איך, אַז היינט באַנאַכט, ווען איך שלאָף איינער אַליין דאָ אין קאַזאַרמע, אָדער ווען איך שלאָף אַמאָל מיט אַ סאָרטיאַנקע אין „הויכן הויף" (פּראָסטיטוטקע־הויז), פון וואַנען ווייס איך, אַז זי, די סטערוועע, די ווייב מיינע שלאָפט ניט מיט קיין קאָזאַק ביי זיך אין קיך, וואו זי דינט? . . . פון וואַנען ווייס איך עס, אַ? . . . און וועגן מאַרינקען זאָג איך דיר, אַז זי איז נאָך ערגער פון דער לעצטער . . . אַ פּאַדליוגע איז זי . . . מיט אַלע סאָלדאַטן פון גאַנצן גאַרניזאָן האָט זי זיך שוין אויסגעוואַלגערט . . . שפּיי זיך אויס אויף איר . . . וועסט קריגן אַ בעסערע . . . גיי מאָרגן אין טורמע מיט דער וואַך און שיק זי צום טייוול . . הערסט, זאָג אַז איך האָב דיר באַפוילן אַזוי צו טאָן . . . אַזאַ פּאַסקודע . . . אויס חתונה! דו הערסט?! טרינק נאָך אַ גלעזל . . . אויס חתונה! . . .

און כ'האָב געטרונקען. זיך אַנגעגע'שיכור'ט: — ביסט אַ קלוגער מענטש, קאַראַוואַיעוו . . מאָרגן גיי איך און שיק זי צום טייוול. אויס!

אַ גאַנצע נאַכט געפיבערט. איין געדאַנק האָט געהאַלטן אין עג־בערן דעם מוח: ווייסט שוין וואַניאַ, אַז מאָרגן . . . מאַנטיק . . .? צו מען וועט גאָר פּלוצלונג באַנאַכט זיך אַריינרייסן אין זיין קאַמער

---

(1) גאַסן־פרויען.

און אים שלעפּן צו דער תליה? . . נעכטן איז געווען אַזאַ ליכטיקע נאַכט, היינט איז נאָך ליכטיקער און מאָרגן — מאָנטיק — וועט זיין אַ פולע לבנה. מען וועט אפילו קענען לייענען אין גאַס אָן ליכט. און אָט אין אַזאַ ליכטיקע, זילבערנע נאַכט וועט מען . . . און מיט איר, מיט זיין פרוי, מיט סאַשענקען, וועט ער זיך אַפילו ניט געזעגענען? און אויך מיט די קינדער ניט... ווי קען עס זיין? ער גייט דאָך אַוועק אויף אַזאַ לאַנגער צייט . . . יאַ, אויף זייער אַ לאַנגער צייט...

אַכאַשווילי טרעט די גאַנצע צייט ניט אָפּ פון מיר. זינט מען האָט איוואַנאָוון אַרעסטירט, האָט ער פאַרלוירן כמעט ווי האַלב פון זיין וואָג. ער פרעגט קיינמאָל ניט וואָס וואַניאַ מאַכט, נאָר זיינע בליקן בעטן, ווינען און כ'דערציייל אים אַלץ וואָס נאָר איך וויס. ער הערט מיך אויס, ענטפערט ניט און גייט אַוועק. מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט ער מיר איינמאָל שטיל געזאָגט: — הער, אויב ס'איז נאָר פאַראַן אַ וועג צו באַפרייען וואַניען, אפילו מיטן פּרייז פון אַנדערע לעבנס, מיינס אַריינגערעכנט, בין איך צו יעדער צייט פּאַרטיק עס צו טאָן. קענסט זיך אויף מיר פאַרלאָזן.

— ניין אַכאַשווילי. אים וואָלט מען געקענט ראַטעווען, בלויז ווען די גאַנצע וואַך זאָל אַוועק מיט אים. אָבער דאָס איז אוממעג־לעך. אפילו ווען מיר וואָלטן עס געקענט באַוויזן, האָבן מיר קיין רעכט ניט מקריב צו זיין צוועלף לעבנס פאַר איינעם . . . מיר האָבן אים פאַרלוירן, ברודער, פאַרשפּילט . . .

אַכאַשווילי היט מיך היינט אַ גאַנצן טאָג פון דערווייטנס. ער ווייסט נאָך ניט וועגן „מאָנטיק", אָבער ער פילט, אַז דער אומגליק איז שוין גאַר נאָענט. וואָס איז דאָ פאַראַן צו באַהאַלטן? ער האָט די זעלבע רעכט עס צו וויסן פונקט ווי איך . . . איך רוף אים צו.

ער שטייט פאַר מיר און וואַרט. קוקט מיר גלייך אין פּנים און זיינע פעך־שוואַרצע אויגן שפּריצן מיט ווייסע פונקען אונטערן שווערן דרוק פון די רייען מאַסיווע קנייטשן אויף זיין הויכן שטערן. „דער מאַן דאַרף האָבן אַן אייזערנעם ווילן", טראַכט איך פאַר זיך און זאָג: — מאָרגן, אַכאַשווילי, מאָרגן צוועלף ביינאַכט . . .

ער ענטפערט ניט, פרעגט ניט איבער, כ'זע אַז די ברוינע הויט פון זיין פּנים ווערט געל, דער אָטעם בלייבט שטיין ביי אים אין האַלדז און די מוסקולן צווישן רעכטן אויג און האַלדז ציען זיך קאָנוואולסיוו צוזאַמען. דאַכט זיך, אַז כ'האָב אויך געהערט אַ קריץ

פון זיינע ציינער. ער גייט אין צווייטן עק קאַזאַרמע, וואו זיין בעטל שטייט, און איך זע פון ווייטנס, ווי ער לייגט זיך אַוועק אַזוי לאַנגזאַם און פּאַרזיכטיק, פּונקט ווי ער וואָלט פון גלאָז געווען און מורא גע־האַט זיך צו צעברעכן.

דעם זונטיקדיקן אָוונט, ווי געזאָגט, האָב איך פאַרבראַכט ביים פעלדפעבל אין צימער, געטרונקען מיט אים, אויסגעוויינט דאָס„ פאַר־ליבטע" האַרץ און אים געהאָלפן פונאַנדערצוטיילן די ראָטע פאַר דער מאָרגנדיקער וואָך. פאַרן אַוועקגיין האָט ער מיר פעסט געזאָגט, זיך שאָקלענדיק אויף די ניט זייער פעסטע פיס: — געדענק: דאָס לעצטע מאָל גייסטו ביי מיר מאָרגן אין טורמע . . . שיק זי קיבעני מאַטערי (צום טייוול) און פאַרטיק!

— אַ דאַנק פאַר אַ פריינטלעכע עצה... כ'וועל עס זיכער טאָן...

אינדערפרי, איידער כ'האָב פאַרנומען מיין פּלאַץ אין די רייען פון דער טורמע־וואָך, האָט אַכאַשווילי מיך אָפּגערופן אָן אַ זייט און שטיל געזאָגט, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט: — זאָג איוואַנאָוון, אַז אַכאַשווילי איז פאַרטיק אָפּצוגעבן זיין גאַנצן לעבן, כדי אים כאָטש אַביסל גרינגער צו מאַכן דעם . . טויט. זאָג עס אים.

— גוט, אַכאַשווילי, כ'וועל עס אים זיכער זאָגן.

ער איז שנעל אַוועק און, נאָכקוקנדיק אים, האָב איך געזען, ווי זיין געוויינלעך גלייכע שטייפע פּלייצע האָט זיך געבויגן צו דער ערד.

12

היינט איז וואַניעס לעצטער מאָנטיק. איך גיי מיט דער וואַך צו דער טורמע. אונזער עלטסטער איז דער שטענדיק, אָנגעכמורעטער, אימער בייזער אונטער־אָפיצער סעדאָוו. די אַלטע סאָלדאַטן דער־ציילן, אַז מיט עטלעכע יאָר צוריק איז אָט דער זעלבער סעדאָוו, ווען מען אַלע האַלטן פאַר אַזאַ שלעכטן און האַרטן מענטשן, געווען אַ גוטמוטיקער, לעבנס־לוסטיקער בחור, שטענדיק אַ פאַרטיקער ניט נאָר, אַ שיכור צו טאָן מיט חברים, נאָר אויך זיי אָפּגעבן דאָס לעצטע העמד. געביטן האָט ער זיך, ווען, צוריקקומענדיק צו זיך אין דאָרף, האָט ער אויסגעפונען, אַז די ווייב האָט די גאַנצע צייט געלעבט מיט אַ צווייטן, טאַקע זיינעם אַ גוטן פריינט. אין אַ אָנפאַל פון צאָרן, האָט ער זייביידן שיעור ניט גע'הרג'עט, דערנאָך צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע און פריוויליק זיך געמאָלדן צו דינסט. פון דאַן אָן, איז

די קאַזאַרמע געוואָרן זיין היים. פון זיין דאָרף און משפחה וויל ער מער ניט וויסן.

גייען מיר אין טורמע. מען שפּאַנט, ווי געוויינלעך, פריי, לאַכנדיק און איבעררעדנדיק זיך. און די זון, דיביימער און פייגל אַרום, פרייען זיך מיט אונז צוזאַמען

— אין די רייען! — הערט זיך סעדאָוו׳ס קול: די ווענט פון טורמע באַגריסן אונז שוין פון ווייטנס. אָט עפענען זיך די טויערן. מיר גייען אַריין. דאָס האַרץ מיינס קלאַפּט שוין ניט מער. אָט באַלד פאַל איך צו דער ערד.

קורץ געהאַקטע ווערטער פון קאָמאַנדע. די אַלטע וואַך גיט איבער דער נייער די טורמע. מיר וויסן שוין אונזערע פּלעצער און לאָזן זיך גיין צו זיי.

איך קוק זיך פאַרזיכטיק אַרום. באַגריס זיך מיט בעקאַנטע. איך זע ווי דער אונטער־אָפיצער פון דער אַלטער וואַך דערציילט עפּעס שטיל סעדאָוו׳ן, וועמענס פּנים כמורעט זיך גלייך אָן. באַלד קומט ער צו צו אונז.

— חברה, דער טייוול זאָל עס נעמען: מיר זיינען היינט אַריינגעפאַלן אין אַ קאַשע.

— וואָס איז? וואָס איז געשען? — הערן זיך פון אַלע זייטן פראַגעס.

— היינט ביינאַכט וועט מען דאָ עמיצן אויפהענגען.

נייגיר און שרעק געבן זיך אַ מיניע איבער די סאָלדאַטסקי פּנימ׳ער: — הענגען? . . . וועמען? . . . פאַרוואָס? . . .

— דעם זעלבן יאַט, וועלכער האָט דאָ אַנומעלטן גענעראַל פּאָקאָטיון געוואָלט שיסן.

אַלעמענס פּנימ׳ער ווערן מיט אַמאָל אָנגעשטרענגט: אַזוי גאָר? אים? . . . אַ שאָד: נאָך גאָר אַ יונגער־מאַן . . . מען זאָגט, ער איז זייער אַ געלערנטער . . . האָט אַ ווייב מיט קינדער . . . אַ שאָד . . . דער רוח זאָל זייערע טאַטעס נעמען, די הינטישע זין . . .

ווי יעדן מאָנטיק אין דער צייט, האָבן מיר אויך היינט געפונען די גאַנצע באַפעלקערונג פון טפיסה, שפּאַצירנדיק איבערן ברייטן הויף. די זעלבע בונטע פאַרבן און קונסטפולע גרופּירונגען. געפעלט האָט אָבער דער שטענדיקער טומל. אַלע האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, פאַרזיכטיק און זיך אָפט אַרומגעקוקט. קיינער האָט ניט געלאַכט,

אפילו ניט די זיבן פרויען, פאַרנומענע מיט אויסנייען, אויפן זעלבן פלאַץ, אונטערן שוץ פון זייערע צוויי וועכטער.

אפילו די גרופּע „קאַטאָרזשניקעס" איז ניט געווען היינט אַזוי חוצפּה׳דיק און פיל וויניקער געקלונגען מיט זייערע קייטן.

רעכטס, ניט ווייט פון דער וואַנט, האָבן צוויי סאָרטן געגראָבן צוויי גריבער און נעבן זיי זיינען געלעגן עטלעכע אייזערנע סלופּעס און פּרענטעס. די אַרעסטאַנטן האָבן פון דער זייט געוואָרפן בליקן פול מיט רציחה אויף די צוויי גרעבער, אויפגערעגט זיך גע׳סוד׳עט צווישן זיך און איינמאָל, ווען די וועכטער האָבן זיך פאַרקוקט אָן אַ זייט, האָט זיך אויף די צוויי סאָרטן אַ טראָג געטאָן אַ האָגל מיט שטיינער.

די סאָרטן האָבן גענומען שרייען און די וואַך איז זיי געקומען צו הילף.

— דאָס שטעלט מען אויף אַ תליה פאַר וואַניען — האָט עמיצער אין מיר ווילד אויסגעשריגן — אַ תליה פאַר וואַניען!

וואַסיליעוו, אַ באַקאַנטער טורמע־וועכטער, איז צוגעקומען און מיך באַגריסט. ניט קענענדיק זיך שוין מער קאָנטראָלירן, האָב איך אים אָנגעוויזן אויף די גריבער און גאַנץ הויך, ווי מיט אַ פרעמד קול, אַ פרעג געטאָן: — זאָג, ווייסט שוין איוואַנאָוו וועגן... אָט דעם?

ער האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ אויף יאָ: — נעכטן, פאַרן שלאָפן גיין, האָט דער אויפזעער אים אָנגעזאָגט די פרייליכע בשורה. איך בין אויך געווען דערביי.

— אַזוי?... שוין אָנגעזאָגט?... נו, און ער, איוואַנאָוו, ווי אַזוי האָט ער עס אויפגענומען?

וואַסיליעוו האָט געוואָלט גלייך ענטפערן, אָבער זיין פּנים האָט זיך מיט אַמאָל ווי צעבראָכן אין צענדליקער שטיקלעך און די אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. ער האָט צוגעוואָרט אַ ווײַלע: — צו־ערשט האָט ער זיך ווי דערשראָקן. געקוקט אויף אונז און ווי גאָרניט ניט פאַרשטאַנען. פּלוצלונג גענומען לאַכן, אויפגעשפּרונגען פון שטול און גענומען שפּאַנען לאַכנדיק איבערן צימער. ביי מיר מיטן אויפ־זעער האָט די הויט געציטערט אויפן לייב. דערנאָך איז ער צוגע־גאַנגען צום פענצטער, צוגעדרוקט דעם שטערן צו די גראַטעס און...

אַזוי האָבן מיר אים שוין איבערגעלאָזן. — ער האָט טיף אָפּגעזיפצט:
— יאָ, ס׳איז שווער צו גיין צו דער אייגענער לויה.
וואו געפינט ער זיך איצט, איוואַנאָוו?
— שפּאַצירט אין צווייטן טייל הויף: ווי קאָן מען אים אָט דאָ לאָזן אַרומגיין און צוזען ווי מען שטעלט צונויף פאַר אים די תליה?
— און ער האָט מיט אַ טיפן זיפץ צוגעגעבן: — אַ שאָד, אַ וואוילער יונג . . . מיר האָבן אים דאָ אַלע ליב באַקומען.
די גאַנצע טורמע איז אויפגערעגט, ביי אַלעמען זיינען די נערוון אָנגעצויגן. אַלע אָנגעשטעלטע, פונם אויפזעער ביזן איינפאַכסטן וועכטער, איילן זיך עפּעס צו טאָן, אָדער מאַכן אַן אָנשטעל, אַז זיי זיינען גאָט ווייסט ווי פאַרנומען.
בפרט איז פאַרצווייפלט דער אויפזעער: דאָס ערשטע מאָל אין זיין קאַריערע, אַז ביי אים אין טורמע הענגט מען אַזאַ וויכטיקן „פּאָ־ליטישן פאַרברעכער״, און ער האָט נאָך מיט וואָכן צוריק, גלייך ווי מען האָט איוואַנאָוון פאַר׳משפּט צום טויט, אויסגעפּלאַנירט צו מאַכן פון דער הינריכטונג אַזאַ ספּעקטאַקל, אַז די „אינוויינינקסטע״ שונאים זאָלן אויפציטערן און, די הויפּט זאַך, דער „נאַטשאַלסטווע״ (עלטסטע) זאָל עס שטאַרק געפעלן. ווער ווייסט? אַזאַ פּאַסירונג קאָן אים נאָך אַמאָל אַ הייב טאָן אויף עטלעכע שטאַפּלען פון זיין קאַריערע מיט איין מאָל? ער קען נאָך קריגן אַן אויסצייכעניש. מען קען אים נאָך איבערפירן אַלס אויפזעער אין איינער פון די גרעסטע טורמעס פון לאַנד. דאַכט זיך, ער האָט אַלץ אַזוי גוט און גענוי אויסגעפּלאַ־נירט און דאָך . . . גייט עס מיטן פּוטער אַראָפּ.
אָנגעפאַנגען האָבן זיך די צרות מיט די וועכטער, וועלכע האָבן, אַלע ווי איינער, זיך אָנטזאָגט אויפצושטעלן די תליה. זיי האָבן גע׳טענה׳ט, אַז דאָס גייט ניט אַריין אין זייערע פליכטן. צוויי האָבן זיך אפילו אינגאַנצן אָפּגעזאָגט בייצוואוינען די הינריכטונג און ער האָט זיי געמוזט אָפּזאָגן פון די שטעלעס. עס האָט אים גענומען אַרי־בער אַ טאָג, ביז אים איז געלונגען צו קריגן צוויי סאָרטן אויפצו־שטעלן די תליה, וועלכע מען האָט ספּעציעל געבראַכט אַזש פון טאַשקענט. אָבער קריגן אַ תלין איז אים דערוויל ביז איצט נאָך ניט געלונגען.
אַלע, אפילו די „קאַטאַרזשניקעס״, האָבן זיך אָפּגעזאָגט פונם כבוד, ניט קוקנדיק אויף דער צען רובלדיקער באַלוינונג, וואָס ער האָט

זיי פאַרגעלייגט. נעכטן אָוונט איז אים ענדלעך שוין געלונגען איבערצורעדן אַ יונגן קירגיז, וועלכער האָט נאָך באַדאַרפט „זיצן" 8 חדשים פאַר גנבה. ער האָט אים צוגעזאָגט גלייך צו באַפרייען און נאָך צוגעבן 20 קערבלעך דערצו. היינט אין דער פרי האָט מען אָבער דעם ניי־געבאַקענעם הענקער געפונען אויף זיין בעטל אַזאַ צע־שלאָגענעם, אַז מען האָט אים גלייך געמוזט אַוועקשיקן אין האָספּיטאַל.

גלויבט שוין דער אויפזעער איצט קיינעם ניט. ער שטייט אַליין נעבן דער וואַנט און היט די וועכטער, וועלכע היטן איוואַנאָוון און טראַכט מיט שרעק, וואָס וועט פאַרט זיין, אויב ער וועט טאַקע ביז ביינאַכט קיין תליון ניט געפונען? ער קען נאָך דערפאַר אַליין די שטעלע פאַרלירן. אַזאַ שאַנדע: צווישן אַריבער זעקס הונדערט פאַר־ברעכער זאָל זיך ניט געפונען קיין איין לייטישער. סיידן זיך אַליין אַוועקשטעלן און . . . אָפּטאָן די אַרבעט.

וואַניען זע איך פון ווייטנס. ער זיצט אויפן גראָז, מיט דער פּלייצע צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. די אויגן זיינען פאַרמאַכט, דעם פּנים האַלט ער איינגעאַנצן אויסגעצויגן צו דער זון און די הענט הענגען, ווי ניט זיינע, פון ביידע זייטן קערפּער.

אַ סאָלדאַט פון אונזער וואַך דערציילט מיר שטיל, אָנווייזנדיק מיט די בליקן אויף איוואַנאָוון: — זעסט, אָט אַזוי האָט ער זיך אַוועקגעזעצט גלייך ווי מען האָט אים אַרויסגעפירט מיט צוויי שעה צוריק. ווי ניט קיין לעבעדיקער, אַזוי זיצט ער און רירט זיך ניט פון אָרט. אָרימער. ער וויל אין זיך אַריינציען די גאַנצע וואַרימ־קייט פון דער זון . . . זע ווי געל זיין פּנים איז . . . מאָרגן אין דער צייט וועט ער שוין . . — ער פאַרענדיקט ניט.

— הלואי זע איך שוין דאָרטן אונזער פּאָקאַטילאָוון — זיפצט אונטער אונז אָפּ אַ צווייטער סאָלדאַט — כ'האָב אַ ווייך האַרץ. כ'קען אַזעלכע זאַכן ניט צוזען . . . האָט דער רוח אונז גראַדע היינט גע־בראַכט אַהער . . .

נאָך צוויי סאָלדאַטן קומען צו. איינער פרעגט מיט שרעק: — איז עס אמת, אַז ווען מען וועט אים הענגען וועלן מיר אַלע מוזן שטיין דערביי?

— זיכער — ענטפערט אַ צווייטער — מירן שטיין און צוקוקן וואָס די הינטישע זין וועלן מיט אים טאָן.

פון דערווייטנס זע איך, ווי אַ וועכטער גייט־צו צו וואַניען און, צור־

בייגנדיק זיך, זאָגט ער אים עפּעס. וואַניאַ רירט זיך ניט. דער וועכטער חזר׳ט איבער זיינע ווערטער, אָבער דער רעזולטאַט איז דער זעלבער. אַ צווייטער וועכטער קומט צו און פּרוּווט אויך רעדן צו וואַניען. דער לעצטער עפנט אפילו ניט די אויגן, ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט.

דער פעסלדיקער אויפזעער פון טורמע איילט שוין צום פּלאַץ, וואו איוואַנאָוו זיצט. די צוויי וועכטער נעמען דערוויל זייער פאַר־זיכטיק אָן וואַניען אונטער די אָרעמס און שטעלן אים אויף. ער צי־טערט אויף, קוקט זיך דערשראָקן אַרום, גיט זיך אַ ריס פון זייערע הענט. זיי באַרואיקן אים: די צייט פון שפּאַציר איז שוין פאַראיבער און ער מוז גיין צוריק אין קאַמער.

ער בויגט אָן דעם קאָפּ, פּרוּווט אַ שמייכל טאָן און גייט צו דער ברייטער טיר, וואָס פירט צו זיין צעל. און ווי מאָדנע ער גייט עס היינט: די הענט שלעפּן זיך נאַכלעסיק נאָך און דער קערפּער טרייסלט זיך אויף די פיס, פּונקט ווי ער וואָלט געווען שוואַך צוגעשרויפט. דעם קאָפּ האַלט ער אומנאַטירלעך הויך אויפגעהויבן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט זען וואָס עס טוט זיך דאָרט, איבערן דאַך, איבערן הויכן ליימיקן פּלויט, אויף דער פרייער וועלט.

אַלע שטייען מיר מיט פאַרכאַפּטע אָטעמס. פון הינטן, פונם הויף, דערטראָגן זיך קלעפּ פון האַמערס, און יעדער קלאַפּ הילכט אָפּ מיט שוידער. דאָס קלאַפּט מען צונויף די תּליה.

איך פיל שוין לאַנג קיין זאַך ניט; ניטאָ מער קיין ווייַ, קיין וואונטש צו שרייען ווילד אָדער וויינען. ווי אַ זייטיקער דריי איך זיך דאָ אַרום, היט יעדנס פּנים, הער זיך איין אין אַלעמענס רייד און וואַרט אַלץ אויף עפּעס. אויף וואָס איך וואַרט, ווייס איך אַליין ניט. מען דאַרף וואַרטן — —וואַרט איך. איין זאַך איז פאַר מיר אָבער קלאָר: וואַניען מוז איך זען, מיט אים מוז איך רעדן, כ׳מוז אים איבערגעבן די לעצטע גרוסן פון אַלץ און אַלעמען. און איצט, ווען ער האָט זיך געלאָזט גיין מיט אַזאַ צעבראָכענעם טראָט צו זיין קאַמער, מיט די וועכטער פון ביידע זייטן און דעם אויפזעער פון הינטן, האָב איך פאַרלאָרן דעם גאַנצן קאָנטראָל איבער זיך. כ׳בין אַרויסגעטראָטן פון דער גרופּע סאָלדאַטן, וואו כ׳בין ביז איצט געשטאַנען, געמאַכט צוויי טריט פאָראויס און זיך גאַנץ הויך צוהוסט. און וואַניאַ האָט מיך דערזען. ער איז מיט אַמאָל שטיין געבליבן. זיינע נאָר וואָס

טויטע הענט האָבן אַ פּלי געטאָן אין דער הויך און געפאַלן אויף זיין פּנים. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן, אַרומגערינגלט מיט די דערשראָקענע וועכטער, דערנאָך אַ זיכערן לאַך געטאָן און מיט פעסטע טריט געגומען גיין שנעל צו זיך אין קאַמער. די דריי זיינען, ווי הינטלעך, אים נאָכגעלאָפן פון הינטן.

13

די נאַכט פאַלט דאָ צו מיט אַמאָל, אָן שום בין־השמשות איבער־גאַנגען. אָט איז דאַכט זיך, נאָר וואָס געווען ליכטיק, האָסטו זיך פאַר־קוקט, אָדער פאַרטראַכט אויף אַ רגע און ס׳איז שוין נאַכט. פון אונטער די ווייטע, קירגיזער סטעפּעס האָט זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן אַ גאַנצע, מיט געלן זילבער אָנגעזאַפּטע, לבנה. געהויבן האָט זי זיך צוערשט לאַנגזאַם, ווי ניט זיכער, דערנאָך זיך דערפילט היימישער און געגומען טרייבן און פאַרשאַרן מיט איר ברייטן, זילבערנעם מאַנטל די גאָלדענע שטערן, וועלכע האָבן ביז איצט אַזוי קלאָר און דרייסט אַראָפּגעקוקט צו דער ערד.

פונקט ניין אַזייגער האָט דער אונטער־אָפיצער סעדאָוו צוגעמאַר־שירט מיט מיר צו מיין אַלטן וואַך־פּלאַץ אין פראָנט פון דער טורמע־געביידע צו בייטן די וואַך. דער וועכטער, וואָס איז ביז איצט גע־שטאַנען, האָט געמעלדעט, אַז די גאַנצע טורמע איז אויפגערעגט, אַז דורך איניקע פענצטער האָט ער געזען, ווי די אַרעסטאַנטן רעדן זיך וועגן עפּעס צונויף.

אַוועקגייענדיק האָט סעדאָוו מיר אָנגעזאָגט: — דו קוק היינט מיטביידע אויגן. לאָז די אַרעסטאַנטן ניט שטיין נעבן די פענצטער. אויב וועסט נאָר עפּעס באַמערקן ניט גלאַטיקס, גיב גלייך אַ פייף און רוף אַרויס די וואַך. און פאַרגעס ניט, אַז דער ראָטני־קאָמאַנדיר וועט זיכער באַלד קומען פון שטאָט.

די צוויי סאָלדאַטן זיינען אַוועק און איך בין ווידער געבליבן אַליין אין דער פינצטערניש מיט דער הויכער, ליימיקער וואַנט פון איין זייט און פון דער צווייטער מיט די רייען עטוואָס באַלויכטענע פענ־צטער. פון יעדן טונקעלן ווינקל, פון יעדן פענצטער, פון יעדן קוסט האָט איצט געווייעט מיט שרעק. און מאָדנע ווי אָט די אַלע שרעקן האָבן אויף מיר היינט ניט געווירקט: דאַגעגן, כ׳האָב היינט אין זיי גע־פילט ווי שותפים אין קאַמף קעגן אַ גרעסערן שרעק, קעגן אַ טויט

געפּאַר. אַ ברענענדיקער האַס, אַ חוצפּה געגרעניצט מיט ווילדקייט, האָט מיך געהויבן אין דער לופטן, פעסט געדריקט די ביקס אין מיינע הענט, געזוכט אַ קרבן.

איך שפּאַן פון רעכטס צו לינקס און צייל די פענצטער. דאַכט זיך, אַז זיינס איז געווען דאָס זיבן אָדער אַכט און צוואַנציקסטע? אַט שטייט ער שוין אין פענצטער. דאָס איז זיכער זיין שטן. איך קוק זיך אַפילו ניט אַרום און גיי גלייך צו אים.

— וואַניאַ! . . .

— אַרטור!...

מיר האַלטן זיך פאַר די הענט, קוקן זיך זשעדנע איין איינער אין צווייטן. זיינע אויגן גלאַנצן, די ברעמען באַוועגן זיך, די ליפּן שמייכלען. ער רעדט שנעל, פיבעריש:

— דיין קומען היינט האָט מיך געראַטעוועט: פאַר דער לעצטער נאַכט, זינט זיי האָבן עס מיר געזאָגט, בין איך זיך ווי צעפאַלן אויף שטיקער, אויף טויטע שטיקער . . . כ'האָב זיך ניט געקענט העלפן. דער מאַרך איז ווי פאַראַליזירט געוואָרן . . . אפשר פאַר שרעק. כ'וויס ניט . כ'בין געבליבן איינער אַליין אין דער וועלט . . . איינער אַליין וועל איך שטאַרבן . . . און קיינער וועט ניט צוזען מיינע לעצטע ווייען, ניט אויפנעמען מיינע לעצטע ווערטער . . ווי שרעקלעך, אַרטור, ס'איז צו שטאַרבן אַליין, פאַרוואָרפן צווישן שונאים, און סאַשענקאַ איז נישטאַ, נישטאַ די קינדער און דו ביסט לעצטע וואָך אויך ניט געקומען . . . קיינער קומט זיך ניט געזעגענען . . . בלויז וועכטער, סאָלדאַטן, ביקסן, שפּיזן אַרום . . . — ער האָט גע־וויינט, גערעדט און געוויינט, אָבער אין דעם געוויין איז ניט געווען מער קיין פאַרצווייפלונג, קיין יאָמער פון אומקום. אַזוי וויינט מען, ווען אַן אומגליק איז שוין פאַראיבער, ווען מען דערציילט וועגן די דורכגעלעבטע שרעקן.

און צוזאַמענעמענדיק מיין גאַנצע ווילנסקראַפט, באַמיענדיק זיך קיין איינציקע טרער זאָל ניט דורכרייסן דעם טאָן פון מיין קול, האָב איך גענומען רעדן:

— איך זע, וואַניאַ, אַז כ'האָב זיך אין דיר ניט אָפּגענאַרט. ניט איך, ניט די חברים, ניט אונזער פאָלק. דיין מוט וועט דיך ניט פאַרראַטן היינט, פונקט ווי דו האָסט דיין גלויבן אין אידעאַל ניט פאַרראַטן ביז היינט. וואַניאַ, סאַשענקאַ קען ניט קומען. זי ליגט

ביי פריינט אין אַ היץ־קרענק . . . דו האָסט עס באַדאַרפט פאַרשטיין און זי ניט באַשולדיקן . . .

— ניין, ניין, — האָט ער מיר איבערגעשלאָגן — כ׳האָב זי אין קיין זאַך ניט באַשולדיקט.

— וואַניאַ, איך ברענג דיר אַ גרוס פון סאַשענקען און פון דיינע צוויי קינדער. איך וועל היינט זיין מיט דיר ביז . . ביז דיין לעצטער מינוט און ברענגען דיין לעצטן אָטעם־צוג צו דיין סאַשענקען מיט די קינדער, צו אונזערע חברים, צו אונזער גאַנצן לאַנד . . . איך ברענג דיר אַ גרוס פונם רוסישן פאָלק. עס וועט אַריינשרייבן דיין נאָמען צווישן די העלדן פון אונזער באַפרייאונגס קאַמף, צווישן די נעמען פון זשעליאַבאָוון, סאָפי פעראָווסקין און קאַליאַיעוון. מוט, וואַניאַ, איז דאָס וואָס מיר פאָדערן איצט פון דיר. מוט איז דאָס איינציקע געווער מיט וועלכן דו קענסט היינט שלאָגן אַלע דיינע שונאים . . . מוט!

און נאָך אַ סך ווערטער האָב איך אין יענע שרעקלעכע מינוטן גערעדט, ווערטער געבוירענע פון ליבע און פאַרצווייפלונג. איין געפיל בלויז האָט ווי אַ העלישער פייער פאַרצערט מיך. דער געפיל, אַז וואַניאַ מוז גיין צו דער תליה און שטאַרבן ווי אַ העלד. און מיט לויכטנדיקע אויגן האָט ער געקוקט אויף מיר, געדריקט מיין האַנט, און מיט פיבער אין קול, איילנדיק זיך, געהאַלטן אין איין דערמאָנען זיך און דערציילן עפּיזאָדן פון זיין ניט־אויסגעלעבטן לעבן.

מיט אַמאָל האָב איך דערפילט, אַז עמיצער האָט אַרויפגעלעגט אַ פעסטע האַנט אויף מיין אַקסל. כ׳בין אַנטשוויגן געוואָרן און אַ קעלט האָט מיך אַרומגעכאַפּט. וואַניאַ האָט אָפּגעהאַקט די רייד. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף צוריק: אונטער מיר איז געשטאַנען מיין אונטער־אָפיצער סעדאָוו. אין זיין האַנט האָט ער געהאַלטן מיין ביקס, וועלכע כ׳האָב געהאַט פריער צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט. ניט קוקנדיק אויף וואַניען, האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן: — דער ראָטני איז געקומען. שנעל אויף דיין פּלאַץ! — און מיר איבערגעבנדיק מיין ביקס, איז ער איילנדיק אַוועק צום וואַך־הויז.

— דו זעסט, וואַניאַ, אַ חוץ מיר האָסטו דאָ נאָך אויך אַנדערע פריינט . זיי מוטיק. מירן אַלע קוקן אויף דיר! . . — כ׳האָב שנעל אַ צי געטאָן זיינע הענט צו זיך און זיי באַדעקט מיט קושן.

מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז אָנגעקומען דער ראָטני־קאָמאַנדיר, וועלכער האָט היינט פּערזענלעך קאָנטראָלירט די וואַך־לייט.

פונקט עלף אַזייגער איז מען מיך געקומען בייטן. סעדאָוו האָט נאָך פון ווייטנס, מיט אַ שטאַרקן הוסט, מיר געלאָזט וויסן, אַז ער קומט.

די תליה איז שוין איצט געשטאַנען אַ פּאַרטיקע, אַ שוואַרצע און ווי אַ שפּין געוואָרט אויף איר קרבן. איר שאָטן — איז געפאַלן לינקס און געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ צווייטער תליה, וואָס ליגט אויף דער ערד און וואַרט מען זאָל זי אויפשטעלן. די פריילעכע לבנה האָט פון דער זייט מיט נייגעריקייט באַטראַכט ביידע תליות, בפרט, זיך ניט געקענט אָפּוואונדערן פון דעם שוואַרצן, קורצן שטריק מיט דער פּעטליע, וואָס האָט אַראָפּגעהאַנגען און זיך לייכט באַוועגט פון ווינט.

עפּעס אַ מענטש אין שוואַרצן, מיט דער הוט טיף אַנגערוקט איבער די אויגן, איז געשטאַנען נעבן דער תליה און געלערנט אַן אַלטן, אויף טויט איבערגעשראָקענעם, סאַרט ווי אַזוי אָנצוטאָן די פּעטליע דעם פאַראורטיילטן אויפן האַלדז און ווי אַזוי אַרויסצוהאַקן, מיט איין זעץ פונעם פוס, דאָס ביינקל פון אונטער יענעמס פיס. דער אַלטער האָט ניט פאַרשטאַנען, געטאָן אַלץ קאַפּויר און ניט אויפגע־הערט צו מורמלען און זיך צו בעטן אויף סאַרטיש. דער מאַן, אין שוואַרצן, האָט שטיל און צאָרנדיק געשריען אויף אים און ווידער אַמאָל געוויזן, ווידער אַמאָל געגעבן צו פאַרשטיין. דער טורמע־אויפ־זעער האָט זיך געקייקלט אַ אויפגערעגטער פונם טויער צו דער תליה און צוריק צום טויער, דערוואַרטנדיק וויכטיקע באַאַמטע, וועלכע האָבן געמוזט אָדער געוואָלט בייוואוינען די הינריכטונג.

ענדלעך איז אַלץ פאַרטיק געוואָרן און דער מאַן אין שוואַרצן איז, צוזאַמען מיטן טורמע־אויפזעער, אַוועק צום טויער באַגעגענען די הויכע געסט.

די לוסטיקע לבנה האָט זיך דאַן אַ רוק געטאָן אַביסל נאָענטער צו דער תליה און זיך אַ שפּיל געטאָן מיט דער שוואַרצער פּעטליע און מיטן בלייכן, אַלטן סאַרט׳ס לאַנגע ווייסע באָרד, וועלכע האָט זיך פאַררוקט אין אַ פינצטערן ווינקל, וואו צוויי הויכע טורמע ווענט זיינען זיך צוזאַמען געקומען. דער אַלטער האָט געציטערט און עפּעס גע־האַלטן אין איין בעטן ביי זיין גאָט האַללאַ און דעם נביא מאַהאָמעד.

דער ראָטני־קאָמאַנדיר האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ שורה אינווייניק, אין וואַך־הויז, און עטלעכע מינוטן אַלץ איינגע׳טענה׳ט וועגן די אינווייניקסטע שונאים, וועגן דער הייליקער „שבועה״, וועגן

אונזער העלדישן, אומשולדיקן גענעראַל־גובערנאַטאָר און דעם בלוט־דורשטיקן מערדער וואָס האָט אים געוואָלט טויטן.

און די סאָלדאַטן האָבן דעם קאָמאַנדיר ניט געקוקט, ווי גע־וויינלעך, גלייך אין פּנים אַריין, נאָר באַהאַלטן זייערע בליקן אין די ווינקלען, און ווען אים פלעגט געלונגען איבערצוכאַפּן עמיצנס אַ בליק, איז ער געווען אַזוי שווער, שפּאָטיש אָדער ניט גלויביק, אַז דער ראָטני האָט ניט פאַרענדיקט זיין רעדע און איז אַרויס, אַ זאָג טאָענדיק דעם אונטער־אָפיצער צו האַלטן די סאָלדאַטן פאַרטיק.

שטיל זיינען מיר געשטאַנען אַ פּאָר מינוטן, קוקנדיק איינער אויפן צווייטן, דערנאָך האָט עמיצער אַ שווערן זיפץ געטאָן, געמישט מיט אַ פייף: — אַך, היינטישע זין . . . אַז הענגען זאָל מען זיי שוין אַלע! קיינער האָט ניט געענטפערט און יעדער האָט זיך אויסגעזוכט אַן אַנדער ווינקל און זיך שטיל אַוועקגעזעצט, ווער פאַרדרייענדיק אַ סיגאַרעטל, ווער גלאַט אַזוי. פון מיין ווינקל האָב איך עטלעכע מאָל איבערגעכאַפּט אויף זיך סעדאָוו׳ס פאַרוואונדערט־פרעגנדיקן בליק.

איצט בין איך געווען כמעט ווי אינגאַנצן רואיק. כ׳האָב ווי צוויי קערפּערס פאַרמאָגט: אַן אויסערלעכן, וועלכער האָט זיך באַוועגט, גערעדט, אַלץ געהערט און געזען; און אַ אינערלעכן,—אַ פיל קלענערן, אינגאַנצן אַ פעסט צוזאַמענגעצויגענעם מיט אַ קאַלטן, עלאַסטישן גאַרטל און אין דער אימה׳דיקער טיפקייט פון אָט דעם צווייטן „איך״, האָט עפּעס אַ קליינער, לענגלעך־שוואַרצער שטן זיך שטיל און ריט־מיש באַוועגט רעכטס און לינקס, רעכטס און לינקס. און ווען כ׳האָב זיך גענומען שטאַרק איינקוקן, האָב איך דאָרט, אין קליינעם שטן, דערקענט די שוואַרצע פּעטליע פון דער תליה, וואָס שטייט און וואַרט אין דרויסן.

מיין זייגער האָט געוויזן פינף מינוטן צו צוועלף, ווען אונזער ראָטני־קאָמאַנדיר איז האַסטיק אַריין אין וואַך־הויז און, מיט אַ פאַר־שטיקטער שטימע, אַ קאָמאַנדעווע געטאָן: — אין די רייען! זעט די ביקסן זאָלן זיין געלאָדן!

בלייכע, דערשראָקענע זיינען מיר אויפגעשפּרונגען פון אונזערע פּלעצער און, שטופּנדיק איינער דעם צווייטן, געכאַפּט די ביקסן און זיך אויסגעשטעלט אין צוויי שורות.

— קומט, — האָט ער פאַרטגעזעצט, אַריינקוקנדיק ניט זיכער אונז אין די פּנימ׳ער — און האַלט זיך בראַוו ווי דעם קיסר׳ס סאָל־

דאַטן דאַרפֿן זיך האַלטן און געדענקט די שבועה. — ער האָט דער־מאָנסטראַטיוו אָפּגעשפּילעט דאָס שיידל פֿון זיין רעוואָלווער — און איצט: שאַגאָם־מאַרש!

אין הויף האָט אונז באַגעגנט אַ פּריילעך־אויפגעלעגטער, בלאַס־בלויער הימל מיט אַ שטיפעריש‌ער לבנה אין דער מיט.

אין איין זייט פון דער תליה, אין דער שטנ׳דיקער, איז שוין גע־שטאַנען אַ ריי מענטשן, צווישן זיי עטלעכע אין מיליטערישע אוני־פאָרמען. אונז האָט מען אַוועקגעשטעלט פון דער צווייטער זייט, מיט די פנים׳ער צו דער תפיסה. פון דער זייט האָב איך באַמערקט, ווי דער מאַן, אין שוואַרצן אַנצוג, האָט מיט גוואַלד אַרויסגעשלעפּט דעם אַלטן סאַרט פונם פינצטערן ווינקל און אים פעסט געהאַלטן פאַרן האַנט נעבן זיך.

ווען פון דער ווייטנס האָט זיך באַוויזן די פּראָצעסיע, האָט עמי־צער מיך שטייף אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט. כ׳האָב אויסגעדרייט דעם קאָפּ. ווידער סעדאָוו. קוקנדיק מיר גלייך אין די אויגן, האָט ער שטיל און פעסט אַ זאָג געטאָן: — פאַרגעס זיך ניט, ברודער. קוק און שווייג! קענסט סיי־ווי גאָרניט טאָן!

פאָראויס, צווישן צוויי באַוואָפנטע וועכטער, איז געגאַנגען וואַניאַ. געגאַנגען איז ער לאַנגזאַם, גלייך און שטייף געהאַלטן דעם קערפּער און ניט אָפּגעווענדט דעם בליק פון אונז, סאָלדאַטן. נאָך אים — אַ גלח, דער אויפזעער איבער דער טורמע, אַ דאָקטאָר און נאָך צוויי אומבאַקאַנטע. וואַניעס הענט זיינען געווען פאַרבונדן אויף הינטן, אויף זיין קאָפּ אַ שוואַרצער קאַלפּעק. דאָס פנים געל, כמעט די זעלבע פאַרב וואָס די לבנה.

ער האָט מיך גלייך געפונען מיטן בליק און אַ שמייכל געטאָן. כ׳האָב אים געענטפערט מיט אַ נויג פון קאָפּ. סעדאָוו האָט מיר ווידער אַ דריק געטאָן די האַנט.

דער אַלטער סאַרט האָט דערווייל, מיט דער הילף פונם מאַן אין שוואַרצן, אַוועקגעשטעלט אונטער דער תליה אַ שוואַרץ קעסטל און אַ צוויי־זייטיקן, נידעריקן לייטער. דאָס קעסטל פאַר וואַניען און דעם לייטער פאַר זיך.

דער גלח איז ניט זיכער צוגעגאַנגען צו איוואַנאָוון און גענומען רעדן צו אים וועגן פאַרגעבונג און וועגן יענער וועלט.

וואַניאַ האָט אָפּגעקערט דעם קאָפּ און מיט אַ ציטערנדיקער

שטימע אים געענטפערט: — מיט דיינע תפילות וועגן ליבע און רחמים גיי צו זיי, צו די הערשער. זאָג דעם קיסר און זיינע אַדעליקע, זיי זאָלן ווייניקער ראַבעווען דאָס פאָלק, ניט טרינקען זיין בלוט. נאָר עס וועט קומען די צייט און . . .

— פויקער, פויק! — האָט דער טורמע אויפזעער מיט שרעק אין קול אַ געשריי געטאָן.

אין שטן פון דער צווייטער זייט תליה האָט אַ קלאַפּ געטאָן אַ פויק, זיך דערשראָקן אָפּגעריסן, ווידער גענומען קלאַפּן און ס׳האָט זיך געהערט ווי אָפּט די שטעקלעך פאַלן נערוועז אויף די הילצערנע ריפּן פונם פויק.

— שטאַרקער קלאַפּ, שטאַרקער! — האָט דער ראָטני־קאָמאַנדיר מיט אַן אויפגערעגטע, האַלב־קוויטשיקער שטימע אויסגעשריען.

און וואַניעס קול האָט זיך העכער אַ הויב געטאָן: — און ס׳וועט קומען אַ צייט, ווען מען וועט אייך אַלעמען, פונם קיסר ביז אַרונטער, אַפּווישן פון דער ערד! ברידער סאָלדאַטן! — האָט ער פלינק אַ דריי געטאָן דעם קאָפּ צו אונז — גייט ניט קעגן פאָלק, קעגן אייערע איי־גענע ברידער . .

בייזע, דערשראָקענע שטימען האָבן זיך אַ ריס געטאָן פון דער שטנ׳דיקער זייט. — לאָזט אים די רעדן! פויקער, שטאַרקער!

דער מאַן אין שוואַרצן האָט אַ כאַפּ געטאָן איוואַנאָוון פאַר די פאַרבונדענע הענט. וואַניאַ האָט אים מיט דער זייט אָפּגעשטויסן פון זיך, איז אַליין אַרויף אויפן קעסטל און מיט אַלע כוחות אויסגעשריען: — זאָל מיר מיין פאָלק מוחל זיין וואָס כ׳האָב אַזוי ווייניק פאַר אים געטאָן!! . . — ער האָט געקוקט גלייך צו מיר, זיינע אויגן האָבן געלויכטן.

דער אַלטער סאָרט איז, מיטן מאַן אין שוואַרצנס הילף, אַרויף אויפן לייטער, אַריבערגעוואָרפן דעם קאָלפּעק איבער וואַניעס פנים און פאַרצויגן די פּעטליע אַרום זיין האַלדז. דער פויק איז מיט אַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן און די שטילקייט איז געפאַלן אַזאַ שווערע, אַזאַ שטיקנדע. און פון אונטערן קאָלפּעק האָט זיך דערטראָגן איוואַנאָווס פאַרשטיקטע שטימע: — זאָל מיר מיין פאָלק מוחל זיין, וואָס כ׳האָב אַזוי ווייניק פאַר אים געטאָן! . .

דער סאָרט איז פלינק אַראָפּ פונם לייטער, צוויי מאָל געפּרואווט, ווי מען האָט אים געלערנט, מיטן פוס אַרויסהאַקן דאָס בענקל פון

אונטער דעם געהאַנגענעמס פּיס, און ניט געקענט. בלויז דעם דריטן מאָל, איז עס אים געלונגען און וואַגיעס קערפּער האָט זיך גענומען וואַרפן אין דער לופטן אַהין און צוריק, זיך הויבן און אַרונטערלאָזן.

כ׳האָב זיך אַ ריס געטאָן פאַראויס. סעדאָוו האָט מיך פעסט געהאַלטן פאַרן גאַרטל, און מיט שרעק געפּליסטערט מיר אין אויער אַריין: — האַלט זיך, ברודער! וועסט אונז אַלעמען באַגראָבן!

אין דעם מאָמענט האָט די גאַנצע לופט אַרום מיט אַמאָל אויפגע־ציטערט פון ־הילכיקע קלעפּ אין די גראַטעס, פון בראַזגעריי פון צע־שמעטערטע שויבן, פון הונדערטער ווילד־שרייענדיקע שטימען: דאָס האָט די גאַנצע טורמע אויסגעדריקט איר פּראָטעסט קעגן דער היב־ריכטונג.

אַרום צוויי אַזייגער ביינאַכט בין איך שטיל אַרויס פונם וואַך־הויז. די תּליה, אַ באַגאָסענע מיט לבנה־שיין, איז אַלץ געשטאַנען אַ דראָענ־דיקע און ווי געוואַרט אויף אַ נייעם קרבן. דער שטריק איז געווען אָפּגעשניטן און דער לייטער איז געליגן אַן איבערגעקערטער אויפן קעסטל. די לבנה איז שוין געווען אַוועק ווייט און אירע אָפּגע־שוואַכטע, זילבערנע שטראַלן האָבן שוין קוים־קוים דערגרייכט די שפּיצן פון די שלאַנקע טאָפּאָלן, וועלכע האָבן פון גאַס אַריבערגעקוקט אין טורמע־הויף און זיך גע׳חידוש׳ט אויף דער מאָדנער, שוואַרצער באַשעפעניש מיטן אָפּגעשניטענעם שטריק אויף איר האַלדז.

איך בין צוגעגאַנגען צום איינציקן בוים פון דער זייט וואַנט, אים פעסט אַרומגענומען, צוגעדריקט דאָס פּנים צו זיין צערונצלטער, האַרטער שאָל און, ווי אַ געשלאָגענער הונט, שטיל און ביטער גע־וואויעט.

15

מיט צוויי וואָכן שפּעטער, אין אַ לויטערן פאַרנאַכט, בין איך, סאַשענקאַ און עטלעכע פריינט געזעסן אויף אַ פלאַכן דאַך פון אַ חבר׳ס אַ הויז, אונטערן שטאָט, וואו סאַשענקאַ האָט דורכגעמאַכט איר שווערע היץ־קראַנקהייט. מיט טיף איינגעפאַלענע באַקן, נאָך מיט רעשטלעך פיבער אין די אויגן, איז זי געזעסן איינגעוויקלט אין אַ קאָלדרע און זיך צוגעהערט צו מיינע ווערטער. איך האָב דערציילט וועגן יענער שרעקלעכער, זילבערנער נאַכט אין טורמע. זי האָט גע־בראָכן די דינע, דורכזיכטיקע פינגער, די ליפּן האָבן געציטערט

מיט אַ מאָדנער שנעלקייט און טרערן זיינען שטיל געפאַלן אויף דער קאָלדרע.

די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן אונטער די שניי־ווייסע שפּיצן פון די ווייטע טיאַן־שאַנער בערג, און דער שניי האָט געשפּילט מיט אַלע רעגנבויגן פאַרבן. פון די אַרומיקע סאַרטישע גערטנער האָט זיך דערטראָגן דער ריח פון איבערצייטיקטע פעריזשקעס און פון פרישן היי. האַלב־טונקעלע, נאָך דורכזיכטיקע, נאַכט שאָטנס האָבן זיך געהויבן פון די געדיכטע מאַסן פרוכטן־גערטנער און מיטגעבראַכט מיט זיך מענערשע און פרויען שטימען. פון דעם ניט־ווייטן וועג האָט זיך געהערט דאָס סקריפּן פון אַן „אַרבאַ״ (וואָגן).

אַרום איז געווען שטיל. סאַשענקאַ האָט אַנגעשטרענקט געקוקט צו די בערג. די לעצטע שטראַלן פון דער זון האָבן זיך מיט בלוטיק־רויטע פונקען אָפּגעשפּיגלט אין אירע אויגן און מיט צונטער דורכגעוועבט אירע באַקן. די פריינט זיינען געזעסן ווער מיט שטייף פאַרמאַכטע אויגן, ווער מיט שרעק אין די שוואַרצאַפּלען.

מיט טרערן אין קול האָב איך דערציילט וועגן וואַניעס עגטפער דעם גלח, וועגן שטאָלץ מיט וועלכן ער איז געגאַנגען צו דער תליה. ווען כ׳בין אָבער צוגעקומען צום מאָמענט, ווי דער מאַן אין שוואַרצן מיטן אַלטן סאַרט האָבן זיך אַ וואַרף געטאָן אויף אים — האָט מיר פאַרכאַפּט דער אָטעם.

סאַשענקאַ האָט אַרויפגעלעגט איר דורכזיכטיקע האַנט אויף מיינער: — דערצייל, אַרטור, כ׳וועל עס איבערטראָגן . . . ס׳איז מיר לייכטער אַלץ צו וויסן . .

און כ׳האָב ווייטער דערציילט . . .

„זאָל מיר מיין פאָלק מוחל זיין וואָס כ׳האָב אַזוי ווייניק געטאָן פאַר אים. . .״

כ׳בין אַנטשוויגן געוואָרן.

— זאָל מיר מיין פאָלק מוחל זיין, וואָס כ׳האָב אַזוי ווייניק געטאָן פאַר אים . . . — האָט סאַשענקאַ שטיל איבערגע׳חזר׳ט, און איר בלאָנדער קאָפּ איז אַלץ נידריקער געפאַלן צו אירע קני.

די זון איז שוין אינגאַנצן פאַרשוואונדן. מיר זיינען אַלע געזעסן אין דער פינצטערניש און געשוויגן. רעכטס פון אונז, אין ווייטן הימל, האָט זיך ביסלעכווייז געגומען אויסשניידן אַ דינינקער סערפּ פון אַ נייער, אַ יונגער לבנה.

„דער וואָלונטיר—שאַרל גראַוויע"

(נאָוועלע)

אַ מתנה מיינע האַרציקע פריינט:
היימען, איידען און יאָסי—סטעלער.

מיטאָג־צייט האָט עס פּאַסירט. אין איינער פון יענע פּאָר שעה'ן, ווען די שיסעריי פלעגט טעגלעך פיל שוואַכער ווערן, אַמאָל אינגאַנצן ווי אויפהערן, און די סאָלדאַטן פון ביידע פיינטלעכע אַרמייען פלעגן זיך אויסרוען אַביסל אין זייערע שטאַרק באַפעסטיקטע טראַנשייען.

איז אָט איינמאָל, אין אַ גרויער, רעגנדיקער מיטאָג־שעה, ווען געדיכטע וואָלקנס האָבן, צעשוואומען, זיך געצויגן כמעט ווי איבער די סאַמע שפּיצן פון אַ האַלב־צעשאָסענעם, דעמבענעם וועלדל, רעכט פון די גראָבנס, האָט שאַרל גראַוויע, דער יונגער פרייוויליקער פונם דריטן פּאַריזשער פּאָלק, פלוצלונג אַ שטויס געטאָן, מיטן פוס, פון זיך זיין באַליבטן הונט „טוירק" און בייז אויסגעשריגן: — וואַטאָן, סאָל שיען! (אָוועק פון מיר, די שמוציקער הונט). דערביי האָט ער זיך אַזאַ אומצופרידענעם הויב געטאָן פונם קעסטל, אַז דער ניט דער־רויכערטער סיגאַרעט איז אַרויסגעפאַלן פון זיין מויל.

דער לאַנג־פוסיקער, ברוינער הונט, פון דער „קאַלי" משפחה, מיטן ווייסן פלעק אויפן רוקן, איז מיט אַ שטילן קוויטש אָפּגעשפּרונ־גען אָן אַ זייט און שטיין געבליבן באַוועגלאָז, מיט דער שפּיציקער מאָרדע אַרויף, קוקנדיק אויפן בעל־הבית מיט אַזאַ אויסדרוק, פּונקט ווי ער וואָלט נאָך אויף עפּעס געוואַרט.

דאַן האָט גראַוויע, שוין מיט אַ שטילערן און פיל רואיקערן טאָן אַ זאָג געטאָן: — וואַטאָן! וואַטאָן! (אָוועק, אָוועק פון מיר) און זיך צוגעבויגן דערביי צו דער ערד, פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט אַ שטיינדל, דעם הונט צו וואַרפן.

טוירק האָט זיך ווידער אַ פלינקן רוק געטאָן אויף צוריק, נאָך אַמאָל שטיין געבליבן און מיט אַמאָל אַ פריילעכן דריי געגעבן מיטן

עק, אויסגעבויגן דעם רוקן און ניט איילנדיק זיך גענומען לויפן אין ריכטונג צום הינטער־פעלד, וואו עס האָבן זיך געפונען די פעלד־קיכן.

— וואָס איז געשען, גראַוויע? פאַרוואָס שלאָגסטו דיין הונט? — האָט אַ פרעג געטאָן איינער פון אַ גרופּע סאָלדאַטן, וועלכע האָט זיך צוזאַמענגעדריקט אונטער אַ לייוונטענעם דעכל, מיט די ליולקעס און סיגאַרעטן אין די מיילער

שאַרל האָט בייז אויסגעשפּיגן: — דער טייוול ווייסט אים: האָט גאָר אָנגעפאַנגען שמוצן אויף דער עלטער . .

— דו אַליין וועסט אויך ניט בעסער זיין אין זיינע יאָרן . . — האָט אַ צווייטער סאָלדאַט זיך אַ חכמה געטאָן.

די סאָלדאַטן האָבן געלאַכט און געקיבעצט איינער דעם צווייטן. גיך האָבן זיי זיך אָבער צוריקגעקערט צום איבערגעריסענעם געשפּרעך וועגן די זינדלעך פון די רייכע, וואָס געפינען זיך איצט זיכער ניט אין די קאַלטע, בלאָטיקע טראַנשעען, נאָר הולטיאַיעווען אין פּאַריז.

— עי, גראַוויע, — האָט מיט אַ פערטל שעה שפּעטער אויסגעע־רופן איינער פון די וועכטער, וועלכער איז געשטאַנען ניט ווייט און דורך זיין „טראַנשעע־שפּיגל״ געהיט דעם שונא — זאָל מיך די הייליקע מערי שטראָפן, אויב איך זע ניט דיין הונט זיך אַרומדרייען צווישן די קוסטן, אָט דאָרטן, אין וועלדל, רעכטס . . ס׳איז גאָר נאָענט פון די דייטשע גראָבנס . . כ׳האָב אים לעצטע וואָך אויך דאָרטן איינמאָל באַמערקט . . ווּעמען זוכט ער? די פאַרשאָלטענע „באָ־שעס״ (דייטשן) וועלן אים נאָך אויפפרעסן אַ לעבעדיקן . .

— הינט עסן קיין הינט ניט! — האָבן צוויי סאָלדאַטן איינצייטיק אַ זאָג געטאָן.

— הלוואי פרעסן זיי אים אויף און דערוואָרגן זיך מיט אים: וואָלט איך פאַרשפּאָרט זיי צו שיסן און אים צי שלאָגן — האָט שאַרל געענטפערט מיט פאַרדרוס און זיך אויסגעדרייט צום וועכטער:

— ווען איך בין אויף זיין אָרט, ברודער שעוואַל, יאָג איך אים אַריין אַ קויל אין דער זייט: זאָל ער ניט קריכן וואו מען שיקט אים ניט . .

דער וועכטער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין: — ניט אַנדערש דו ביסט משוגע: אָדער דו ציטערסט איבער אים ווי איבער אַ קינד, אָדער דו הייסט אים דערשיסן.

— לאָז עס איבער צו די „באָשעס": זיי וועלן אים שוין מכבד זיין מיט אַ גראַנאַטע.

און אַ צווייטער האָט זיך גע'חידוש'ט: — כ'פאַרשטיי ניט ווי זיי האָבן עס ביז איצט ניט געטאָן. זיי לאָזן אַזעלכע זאַכן ניט פאַרביי . .

אַ דריטער האָט גע'עצה'ט: — מען וועט אים מוזן צובינדן מיט אַ שטריק צו אַ פּלאָקן, גלייך ווי ער וועט צוריקקומען. וואָס פאַר־שטייט נאָך אַלעמען אַ הונט?

— דריי קיין קאָפּ ניט: הינט פאַרשטייען ניט פיל ווייניקער ווי מענטשן . .

— אויב אַזוי, טאָ וואָס קריכט טוירק אַזוי נאָענט צו די דייטשן? ער איז זייער אַ קלוגער הונט. אַלע וויסן דאָס . .

גראָוויע האָט ניט איילנדיק פאַררויכערט אַ סיגאַרעט, זיין טיפּיש פראַנצויזישער פּנים, מיט דער שאַרפער נאָז —און קליינינקע, שפּי־ציקע וואָנצעלעך האָט שטיפעריש געשמייכלט, בלויז אין זיינע טונקל־ברוינע אויגן האָט זיך באַוועגט אַ אומרו. ער האָט אויפגעהויבן די האַנט: — חברה, איר האָט זיך לחלוטין ניט וואָס צו אַמפּערן: — דער ניט־גוטער וועט טוירקן ניט נעמען: ער האָט מער חכמה ווי דער בעל־הבית זיינער, און כ'פאַרזיכער אייך, אַז אין צען, פופצן מי־נוטן אַרום וועט איר אים טרעפן נעבן דער קיך, גריזשנדיק אַ פּאָר ביינער. ער פילט די גאַט־פאַרדאַמטע דייטשן פאַר אַ מייל און וועט צו נאָענט צו זייערע לעכער ניט צוקריכן . . אָבער אַ פּאָר קלעפּ פאַרן אַרויסגיין פון אונזערע גראָבנס וועט ער סיי ווי קריגן . . און איצט, פריינט, וועל איך זיין זיך אויסרוען אַביסל אַ רעוואוואַר! — ער האָט אַ שעלמישן ווינק געטאָן מיט איין אויג און איז אַריינגעגאַנגען אין איינעם פון די שטיבלעך, וועלכע זיינען געווען אויסגעגראָבן פון איין זייט טראַנשייע און די פּאַסירונג מיטן הונט, פּונקט ווי צענדליקע אַנדערע טאָג־טעגלעכקייטן, איז באַלד פאַרגעסן געוואָרן.

ס'איז אָן שום ספק, אַז דער אַלטער קאַפּראַל לאַ־קור וואָלט אויך קיין שום באַדייטונג ניט צוגעגעבן דעם פאַקט, וואָס שאַרל האָט אַ קלאַפּ געטאָן און אָוועקגעטריבן פון זיך זיין באַליבטן הונט. דער אַלטער האָט זייער ליב געהאַט שאַרלען און אים געהאַלטן פאַר איינעם פון די העלדישסטע און בראַווסטע יונגען ניט נאָר אין זיין רעגימענט, נאָר אין דער גאַנצער פראַנצויזישער אַרמיי. און ער האָט גאָרניט

איבערטריבן: ס איז ניט געווען אַזאַ געפערלעכער טאַט אויף וועלכן שאַרל זאָל ניט וואָגן. בפרט פלעגט ער זיך אויסצייכענען אין די קעגן אַטאַקעס. איינער פון די ערשטע פלעגט ער אַרויס פון זיין גראָבן, צוערשט רואיק באַהאָגלען דעם אַנלויפנדיקן שונא מיט זיינע גראַנאַטן, אויסקלייבנדיק דערביי וואו די רייען זיינען געווען גאָר גע־דיכט, דערנאָך זיך וואַרפן פאָראויס מיט אַן אויסגעשריי: „וויוו לאַ פרענס!" (לאַנג לעבן זאָל פראַנקרייך) און מעשים אַרבעטן מיט זיין באַיאָנעט.

דריי מאָל איז ער שוין געווען לייכט פאַרוואונדעט און ערשט מיט אַ חודש צוריק אַרויסגעטראָגן פון אַ באַיאָנעטן שלאַכט דעם איי־געגעם קאַפּראַל לאַ־קור׳ן, און אים אויף די הענט געבראַכט צו די גראַבנס. און דער אַלטער האָט באַוואונדערט שאַרל׳ס העלדישקייט און אים ליב געהאַט ווי אַן אייגענעם זון.

און ליגנדיק נאָכן עסן מיט זיין שוואַרצער, פון יאָרן אויסגע־רויכערטער ליולקע אין מויל, אין אַ זייט פון גראָבן, האָט ער געזען ווי שאַרל האָט געטריבן פון זיך דעם הונט, און די הויפּט זאַך, וואָס איז אים ניט געפעלן איז געווען ניט דאָס טרייבן גופא, נאָר די פּאָר פאַרשנדיקע, ווי פאַר׳גנב׳עטע בליקן, וועלכע שאַרל האָט דערביי געוואָרפן אויף די אַרומיקע סאָלדאַטן. דעם אַלטן איז אויך ניט גע־פעלן שאַרל׳ס עצה צום וועכטער, יענער זאָל אַריינשיסן דעם הונט אַ קויל אין רוקן אַריין: אַלע האָבן געוואוסט, ווי שטאַרק שאַרל איז צוגעבונדן צו זיין הונט, באַוואונדערט ווי דער הונט מיטן מענטשן פאַרשטייען אַזוי גוט איינער דעם צווייטן . . דערצו האָט דעם וועכ־טערס באַמערקונג, אַז ער האָט שוין לעצטע וואָך איינמאָל געזען דעם הונט ניט ווייט פונם שונא׳ס גראָבנס, עפּעס אַ וועק געטאָן אַ אומרו אין לאַ־קורס געניטן מוח.

„וואָס קען עס הייסן? ווי קומט דער הונט צו די דייטשע טראַנ־שעען און פאַרוואָס האָבן זיי אים ניט דערשאָסן? די פאַרפלוכטע חזירים זיינען צו פאַרזיכטיק . . אַזאַ טעות וועלן זיי ניט באַגיין . . עפּעס איז דאָ זייער מאָדנע . . זייער ניט גלאַט . "

און פּלוצלונג האָט ער זיך דערמאָנט וועגן אַ געשפּרעך, וואָס ער האָט געהאַט מיט אַ פּאָר וואָכן צוריק מיטן עלטסטן פון זיינע צוויי פּלי־מעניקעס טאָקע אין איינעם פון די אַרומיקע גראָבנס. ס׳איז געווען אויך מיטאָג־צייט. ער איז געשטאַנען און צוגעקוקט ווי מען טיילט

אויס זײַנע סאָלדאַטן שטיקלעך פלייש, ווען פּאָל וואַנס איז צוגעקומען צו אים און סאַלוטירט.

— ווילסט עפּעס זאָגן, פּאָל?

— יאָ, קאַפּראַל.

— האָסט אפשר געקראָגן אַ בריוול פון דאָרף, וואו דײַן יונג ווײַבל שיקט דיר איבער ניט ווייניקער פון צען טויזנט קושן?

— ניין, קאַפּראַל — האָט וואַנס אַ שווערן זיפץ געטאָן — קיין שום בריוול ניט דערהאַלטן.

— נו זאָג, וואָס קען איך טאָן פאַר דיר?

פּאָל האָט אַ הוסט געטאָן, ווידער אָפּגעזיפצט, זיך אַ קראַץ געטאָן אין קאָפּ און ניט זיכער, מיט אַ שולדיקן שמייכל, גענומען שטאַמלען: — אָנקל לאַ־קור, דו ווייסט, שאַרל גראַוויע איז מײַן בעסטער פרײַנט . . יאָ . . זיכער דער בעסטער . . און ער, שאַרל האָט אַ הונט . . זייער אַ קלוגער הונט. „טוירק", הייסט ער, דער הונט זײַנער. ער פאַרשטייט יעדעס וואָרט, וואָס שאַרל רעדט צו אים . . פונקט ווי אַ מענטש . .

— וועגן דעם אַלץ ווייס איך — האָט לאַ־קור אַ שמייכל געטאָן

— וואָס ווייטער?

— ווייטער? . . — האָט זיך פּאָל ווי אינגאַנצן פאַרלוירן — ווייטער איז . . גאָרניט . . כ'האָב בלויז געוואָלט זאָגן, אַז מיר שלאָפן צוזאַמען און . . און כ'האָב שוין צוויי מאָל באַמערקט ווי שאַרל . . טרײַבט בײַנאַכט דעם הונט אין פעלד אַרײַן . . גיט אים צוערשט אַ שטויס מיטן פוס, בייזערט זיך אויף אים, דערנאָך גיט ער אַ שטילן זאָג: — וואַטאַן! וואַטאַן! און בויגט זיך דערבײַ אָן, פונקט ווי ער וואָלט אַ שטיינדל געזוכט און . . דער הונט אַנטלויפט דאַן גלייך, און ער . . שאַרל, ליגט אויף זײַן בעטל און שלאָפט ניט איין, ביז דער הונט קומט צוריק.

לאַ־קור האָט זיך מיט אַמאָל אַ דריי געטאָן צום פלימעניק, אים שאַרף אַרײַנגעקוקט אין זײַנע פאַרשולדיקטע אויגן, אין זײַן צעפּלאַמטן פּנים: — וואָס ווילסטו זאָגן, פּאָל?

פּאָל האָט זיך כמעט ווי מיט שרעק אײַנגעקוקט אין אָנקלס צערונצלטן שטערן, אין די געדיכטע ברעמען, וועלכע זײַנען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין איין דיקע, גרויע שנור איבער זײַן אָדלער־נאָז: — גאָרניט, הער קאַפּראַל! כ'וויל גאָרניט זאָגן . . שאַרל איז מײַן

בעסטער פריינט . . מיין ברודער לואי שלאָפט אויך מיט אונז צוזאַ־מען. ער האָט עס אויך געזען . . האָב איך זיך מיט אים צוזאַמענ־גערעדט און מיר האָבן באַשלאָסן אייך וועגן דעם צו מעלדן. בלויז מעלדן . . דאָס אַלץ . .

דער אַלטער האָט געשוויגן אַ ווײַלע, עפּעס נאָכגעטראַכט, דער־נאָך אַ זיכערן שמייכל געטאָן: — פּאָל, דו מיט דיין ברודער לואי, זיינט גרויסע נאַראָנים. — פּאָל האָט צופרידן אַנגעבויגן דעם קאָפּ און לאַ־קור האָט ווייטער גערעדט: — נו, זאָג אַליין, ווי איז אַזאַ זאַך מעגלעך? האָסטו דען אַליין ניט געזען ווי אַזוי שאַרל אַרבעט מיט זיינע גראַנאַטן און באַיאָנעט אין צייט פון אונזערע קעגן אַטאַקעס? מיך האָט ער ערשט דאָ ניט לאַנג פונם שונא׳ס הענט אַרויסגעריסן און אַ מעדאַל פאַר דעם געקראָגן. ווי־זשע פּאַסט זיך עס מיט דעם וואָס דו דערציילסט?! — לאַ־קור האָט אַ קורצן און זיכערן לאַך געטאָן און פאַרענדיקט: — ביסט אַ פערד, פּאָל און זאָג דיין אינגערן ברודער לואי, אַז ער איז דאָס זעלבע וואָס דו. גיי און פּלוידער ניט מער אַזעלכע נאַרישקייטן.

פּאָל האָט סאַלוטירט און איז אַוועק אַ צופרידענער. לאַ־קור האָט אים נאָכגעקוקט אַ ווײַלע, טראַכטנדיק וועגן דער ערלעכער, נאַרישער דאָרפישקייט פון זיינע פלימעניקעס. באַלד איז ער צוריקגעגאַנגען צום פּלאַץ וואו מען האָט אויסגעטיילט דאָס פלייש און גיך פאַרגעסן אָן דער גאַנצער געשיכטע.

אַ ציטער האָט איצט דורכגעטרייסלט לאַ־קור׳ס גאַנצן קערפּער. ער איז פלינק צוגעגאַנגען צום וועכטער און דורכן שפּיגל זיך גענומען איינקוקן אין פעלד. דערביי שטיל אַ פרעג געטאָן: — וואו האָסטו דעם הונט געזען?

— רעכטס, נעבן וועלדל, קאַפּראַל . .

לאַ־קור האָט זיך גענומען איינקוקן. צוערשט האָט ער קיין זאַך ניט געזען אַ חוץ האַלב־נאַקעטע קוסטן אוןביימער, מערסטנס צע־שמעטערטע פון אויפגעריסענע באָמבעס און שראַפּנעלן, דערצו איינ־געטונקענע אין נעבלדיקן רעגן שטויב. מיט אַמאָל האָט זיך פון אונטער אַ קוסט אַ הויב געטאָן „טוירק" און גענומען אויפן בויך פויזן אין ריכטונג צו די דייטשע גראַבנס. דעם אַלטנס אויגן זיינען זיך צוזאַמענגעלאָפן אין צווייַ שמאָלענקע שפּעלטעלעך און די הענט האָבן ביי אים גענומען ציטערן. אָט האָט זיך דער ברוינער הונט אַ הויב

געטאָן אויף אַ בערגל, אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין ריכטונג צו דער פראַנצויזישער זייט, זיך פאַרזיכטיק אַראָפּגעגליטשעט פון דער צווייטער זייט און פאַרשוואונדן צווישן די געדיכטע קוסטן.

— האָסטו, קאַפּראַל, געפונען דעם פאַרפלוכטן הונט? — האָט זיך דער וועכטער נאָכגעפרעגט.

— וואָס?.. דעם הונט?.. אַ, יאָ, זיכער.. ער לויפט שוין צוריק אַהער — לאַ־קור האָט אָפּגעטראָטן פונם שפּיגל — יאָ.. ער לויפט שוין צוריק..

—ער האָט דאָס זעלבע מזל וואָס זיין בעל־הבית: קיין קויל נעמט זייביידן ניט, — האָט דער וועכטער אַ שפּאַס געטאָן און ווידער זיך גענומען איינקוקן אין זיין שפּיגל.

לאַ־קור האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף זיין פריערדיקן פּלאַץ, געזעסן עטלעכע מינוטן באַוועגלאָז, אָן דעם מינדסטן געדאַנק אין קאָפּ. ניט באַגריפן וואָס צו טאָן אפילו מיט זיין ליולקע, וועלכע ער האָט איצט הילפלאָז געהאַלטן אין האַנט. אין קאָפּ האָבן זיך ווי גראַנאַטן געריסן און בשום אופן ניט דערלאָזט די געדאַנקען זיך צו קאָנצענטרירן, באַגרייפן וואָס דאָ איז אַזוינס פאַרגעקומען.

אין צייט פון זיין פיליאַריקער דינסט אין פראַנצויזישן אויסלענדישן לעגיאָן אין אַפריקע און פאַר די כמעט צוויי יאָר דינסט אויף די איראָפּייאישע שלאַכט־פעלדער איז אים ניט איינמאָל אויסגעקומען זיך צו טרעפן פּנים־אל־פּנים מיטן טויט, אָבער קיינמאָל האָט ער ניט איבערגעלעבט אַזאַ פּאַנישן שרעק ווי איצט.

„גאָט מיינער, ווי אַזוי איז עס מעגלעך?.. ווי קען גאָר אַזאַ זאַך פּאַסירן?.. ער, דער העלדישער גראַוויע?.. כ׳האָב דאָך אַליין געזען ווי ער מאַכט לעכער מיט זיינע גראַנאַטן אין די דייטשע רייען? ווי ער אַרבעט מיט זיין באַיאָנעט? ווי־זשע קען עס זיין?"

ער האָט זיך דערמאָנט, אַז פאַר די לעצטע עטלעכע מאָנאַטן, ווייזן די דייטשן אַרויס אַ אויסערגעוויינלעכע באַקאַנטשאַפט מיט די פּלענער פון די פראַנצויזישע פּאָזיציעס, וויסן גענוי וואו עס געפינען זיך די אַרומיקע לופט־פעלדער, וואו עס שטייען באַהאַלטן די גרויסע קאַנאָנען. ערשט לעצטע וואָך איז פאָרגעקומען אַ פּלוצלומדיקער איבערפאַל אויפן רעכטן פליגל, פונקט אין אַ צייט, ווען אין די טראַנשעען זיינען גאָר ווייניק סאָלדאַטן געווען און ס׳האָט שפּעטער זייער טייער געקאָסט ביז מען האָט די דייטשן פון דאָרטן אַרויסגעטריבן. אַלע

האָבן דאָן גערעדט, אַז דאָס איז די אַרבעט פון דייטשע שפּיאָנען אין די רייען פון דער פראַנצויזישער אַרמיי. מען האָט געזוכט, געניש־טערט און קיינעם ניט געפונען.

— וואָס זיצסטו אַזוי, קאַפּראַל, ביסט אפשר קראַנק — האָט איי־נער פון צוויי פאַרבייגייענדיקע סאָלדאַטן אַ פרעג געגעבן און דער צווייטער האָט זיך אַ חכמה געטאָן: — אפשר אַ פּאָר דייטשע גראַנאַטן איינגעשלונגען?

לאַ־קור האָט ניט געענטפערט, זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט, פאַרדריכערט, רואיק צוגעגאַנגען און אַ רוף געטאָן צו זיך זיינע צוויי פלימעניקעס: פּאָל און לואי וואָנס און זיי עפּעס שטיל באַפוילן. די צוויי געזונטע, הויכע יונגען זיינען בלייך געוואָרן, און אינסטינקטיוו זיך אַ כאַפּ געטאָן איינער אָן צווייטן. ווי צוויי אַטאָמאַטן, מיט פאַר־שטיינערטע פּנים'ער, האָבן ביידע גלייך געקוקט דעם קאַפּראַל אין מויל אַריין, זיך ווי געוואָרגן מיט זיינע שטרענגע, האַרטע ווערטער און מעכאַניש צוגעשאָקלט מיט די קעפּ.

מיט עטלעכע מינוטן שפּעטער האָט שוין לאַ־קור געלאָזן גע־שפּאַנט דורך די גראָבנס אין ריכטונג צום הינטער־פעלד, וואו ס'האָט זיך געפונען דער גענעראַל־שטאַב.

אַ היבשע צייט, שוין נאָכדעם ווי דער קאַפּראַל איז אַוועק, האָבן די ברידער וואָנס מיט שרעק געקוקט איינער אויפן צווייטן, און, ענד־לעך, ניט אַרויסרעדנדיק קיין וואָרט, זיך געלאָזט גיין צום פּלאַץ, וואו גראַוויע האָט זיך באַדאַרפט געפינען.

— עי, שאַרל! — האָט פּאָל מיט אַ געמאַכטער פריילעכקייט אויסגעשריגן. — וואו האָסטו זיך עס פאַררוקט?.. קום גלייך אַרויס!

און ווען גראַוויע איז שטיין געבליבן פאַר זיי, האָט לואי צוגע־געבן מיט אַ קרומען, ציטערנדיקן שמייכל: — מיר האָבן פאַר דיר זייער אַ אינטערעסאַנטע מעשה..

פון צפון האָט זיך אָנגעטראָגן אַ שטאַרקער ווינט און אין עטלעכע מינוטן צעריסן די געדיכטע מאַסע גרויע וואָלקנס און זיי שטיקער־וויז צעוואָרפן איבערן גאַנצן הימל. האָבן די זאַפטיק־געלע שטראַלן פון דער פאַרגייענדיקער זון עס גלייך אויסגענוצט און מיט זשעדני־קייט זיך אַרויפגעוואָרפן אויפן גרויען, רחמנות'דיקן אַרום. צוערשט האָבן זיי פלינק גענומען באַפּוצן דאָס, פון גראַנאַטן צעשאָסענע, וועלדל מיט רויט און גאָלד געשטריקטע סטענגעס, דערנאָך זיינען זיי

צוגעפאַלן צו דער, פון באָמבעס אויפגעאַקערטער, ערד און שנעל געגומען פאַרדעקן די טויזנטער ריטשקאַלעך, טייכלעך און סאַזשעל־קעס מיט צעבראָכענע שטיקער בלויען און גאָלד־רויטן שפיגל.

האָבן די סאָלדאַטן אין די טיפע טראַנשעען געקוקט מיט גרויסער באַוואונדערונג צו דער זון און מיט אויגן פולע מיט וואַרעמקייט גע־לאַסטשעט דעם בלויען פאַס הימל איבער זייערע קעפּ. און אַ בענק־שאַפט, נאָך די אייגענע און טייערסטע, נאָך די פרייע, מענטשלעכע טעג פון זייער פריערדיקן לעבן, האָט געפרעסן זייערע הערצער.

גיך האָט פון דער דייטשער זייט זיך דערהערט אַ שאָס פון אַ ביקס און איבער די פראַנצויזישע גראָבנס האָט זיך מיט אַ טרויעריקן פייף פאַרבייגעטראָגן אַן איינזאַמע קויל. און פונקט ווי דאָס וואָלט אַ סיגנאַל געווען, האָבן פוןביידע זייטן מיט אַמאָל גענומען קנאַלן די ביקסן, קוילן־וואַרפערס און נאָך זיי אויך די האַרמאַטן.

וואָס נידעריקער די זון האָט זיך געזעצט, וואָס רייפער און רייכער אירע פאַרבן זיינען געוואָרן, און זיך ברייטער איבערן הימל צעגאָסן — אַלץ געדיכטער איז געוואָרן דאָס טרוקענע קנאַלן פון די ביקסן און דאָס בייזע בילן פון די האַרמאַטן. אַ שווערע נאַכטיקע קאַנאָ־נאַדע האָט זיך אָנגעפאַנגען.

* * *

ניט מער ווי אַ מייל פון דער לעצטער רייע טראַנשעען, אונטער דער שוץ פון אַ האַלב־צעשאָסענעם בערגל, האָבן זיך צענויפגעניורעט עטלעכע אַלטע, אויסגעקרימטע שטיבלעך. די פויערים, וואָס האָבן דאָ פריער געוואוינט, זיינען אַנטלאָפן פון די מלחמה־שרעקן, זייערע פעל־דער זיינען צעטראָטן געוואָרן פון זעלנערשע שטיוול, פערדישע קלאָען און האַרמאַטן־רעדער און די עטלעכע האַלב־חרוב׳ע הייזקעס האָט פאַרנומען דער שטאַב פון דער דריטער אַרמיי, וועלכע האָט זיך גע־פונען אין די גראָבנס אויף דעם טייל פון שלאַכט־פעלד.

ביי אַט די שטיבלעך האָט לאַ־קור אָפּגעשטעלט דאָס שנעל־לויפנ־דיקע פערד, איז פלינק אַראָפּ און אַ פרעג געטאָן דעם וועכטער, וואו ער קען זען דעם פּאָלקאָווניק ד׳וזיע, דעם קאָמאַנדיר פון זיין פּאָלק. דער וועכטער האָט אים אָנגעוויזן אויף איינעם פון די שטיבלעך. לאַ־קור האָט אָנגעקלאַפּט און איז אַריין.

אינווייניק: אַ שטאַרקער ריח פון שימל און טאַבאַק־רויך. די ווענט כמעט ווי שוואַרץ, די סטעליע איבערן קאָפּ. אַ גרויסער, פון

ניט געהובלטע ברעטער, צוזאַמענגעקלאַפּטער טיש, פאַרוואָרפן מיט מאַפּעס, אַ היבשער קעראָסין לאָמפּ, עטלעכע בײנקלעך אַרום, ביי די ווענט צוויי פעלד־בעטלעך.

דער פּאָלקאָווניק — אַ הויכער, אַ מאָגערער, מיט שטאָל־גרויע דורכנעמענדיקע אויגן, מיט אַ שאַרפער אָדלער־נאָז און מילך־ווייסע, קורץ־געשוירענע וואָנצעס, איז געזעסן טיף געבויגן איבער אַ לאַנד־קאַרטע און אַ בלוילעכער, דינינקער רויכל האָט זיך געצויגן פון זיין ליולקע. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ, גלייך דערקענט דעם קאַפּ־ראַל און אַ אומרו האָט אַ פינקל געטאָן אין זיינע אויגן:

— ווי קומסטו איצט אַהער, לאַ־קור?

דער קאַפּראַל האָט סאַלוטירט און איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט צום טיש.

— וואָס איז געשען?.. ווי האָסטו געקענט פאַרלאָזן די טראַנ־שעען?

— געמוזט, הער פּאָלקאָווניק. כ׳בין אַוועק ניט מעלדנדיק קיינעם.

צענדליקער דינינקע קנייטשן האָבן מיט אַמאָל פאַרצויגן ד׳וזיע׳ס שטערן און זיך צוזאַמענגעקליבן אין די ווינקלען אַרום זיינע אויגן. ער האָט אַפּגערוקט זיין שטול פון טיש און אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל: — כ׳פאַרשטיי, לאַ־קור: דו וועסט צוליב קליינינקייטן אַזעלכע זאַכן ניט טאָן. דערצייל!

לאַ־קור האָט געמאַכט נאָך אַ טראָט פאָראויס און אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם: — הער פּאָלקאָווניק, איך האָב אַ פאַרדאַכט, אַז צווישן מיינע סאָלדאַטן געפינט זיך אַ שפּיאָן.

ביידע ווינקלען פון ד׳וזיע׳ס מויל האָבן איינצייטיק אויפגעצי־טערט. ער אַליין האָט זיך אָבער פון אָרט ניט גערירט, בלויז זיינע אויגן האָבן אַ מעטאַלענעם פינקל געטאָן:

— אַ דייטש?

— ניין, אַ פראַנצויז.

ד׳ויזיע האָט זיך צוגעבויגן צום קאַפּראַל׳ס סאַמע פּנים און שטיל, מיט אַ לייכטן כריפּ אין קול, באַפוילן: — דערצייל! — און זיך פון אָרט ניט גערירט ביז דער קאַפּראַל האָט ניט געענדיקט די געשיכטע. דערנאָך האָט ער זיך אויסגעגלייכט די פּלייצע, איז אַ פּאָר מאָל אי־בערגעגאַנגען דעם צימער, צופּנדיק די שטעכיקע וואָנצעס און שטיין געבליבן:

— ווי זאָגסטו! הייסט ער? . . שאַרל גראַוויע? . . גראַוויע? . . גראַוויע . . אַ הויכער יונג אַזאַ, אַ שיינער, אַ וואָלונטיר? . . כ׳געדענק, כ׳געדענק . . ער האָט, דאַכט זיך, ערשט דאָ ניט לאַנג אַ מעדאַל געקראָגן פאַר העלדישקייט? . .

— יאָ, הער פּאָלקאָווניק, דאָס האָט ער מיך אַליין אַ פאַרוואונדעטן פון די דייטשע הענט אַרויסגעריסן און צו אונזערע גראָבנס געבראַכט.

דער פּאָלקאָווניק איז ווידער אַמאָל דורכגעגאַנגען דעם צימער און מיט אַמאָל שטיין געבליבן הארט פאַר לאַ־קורן:

— נו, זאָג אַליין, קאַפּראַל . . עס לייגט זיך דאָך ניט אויפן זינען . . ווי איז עס מעגלעך, אַז אַ מענטש וועלכער קעמפט אַזוי העלדיש קעגן די דייטשן . . וואַרט אַ רגע: ער איז, דאַכט זיך, אויך געווען פאַרוואונדערט? . . ניט אמת?

— יאָ, דריי מאָל, לייכט . .

— אָט זעסט! . . דריי מאָל געווען פאַרוואונדעט . . איז שטענדיק פאַרטיק אויף די געוואַגטסטע טאַטן. ווי קען אַזאַ מענטש זיין אַ . . שפּיאָן? יעדע זאַך מוז דאָך האָבן אַ געדאַנק.

— לאַ־קור האָט טיף אָפּגעזיפצט: — הער פּאָלקאָווניק, כ׳וואָלט פינף יאָר פון מיין לעבן אָפּגעגעבן עס זאָל זיך אַרויסווייזן צו זיין ניט אמת. עפּעס איז דאָ אָבער פאַרט ניט גלאַט.

— עפּעס איז דאָ ניט גלאַט . . דאָס ביסטו גערעכט. זאָג, וואו געפינט זיך איצט גראַוויע?

— אין דער טראַנשעע נומער זיבן. מיינע צוויי פלימעניקעס נעמען שוין פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ.

— זייער גוט. דו, קאַפּראַל, גיי גלייך צוריק. איך וועל שוין זען, אַז די וועכטער זאָלן פאַרהאַלטן דעם הונט, ווען ער וועט צוריקקומען. אויב ער וועט זיי אויסמיידן — פאַרהאַלט דו אים, איידער ער קומט צו צו גראַוויען. מיר מוזן אים צוערשט אונטערזוכן. פאַרשטאַנען?

— יאָ, הער פּאָלקאָווניק.

ד׳וויזיע האָט אים געגעבן די האַנט: — אַ דאַנק, אַלטער חבר. גיי און זיי פאָרזיכטיק: ער טאָר קיין זאַך ניט באַמערקן.

כ׳פאַרשטיי. — לאַ־קור האָט סאַלוטירט און איז אַרויס פון שטיבל.

* * *

וואָס נידעריקער די זון האָט זיך אַרונטערגעלאָזט און עס זײַנען געדיכטער געוואָרן די שאָטנס — אַלץ שטאַרקער האָט די שלאַכט זיך געגנומען צעפּלאַקערן. די האַרמאַטן־שאָסן זײַנען געוואָרן אַלץ הילכיקער און אָפטער, ביז זיי האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין אומ־ענדלעכן דונער. די ביקסן האָט מען שוין לאַנג אויפגעהערט צו הערן, בלויז מינוטנווייז, צווישן איין קאַנאָנען אויפרייס און דעם צווייטן, האָט זיך אַרויסגעריסן די „אַרבעט" פון די קוילן־וואַרפערס. און גע־דאַכט האָט זיך דאַן, אַז טויזנטער, טויזנטער קליינע העמערלעך קלאַפּן אין גראָבע, גוט אויסגעטריקנטע, ברעטער.

דער נאַכטיקער הימל איז געווען באַצויגן מיט געדיכטע וואָלקנס רויך, דורך וועלכע עס האָבן זיך מיט אַ יאָמערדיקן געווייַן געטראָגן באָמבעס, בייז געפּייפט גראַנאַטן און ווי ריזיקע, בייזע פויגלען, ווייט אין ביידע זייטן פעלד, הויך אויפגעריסן די ערד פאַר זייערע פייער־דיקע נעסטן.

שפּעטער, ווען ס'איז אינגאַנצן פינצטער געוואָרן, האָבן הויך אין דער לופטן זיך געגנומען רייסן בלויע שטערן־ראַקעטן, זיך אויפמערק־זאַם איינגעקוקט אין פעלד, אַלץ געזוכט צו עס גנבֿ'ענען זיך ניט קיין פיינטלעכע פּוס־גייער, צו עס טראָגן זיך ניט קיין רייען שוואַרצע טאַנ־קען אויף אַ טויטלעכן שטורם.

דאָס פעלד איז אָבער געווען פּוסט, מורא'דיק צעאַקערט, אַן דער מינדסטער באַוועגונג: אַ בית־עולם, וואו לעבעדיקע זײַנען אין אָפענע קברים געלעגן און געוואַרט אויפן טויט. געוואַרט און געטראַכט אין זיך מיט אַ ציטער, אפשר וועט עס ניט אים, אפשר וועט עס אַ צווייטן טרעפן.

די באַפעסטיקטע גראַבנס פון ביידע זייטן האָבן אויף עפּעס געוואַרט, פאַר עפּעס זייער מורא געהאַט און געוואָלט ווייזן איינער דעם צווייטן, אַז קיין זאַך שרעקט זיי ניט, אַז זיי זײַנען פאַר אַלץ פאַרבערייטעט. עלף אַזייגער האָבן די האַרמאַטן געגנומען שטילער ווערן און ביז צוועלף כמעט ווי אינגאַנצן איינגעשוויגן. אויך די ביקסן האָבן זיך באַרואיקט, בלויז די קוילן־וואַרפערס, אויף דער וואַך אין טיפע לע־כער אויף „קיינעמס לאַנד", פלעגן פון צייט צו צייט, פון איין זייט אָדער אַ צווייטער, דערשראָקענע ביז טויט, זיך נעמען וואַרפן אין קאָנוואולסיעס, פאַרפלייצנדיק דעם אַרום מיט הונדערטער קליינע, שטאָלענע טויטן. אָבער אויך זיי, ניט קריגנדיק קיין ענטפער, ניט

זענדיק קיין געפאַר, האָבן זיך ביסלעכווייז באַרואיקט. די איינציקע וואָס האָבן געוואַכט און געהיט דאָס שלאַכט־פעלד זיינען געווען די בלויע ראַקעטן, וועלכע האָבן מיט שטילע, ווייטע זיפצן, יעדע פּאָר מינוטן, זיך געריסן הויך אין הימל.

עס האָט שוין באַדאַרפט זיין אַרום איינס אַזייגער, ווען אין אַ זייטיקן גראָבן האָט זיך דערהערט אַ קוויטש פון אַ הונט און באַלד נאָך אים אַ שטילער פייף.

גראַוויע, וועמען די ברידער וואַנס האָבן אַ גאַנצן אָוונט ניט אָפּ־געלאָזן פון זיך, דערציילנדיק אים פריילעכע פּאַסירונגען פון זייער דאָרפישן לעבן, האָט אויפגעציטערט און זיך גענומען איינהערן.

— וואָס איז, שאַרל? צו וואָס הערסטו זיך אַזוי צו? — האָט פּאָל אַ פרעג געטאָן און אין דער פינצטער אַ טאָרקע געטאָן זיין ברו־דער לואי אין פּוס.

— עס האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז כ׳האָב געהערט טוירק׳ס אַ קוויטש — האָט גראַוויע אַ זיפץ געטאָן און צוגעגעבן: — ווייסט, אַז מיין כעס גייט אָפּ, דערפיל איך אַז כ׳האָב אים פּאָרט ליב . . אַליין אים דאָך אויפגעכאַוועט . . ער האָט זיך שטענדיק געהאַלטן זייער ריין און דער טייוול ווייסט, וואָס מיט אים איז לעצטנס געוואָרן . — ער האָט זיך ווידער גענומען צוהערן.

— עס האָט זיך דיר אויסגעדאַכט — האָבן אים ביידע ברידער פאַרזיכערט און לואי האָט צוגעגעבן: — אויב אפילו אַ הונט האָט אַ קוויטש געטאָן, איז עס זיכער ניט געווען דיינער: אין די גראָבנס זיינען פאַראַן נאָך אַ האַלבער טוץ אַנדערע הינט . .

דער קאַפּראַל לאַ־קור איז צוגעקומען און זיי באַפוילן זיך האַלטן אַביסל שטילער. די ברידער וואַנס, שטענדיק אַזעלכע פינקטלעכע און געהאָרכזאַמע, האָבן היינט עפּעס זיך ווייניק וואָס געקימערט וועגן קאַפּראַל׳ס באַפעלן און גענומען דערציילן אַ נייע מעשה וועגן זייערע צוויי דאָרפישע געליבטע, וועלכע האָבן איינצייטיק אויך געלעבט מיט צוויי אַנדערע מענער.

דעם הונט האָבן צוויי סאָלדאַטן אַריינגעטראָגן אין אַ אונטער־ערדיש שטיבל פון אַ זייטיקער טראַנשעע און, כדי ער זאָל קיין טומל ניט מאַכן, האָט מען אים דעם קאָפּ איינגעוויקלט אין אַ סאָלדאַטסקער קאָלדערע. דאָרטן האָבן שוין געוואַרט: דער פּאָלקאָווניק, דער גענע־ראַל פון דעם סעקטאָר שלאַכטפעלד, מאַנסיע פּאַרסאָן, און צוויי שטאַב־

אָפּיצערן. מען האָט דעם צעשראָקענעם הונט אַרויפגעשטעלט אויף אַ טיש, אים באַרואיקט און אויפמערקזאַם געגומען אונטערזוכן. צו־ערשט אַרומגעטאַפּט דעם בויך, די פיס, אַריינגעקוקט אין מויל, דער־נאָך אַרונטערגענומען פון זיין האַלדז דעם לעדערנעם האַלדז־באַנד מיט די מעשענע קנעפּלעך און זיי גענומען באַטראַכטן.

און עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז צוויי פון די אַכט מע־שענע קנעפּלעך הויבן זיך אויף און אונטער איינעם פון זיי, פון אַ טיפער לעדערנער שפּאַרע, האָט מען אַרויסגעשלעפּט אַ קונציק־צוזאַמענגעלעגט, דין פּאַפּירל. דער גענעראַל האָט עס געעפנט, מיט אַ פאַרגרעסערונג גלאָז זיך איינגעקוקט אין די לייכטע בליישטיף שטריכן און איז מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען פון אָרט: זיין פּנים ווייס, די הענט האָבן געציטערט:

— אַ מאָן דיע! (אוי מיין גאָט) זעט נאָר! דאָס איז דער נייער פּלאַן ווי אַזוי מיר האָבן לעצטע וואָך אויסגעשטעלט אונזערע גרויסע האַרמאַטן!.. אפילו די שטרעקע צווישן זיי און די גראָבנס איז אָנ־געגעבן!.

דער פּאָלקאָווניק מיט די אָפיצערן האָבן זיך איינגעקוקט אין דינעם פּאַפּירל און זייערע בליקן האָבן אויסגעדרוקט גרויס צוטומ־לעניש, אפילו שרעק. אַ ווײַלע איז געווען שטיל.

— אָבער, גענעראַל, האָט זיך ד׳וויזיע אָפּגערופן דער ערשטער — ווי קומט דער פּלאַן צוריק?

מען האָט ווידער גענומען שטודירן דאָס פּאַפּירל. איינער פון די אָפיצערן איז אַוועק און באַלד צוריקגעקומען מיט פאַרשידענע כעמישע וואַסערלעך און אונטער דער ווירקונג פון איינעם פון זיי, זיינען אויף אַ זייטל פונם פּלאַן אַרויסגעשוואומען די פאָלגנדיקע ווערטער אין דייטש: „גיט קלאָר. גיב אָן צאָלן און גרויס. גלייך צוריק״.

אַלע האָבן זיך ווידער איבערגעקוקט, אָבער מער קיין וואָרט ניט גערעדט. דער פּאָלקאָווניק האָט צוזאַמענגעלייגט דאָס צעטעלע, עס פאַרזיכטיק אַריינגעשפּאַרט אין האַלד־באַנד אונטערן מעשענעם קנעפּל, עפּעס שטיל אַ זאָג געטאָן דעם גענעראַל און איז, איילנדיק, אַוועק, צוזאַמען מיט איינעם פון די אָפיצערן.

פּונקט מיט צען מינוטן שפּעטער, האָט דער גענעראַל געהייסן אָנטאָן טוירקן זיין לעדערנעם האַלדז־באַנד און אים לאָזן פריי. דער הונט האָט אַ צופרידענעם דריי געטאָן מיט זיין ברוינעם עק, גע־

פרואווט אַ לעק טאָן די האַנט, וואָס האָט אים נאָך געהאַלטן און איז מיט איין שפּרונג פאַרשוואונדן אין דער אָפענער טיר.

* * *

אַ טיף־בלויער אויסגעשטערנטער הימל האָט פאַרטראַכט געקוקט אויף דער ערד. אַ רואיקע, אַ צאַרטע, האָט די נאַכט זיך שטיל אַרונטערגעלזאָט אויפן שלאַכט־פעלד און זיך באַמיט מיט איר פינצטערניש און שטילקייט צו פאַרדעקן, צו באַרואיקן דעם גרויסן צער און פּחד וואָס האָבן געציטערט פון אונטער יעדן בוים און קוסט, וואָס האָבן מיט דערשראָקענע, האַלב־שטאַרע אויגן אַרויסגעקוקט פון יעדן גרוב, פון יעדער שפּאַרע.

רו האָט די נאַכט געוואָלט, מיט טויזנטער שטערן־אויגן שלום געבעטן.

האָט אָבער עמיצער אַ כיטרער און אַ זשעדנער, מיט טריט־פלינק און לייכטע, ווי דער פלי פון אַ סאָווע, מיט גיריק־גרינע, ברוטאַלע אויגן און אַ חזיר־שנוק געלאַכט זיין טייוולשן געלעכטער אין דער טיפקייט פון דער נאַכט, געיאָגט זיך פוןביידע זייטן פון „קיינעמס לאַנד", זיך געוויקלט אין פאַרשידענע פאַנען, געשפּרונגען פון איין גרוב און טראַנשעע אין דער צווייטער, געקנאַלט מיט אַ לאַנגער בייטש און סם געגאָסן, האָס און שוועבל געזייט:

— זייט גרייט! זייט גרייט! . . קיין פּחד, קיין צער טאָרט איר ניט פילן ניט פאַר אייגענע, ניט פאַר זיך אַליין! . . איר דאַרפט, איר מוזט זיך מקריב זיין! איר מוזט. מוזט. מוזט! . . אפילו אָן ודוי, עקשנות'דיק מוזט איר גיין, גיין, גיין און שטאַרבן! געזעץ! דער חוב רופט! . . באַפעלט! . . איר מוזט! איר האָט געשוואוירן . . אַ שבועה געגעבן . . געדענקט! . . אָט דאָרטן ליגן זיי, די שונאים! איר מוזט זיי פאַרניכטן! דאָס פאָטערלאַנד פאָדערט עס! איר מוזט זיך פלינק אַריינרייסן צו זיי אין די גראָבנס, זיי חרוב מאַכן. זיי ממית'ן, דור'ס זיין . . טאָ שנעלער! . . שאַרפט די שפּיזן! . . מאַכט פאַרטיק דאָס געוועהר! . . שנעלער! שנעלער! .

און מענטשן אין אוניפאָרמען, טויזנטער, הונדערטער טויזנטער — זיינען געלעגן פאַרטייעט אין טויט־שרעק פון ביידע זייטן „קיינעמ'ס לאַנד" און דריקנדיק צו זיך דאָס קאַלטע שטאָל פון זייער געוועהר, געהיט דעם שונא.

געהיט אָט יענעם דאָרטן פון דער צווייטער זייט, וועמען זיי האָבן

קיינמאָל אין זייערע לעבנס ניט געזען, צו וועמען זיי האָבן לחלוטין גאָרניט.

און צווישן ודוי, טויט־שרעק און גסיסה האָבן זיך גאַנץ אָפּט אין מח שאַרפע פראַגעס געשניטן:

„פאַרוואָס? . . צוליב וועמען?

אָבער טראַכטן איז ניט געווען קיין צייט: טויזנטער יונגע לעבנס האָבן ניט אויפגעהערט טאָג־טעגלעך צו פאַלן, אָבער מאַכנעס פריי־שערע און יונגערע פלעגן גלייך פאַרנעמען זייער אָרט און די ערד האָט ניט אויפגעהערט זיך צו שטיקן מיט יונג בלוט, זיך צו וואַרגן מיט נאָך ניט קיין אויסגעלעבטע לעבנס.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

. . . הויך אין הימל האָבן ניט אויפגעהערט זיך צו רייסן בלוי־לעכע ראַקעטן און אָנגעשטרענגט געהיט יעדע באַוועגונג, יעדן שטן, אונטן, אויפן שלאַכטפעלד.

* * *

— זע נאָר, שאַרל, טוירק איז שוין צוריקגעקומען! — האָט לואי וואַנס פלוצלונג אויסגעשריען.

— וואו, וואו איז ער? — האָט גראַוויע זיך גענומען אַרומקוקן דערפרייט און דאָס ניט דעררויכערטע סיגאַרעטל איז אַרויסגעפאַלן פון זיין מויל.

דער הונט איז געשטאַנען עטלעכע טריט רעכטס, געדרייט מיטן עק און ווי געוואָרט אויף עפּעס, ניט אַראָפּנעמענדיק פון גראַוויען זיינע געטרייע בליקן.

— זעסט, דער רוח האָט אים ניט גענומען און דו האָסט זיך אַזוי געזאָרגט — האָט פאַל באַמערקט.

און לואי האָט צוגעגעבן: — זע, ער קוקט דיר גלייך אין די אויגן, פונקט ווי ער וואָלט געוואָרט אויף עפּעס.

— וואָ, סאַל־שיען! (וואָס מאַכסטו, דו שמוציקער כלב) — האָט שאַרל אים ווייך באַגריסט.

טוירק האָט זיך אַ ריס געטאָן צום בעל־הבית, זיך אויפגעשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און מיט אַ שטילן, צופרידענעם בילן אַלץ געוואָלט אים אַ לעק טאָן אין פנים. גראַוויע האָט לאַכנדיק אים גע־פרואווט אָפּשטויסן פון זיך און מיט אַמאָל אַ זאָג געטאָן: — אַנו, פאַל, האַלט נאָר מיין ביקס אויף אַ מינוט: טוירקס זייט איז עפּעס נאַס־

לעך . .אפשר האָבן אים די פאַרשאָלטענע דייטשוקעס פאַרוואונדעט. כ'וועל גיין אַ קוק טאָן.

— עס זעט ניט אויס, ער זאָל זיין פאַרוואונדעט — האָט פּאָל גע־ענטפערט, — אָבער בעסער נעם אים אַריין אין שטיבל און באַטראַכט אים גוט. — און ער האָט דערביי צוגענומען ביי אים די ביקס.

— זאָס זיך ניט: דער קאַפּראַל איז היינט עפּעס ביין . . — האָט אים לואי נאָכגעזאָגט, ווען ער איז שוין געווען ביים אַריינגאַנג פון שטיבל.

— איין מינוט בלויז. — האָט שאַרל געענטפערט און איז פאַר־שוואונדן.

אין שטיבל איז געווען האַלב־פינצטער. דאָס קליינע לעמפּל, וואָס האָט געהאַנגען אויף אַ דראָט אין דער מיט, האָט עמיצער איינגעצויגן און ס'האָט מער געטשאַדעט ווי ליכט געגעבן. אַרום די ווענט האָבן זיך געצויגן ברייטע בענק אויף וועלכע מידע סאָלדאַטן פלעגן כאַפּן אַ דרימל אין די רואיקע שעה'ן, צווישן די שלאַכטן. איצט זיינען דאָרטן געלעגן צוויי סאָלדאַטן, איינגעוויקלט אין זייערע שינעלן און געשמאַק געכראַפּעט.

שאַרל האָט זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ קעסטל, צוגעצויגן צו זיך דעם הונט'ס קאָפּ, געשיקט אַרויסגעכאַפּט פון האַלדז־באַנד דאָס דינע פּאַפּירל, זיך אַרומגעקוקט, אַרויסגענומען פון קעשענע גאָר אַ קליינעם שיין־וואַרפער און ביי זיין ליכט זיך גענומען איינקוקן אין פּאַפּירל.

אונטער אים האָט זיך דערהערט אַ סקריפּ פון אַ שטיוול און ער האָט מיט אַמאָל דייטלעך דערפילט, אַז עמיצער שטייט הינטער זיינע פּלייצעס. ער האָט אויפגעציטערט און שנעל אויסגעדרייט דעם קאָפּ: הינטער אים איז געשטאַנען דער פּאָלקאָווניק ד'וזיע מיט אַ סאָלדאַטסקי מאַנטל אויף זיינע פּלייצעס און אים גלייך געקוקט אין די אויגן אַריין. און דער שאַרפער מעטאַל פון ד'וזיע'ס בליקן האָט ווי אַ אייז קאַלטער שטראָם זיך אַ גאָס געטאָן שאַרלען אין האַרצן אַריין, פון דאָרטן זיך שווער אַרונטערגעלאָזט צוערשט אין בויך, דער־נאָך אין די פיס. אַלץ אין אים איז מיט אַמאָל ווי איינגעטונקען גע־וואָרן אין אַ מין רואיקייט, קעלט, גלייכגילט.

אַ וויילע האָבן זיי זיך אַזוי אָנגעקוקט, דערנאָך האָט גראַוויע אַליין אים לאַנגזאַם דערלאַנגט דאָס דינע פּאַפּירל און מיד אָפּגעקערט דעם קאָפּ. און ערשט איצט האָט ער באַמערקט, אַז ביי דער זייט שטייט

נאָך אַן אָפּיצער און נעבן יענעם — לאַ־קור מיט אַ רעוואָלווער אין האַנט.

ער האָט צוגעשלאָסן די אויגן: אים איז שוין איצט אַלץ איינס געווען.

— פאַררעטער! פאַרפלוכטער שפּיאָן! — האָבן די ברידער וואַנס געקריצט מיט די ציין און, ציטערנדיק פון האַס, אים מיט דינע, שטאַרקע שטריק די הענט אויף הינטן פאַרצויגן.

פאַראויס זיינען געגאַנגען דער פאַלקאָווניק מיטן קעפּטן, דערנאָך שאַרל מיט אַ טיף געבויגענעם קאָפּ, דערנאָך דער קאַפּראַל לאַ־קור און די ברידער וואַנס מיט זייערע ביקסן אין די הענט.

— שפּיאָן!.. פאַרפלוכטער דייטש!.. פאַררעטער! סאַל־שיען! שאַרפע, שווערע ווערטער האָבן אָנגעפילט די לופט און ווי גראַנאַטן, עקספּלאָדירט פון אַלע זייטן!

— מען דאַרף אים ניט אָוועקפירן!.. אויפן אָרט דערשיסן!.. גלייך אויפן אָרט!..

צענדליקע הענט, מיט האַס און צאָרן פאַרקרעמפּטע, האָבן זיך צו זיין האַלדז געצויגן און בלאַנקע שפּיזן אין געניטע הענט האָבן זיין ברוסט געזוכט.

ד'וזיע איז שטיין געבליבן און בלויע פונקען האָבן פון זיינע אויגן געשפּריצט: — ווער עס וועט וואַגן אים אָנצורירן, דער איז אַ פאַר־רעטער! מיר דאַרפן אים נאָך האָבן. אָבער געדענקט זיין נאָמען: שאַרל גראַוויע!

— שאַרל גראַוויע — שפּיאָן!.. דייטש!.. שאַרל גראַוויע — פאַררעטער!..

גראַוויע איז לאַנגזאַם געגאַנגען אין גראָבן. צווישן צווי לעבעדיקע ווענט, געפילט אויף זיך הונדערטער בייז־ברענענדיקע אויגן, אַ פּאָר מאָל געפּרוּווט אפילו אויפהייבן דעם קאָפּ, געפילט ווי זיי צו זאָגן, אַז ער איז ניט בייז אויף זיי, אַז ער פאַרשטייט זיי און איז אפילו איצט פאַרטיק זיין לעבן מקריב צו זיין פאַר יעדן פון זיי, אָבער.. די ווער־טער האָבן זיך געקלעפּט צו זיין גומען און די שווערקייט פון זייערע בליקן האָט אים צו דער ערד געדרוקט.

מינוטנווייז האָט אים אָבער געוואונדערט וואָס אַט די אַלע מענטשן האָבן שוין אַזוי גיך פאַרגעסן ווי בראַוו ער האָט זיך געשלאָגן קעגן די פאַרפלוכטע דייטשן, וויפיל שונאים ער האָט געטויט. פאַרוואָס

טראַכטן זיי זיך ניט אַריין, פאַרוואָס זוכן זיי ניט די אמת'ע סיבה פון זיין האַנדלונג, פאַרוואָס פילן זיי ניט זיין אומגליק?! אָבער אַ קעגן־געדאַנק האָט שווער געהאַמערט: „וואָס איז דער אונטערשיד? וואָס גייט זיי אָן דיין גליק אָדער אומגליק? וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט דיין העלדישקייט, אַלע דיינע דייטשן, וועמען האָסט געטויט, קעגן דיין פאַרראַט, קעגן דעם שאָדן וואָס דו האָסט אָנגעטאָן דיין פאָלק, דיין לאַנד?! . .

און ערשט איצט, שוין גייענדיק אונטער דער וואַך, מיטן מלאך־המות אויף זיינע אַקסלען, האָט ער אָנגעפאַנגען אין דער פולער מאָס צו באַגרייפן דעם שרעק פון זיין פאַרברעכן. עס האָט אים גע־נומען ציען צו דער ערד: זיך אַוועקלעגן און . . זאָל מען טאָן מיט אים וואָס מען וויל. אַלץ איינס.

די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט זיך געפונען אין די פעדערשטע גראַבנס, איז פאַר אים געווען ווי אַן ענדלאָזער קאָשמאַר, אַ מין שטענ־דיקער שוועבן צווישן לעבן און טויט. יעדע מינוט פון טאָג און נאַכט איז ער געווען פאַרנומען מיטן אויספאָרשן דעם לאַגער, די גראַבנס, מיטן שיקן ידיעות צו די דייטשן און קריגן פון זיי אינסטרוק־ציעס, מיט פלענער ווי אַזוי בעסער זיך אַליין צו באַשיצן. זיין מח, שטענדיק אַ באַשעפטיקטער, האָט קיין צייט ניט געהאַט זיך אָפּצו־שטעלן, זיך אַריינטראַכטן און אָפּוועגן דעם שוידער פון זיינע טאַטן. זיין ווילן, זיין קלאָרער פאַרשטאַנד האָבן זיך אויפגעלעזט אין זיין מור־טערס ווילן און זיין געוויסן איז ווי פאַראַליזירט געוואָרן אין שטענ־דיקן פחד אויפגעדעקט צו ווערן. אין שלאַכט האָט ער זיך געוויינ־לעך געוואָרפן דער ערשטער: אין פייער פון קאַמף פלעגט זיך אינ־גאַנצן צעגיין דער שרעק פאַר זיינע טאַטן, מיט זיין אייגענעם בלוט און מיטן בלוט פון די שונאים האָט ער געוואָלט זיך ריינוואַשן, אויס־קויפן זיין שולד קעגן זיין פאַטערלאַנד.

צוויי מענטשן האָבן געלעבט אין גראַוויען: איינער אַ פרייער, אַ זאָרגלאָזער, אַ ברויזנדער פאַריזשער לעבע־יונג, וועלכער וואָלט שטיקער לייב זיך געשניטן פאַר זיין ליבער פראַנקרייך. דער צוויי־טער, אַ טיף־דערשלאָגענער, אַ פאַרהיפּנאָטיזירטער, האָט איילנדיק און אין טויט־שרעק געטאָן דעם היפך פונם ערשטן: אַרויסגעגעבן די זעלבע פראַנקרייך צו אירע שונאים.

אין געוויינלעכן לעבן וואָלטן אָט די צוויי מענטשן, די צוויי בלו־

טיקע שונאים, געקעמפט צווישן זיך ביז איינער פון זיי, אָדער אַמאָל ביידע וואָלטן גלייך אומגעקומען. דאָ אָבער, אויפן שלאַכטפעלד, זיינען זיי ביידע פאַרביסענע, שטיל געלעגן, אָפּגעטיילטע מיטן טויט, וועלכער האָט געקענט קומען יעדע מינוט, יעדע סעקונדע.

דעם ערשטן מאָמענט, ווען גראַוויע האָט היגטער זיך דערזען דעם פאָלקאָווניק, איז אים אַ שרעק באַפאַלן און אינסטינקטיוו האָט ער אַ טראַכט געטאָן ווי זיך צו ראַטעווען. באַלד איז אָבער געקומען אַ צווייטער געדאַנק, אַ שטילער, אַ באַרואיקנדער, אַז איצט איז שוין אַלץ געענדיקט, אַז מען וועט שוין מער ניט דאַרפן שיקן דעם העס־לעכן הונט מיט באַריכטן צום שונא און משוגע ווערן וואַרטנדיק אויף זיין קומען צוריק, אַז דאָס שרעקלעכסטע איז שוין פאַראיבער, אַז ס'איז שוין ניטאָ מער פאַר וואָס מורא צו האָבן, פון וואָס זיך צו היטן. שטאַרבן? דאָס איז גאָרניט שרעקלעך: דער טויט וועט אַלץ פאַרדעקן, אַלץ אָפּווישן, אַלץ פאַרגעבן.

אַ שטילקייט האָט אים ווייך אַרומגענומען און אים צוגעזאָגט זיכערקייט און רו. באַלד האָט אָבער דער האַס און פאַראַכטונג פון די אַרומיקע, פון די נאָענטסטע חברים, אויפגעריסן אַן אָפּגרונט אונ־טער זיינע פיס, אים דערוויזן די אמת'ע מאָס פון זיין פאַרברעכן און אים ווידער אַרויסגעשליידערט אויפן שאַרפן וועג פון פיין, שרעק און חרטה. זיין הויכע, ווייס־לייביקע, שטאָלצע מוטער איז פאַרבייגע־שוואומען אין זיין זכרון. מיט איין זייטל פון איר רעכטן אויג האָט זי אַ קוק געטאָן אויף אים און אַ פאַרביסענע, זיך ניט פאַרהאַלטן מער ווי אויף אַ רגע. פון די איינגעשפּאַרטע קנייטשן אַרום איר שיינעם מויל און די בלויע אויגן האָט אויף אים אַ בלאָז געטאָן אַ פּחד. געדאַנקען האָבן, ווי בליצן, גענומען פינקלען אין טעמפּן מח: „יאָ, אָט דאָס איז זי, מיין מוטער.. וואו געפינט זי זיך איצט?.. זיכער אין בערלין.. האָט זי מיך ליב געהאַט?.. ניין, ניין!.. זי האָט מיך געהאַסט, פּונקט ווי דעם פאָטער, פּונקט ווי זי האָט געהאַסט דעם פעטער זשאַק, דעם בראַוון פאָלקאָווניק פון אַרטילעריע און זיין זון זשאָרזשן, וועלכע געפינען זיך אויך ערגעץ־וואו אויף די שלאַכט־פעלדער.. יאָ.. זי האָט אונז אַלעמען געהאַסט, פּונקט ווי זי האָט געהאַסט אונזער פראַנקרייך.. מיין ליבע פראַנקרייך.. אַנדערש וואָלט זי עס ניט געטאָן, עס קיינמאָל ניט געפאָדערט פון מיר.. איז זי מיין מוטער געווען?.. גאָט, ווי שרעקלעך.. העלף מיר..".

צוויי מאָל אויפן וועג צום שטאַב, וואוהין מען האָט אים געפירט, איז ער שטיין געבליבן, דורכשטיק געצויגן אין זיך די לופט, און באַמיט זיך ניט צו פאַלן. דערנאָך איז ער וויטער געגאַנגען, געקוקט אויף דער ערד פאַר זיך און שטיל געבעטן:

— גאָט מיינער, זאָל מען מיך שוין גיכער.. וואָס גיכער שיסן..

* * *

גענעראַל פּאַרסאָן, — אַ ברונעט פון אַ יאָר עטלעכע אין פערציק מיט שיינע, ברוינע אויגן, אַ קליינער, שפּיציקער נאָז, מיט אויסגע־כאַליעטע, ווי פון ברוינעם זייד, וואָנצעס און אַ שפּיציק בערדל „בולאַנ־זשע" — האָט אַליין געפירט דעם פאַרער. פּאָלקאָווניק ד'וזיע איז געזעסן רעכטס, אַרומגערינגלט מיט עטלעכע אָפיצערן פונם גענעראַל־שטאַב. קאַפּראַל לאַ־קור איז געשטאַנען, צוגעשפּאַרט צו דער וואַנט, נעבן דער טיר. זיין פּנים שטאַרק בלייך און מיט דער צונג האָט ער גע־האַלטן אין איין נעצן די טרוקענע ליפּן.

אַלע אַ חוץ לאַ־קורן, האָבן מיט האַס און נייגיר זיך איינגעקוקט אין שאַרלען, וועלכער איז געשטאַנען אינגאַנצן אַ גלייכגילטיקער און צוועקלאָז געקוקט אין ווינקל, רעכטס פון זיך. דער זילבערנער מע־דאַל, וועלכן ער האָט ניט לאַנג צוריק געקראָגן פאַר העלדישקייט, האָט איצט אויסגעזען אַזוי שפּאָטיש־איבעריק אויף זיין ברוסט . .

מען האָט פון אים אַרונטערגענומען די שטריק. ווי טויטע זיי־נען זיינע הענט אַרונטערגעפאַלן און געבליבן באַוועגלאָז הענגען פון ביידע זייטן קערפּער. די רעכטע האָט זיך נאָך אפילו געשאָקלט אַ ווײַלע און אירע פינגער האָבן, ווי דיקע, ווייסע ווערים זיך אַ פּאָר מאָל ווילענלאָז אַ באַוועג געטאָן.

דער גענעראַל האָט זיך אויסגעהוסט און אָנגעפאַנגען:

— דיין נאָמען?

דער באַשולדיקטער האָט צוגעמאַכט די אויגן, זיי אָבער גלייך געעפנט: — שאַרל גראַוויע.

— ווי אַלט ביסטו?

— צוואַנציק יאָר.

— ווי לאַנג אין דער אַרמיי?

— צען חדשים.

— וואו ביסטו געבוירן?

— אין עלזאַס.

— וואָס איז דיין פאָטער געווען?

גראַוויע האָט געשוויגן.

— מיט וואָס האָט זיך דיין פאָטער באַשעפטיקט? — האָט דער גענעראַל איבערגעפרעגט.

קיין ענטפער, קיין ריר, פונקט ווי ניט אים וואָלט מען געמיינט.

דער גענעראַל האָט פאַרוואונדערט זיך איבערגעקוקט מיט ד׳וזיען.

לאַ־קור האָט סאַלוטירט און אויפגעהויבן די האַנט, אַז ער האָט עפּעס וואָס צו זאָגן.

— וואָס ווילסטו זאָגן, קאַפּראַל? — האָט דער גענעראַל אים אַ פרעג געטאָן.

— צווישן מיינע סאָלדאַטן געפינען זיך צוויי, וואָס קומען צוזאַמען מיט אים פון עלזאַס. איינער האָט מיר דאָ ניט־לאַנג צוריק דערציילט, אַז גראַוויעס פאָטער איז זיין גאַנצן לעבן געווען אַ קעפּטן אין אונזער אַרמיי, זיך בראַוו געשלאָגן קעגן די דייטשן אין 1870 און געקראָגן פילע אויסצייכנישן.

— איז עס אמת? — האָט דער גענעראַל זיך געווענדט צום אַרעסטירטן.

גראַוויע האָט געשוויגן.

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. דער גענעראַל האָט אַ בליק געטאָן אויף שאַרלען און טיף אָפּגעזיפצט: — דער פאָטער האָט זיין בלוט פאַרגאָסן פאַר פראַנקרייך און דער זון איז אַ פאַררעטער, דינט דעם פיינט, פאַרקויפט זיין פאָטערלאַנד, העלפט אויסשעכטן זיינע ברידער.

אַ לייכטער ציטער האָט דורכגעטרייסלט גראַוויעס קערפּער.

— האָסטו ברידער, פריינט ביי אונז אין דער אַרמיי?

— קיינעם.

— ווי אָפט שיקסטו ידיעות צום פיינט?

— ווען נויטיק איז.

— מיטן הונט צי אויף דורך אַנדערע וועגן?

שאַרל האָט אַנגעשטרענקט אַ קוק געטאָן דעם גענעראַל אין פּנים און ניט געענטפערט.

— נו, דערצייל, ווי גרויס איז דער לוין פאַר פאַרראַטן אַ פאָטערלאַנד? — האָט דער גענעראַל ווייטער געפרעגט אַ אומצופרידענער.

— איך קריג קיין געלט ניט: כ׳בין אַ דייטש, אין עלזאַס געבוירן! — האָט שאַרל שאַרף געענטפערט.

— עלזאַס איז פראַנקרייך! — האָט דער גענעראַל אויסגעשריען — ערשט ניט לאַנג צוריק איז די פּראָווינץ אָפּגעריסן געוואָרן פון אונז. דיין פאָטער האָט געקעמפט קעגן דעם און דו, דו האָסט עס פאַרראָטן! — נאָר באַלד האָט ער זיך צוריקגעכאַפּט און שוין רואיק פאָרטגעזעצט: — הער, גראַוויע, גאַנץ פרי וועט מען דיך דערשיסן. דו ביסט נאָך אַזוי יונג און דיין פּנים איז ניט קיין פאַרדאָרבענער. כ׳וועל אַלץ אָנווענדן כדי דיין לעבן צו ראַטעווען, אָבער . . דו מוזסט מיר אַלץ דערציילן. אַלץ וואָס האָט דיך, אַ פראַנצויז, געטריבן צו ווערן אַ דייטשער שפּיאָן. מוזסט אויך אָנווייזן אויף דיינע חברים וואָס געפינען זיך צווישן אונז, מוזסט מיר אויך געבן אַלע צייכנס דורך וועלכע דו רעדסט זיך צוזאַמען מיטן פיינט . .

— גענעראַל, — האָט שאַרל שטיל און אַנטשלאָסן געענטפערט — כ׳בעט אייך, פרעגט מיך גאָרניט מער, ווייל כ׳וועל אייך קיין זאַך ניט זאָגן. פיל שאָדן האָב איך אונז . . — ער האָט זי צוריקגע־כאַפּט — האָב איך אייך אָנגעטאָן און צו פאַרריכטן עס איז שוין צו שפּעט. כ׳האָב עטלעכע מאָל אָנגעוויזן דעם פיינט וואו די גרויסע האַרמאַטן שטייען, וואו די נייע לופט־פעלדער זיינען אויפגעבויט. צוויי מאָל אַרויסגעגעבן שוואַכע ערטער אין די טראַנשעען און זיי האָבן גע־מאַכט געלונגענע אַטאַקעס . . כ׳קען און ווייס ניט קיינעם און כ׳בעט אייך, גענעראַל, באַפעלט מיך צו שיסן . . ניט מאָרגן, נאָר איצט. שוין! כ׳בעט אייך!

אַ ווײַלע איז שטיל געווען. אַלעמענס בליקן האָבן זיך איינגע־שטאָכן אין שאַרלס פּנים, דערנאָך זיך איבערגעקוקט אין פאַרלאָרנקייט.

— גוט — האָט דער גענעראַל אַ זיפץ געטאָן — אַ טובה פאַר אַ טובה: איך וועל דיך באַפעלן גלייך צו דערשיסן, אָבער דו וועסט אונז מוזן אַרויסגעבן די סימנים מיט וועלכע דו רעדסט זיך דורך מיטן שונא פון דערווייטנס.

שאַרלס אויגן האָבן אַ בייזן פינקל געטאָן: — כ׳וועל אייך גאָר־ניט ווייזן! צי מוז איך ווערן אַ צווייענדיקער פאַררעטער, כדי צו קע־נען שטאַרבן?

— גענעראַל — האָט דער פאָלקאָווניק זיך אָפּגערופן — כ׳דער־מאָן זיך, ווען כ׳בין מיט צוויי חדשים צוריק געווען אויף מיין אורלויב אין פּאַריז, האָב איך זיך געטראָפן מיטן העלדישן אַרטילעריי־פאָלקאָוו־ניק דע־גראַוויע, וועלכער האָט מיר דערציילט, אַז ערגעץ־וואו אויפן

שלאַכט־פעלד געפינט זיך זיינער אַ פלימעניק, זיין ברודערס אַ זון, פון עלזאַס . . איז עס ניט דער באַשולדיקטער?

גראַוויע האָט אַ ציטער געטאָן. אַלע האָבן עס באַמערקט. דער גענעראַל האָט זיך געווענדט צו שאַרלען:

— איז פּאָלקאָווניק דע־גראַוויע דיינער אָן אָנקל?

— ניין. אין פּאַריז זיינען צענדליקער פאַמיליעס גראַוויע און דע־גראַוויעס פאַראַן.

דער גענעראַל האָט גענומען דאָס טרייבל פונם פעלד־טעלעפאָן:

— דאָס וועלן מיר באַלד אויסגעפינען.

עס האָט גענומען ניט מער ווי פינף מינוטן און ביים צווייטן עק דראָט איז שוין געשטאַנען און גערעדט דער פּאָלקאָווניק פון אַרטי־לעריע דע־גראַוויע.

— דאָס זענט איר, פּאָלקאָווניק? פיין. דאָס רעדט גענעראַל פּאַרסאָן. עס טוט מיר לייד, פּאָלקאָווניק, אָבער איר וועט מוזן אַזוי גוט זיין, קריגן אַן אָטאָמאָביל און גלייך אַריבערקומען צו מיר אין שטאָב. עס איז זייער וויכטיק. ניין, כ׳קען אייך ניט זאָגן וואָס. איר מוזט פּערזענלעך גלייך קומען. ווי לאַנג דאַרף עס נעמען? אַ צען אָדער פופצן מינוטן? פיין. איך דאַנק אייך. קומט גלייך! — ער האָט אַוועקגעלייגט דאָס טרייבל אויפן טיש, טיף אָפּגעזיפצט און גע־הייסן דערלאַנגען דעם אַרעסטירטן אַ שטול.

גראַוויע האָט זיך אַוועקגעזעצט און מיט אַ געמאַכטער גלייכגיל־טיקייט פאַררויכערט אַ סיגאַרעט. ער האָט אים אָבער ניט דעררוי־כערט, נערוועז אַוועקגעוואָרפן און געבליבן זיצן באַוועגלאָז מיט פעסט צוגעשלאָסענע אויגן.

די צייט איז ווי שטיין געבליבן. ביים טיש האָט דער גענעראַל וועגן עפּעס זיך זייער שטיל גע׳ישוב׳ט מיט זיינע אָפיצערן, וואַרפנדיק פון צייט צו צייט זייטיקע בליקן אויפן אַרעסטירטן. פון דער צווייטער זייט וואַנט האָבן זיך דערטראָגן עטלעכע פריילעכע, ווייזט אויס, בגלופינ׳דיקע שטימעס, און איינער פון זיי האָט גאַנץ זאַרגלאָז פאַר־צויגן אַ פּאַריזער גאַסן לידל:

מירן אַלע דאַרט זיין,
אין רייען
פונם בלוטיקן שונא
פראַנקרייך באַפרייען.

אָבער אַ שטרענגער אויסגעשריי, זעט אויס פון אַ וואַכמאַן: „אַרעטעי!" (שווייג), האָט ווי מיט אַ שאַרפן מעסער אָפּגעהאַקט סיי די שטימעס, אַזוי אויך דאָס לידל. פון דער זייט פון די גראַבנס האָט זיך געהערט דאָס איינגע'עקשנ'טע „שטעפּן" פון קוילן־וואַרפערס, און איבער די קעפּ האָבן זיך גאַנץ אָפּט, מיט אַ טרויעריקן ניגון, דורכגעטראָגן אומזיכטבאַרע גראַנאַטן און ווי עמיצן געזוכט אין דער פינצטערניש. אין שטיבל איז אַלץ געווען אָנגעשטרענגט, פול מיט אומרו און אפילו די לופט, די האַרבאַטע ווענט און אויסגעקרימטער סופיט האָבן זיך פאַר עפּעס געשראָקן, ווי געוואַרט אויף אַ קאַטאַסטראָפע.

ווען אין דרויסן האָט זיך דערהערט דער שטילער רויש פון אַ צופאַרנדיקן אָטאָמאָביל, איז גראַוויעס פּנים ווייס, ווייס, אַזש געל געוואָרן. ניט עפענענדיק די אויגן, האָט ער זיך לאַנגזאַם אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער טיר.

פאַלקאָווניק דע־גראַוויע איז אַריין אין שטיבל. ער איז געווען עטוואָס ענלעך צו שאַרלען: דער זעלבער וואוקס, דער זעלבער בוי און שטעל פונם קאָפּ דער זעלבער לענגלעכער, עכט סימפּאַטישער פּנים. די נאָז און ליפּן עטוואָס דיקלעך, אַ ווייכע, גרוילעכע באָרד און וואָנצעס , די בלויע אויגן — איינגעטונקען אין כמעט שוואַרצע, פיינלעכע רינגען. די לינקע האַנט, אַ פאַרבאַנדאַזשירטע, האָט ער געטראָגן אויף אַ שוואַרצן טוך, געבונדן אַרום האַלדז.

אַלע האָבן זיך אויפגעשטעלט און סאַלוטירט. דער גענעראַל אַליין איז אים אַנטקעגן געגאַנגען און געגעבן די האַנט:

— וואָס מאַכט איר, פאַלקאָווניק דע־גראַוויע? . . ווי כ'זע זיינט איר פאַרוואונדעט?

— יאָ, גענעראַל, זייער שטאַרק פאַרוואונדעט, אָבער ניט אין דער האַנט, נאָר אין האַרצן: מיין איינציקער זון זשאַרדזש, אַ לייטענאַנט טאַקע אין מיין האַרמאַטן־טייל, איז . . . געפאַלן אין שלאַכט . . ערשט לעצטע וואָך . .

דער גענעראַל האָט אים ווידער אַ דרוק געטאָן די האַנט און זי שווייגנדיק פאַרהאַלטן אַ ווײַלע אין זיינער, פּונקט ווי ער וואָלט אים מיט עפּעס גראַטולירט. אָבער סיי ער אַליין, אַזוי אויך אַלע אַרום, האָבן דערביי טיף, אין אַ שטומען טרויער, אַראָפּגעלאָזט די קעפּ.

— זייער טרויעריק, פאַלקאָווניק . . אָבער מיר לעבן איצט אין

אַ צייט, ווען יעדער פון אונז באַלאַנגט ניט מער צו זיך אָדער צו זיין פאַמיליע, נאָר צום פאָטערלאַנד — ער האָט שווער אָפּגע־זיפצט — מיינע צוויי זין זיינען אויך פאַרוואונדעט. איינער זייער גע־פערלעך — ער האָט הילפלאָז צענעמען מיט די הענט — און איך בין פאַרטיק יעדע מינוט, אין בעסטן פאַל, צו פאַרנעמען אַ בעטל נעבן זיי. און אין ערגסטן — מיין רו־פּלאַץ אויפן פּאַריזשער בית־עולם. די לעצטע פּאָר ווערטער האָט ער געפּרוּווט אַ זאָג טאָן אין אַ שפּאַסיקן טאָן. — זיצט, פּאָלקאָווניק! — ער האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ ביינקל און אַליין זיך אַוועקגעשטעלט צווישן אים און שאַרלען.

— אַ דאַנק, גענעראַל. דע־גראַוויע האָט זיך באַגריסט מיט די אַרומיקע און זיך אַוועקגעזעצט.

— זאָגט מיר, פּאָלקאָווניק, האָט איר ניט אין אונזער אַרמיי אַן אייגענעם מיטן נאָמען שאַרל גראַוויע?

— כ׳בין ניט זיכער, גענעראַל, נאָר אין צייט פון מיין לעצטן אור־לויב, ס׳איז געווען מיט אַ צוויי חדשים צוריק, האָב איך געהערט פון פּאַריזער פריינט, אַז מיין ברודערס זון שאַרל איז פרייוויליק אַריינ־געטראָטן אין איינעם פון אונזערע פּאַריזער פּאָלקן און געפינט זיך ערגעץ־וואו אויף אַ שלאַכטפעלד — ער האָט אַ שוואַכן שמייכל גע־טאָן . . — כ׳האָב זיך געפילט זייער גליקלעך, וואָס מיין ברודערס זון גייט אין פּאָטערס וועגן.

— אַזוי? איצט, פּאָלקאָווניק, זייט אַזוי גוט און גיט אַ קוק צו איז אָט דער יונגער מאַן ניט אייער ברודערס זון? — דער גענעראַל איז אָפּגעטראָטן אָן אַ זייט און אָנגעוויזן אויף שאַרלען, וועלכער איז געזעסן ווי אַ צוזאַמענגעבראָכענער אין צווייען.

דע־גראַוויע האָט זיך איינגעקוקט אַ רגע אין דער צוזאַמענגע־דריקטער פיגור פונם זיצנדיקן מענטשן, זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט און גענומען גיין אין ריכטונג צו אים: — דאַכט זיך אַז . . אַז דאָס איז ער . . — ער איז שטיין געבליבן — וואָס איז, שאַרל? . . וואָס איז געשען? . .

גראַוויע איז מיט אַמאָל אויפגעשפּרונגען, זיין פּנים — אין ווייַ־סער פלעק מיט ווילד ברענענדיקע אויגן. ער האָט געשריען, דראָענ־דיק מיט די פויסטן: — הער, גענעראַל, איך בעט אייך! אין גאָטעס ווילן! האָט רחמנות! . . הייסט מיך שיסן! . .

דער גענעראַל איז צוגעלאָפן צו שאַרלען, און, צובויגנדיק זיך,

גענומען וואַרפן בריענדיקע ווערטער אים גלייך אין פּנים אַריין: — רחמנות ווילסטו?.. אין קבר זיך באַהאַלטן?.. ניין, ניין!.. האָסטו רחמנות געהאַט אויף פראַנקרייך?.. אויף די הונדערטער, אפשר טויזנטער געפאַלענע, וועלכע זיינען אומגעקומען אַ דאַנק דיין פאַרראַט? אַ דאַנק דיינע מסירות? האָסטו רחמנות געהאַט אויף זייערע היימען, ווייבער און קינדער?.. האָסטו רחמנות געהאַט אויף דיין אייגענעם קאַזין, אויף זיין זשאַרזשען? אויף זיין פאָטער, דיין אָנקל? שוויג! ניט רעד וועגן מיטלייד! דיין שולד קעגן יעדן איי־נעם פון אונז און דערהויבט, קעגן אונזער פאָטערלאַנד, איז שווידער־לעך, ניט צו פאַרגעבן!.. ס'איז שוין אָבער פאַרפאַלן.. דאָס איינ־ציקע וואָס דו קענסט נאָך טאָן, איז זיך, אויף וויפיל ס'איז מעגלעך, ריינוואַשן. זאָג, ווער האָט געאַרבעט מיט דיר? גיב אַרויס אַלע צייכנס! זאָלן מיר זיך אויף ווייטער קאָנען פאַרהיטן. זאָג! טראַכט ניט!

פאַלקאָווניק דע־גראַוויע האָט מיט ברייט צעעפנטע אויגן געקוקט אויף שאַרלען, אויפן גענעראַל און ווידער אויף שאַרלען. ווען ער האָט ענדלעך גענומען באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר, האָט זיך זיין פּנים פאַרצויגן מיט אַ פאַנישן שרעק. ער האָט אָפּגעטראָטן אויף צוריק, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן פריערדיקן שטול און, מיט איין האַנט צו־זאַמענדריקנדיק די שלייפן פוןביידע זייטן קאָפּ, מיט שטאַרע בליקן זיך געהאַלטן אין איין איינקוקן אָן פלימעניק.

און שאַרל איז געשטאַנען עטוואָס אָן איינגעבויגענער מיטן רעכטן אַקסל צום דיל, די הענט פעסט געביילט און מיט די ציין און ליפּן פון דער אויבערשטער טייל מויל זיך אַלץ באַמיט אָנצוכאַפּן און איינצו־האַלטן די אונטערשטע טייל, וועלכע האָט זיך געוואָרפן אין קאָנ־וואולסיעס.

* * *

— פאָלקאָווניק דע־גראַוויע, קאָנט איר אונז אפשר קלאָר מאַכן דעם אַרעסטירטנס האַנדלונג? — האָט דער גענעראַל שטיל געזאָגט — עפּעס איז דאָ אונז ווייט ניט קלאָר. מיר וואָלטן אייך זייער דאַנקבאַר געוועזן.

דע־גראַוויע האָט אָװעקגענומען די האַנט פון זיין קאָפּ, אָפּגעע־זיפצט, אָפּגעקערט דעם בליק פון שאַרלען און זיך טיפער אַריינגע־רוקט אין שטול. אַ ווײַלע האָט ער זיך איינגעקוקט אין גענעראַלס

פנים און לויט די קנייטשן אויפן שטערן און דעם אויסדרוק פון פאַרלאָרנקייט אויפן פּנים, איז לייכט געווען צו זען, אַז עפּעס האָט זיך אויסגעמישט אין זיין מאַרך און ער האָט פאַרלאָרן דעם קאָנטראָל איבער זיינע געדאַנקען. מיט אַמאָל האָט ער גענומען איילנדיק זוכן מיט ביידע הענט אין די קעשענעס פון זיין מיליטערישן ראָק. ער האָט דערביי ניט אויפגעהערט צו נעצן זיינע ליפּן.

פאָלקאָווניק ד׳וזיע האָט פאַרשטאַנען: ער האָט אַ וואונק געטאָן מען זאָל דערלאַנגען צום טיש אַ גלאָז וואַסער און אַליין אונטערגע־טראָגן דע־גראַוויען צוערשט די גלאָז, דערנאָך זיין פּאַרטסיגאַר: — טרינקט אַביסל וואַסער, פּאָלקאָווניק . . אָט אַזוי . . איר׳ט פילן בעסער. און איצט פאַררויכערט . „סע ביען! סע ביען . . (אַזוי, אַזוי!). באַרואיקט זיך.

שנעל און מיט ציטערנדיקע פינגער האָט דע־גראַוויע אַ נעם געטאָן אַ סיגאַרעט, פאַררויכערט און ערשט, ווען דער סיגאַרעט האָט שוין געהאַלטן ביים אויסברענען, האָט ער גענומען שטיל דערציילן: — זיין פּאָטער — ער האָט אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אין ריכטונג צום אָנגעקלאָגטן — מיין ברודער, איז געווען אַ קעפּטן אין פינפטן עלזאַסער פּאָלק, און אָנטייל גענומען און זיך אויסגעצייכנט אין פיל שלאַכטן קעגן די בעסטע דייטשע דיוויזיעס אין יאָר 1870. ער האָט וואַנזיניק ליב געהאַט אונזער פאָטערלאַנד און איז פאַרטיק געווען אָפּצוגעבן פאַר איר יעדן טראָפּן בלוט . . — ער האָט ווידער פאַררויכערט — ביי מיר אין דער היים ליגן נאָך ביז איצט זיינע זיבן מיליטערישע אויסצייכנונגען, וועלכע ער האָט געקראָגן אין פאַרשיידענע שלאַכטן . . געוואוינט האָבן מיר דאַן אין עלזאַס. אַ יאָר נאָך דער מלחמה האָט ער זיך פאַרליבט אין אַ דייטשע מיידל, אַ טאָכטער פון אַ דייטשן מיליטערישן באַאַמטן. פון דער ערשטער באַקאַנטשאַפט מיט מיין צוקונפטיקער שוועגערין האָב איך קלאָר געזען, אַז זי האָט ליב מיין ברודער, האַסט אָבער אונז, די משפחה זיינע, און אויך . . פראַנקרייך. כ׳האָב געפּרוווט איבעררעדן וועגן דעם מיט אים, ס׳האָט אָבער גאָרניט ניט געהאָלפן. גאָר אין גיכן האָב איך זיך באַזעצט אין פּאַריז, געשיקט אָפטע בריוו צום ברודער, נאָר זייער זעלטן געקראָגן ענטפערס און אין זיי קיין איינציק וואָרט ניט וועגן זיין פערזענלעכן לעבן. באַקאַנטע פון עלזאַס האָבן מיר געשריבן, אַז מיין ברודער איז אומגליקלעך אין זיין פאַמיליען לעבן, איז געוואָרן גראָ

און קראַנק און האָט שוין אַ זון שאַרל. אין יענער צייט זיינען מיינע געשעפטן איז פּאַריז אַוועק ניט גוט און כ'האָב באַשלאָסן צוריק איי־בערפאָרן מיט מיין פאַמיליע קיין עלזאַס. כ'האָב קוים דערקענט מיין לעבהאַפטן, שטענדיק פריילעכן ברודער. ער האָט אויסגעזען ווי אַ מענטש, וועלכער האָט שוין אַלץ אין לעבן פאַרלאָרן. דערצו איז זיין רעכטע האַנט פּאַראַליזירט געוואָרן: אַ רעזולטאַט פון אַן אַלטער וואונד אין קאָפּ. כ'האָב געפּרואווט איבעררעדן מיט אים, נאָר ער האָט מיך שטיל און ווייטאָגדיק געבעטן: — כ'בעט דיך, ברודער, פרעג מיך גאָרניט . . ס'איז מיר שווער . . כ'זוך אַן אויסוועג און כ'וועל אים, מן־הסתם, געפינען . . — און ער האָט מיט אַ ביטערן שמייכל פאַרענדיקט: — מיין קליינער שאַרל זינגט שוין: „דייטש־לאַנד, דייטשלאַנד איבער אַלעס:" . . מיט אַ חודש שפּעטער האָט ער זיך דערשאָסן. אַלע האָבן געוואוסט, אַז שולדיק אין זיין טויט איז די פרוי זיינע, אַמאַליאַ.

ער האָט זיך אָפּגערוט אַ מינוט און ווייטער דערציילט: — ווען מיר זיינען צוריקגעקומען פונם בית־עולם, האָט זי גלייך אַרויסגעריסן דעם קליינעם שאַרלען פון מיינע הענט, אונז געהייסן פאַרלאָזן דאָס הויז און אַלע יאָרן געהיט, אַז שאַרל זאָל זיך ניט באַגעגענען מיט מיין זון זשאָרזשן און אויך ניט מיט אונז אַלעמען. זיי פלעגן זיך אָבער פון צייט צו צייט טרעפן ביי מיר אין הויז און זיך שפּילן צו־זאַמען . . אויך שפּעטער, ווען זיי זיינען אונטערגעוואקסן, האָבן זיי זיך גע'חבר'ט און . . — מיט אַמאָל איז דע־גראַוויע אויפגעשפּרונגען פון זיין אָרט, צוגעלאָפן צו שאַרלען, אים אָנגעכאַפּט פאַר די פלייצעס און טרייסלענדיק, געגומען פיבעריש שרייען: —

— שאַרל, שאַרל! . . דיין מוטער האָט דיך אָפּגענאַרט! אָפּגע־נאַרט! . . כ'בין זיכער, אַז דאָס האָט זי דיך געצוואונגען, אין נאָמען פון דיין חוב צו איר, צי טאָן אַזאַ שרעקלעכע, אַזאַ שמוציקע אַרבעט! נאָך ראַכע האָט זי געדורשט, די דייטשקע . . די פאַרפלוכטע! שאַרל, דו הערסט? דו ביסט אַ פראַנצויז! דיין זיידע און עלטער־זיידע, דיין פאָטער האָבן פאַר פראַנקרייך זייער בלוט פאַרגאָסן און . . דו . . וואָס האָסטו געטאָן? — זיין קול האָט זיך גענומען ברעכן — אַ דייטשער שפּיאָן געוואָרן?! . . דעם פיינט געוויזן ווי זיכערער דיינע אייגענע ברידער צו הרג'ענען? . . — אַ ווייסע פינע האָט זיך גע־נומען שוימען אין די ווינקלען פון זיין מויל:

— שאַרל, מיין איינציקן זון, דיין חבר זשאַרזשן, האָסטו געטויט.. מיט דיינע אייגענע הענט אים אונטערגערוקט אונטער די דייטשע קאַנאָנען! שאַרל!.. שאַרל!.. ער האָט פאַרדעקט דאָס פּנים מיטביידע הענט און געשטיקט אין זיך דאָס געוויין.

אַלע האָבן אָפּגעווענדעט די קעפּ. ביי אַ פּאָר פון די אָפיצערן האָבן געפינקלט טרערן. לאַ־קור האָט זיך אָפּגעקערט און צוגעדריקט דעם שטערן צו דער וואַנט.

בלויז דער פּאָלקאָווניק ד'וזיע האָט זיך ניט פאַרלאָרן: מיט אַ בויגן פּאַפּיר אין איין האַנט און אַ בלייער אין דער צווייטער איז ער געשטאַנען ביי דער זייט און ניט אַראָפּגענומען זיין בליק פון גראַוויעס פּנים. און ווען ער האָט באַמערקט, אַז דער באַשולדיקטער נעמט זיך בויגן מיטן גאַנצן קערפּער פאָראויס און האַלט שוין ביים צוזאַמענ־ברעכן, איז ער שטיל, נאָר פלינק, צוגעגאַנגען, אים אַ נעם געטאָן אונטערן אָרעם, זיך טיף צוגעבויגן צום סאַמע אויער און שטיל, נאָר פעסט געזומען רעדן:

— גראַוויע! שאַרל גראַוויע, הער זיך גוט איין: — דיין שולד איז שרעקלעך, קיין ערגערן פאַרברעכן קען שוין קיין מענטש ניט באַגיין.. הונדערטער מענטשן, וועלכע וואָלטן נאָך ביז היינט עקזיס־טירט, האָבן מיט זייערע לעבנס באַצאָלט פאַר דיין פאַרראַט.. האָסט דאָך נאָר וואָס געהערט: דיין מוטער אַליין האָט דיך אויך פאַרראַטן, צום שונא פאַרקויפט.. געזנוג זיי געדינט!.. ראַכע מוזסטו איצט פון זיי נעמען. זיי אַליין, די דייטשן, לאַכן זיך אויס פון דיר, זיי פאַרהאַכטן דיך אַלס פאַררעטער צו דיין פאָטערלאַנד.. דו וועסט שטאַרבן.. ס'וועט זיין בעסער פאַר דיר.. אין פעלד וועט מען דיך דערשיסן.. דו ביסט אַ העלד! מיר האָבן עס ניט איינמאָל געזען. איצט מוזסטו דערווייזן דיין לעצטן העלדנטאַט.. שנעל דערצייל מיר אַלץ, אַלץ וואָס דו ווייסט. העלף זיך אונז אויסהיטן אין דער צו־קונפט.. — ער האָט אים אויך אונטערגעשטופּט דאָס דינע פּאַ־פּירל: — נאַ, ענדער דעם לויף פון די גראָבנס.. אונזער רעכטער פליגל וועט אַטאַקירן און די גרעסטע קאַנאָנען ווערן שוין איבערגע־פירט אין יענער זייט.. גוט.. צייכן ווייטער.. זאָג זיי, אַז דער לינקער פליגל איז אָפּגעשוואַכט און מיט אַ פּלוצלונדיקער אַטאַקע קען מען אים לייכט צעשמעטערן.. גוט, גוט!.. אַזוי.. שרייב.. שרייב!

ציטערנדיק מיטן גאַנצן קערפּער, אָטעמענדיק שנעל און שווער, האָט גראַוויע, אינגאַנצן ווילנלאָז, ווי אַ שלאָף־וואַנדערער, געענטפערט אויף אַלע פראַגן, אַרויסגעגעבן אַלע געהיימע צייכנס, אַנגעוויזן אַלע וועגן פון קאָמוניקאַציע מיטן שונא. און ווען ער פלעגט אויף אַ ווײַלע זיך אָפּשטעלן איבערכאַפּן דעם אָטעם, איז שוין אונטער זײַנע פּלייצעס געשטאַנען דער אָנקל און אויפגערעגט געפּליסטערט:

— רעד, שאַרל!.. דערצייל אַלץ!.. ראַכע נעם פאַר דײַן פאַרלוירענער ערע, פאַר דײַן יונגן לעבן, פאַר מײַן זון זשאַרזשן... דערצייל!..

באַלד ווי שאַרל האָט געענדיקט און איז געבליבן זיצן מאַכטלאָז, מיט דער רעכטער זײַט מער געבויגן צו דער ערד, האָט ד׳וזיע פאַר־זיכטיק, נאָר געשווינד, אַרויסגעצויגן דאָס פּאַפּירל פון אונטער זײַן האַנט. עס אָנגעשטרענקט דורכגעקוקט און אַ צופרידענער שמייכל האָט בלויז אויף איין רגע אַ בליץ געטאָן אין רעכטן ווינקל פון זײַן מויל. ער האָט אַ וואונק געטאָן צום קאַפּראַל נעבן דער טיר. יענער האָט גלייך אַרײַנגערופן די צוויי ברידער וואַנס, וועלכע האָבן, מיט די ביקסן אין די הענט, זיך אַוועקגעשטעלט פון ביידע זײַטן פון אָנ־געקלאָגטן.

— קאַפּראַל, האָט דער פּאַלקאָווניק באַפוילן — פאַרמאַך אים אין לעצטן שטיבל און לאָז פון אים קיין אויג ניט אַראָפּ.. דו פאַר־שטייסט ווי אַזוי מען דאַרף עס טאָן?!

לאַ־קור האָט סאַלוטירט און אַרויפלייגנדיק זײַן האַנט אויף שאַרלס אַקסל, שטיל געזאָגט, ניט קוקנדיק אויף אים: — קום!

שאַרל האָט זיך ניט גערירט פון אָרט. אפילו ווי ניט געהערט, אַז מען רופט אים.

האָט לאַ־קור אים שטאַרקער אַ צי געטאָן: — קום, גראַוויע!

שאַרל האָט מיט אימפּעט זיך אויפגעשטעלט און מיט פאַרלאָפּענע, כמעט גאַרניט זעענדיקע אויגן, אַלעמען באַטראַכט. דערנאָך איילנדיק זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר.

דער גענעראַל האָט אים אָפּגעשטעלט: — נאָך איין פראַגע. נאָר דעם אמת. זײַנען נאָך שפּיאָנען פאַראַן אין אונזערע טראַנשעען?

שאַרל האָט ניט גלייך פאַרשטאַנען וואָס מען פרעגט אים. דער גענעראַל האָט צוויי מאָל איבערגעחזר׳ט זײַן פראַגע ביז גראַוויע האָט אַ נעגאַטיוון דריי געטאָן מיטן קאָפּ: — כ׳דענק אַז ניין.. איך

קען ניט קיינעם — ער האָט זיך מיט אימפּעט אַ לאָז געטאָן צום אַרויסגאַנג. איידער ער איז אַרויס פון דער טיר האָט ער זיך מיט אַמאָל אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום אָנקל, צעעפנט דאָס מויל, לויטן פיינלעכן אויסדרוק פון די ליפּן, געוואָלט עפּעס בעטן, נאָר זיך צוריקגעכאַפּט, לאַנגזאַם אַ דריי געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין און אַרויס פון צימער. די וואַך נאָך אים.

ד׳וזיע האָט געמוזט אונטערכאַפּן דעם פּאָלקאָווניק דע־גראָוויע, ווען פיס האָבן זיך אונטערגעהאַקט און ער האָט געפּרואווט זיך אַוועקזעצן, וואו קיין שטול איז ניט געשטאַנען.

און מיט פּוכצן מינוטן שפּעטער האָט שוין טוירק, ווידער אַ באַפּוצטער מיט זיין דיקן האַלדזבאַנד, מיט די אַכט מעשענע קנעפּלעך, לאַנגזאַם און זיכער זיך גע׳גנב׳עט אין דער פינצטער איבער „קיינעמס לאַנד" אין ריכטונג צו די דייטשע גראָבנס.

* * *

אַ גאַנצע נאַכט האָט מען אין פראַנצויזישן לאַגער שטיל, אָבער פיבעריש געאַרבעט: צענדליקער גרויסע און קליינע האַרמאַטן האָט מען שטיל געפירט צום לינקן פליגל, געגראָבן רייען זייטיקע טראַנ־שעען, געדיכטער געפלאָכטן די דראָטענע פאַרצאַמונגען פאַר דער ערשטער ריי גראָבנס און אין עטלעכע פלעצער אונטערגעמינעוועט דאָס פעלד. די האַרמאַטן האָט מען אויסגעשטעלט אויף הויכע, באַ־פעסטיקטע פלעצער, און זיי „קאַמאָפלאַשט" לויט דער געגנט: איין טייל מיט געדיכטע קופּעס צווייגן, די צווייטע מיט צוגעפּאַרבטע שטי־קער לייוונט.

עס זיינען אָנגעקומען געדיכטע רייען פרישע חיל, פאַרנומען די נייע פּאָזיציעס און פאַרשטאַרקט די אַלטע. ווי בייזע, שרעקנדיקע גייס־טער האָבן די סאָלדאַטן אויסגעזען אין דער פינצטער מיט די שפּיזן איבער די אַקסלען און די שטאָלענע היטלען אויף די קעפּ.

און אַזוי אַ גאַנצע נאַכט: שטיל, געהיימניספול, שרעקנדיק.

גאַנץ פרי איז טוירק צוריק געקומען און אומרואיק אַרומגע־לאָפן איבער די גראָבנס, זוכנדיק דעם בעל־הבית. לאַ־קור מיט די ברידער וואַנס, ווען דער הונט האָט גוט געקענט, האָבן אַ גאַנצע נאַכט געוואַרט אויף אים. מען האָט אים געכאַפּט, נאָר אין זיין לע־דערנעם האַלדזבאַנד קיין זאַך ניט געפונען.

דעם הונט האָט מען גלייך געבונדן און פאַרשפּאַרט אין איינעם **פון די אונטערערדישע שטיבלעך.**

גאַנץ פרי האָבן זיך אויפגעהויבן צוויי דייטשע לופט־פליער און פון ווייטנס באַאָבאַכט דעם פראַנצויזישן לאַגער. מיט צוויי שעה שפּעטער זיינען פון דער צווייטער זייט פלוצלונג אָנגעפלויגן צוויי נייע לופט־פליער, אַראָפּגעכאַפּט פאָטאָגראַפישע בילדער און פאַר־שווּאונדן, געיאָגט פון אַ צענדליק לופט־קאַנאָנען.

אַ גאַנצן טאָג האָבן די פראַנצויזן סימולירט, אַז זיי פירן איבער גרויסע קאַנאָנען און מאַסן סאָלדאַטן אויפן רעכטן פליגל. זייערע צוויי לופטפליער זיינען פון דער דייטשער לופט־אַרטילעריע באַגעגנט געוואָרן מיט אַזאַ געדיכטן שטראָם קוילן, אַז זיי האָבן זיך געמוזט גלייך צוריקציען. דאָך איז איינעם פון זיי געלונגען צו באַמערקן קאַנאָנען אויפן וועג צו זייער לינקן פליגל.

דער גענעראַל מיטן פאַלקאָווניק האָבן אַ גאַנצן פרימאָרגן גע־אַרבעט איבער דעטאַלן פון דער קומענדיקער שלאַכט און געהאַלטן אין איין קלינגען צו די „פּאָזיציעס״ און געבן באַפעלן . . דעם פּאַלקאָווניק דע־גראַוויען האָט דער גענעראַל איבערגעפירט אויפן לינקן פליגל און איבערגעגעבן אונטער זיין רשות אַלע אַרומיקע האַרמאַטן־אָפּ־טיילונגען.

דאָס געוויינלעכע, רוטינע איבערשיסן זיך האָט יענעם טאָג, ווי אַלע טעג ביז איצט, זיך אָנגעפאַנגען אַזוי אַרום צען אַזייגער אין דער פרי. צוערשט אַ פּאָר ביקסן־שאָסן פון איין זייט, און באַלד אַ ביקסן ענטפער פונם קעגנער. אַביסל שפּעטער האָבן זיך אין ביקסן־געשפּרעך אַריינגעמישט אַ פּאָר גרויסע דייטשע האַרמאַטן און די פראַנ־צויזן האָבן זיי גלייך אָפּגעענטפערט מיט עטלעכע שראַפּנעלן. פאַר מיטאָג ווערט געוויינלעך שטיל און פאַרנאַכט צו צעפלאַקערט זיך אַ לעבעדיקע שיסעריי ביז אַרום צוועלף. דערנאָך שלאָפן די גראָבנס איין, אָדער מאַכן זיך אַז זיי זיינען איינגעשלאָפן און פון ביידע זייטן טראַנשייען גליטשן זיך שטיל אַרויס די „קריכערס״ (די אויסקוקערס), וועלכע ציען זיך אויס אונטער שטיינער, בערגלעך, פאַרקלייבן זיך אין גריבער, אויפגעריסענע פון באָמבעס, און היטן איינער דעם צווייטן.

אַלס רוטין פלעגן טאָג־טעגלעך פון אָט די קוילן און שראַפּנעלן פאַלן אַ פּאָר צענדליק סאָלדאַטן. אַ פּאָר צענדליק מאַמעס, פרויען און קינדער האָבן פאַרלוירן זייערע זין, מענער און פאָטערס. אָבער קיינער האָט זיך אויף דעם ניט אומגעקוקט אפילו: אַ רואיקער טאָג פאַראיבער.

ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס קיינער פון די הויפּט־אָפּיצערן האָט זיך מיט קיין איינציקן וואָרט ניט אַרויסגעכאַפּט וועגן דער קומענדיקער שלאַכט, האָבן דאָך די, שוין געניטע, סאָלדאַטן עפּעס דערפילט אין דער לופטן און זיך גענומען גרייטן. אייניקע האָבן געשריבן בריוו אַהיים, אַנדערע האָבן זיך אַרומגעוואַשן און אָנגעטאָן פרישע וועש, נאָר די מערהייט האָט געררוט, ניט אַרויסלאָזנדיק די ליולקעס פון זייערע מיילער. מען האָט אַפילו געפּרואווט טרעפן צו מען וועט היינט קריגן אַ צווייענדיקע פּאָרציע פלייש און אַ גלעזל ווייַן צו דעם?

נאָכן אָוונט־ברויט, ווען די זון האָט זיך שוין געהאַלטן טיף אין זעצן, האָט מען גענומען אויסטיילן הענט־גראַנאַטן און רינגען מיט פרישע קוילן פאַר די ביקסן און קוילן־וואָרפערס. די אָפּיצערן האָבן דערביי באַפוילן אויפמערקזאַם דורכקוקן דאָס געווער.

מיט אַ האַלבע שעה שפּעטער, ווען ס'איז שוין אינגאַנצן פינצטער געוועזן, איז דער גענעראַל, אין באַגלייטונג פון פּאָלקאָווניק ד'וזיע, דורכגעגאַנגען די גראַבנס אויף דעם לינקן פליגל פון שלאַכטפעלד, אָנגעזאָגט די סאָלדאַטן, אַז מען וועט זיי באַלד געבן צו גלעזלעך גוטן קאָניאַק און זיי פאַרזיכערט, אַז אויב די „פּאַרפּלוכטע באַשעס' וועלן היינט פּרובירן אָנצופאַלן אויף די פראַנצויזישע פּאָזיציעס, וועלן זיי וויסן ווי אַזוי צו האַנדלען מיט זיי.

די סאָלדאַטן, מיט בלייכע, אָבער אַנטשלאָסענע פּנים'ער, האָבן בלויז מיט זייערע אַנגעשטרענגטע בליקן געענטפערט דעם גענעראַל, אַז ער קען זיין רואיק: די „פּאַרפּלוכטע באַשעס" וועלן קריגן וואָס זיי קומט און יעדנס האַנט האָט שטייפער דערביי געדרוקט דאָס הענטל פון זיין געווער.

פון די גראַבנס איז דער גענעראַל מיט ד'וזיען אַוועק צו די האַרמאַטן. פּאָלקאָווניק דער־גראַוויע האָט זיי באַגעגנט ביים אַריינגאַנג צו די באַפעסטיקטע פּאָזיציעס. זיין פּנים ווייס, די אויגן צוויי פיבערפייערלעך, די נאָז נאָך לענגער ווי נעכטן, לענגער, דאַרער און שטייפער. ער האָט געפירט דעם גענעראַל פון איין האַרמאַט צום צווייטן און מיט אַ שטיל, רואיק קול אים עפּעס באַריכטעט, אָנווייזנדיק אויף די שלאַנקע האַרמאַטן העלזער און אויפן לינקן טייל פון פעלד אין „קיינעמס לאַנד" צווישן די דייטשע און פראַנצויזישע גראַבנס.

דער גענעראַל איז אַוועק אַ העכסט צופרידענער און דע־גראַוויע

האָט זיך צוגעשפּאַרט צום האַלדז פון אַ היבשן קאַנאַן און זיך טיף פאַרטראַכט.

ער האָט זיך דערמאָנט אָן אַ קורצן געשפּרעך, וועלכן ער האָט געהאַט מיטן ברודער צוויי וואָכן פאַר יענעמס חתונה:

— זשאַן, באַרעכן זיך וואָס דו טוסט . . באַרעכן זיך איצט, איידער ס'איז נאָך צו שפּעט.

— אַנטשולדיק, ברודער . . דיין פאָראורטייל קעגן מיין אַמאַליען איז ניט קיין גערעכטער. איך קען זי בעסער. דו נעמסט צו ערנסט אירע איבערציי̆גונגען . .

— און איך פאַרזיכער דיך, אַז דו נעמסט זיי צו לייכט. איך פיל אין איר אַ שטאַרקן ווילן און אַ בייזן דערצו . . מעגלעך, זי האָט דיך ליב, זי האַסט אָבער אונז און אַלץ וואָס ס'איז פראַנצויזיש.

אַ שיינער, אַ שלאַנקער, האָט זשאַן שפּאַצירט איבערן צימער, געראויכערט זיין סיגאַרעט און געלאַכט אין די פאַרדרייטע וואָנצעלעך:

— דו שרעקסט זיך, ברודער, צופיל: דו ווייסט דאָך, אַז מען ליבט דעם מאַן — ליבט מען אויך זיין פאַמיליע.

— ניט שטענדיק, זשאַן: אַמאָל אַרבעט דאָס ווערטל אינגאַנצן קאַפּויר: ווען מען האַסט דעם מאַנס פאָטערלאַנד און זיין משפּחה, הערט מען שפּעטער אים אַליין אויך אויף ליב צו האָבן. כ'וויל דיר נאָך אַמאָל דערמאָנען, אַז אַמאַליעס פאָטער איז אַ געוועזענער אָפיצער פון דער דייטשער אַרמיי, אַז זי איז דערצויגן געוואָרן אין יונקערשן גייסט פון דעם אַלטן פּרייסן, אַז איר צימער איז באַהאַנגען מיט בילדער פון דייטשע גענעראַלן . . פריער אָדער שפּעטער וועט עס אַרויסקריכן צווישן אייך . . דו האָסט צופיל ליב אונזער פראַנקרייך, האָסט צופיל בלוט פאַר איר פאַרגאָסן זאָלסט עס קענען פאַרשווייגן . . פריער אָדער שפּעטער וועט אָט דער געפיל אייך אָפּשטויסן איינער פון צווייטן, אויפעסן אייער ליבע . . מעגלעך, אפילו אין שונאים פאַרוואַנדלען . .

זשאַן האָט געלאַכט: — נאַרישקייטן, ברודער: אַמאַליע איז נאָך כמעט אַ קינד און שפּילט זיך מיט אָט די אַלע פאָרטרעטן און פראַזן ווי אַ קינד מיט צאַצקעס. וועסט זען וואָס כ'וועל מאַכן פון איר נאָך דער חתונה. פראַנקרייך וועט איר לאַנד ווערן און אונזער מאַרסעליעזע וועט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון איר: „וואַכט אם ריין" וועסט זען . .

אָרימער ברודער, אָרימער זשאַן! ווי טייער דו האָסט פאַר דיין טעות באַצאָלט!..

דע־גראַוויע דריקט צו דעם קאָפּ צום קאַלטן האַלדז פונם האַרמאַט און טראַכט ווייטער. ער דערמאָנט זיך אָן אַ צווייטן געשפּרעך וואָס ער האָט געהאַט מיטן ברודער מיט אַכט יאָר שפּעטער, ווען ער איז פון פּאַריז צוריקגעקומען קיין עלזאַס.

דעם ברודערס אויסזען האָט אים דאַן איינפאַך דערשראָקן: פאַר־עלטערט, נערוועז, מיט דעם נאָכשלעפּנדיקן פוס און ציטערנדיקער האַנט האָט ער איינפאַך אויסגעזען ווי אַ צעדריקטער שטן פון אַ מענטשן. ער האָט געגעבן דעם ברודער די לינקע האַנט און אויס־געמידן אים צו קוקן אין די אויגן אַריין.

— אַזוי הייסט ער.. זשאַן.. ביסט קראַנק?..

— קראַנק? ניין! פּשוט צעקוועטשט. אַ פינף־שטאָקיקע גע־ביידע איז אויף מיר אַרויפגעפאַלן און מיך צעדריקט.. דאָס אַלץ..

— אָבער פאַרט.. דערצייל.. אפשר קען מען נאָך פאַרט עפּעס טאָן?!

— נאַרישקייטן, ברודער.. דו ביסט דאַן גערעכט געווען: ניט נאָר האָב איך זי ניט געקענט איבערמאַכן, נאָר זי האָט מיך פאַר־גיפטעט. מיך און דאָס קינד.. אַך, ווי איך האָס זי! — עה האָט אָנגעוויזן אויף זיין פאַראַליזירטער האַנט — אָבער.. וואָס קען איך שוין איצט טאָן? פאַרפאַלן! נאָר דאָס קינד? שאַרלען וואָלט איך נאָר געוואָלט אַרויסרייסן פון אירע הענט: ער זינגט און שפּילט שוין אויף דער פּיאַנאָ אַלע דייטשע, מיליטערישע מאַרשן..

— אָבער.. שאַרל, פאַרצווייפלט דאַרף מען ניט ווערן. איך בין איצט דאָ און.. צוזאַמען וועלן מיר שוין עפּעס צוטראַכטן. וועסט זען.

שאַרלס ליפּן האָבן געציטערט, פּונקט ווי אינוויניק אין אים וואָלט עמיצער ביטער געוויינט. ער האָט ניט געענטפערט.

מיט צוויי טעג שפּעטער האָט ער זיך דערשאָסן.

„טייערער, אומגליקלעכער ברודער, ווי גוט עס איז וואָס דו ביסט שוין מער ניטאָ, וואָס דו קענסט ניט זען צי וואָס דיין שאַרל איז דער־גאַנגען. ווי גליקלעך דו ביסט וואָס ביסט שוין טויט".

* * *

טויזנטער מענטשן אין מיליטערישע מונדירן, אין די טיפע טראַנ־שייען פון ביידע זייטן פון „קיינעמס לאַנד", האָט זיך אין יענעם פאַר־נאַכט געדאַכט, אַז די זון זעצט זיך צו האַסטיק און עפּעס גאָר אַנדערש ווי אַלע מאָל. אַ גאָר היבשע צאָל האָט מיט באַהאַלטענעם שרעק גע־טראַכט וועגן מאָרגנדיקן זונען אונטערגאַנג, ווען זיי וועלן שוין . . מעגלעך דאָ מער ניט זיין . .

דער הימל איבערן קאָפּ איז געווען ריין בלוי, ערטערווייז מיט לייכטע, ווייסע וואָלקנדלעך באַשפּרינקלט. אָבער דער גאַנצער מערב זייט האָט זיך העל געראַנטלט און וואָס נידעריקער צום האָריזאָנט, אַלץ טונקעלער, בלוטיקער איז די רויטקייט געוואָרן. רעכטס און לינקס פון דער זון זיינען אין ביידע זייטן געלאָפן צוויי בלוט־רויטע שטראָמען און מיט אַ מין גרויזאַמען צונטער באַפלעקט די נאַענטסטע ווייסע ברעגן פון די וואָלקנדלעך. און די זון אַליין האָט אויסגעזען ווי אַ ברענענד־בלוטיק מויל וואָס שטאַרבט פריייוויליק אָפּ אין אַ ווילדן עקסטאַז.

אַלע האָבן געטראַכט, אַז דער הימל ווייסט און ווייזט דעם מענטשן פאָראויס וואָס עס וועט שפּעטער געשען.

לייכטע שאָטנס האָבן זיך גענומען פלינק באַוועגן איבער די אַרו־מיקע אויפגעריסענע פעלדער, מיט פלאַטער אָנגעפילט דאָס צעשאָסענע וועלדל — רעכטס. די שאָטנס האָבן ניט זיכער אַריינגעקוקט אין די גראָבנס, זיך גע׳חידוש׳ט אויף דער גרויסער צאָל באַהאַלטענע סאָל־דאַטן, אַריינגעקראָכן אין די אָפענע מיילער פון די געדיכט אויסגע־שטעלטע האַרמאַטן און קוילן־וואַרפערס, דאָרטן עפּעס אַ נישטער געטאָן, באַלד צוריק אַרויס און זיך אויסגעצויגן באַוועגלאָז און פלאַך אויף דער ערד.

פון אַלע לעכער אין די גראָבנס זיינען גרופּעסווייז אַרויס גרויסע, טונקל־ברוינע טשטורעס מיט לאַנגע עקן און מיט אַ שטילן, גרילצנדיקן קוויטשן זיך גענומען אַרומיאָגן צווישן די סאָלדאַטסקי פיס. די סאָלדאַטן האָבן זיי געטראָטן מיט די שטיוול, צעקוועטשט מיט די שווערע העלטלעך פון זייערע ביקסן, געשטאָכן מיט די שפּיזן, ס׳האָט אָבער ווייניק וואָס געהאָלפן: צו גרויס איז געווען זייער צאָל.

פון די חרוב געוואָרענע פעלדער און דערפער אויף הונדערטער מיילן אַרום, שפּירנדיק דעם ריח פון פגירה און הייס־פליסנדיקן מענטשן בלוט, זיינען מחנות־וויז אָנגעלאָפן פעלד־מייז און ראַצן און פאַרפלייצט סיי די טראַנשייען, אַזוי דעם גאַנצן געגנט אַרום זיי.

בייטאָג פלעגן זיי זיך נאָך ווי עס איז אויסבאַהאַלטן אין די לעכער, אונטער שטיינער און צווישן די זעק מיט פּראָוויאַנט, ביינאַכט אָבער האָבן זיי געהערשט אין די גראָבנס און אויף „קיינעמס לאַנד״ און ס׳האָט זיך שוין ניט איינמאָל געמאַכט, אַז זיי פלעגן אָפּבייסן שטיקער אויערן און נעז ביי די טויט־מידע, שלאָפנדיקע סאָלדאַטן.

נאָך די אַטאַקעס, ווען דאָס פעלד צווישן די שטרייטנדיקע אַר־מייען איז געדיכט געווען פאַרשפּרייט מיט טויטע און פאַרוואונדעטע, האָט מען פון די גראָבנס געקענט זען, ווי די גרויסע, פעט־געוואָרענע ראַצן לויפן אַרום צווישן די טויטע און פאַרוואונדעטע, איינגעטונקענע אין נאָך וואַרימען בלוט, נאָכשלעפּנדיק נאָך זיך די לאַנגע עקן, ווי זיי בייסן זיך איין אין לעבעדיקע, זיך נאָך באַוועגנדיקע קערפּערס, רייסן שטיקער פלייש, אָנפילנדיק די לופט מיט זייער קוויטשעריי.

דער אָוונט איז יענעם טאָג צוגעפאַלן אַזאַ ווייכער, אַזאַ תמימות׳־דיק־שטילער, אַזאַ מוטערלעך־פאַרגעבנדיקער. און די ערד, אַ נער־וועזע, אַ שרעקנדיקע, אַ פולע מיט באַהאַלטענער אימה, האָט זיך דעם אָוונט אַנטקעגן געהויבן און געזוכט זיך ווי צו באַהאַלטן אין זיין טונקלקייט, זיך באַשיצן מיט זיינע שלייערן. פונם וויטן הימל האָבן געמיטלעך אַראָפּגעקוקט קליינע, בלייך־געלענקע שטערנדלעך.

די שיסעריי איז ביסלעכוויז געוואָרן אַלץ שיטערער און אַרום צען אַזייגער זיינען ניט נאָר די האַרמאַטן נאָר אפילו די ביקסן שטיל געוואָרן. רו און שטילקייט, רו און נאַכט, רו און פאַרגעבונג האָבן פאַרצויגן די וועלט.

אַרום אַ האַלבע שעה איז שטיל געווען. מיט אַמאָל האָבן אין דעם פראַנצויזישן לאַגער מיט פאַרטעמפּטן רויש זיך דורכגעטראָגן עטלעכע אָפּטיילונגען מיט פעלד־קאַנאָנען און שטיל געבליבן אויפן רעכטן פליגל. די דייטשן האָבן גלייך אויסגעשאָסן צוויי שראַפּנעלן. איינע פון זיי האָט דורכגעבראָכן דעם דאַך פון אַ פאַרוואָרפן פויערים שטיבל עטלעכע מייל פון די גרובנס און געטויט דריי קער־פּערס ,וועלכע זיינען רואיק געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן.

אַ צען מינוטן איז ווידער שטיל געווען. די טראַנשייען פון ביידע זייטן האָבן געשוויגן און מיט בלינדע, ניט גלויביקע אויגן געהיט איינער דעם צווייטן.

פונקט עלף אַזייגער האָט אויפן דייטשן רעכטן פליגל אויסגעשאָסן אַן האַרמאַט און גלייך נאָך אים צוויי אַנדערע. ס׳האָט גענומען פינף

מינוטן ביז דער פראַנצויזישער לינקער פליגל האָט געענטפערט מיט אײן שראַפּנעל, וועלכע האָט זיך דערצו, ווי אַ דערשראָקענע, אַ וואָרף געטאָן לינקס און איז מיט אַ בייזן סוויסטשערײַ פאַרשוואונדן ווייט אין פעלד. דאַן האָבן די דייטשן ווידער אויסגעשאָסן פון צוויי קאַנאָנען אויף וואָס די פראַנצויזן האָבן געענטפערט בלויז מיט עטלעכע ביקסן שאָס, נאָך וועלכע ס׳איז ווי פויל נאָכגעפלויגן אַ גראַנאַטע. און ווידער שטיל.

אויף אַ בערגל, אַ פּאָר מייל פונם פראַנצויזישן לינקן פליגל, איז געשטאַנען דער גענעראַל מיטן גאַנצן שטאַב. אויף דער ערד דערבײַ זײַנען געזעסן פעלד טעלעפאָניסטן מיט זייערע אינסטרומענטן און טעלעפאָן־טרייבלעך אין די הענט, פאַרטיקע פאַנאַנדערצושיקן דעם גענעראַלס באַפעלן. עטוואָס נידעריקער האָבן געוואַרט עטלעכע רייטער און צוויי גרויע אָטאָמאָבילן זײַנען געשטאַנען פאַררוקט אונטער אַ בוים.

דער גענעראַל האָט געהאַלטן אין האַנט אַ זייגער און געהיט די ווייזערס, וועלכע האָבן גאָלדיק־מאַט געשײַנט אין דער פינצטער.

פונקט אַ פערטל נאָך עלף האָט ער שטיל אַ זאָג געטאָן צום פאָלקאָווניק ד׳וזיע, וועלכער איז געשטאַנען האַרט נעבן אים: —

רעכטער פליגל — פייער. לאַנגזאַם!

ד׳וזיע האָט זיך צוגעבויגן צו איינעם פון די טעלעפאָניסטן און שטיל באַפוילן:—רעכטער פליגל! קאַפּיטאַן טוזען! פייער! לאַנגזאַם!

דער טעלעפאָניסט האָט ניט־אײַלנדיק זיך און זייער דייטלעך איבערגע׳חזר׳ט דעם פאָלקאָווניקס באַפעל דורכן טרייבל. און ס׳האָט גענומען ניט מער ווי איין מינוט ווי אויפן רעכטן פליגל האָבן אַ שווערן ביל געטאָן צוויי קאַנאָנען כמעט ווי מיט איין מאָל, עטלעכע אַנדערע זײַנען זיי גלײַך געקומען צו הילף. די דייטשן האָבן ווי בלויז געוואַרט אויף דעם און אַ מבול מיט פייער האָט זיך אַ טראָג געטאָן אויף די פראַנצויזישע גרובנס. די פראַנצויזישע באַטאַרייען האָבן גענומען ענטפערן מיט ניט קיין קלענערן שטראָם פון פאַרניכטונג און אַ גיהנום האָט זיך ברייט צעלייגט אויף אַ שטיק ערד און מיט ווילדן געל און בלוטיקן רויט זיך טעמפּ אָפּגעשפּיגלט אויף די וואָלקנס רויך, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן שלאַכט־פעלד.

דער גענעראַל האָט אַ קוק געטאָן אויף ד׳וזיע און יענער האָט אים געענטפערט מיט אַ צושטימיקן בויג מיטן קאָפּ.

דער לינקער פראַנצויזישער פליגל און דער דייטשער רעכטער — האָבן זיך שוואַך איבערגעשאָסן און זיך ווי צוגעקוקט צו דער אַרטי־לערי שלאַכט אין צווייטן עק פעלד.

דער פּאָלקאָווניק דע־גראַוויע איז געשטאַנען אין דער פינצטער־ניש פון איינער פון זיינע קאַנאָנען אָפּטיילונגען און ניט אָוועקגע־נומען די פעלד־גלעזער פון זיינע אויגן. זיין פּנים אָנגעשטרענגט, די ליפּן פעסט געשלאָסן. געהיט האָט ער אָבער ניט די שלאַכט רעכטס פון אים, נאָר דאָס פעלד און די דייטשע גרובנס לינקס, וועלכע האָבן, אין אָפּשיין פון דער ניט זייער ווייטער שלאַכט, שעמערירט מיט בלוי־טיק שוואַרצע פלעקן. נעבן יעדער פון די אַכט און פערציק האַר־מאַטן אונטער זיין קאָמאַנדע איז באַוועגלאַג, אָבער פאַרטיק צו אַק־ציע, געשטאַנען די מאַנשאַפט און אין דער פינצטערניש אויסגעזען ווי מענטשלעכע טיילן פון די שוואַרצע, שטאָלענע קאַנאָנען.

דע־גראַוויעס אַלע חושים, זיין גאַנץ לעבן איז איצט קאָנצענט־רירט געווען אויפן ניט־ווייטן פעלד, לינקס פון זיך. אָט דאָרטן וועט היינט באַפרידיקט ווערן זיין לאַנג־יאָריקער האַס קעגן די פאַר־פלוכטע „באָשעס״, וואָס ער האָט איינגעזאַפּט מיט דער מוטער׳ס מילך. ער וועט זיי היינט באַצאָלן פאַר זיין זשאַרזשען, פאַר זיין ברודערס צע־טראָטן לעבן, פאַר זיין טויט, פאַרן שאַנד־פלעק וואָס די נידערטרעכ־טיקע דייטשקע האָט אַרויפגעוואָרפן אויף זייער משפּחה און אויך . . פאַר דעם יונגן שאַרלס שענדלעכן טויט אַלס פאַררעטער . . מיט דער הילף פון זיינע אַכט און פערציק קאַנאָנען, וועט ער אָפּווישן די בלוי־טיקע שאַנדע, וועט זיך באַפרייען פונם שווערן געפיל פון ריזיקער שולד קעגן יעדן איינעם פון זיינע סאָלדאַטן, וועט ניט טראַכטן מער וועגן זעלבסטמאָרד, וועט זיך ווי אויפלעזן אין פייער, אין רויך און פאַרניכטונג . .

און דע־גראַוויען האָט זיך געוואָלט שטאַרבן, ער האָט אפילו אין זיך גאָט געבעטן אים צונעמען צו זיך, אים צוזאַמענברענגען מיט זיין איינציקן זון, מיט זיין זשאַרזשען, אָבער . . ניט איצט, נאָר מיט אַ פּאָר שעה שפּעטער, גלייך נאָך דער שלאַכט.

דער פעלד־טעלעפאָן האָט אַ שטילן קלונג געטאָן. דע־גראַוויע איז אַליין צוגעגאַנגען און גענומען דאָס טרייבל : — דאָס רעדט פּאָל־קאָווניק דע־גראַוויע.

— ווי פילט איר, פּאָלקאָווניק? — האָט זיך דערהערט ד׳וזיעס שטימע.

— אַ דאַנק. אויסגעצייכנט.

— אַלץ איז זיכער אין אָרדענונג?

— אין דער פּולסטער, פּאָלקאָווניק. איך וואַרט אויף די בלויע שטערן.

— עס וועט שוין ניט נעמען לאַנג. ווינטש אייך דערפאָלג!

— אַ דאַנק! לאַנג לעבן זאָל פראַנקרייך!

— לאַנג לעבן זאָל פראַנקרייך!

עס האָט באַדאַרפט זיין אַרום האַלב נאָך עלף, ווען די „קריכערס" אויפן לינקן פליגל זיינען שנעל צוריקגעקראָכן צו זייערע גראָבנס און באַריכטעט, אַז דער שונא וועט באַלד אָנפאַנגען זיין אַטאַקע. אַ שטילער באַפעל צו זיין פּאַרטיק האָט זיך ווי אַ אייזיק ווינטל דורכגעטראָגן די גראָבנס און טויזנטער פינגער האָבן זיך אַוועקגעלייגט אויף די צינגלעך פון זייערע ביקסן. און יענע וואָס זיינען געשטאַנען אָדער געלעגן נעבן די קוילן־וואַרפערס האָבן טיפער אָנגערוקט די שטאָלענע „העלמעטס" און אויסגעגליכן די קוילן־סטענגעס, וואָס האָבן זיך געשלענגלט פון די מיילער פון זייערע מאַשינען.

עס זיינען פאַראיבער נאָך עטלעכע מינוטן אין אָנגעשטרענגטען וואַרטן. דערנאָך האָט זיך מיט איין מאָל אין עטלעכע פּלעצער פון די פראַנצויזישע גראָבנס דערהערט אַ בייזער זשיפּן און צום הימל האָבן זיך אַ ריס געטאָן ראַקעטן, זיך פאַרהאַלטן אויף אַ רגע אין דער הויך און זיך צעשאָטן מיט צענדליקער בלויע שטערן, וועלכע האָבן פאַרטונקן דאָס פעלד מיט אַ מאַט־בלויען ליכט.

און אין אָט דעם בלוילעכן שיין האָבן די פראַנצויזן דערזען ווי טויזנטער דייטשן, האַלטנדיק די שפּיזן פון זייערע ביקסן פאָראויס, קריכן איבער די ווענט פון זייערע גראָבנס און טראָגן זיך ווי אַ גרויבלוילעכע כוואַליע דורך „קיינעמס לאַנד" צו די פראַנצויזישע טראַנשייען.

די דייטשן האָבן זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע, פאַרבלענדעטע, אָדער איבערגעשראָקענע פון דער בלויער ליכטיקייט, אָבער באַלד זיך מיט נאָך מער אימפּעט, שוין שרייענדיק מיט באַנומענע קולות, זיך אַ ריס געטאָן פאָראויס.

טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ . . — האָבן הונדערטער קוילן־וואַרפערס און

ביקסן אָנגעפּאַנגען זייער טויטלעכן „שטעפּן״, — טאַ־טאַ־טאַ־טאַ־טאַ..
די דייטשן האָבן גענומען פאַלן געדיכט איינער איבערן צווייטן, אָבער אַנדערע האָבן גלייך פאַרנומען זייערע פּלעצער און דער גרויער שטראָם, מיט שפּיזן באַזוימט, האָט זיך ווייטער געגאָסן.

— דער־גראַוויע!.. וואָס שווייגט ער?! זיי וועלן אונז פאַר־פּלייצן! — האָט דער גענעראַל זיך נערוועז אַ דריי געטאָן צום פּאָל־קאָווניק ד׳וזיע — באַפעלט אים שיסן!

— דע־גראַוויע איז אַן אַלטער סאָלדאַט.. ער וויל זיי צולאָזן נאָענטער! — האָט ד׳וזיע רואיק געענטפערט. — איר׳ט באַלד זען, גענעראַל!

און פּונקט ווי אַן ענטפער אויף ד׳וזיעס לעצטע פּאָר ווערטער, האָט די ערד מיט איינמאָל אויפגעציטערט און פייערדיקע בעזימער האָבן גענומען קערן די אָנלויפנדיקע דייטשע רייען. אַ קער אַהין און אַ קער אַהער און הונדערטער מענטשן אין גרויע מונדירן מיט ביקסן אין די הענט האָבן שורות׳וויַיז פאַרהאַלטן זייער שטורמדיקן, לויף און געהאָרכזאַם, כמעט ווי ווייך, זיך גענומען אויסלייגן אויפן פעלד.

האָבן אַנדערע רייען גלייך פאַרנומען זייער אָרט, געוואָלט פאַרט־זעצן דעם לויף, אָבער די געדיכט־פאַלנדיקע באָמבעס און שראַפּנעלן האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין גיהנים׳דיקער וואַנט, אין אַ תהום פון ברויזנדיקן פייער, וועלכער האָט זיך לאַנגזאַם גערוקט אַנטקעגן די אָנקומענדיקע דייטשן, ניט געבנדיק זיי קיין מעגלעכקייט צוצוקומען נאָענטער צו די פראַנצויזישע גראָבנס. ווי טרוקענע העלצער, האָבן זיך מענטשן געצונדן, און, העל־פלאַקערנדיק, וואַרפנדיק מיט די הענט, האָבן זיי זיך מיט ווילדע יללות, געטראָגן איבערן פעלד און ווי פאַר־סמאַליעטע קלעצער פון אַן אָפּגעברענטן הויז, געפאַלן שוואַרצע, פאַר׳־שרפה׳טע, איינער איבערן צווייטן.

צוויי שוואַרצע פערד האָבן זיך ווילד געטראָגן איבערן שלאַכט־פעלד, שלעפּנדיק נאָך זיך די פעדערשטע טייל פון אַן האַרמאַט.

די דייטשע אַרטילעריע איז גלייך געקומען צו הילף אירע פוס־גייער. פיר מאָל האָבן די דייטשן אָנגעפאַנגען זייער אַטאַקע. פיר מאָל האָבן זיי טויזנטער־וויַיז, געטריבן פון די ווילדע אויסגעשרייען און מעטאַלענע פייפלעך פון זייערע אָפיצערן, געקראָכן איבער די וועגט פון זייערע טראַנשייען און מיט אימה׳דיק־ווילדע קולות געשטראָמט צו די פראַנצויזישע גראָבנס. און יעדעס מאָל, ניט־קענעדיק אויס־

האַלטן דעם טויטלעכן פייער, געמוזט צוריקפאַלן, איבערלאָזנדיק אונטער זיך טויזנטער געפאַלענע, וועלכע האָבן מיט זייערע קערפּערס, ווי מיט אַ געדיכטן, גרויען טוך, פאַרדעקט דאָס גאַנצע פעלד. ערטער־ווייז זיינען שוין געלעגן גאַנצע בערגלעך מיט הרוגים, אונטער וועלכע די לעבעדיקע און לייכט־פאַרוואונדעטע האָבן געזוכט שוץ. און יענע וועמען ס'איז שוין געלונגען זיך דורכברעכן אַ וועג צו די פראַנצויזישע גראָבנס, זיינען דערשטאָכן געוואָרן פון צעגליטע באַיאָנעטן און זייערע קערפּערס האָט מען אַרויסגעוואָרפן צוריק אין פעלד.

איינס אַזייגער האָבן די דייטשן אויפגעגעבן זייערע איבערפאַלן און זיך צוריקגעצויגן צו זייערע פּאָזיציעס. דאַן זיינען די פראַנצויזן, געפירט פון אַ פייערדיקער וואַנט פון באָמבעס, גראַנאַטן און שראַפּ־נעלן, אַרויס פון זייערע טראַנשייען און זיך אַ וואָרף געטאָן אויפן אָפּ־טרעטנדיקן שונא.

די שלאַכט איז אַוועק ווייטער און פון פעלד האָבן זיך גענומען דערטראָגן האַרצרייסנדיקע קרעכצן און געשרייען פון די פאַרוואונ־דעטע, איבער וועלכע די פראַנצויזישע פוסגייער האָבן איילנדיק גע־טראָטן.

די סאָלדאַטן פוןביידע אַרמייען האָבן זיך שוין אויסגעמישט, גע־קעמפט מיט די שפּיזן פון זייערע ביקסן, געניצט טרענטש־מעסערס, שאַרפע עק, געוואָרגן און געביסן איינער דעם צווייטן, זיך קייקלנדיק איבער די ערד, איינגעטונקענע אין בלוט.

דריי אַזייגער פאַרטאָג האָט זיך דער האַנט צו האַנט קאַמף אָפּגע־שטעלט, נאָר אַ שטאַרקע אַרטילערישע דועל איז אָנגעגאַנגען ביז פינף פאַרטאָג. דערנאָך איז כמעט ווי מיט אַמאָל שטיל געוואָרן. אַזוי שטיל ווי אויף טויזנט בית־עלמינס.

ס'האָט אָנגעפאַנגען טאָגן. אין מזרח־זייט האָט זיך גענומען רויטלען און וואָלקנדלעך, אַזעלכע ווייסינקע און צאַרטע, אַזעלכע פריילעך לויפנדיקע און עפּעס שפּילנדיק זוכנדיקע, האָבן מיט ברייטע, ראָז־צעשטראַלטע פּנים'ער געקוקט אויף דער אַרומיקער וועלט און אַנטקעגן געלאַכט דער אויפגייענדיקער זון. איבערן שלאַכטפעלד האָבן זיך נאָך פאַרזיכטיק געשלייכט גרויע נאַכט־שאָטנס. אַ קיל ווינטל האָט שוין ווייט אין פעלד אַ וואַקל געטאָן דאָס הויכע גראָז, און באַלד זיך שוין געגליטשעט איבער די רייען און קופּעס אויס־געקרימטע און צעשמעטערטע קערפּערס פון די טויטע און איבער די

בעטנדיקע הענט, שטאַרע בליקן און גסיסה׳דיק־פּאַר׳חלש׳טע פּנים׳ער פון די פאַרוואונדעטע.

פוןביידע זייטן פעלד האָבן זיך באַוויזן ווייסע פאַנען.

סאַניטאַרן, באַרמהאַרציקע ברידער און שוועסטער זיינען אַרויס פון די גראָבנס, גענומען באַהאַנדלען און אַוועקטראָגן די פאַרוואונדעטע, און שרעקנדיק איז געווען דער קאָנטראַסט צווישן זייערע ציכטיק־ווייסע אָנצוגן מיט די רויטע צלמים און די קופּעס צעלע־כערטע מענטשלעכע קערפּערס, אָפּגעפליקטע קעפּ, הענט און פיס, אויף דער ברוטאַל אויפגעריסענער מוטער ערד.

* * *

פון דער מינוט אָן וואָס דער קאַפּראַל לאַ־קור האָט געעפנט פּאַר שאַרלען די טיר פונם פינצטערן שטיבל און די ברידער וואָנס האָבן אים מיט אַ בייזער קללה אַריינגעשטויסן אין דער פינצטער, איז שאַרלס באַוואוסטזיין ווי איינגעזונקען אין אַ לויפנדיקן הייסן שטראָם. ער האָט אויפגעהערט צו באַגרייפן וואָס אַרום אים קומט פאָר. הייסע ווינטן האָבן זיך אין מאַרך געטראָגן, מיט שווערקייט זיינע איברים אָנ־געגאָסן און אים צו דער ערד געצויגן.

צוערשט איז ער לאַנג געשטאַנען מיט פאַרמאַכטע אויגן און זיך צו עפּעס צוגעהערט, שאָקלנדיק זיך פאַראויס און צוריק. דערנאָך צו־געבלאָנדזשעט צו דער וואַנט, זי גלייכגילטיק באַטאַפּט, דערפילט עפּעס רוישנדיקעס און ווייכס אונטער די פיס און ווילנלאָז זיך אַראָפּ געלאָזט אויף אַ זאַק מיט שטרוי. ער האָט מיט אַמאָל גענומען ציטערן. קאַלטע און הייסע שטראָמען האָבן זיך גענומען יאָגן דורך זיין קערפּער. ער האָט זיך איינגאַנצן צוזאַמענגעדריקט, אַריינגערוקט ביידע הענט צווישן די קני און זיך גענומען איינהערן אין הילכיקן קלאַפּן פון זיינע ציין. ביי דער זייט האָט ער אָנגעטאַפּט עפּעס אַ ווייכע זאַך, ענלעך צו אַ קאָלדרע. ער האָט עס אַרויפגעצויגן אויף זיך. ס׳איז אים געוואָרן וואַרימער, לייכטער. ער איז איינגעשלאָפן.

ניט געהערט ווי די האַלבע נאַכט איז פאַראיבער, זיך ניט גע־רירט פון אָרט, ווען אַ וועכטער האָט אים צוויי מאָל דורכן טאָג אַריינ־געבראַכט וואַסער מיט ברויט. ס׳האָט באַדאַרפט זיין אַרום צען אַזיי־גער ביינאַכט, ווען ער האָט געעפנט די אויגן און זיך גענומען איינ־קוקן אין דער פינצטערניש. ער האָט גאָרניט געדענקט וואָס מיט אים איז פאַרגעקומען די פאַריקע נאַכט. אים האָט זיך געדאַכט, אַז

ער ליגט אויפן דעק פון אַ שיפל, וועלכעס שווימט פאָראויס אין אַ פינצטערער נאַכט. אים איז אַזוי לייכט. שטיקלעך געדאַנקען, בילדער פון דער פאַרגאַנגענהייט, פלאָנטערן זיך אין מח, פאַרהאַלטן זיך אָבער ניט לאַנג און שווימען ווייטער, פונקט ווי דאָס שיפל אונטער אים.

אים דאַכט זיך: ער איז אין זיין מוטערס שלאָפצימער. זי האָט נאָר וואָס דורכגעמאַכט אַ שווערע קראַנקהייט און זיצט אין אַ ווייסן נאַכט־קלייד אויפן בעט. אים פרייט אַזוי וואָס זי איז געזונט געוואָרן. עס ווילט זיך אים צוטוליען צו איר, נאָר עפּעס אַ געפיל פון מורא, פון ניט זיכערקייט, האַלט אים צוריק. מיט אָט די צוויי געפילן צו דער מוטער: ליבע און מורא, איז ער אויסגעוואַקסן און קען זיך אפילו איצט, צו צוואַנציק יאָר, פון זיי ניט באַפרייען. זי האַלט זיין קאָפּ אויף די קני, אירע אויגן זיינען פול מיט טרערן.

שוין לאַנג, אַז זיי זיצן אַזוי. עפּעס האַלט זי אים אין איין בעטן, האַלט אים עפּעס אין איין איינרעדן. ער דרייט מיטן קאָפּ אויף ניין: ער קען ניט, ער וויל איר קיין זאַך ניט צוזאָגן. וואָס אַזוינס וויל זי פון אים? אַ, יאָ . . זי בעט, זי פאָדערט פון אים אַ שבועה, אַז ער וועט דינען דייטשלאַנד, וועט קיינמאָל ניט הייבן זיין האַנט קעגן איר.

זי באַגיסט זיין קאָפּ מיט אירע הייסע טרערן, זי וויל ער זאָל אַריינטרעטן אין פראַנצויזישן מיליטער, אָבער דינען דייטשלאַנד . . אַ העלד וויל זי אין אים זען.

בעט ער זיך ביי איר אַ פאַרפייניקטער און אַ דערשראָקענער, זי זאָל אים צורו לאָזן: ער וויל ניט זיין קיין סאָלדאַט, וויל ניט קעמפן ניט פאַר איר דייטשלאַנד, ניט פאַרן פאָטערס פראַנקרייך. ער וויל ניט הרג׳ענען און וויל אַליין לעבן.

שטייט זי שוין אין איר ווייסן נאַכט־העמד פאַר אים אויף די קני, וויינט היסטעריש, שרעקט מיט זעלבסטמאָרד. האַלט ער ניט אויס: ברעכט צוזאַמען און גיט איר די שרעקלעכע שבועה. זי טוליעט זיין קאָפּ צו איר ברוסט, לאַכט און וויינט צוזאַמען און טויט־שרעק קוקט אַרויס פון די ווינקלען פון אירע ברייט־צעעפנטע אויגן.

— גוט, מיין זון . . מיין איינציקער . . אַ דאַנק . . אַ דאַנק . . אַ . .

מיט אַ וואָך שפּעטער, ווען זי האָט שוין געקענט אַרומשפּאַצירן איבער די צימערן, איז איינמאָל אין אַ פרימאָרגן צו זיי אין הויז גע־קומען אַ הויכער מאַן, געקליידעט אין שוואַרצן, ווי אַ גלח. זיין גאַנג

איז געווען שטרענג־מיליטעריש, די דינע ליפן, די שאַרפע נאָז און די איינגעפאַלענע באַקן האָבן ווי פאַרמירט איין איינגעשפאַרטן קנופּ. די גרויע אויגן, אונטער די געדיכטע, שוואַרצע ברעמען, האָבן געקוקט קאַלט און באַפעלעריש.

די מוטער האָט אים אויפגענומען מיט פרייד, געמישט מיט אַפשיי און לייכטן שרעק. זי האָט זיך פאַרמאַכט מיט אים ביי זיך אין שלאָפ־צימער און זיך לאַנג וועגן עפּעס גע׳עסק׳ט. דערנאָך האָט זי אַריינ־גערופן שאַרלען און אים באַקענט מיטן גאַסט.

— הערר שולץ! — האָט אים די מוטער פאַרגעשטעלט — איי־נער פון די הויפּט־פאַרטיידיקער פונם פאָטערלאַנד.

הערר שולץ האָט פעסט אַ דריק געטאָן שאַרלס האַנט און אים דורכגענומען מיטן בליק. און שאַרלען האָט זיך געדאַכט, אַז אויף יעדן אָרט, וואו דעם גאַסטס אויגן פאַלן, ווערט דער פלאַץ גלייך דורך און דורך פאַרגליווערט. דער גאַסט האָט אים דערציילט וועגן די טייוולשע פּלענער וואָס די ענגלענדער וועבן קעגן זייער באַליבטן דייטשלאַנד, וועגן די גרויל־טאַטן וואָס די פראַנצויזן באַ־גייען קעגן דער דייטשער באַפעלקערונג און געפאַנגענע דייטשן, גע־רעדט וועגן דעם צוקונפטיקן גן־עדן איבער דער גאַנצער וועלט, ווען דייטשלאַנד וועט באַזיגן אַלע אירע שונאים און פאַרנעמען דעם פלאַץ אונטער דער זון, וואָס איר קומט.

שאַרל האָט זיך איינגעהערט אין דער טרוקענער, אַפּט הילכיק־סקריפּנדיקער שטימע, זיך געיאָגט נאָך זיינע אייגענע, זיך שטאַרק שרעקנדיקע, געדאַנקען און דריי פערטל ניט פאַרשטאַנען וואָס דער גאַסט האָט צו אים גערעדט.

ביים געזעגענען זיך, האָט הערר שולץ עטלעכע מאָל שטאַרק געדרוקט דער מוטערס האַנט און, מיט אַ פייערל אין די אויגן, זי פאַרזיכערט, אַז צוערשט — דער הער גאָט, דערנאָך דאָס פאָטער־לאַנד — וועלן אָפּשעצן און זיכער קיינמאָל ניט פאַרגעסן, איר גרויסן אויפּטו, איר אומגעהייערן אָפּפער, איר אמתן פאַטריאָטיזם.

אויפן צווייטן טאָג איז הערר שולץ אַוועקגעפאָרן מיט שאַרלען קיין מעטץ, וואו דער לעצטער איז אַריינגעטראָטן אין אַ געהיימער שול, וואו די דייטשישע רעגירונג האָט געשאַפן מיליטערישע שפּיאָנען. אַ ריזיקע, מיט צענדליקע טויטן געשפּיצטע ראָד, האָט זיך אַ מעכ־טיקן דריי געטאָן און אַריינגעצויגן שאַרלען אין איר גאַנג.

די מוטער פלעגט אַלע וואָך אים קומען זען און יעדעס מאָל גע־בראַכט מתנות. גערעדט צווישן זיך האָבן זיי זייער ווייניק: אַלע קוואַלן פון רייד און צאַרטקייט — זיינען מיט אַמאָל ווי אויסגעטרוקנט געוואָרן. ער איז געווען פאַרזיכטיק און זייער אויפמערקזאַם, זי צור־ריקגעהאַלטן און צעוויטיקט.

מיט זעקס חדשים שפּעטער, האָט ער, צוזאַמען מיט נאָך צוויי שילער פון דער שפּאַנען שול, גע׳גנב׳עט די פראַנצויזישע גרעניץ און זיי זיינען אָנגעקומען קיין פּאַריז. די צוויי חברים זיינע זיינען באַלד פאַרשוואונדן און ער איז פרייוויליק אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי. נאָך אַ קורצער מיליטערישער צוגרייטונג, האָט מען אים פאַררעכנט אין דריטן פאַריזער פּאָלק, וועלכן מען האָט גיך אָפּגעשיקט צום פראָנט.

מיט זיך האָט שאַרל גראָוויע געפירט אַ רענצל מיט וועש, אַ קליי־נעם ליכט־וואָרפער, אַ שפּיגעלע, אַ גאָל־מעסער, אַ ציין־בערשטל און אַ ברוינעם לאַנג־פוסיקן הונט פון דער „קאָלי"־משפחה, מיט אַ ווייסן פלעק אויפן רוקן. געהייסן האָט דער הונט „טוירק" און געקומען איז ער, צוזאַמען מיט שאַרלען, פון דער געהיימער, מיליטערישער שול אין מעטץ.

שאַרלס געדאַנק רייסט זיך דאָ איבער און אַ בילד פון זיין ווייטער קינדהייט גיט זיך אַ שפּרייט פאַר אים:

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַך, ווי שיין דאָס מעסערל איז! . . זע נאַר, אָנקל, אַלע פאַרבן פון רעגנבויגן שפּילן זיך אָפּ אין פערלמוטער פונם הענטל . . אַדאַנק! האָסטו אויך זשאַרזשן אַזעלכעס געקויפט?

— געוויס, שאַרל — ענטפערט דער פעטער דע־גראָוויע אויפ־געלייגט: — געוויס. אַז כ׳קויף עפּעס, קויף איך שטענדיק פאַר צוויי: פאַר דיר און פאַר זשאַרזשן. ער איז מיין זון און דו מיין ברודערס און כ׳ליב אייךביידן גלייך.

שאַרל קוקט מיט ליבשאַפט אויפן פעטער, שפּיגלט זיך אָן די גאָלדענע קנעפּ פון זיין מיליטערישן ראָק און קען ניט פאַרשטיין פאַרוואָס די מוטער דערלויבט אים ניט צו קומען אַהער זיך שפּילן מיט זשאַרזשן, פאַרוואָס זי רעדט אַזוי בייז פונם „פּאַפּאַ׳ס גאָט־פאַר־דאַמטע משפחה" און . . ער מוז זיך פאַר׳גנב׳ענען אַהער, איר לייגן, אַז ער טרעפט זיך מיט זשאַרזשן און מיטן אָנקל.

אַט קומט אָן זשאַרזש . . זיי כאַפּן זיך אַרום, באַוואונדערן איינער דעם צווייטנס מעסערלעך און באַלד זיצן זיי שוין אין גערטנדל, פון דער צווייטער זייט הויז, שניצן דינגע ברעטלעך און שמועסן צווישן זיך.

זשאַרזש שניידט אויס אַ קאָפּ פון אַ פערד און שאַרל באַמיט זיך אויסצוקאַרבן אַ סילועט פון אַ שיף.

— ווען איך וועל אויסוואַקסן — טרוימט זשאַרזש — וועל איך ווערן אַ פּאַלקאָווניק, ווי דער פּאַ איז און אַרומפאָרן איבער די גאַסן אויף אַ גרויסן, שוואַרצן פערד . .

— און איך וואָלט געוואָלט ווערן אַ קאַפּיטאַן פון אַ שיף און אַרומפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט . .

— דאָס איז ניט גוט פאַר דיר. — איז זשאַרזש זיכער — דו דאַרפסט ווערן אַ קאַפּיטאַן אין אונזער אַרמיי, ווי דיין פּאַ איז געווען.

— צי וואָס? — קען שאַרל ניט פאַרשטיין — אַז כ׳וויל גאָר אַרומפאָרן איבער דער גאַנצער וועלט.

— דו קענסט ניט — איז זשאַרזש איינגעעקשנ׳ט — דו מוזסט ווערן אַ קאַפּיטאַן און גיין שלאָגן די דייטשן . .

— שלאָגן די דייטשן?! — איז שוין שאַרל —איבערגעשראָקן

— פאַרוואָס דאַרף מען זיי שלאָגן? . .

— כ׳ווייס ניט פאַרוואָס — ענטפערט דער ערשטער נאָך אַ ווײַלע טראַכטן — אָבער שלאָגן דאַרף מען זיי . . אַזוי זאָגן אַלע. פרעג דעם פּאַ.

פאַרדריסט עס שוין שאַרלען: — זיי וועלן זיך ניט לאָזן. זיי זיי־נען גראָבע, די דייטשן, און זייער שטאַרקע. זיי זיינען גוטע מענטשן, טרינקען אַ סך ביר, זינגען און טאַנצן. כ׳האָב זיי זייער ליב.

— דאָס איז גאָרניט. מיר׳ן זיי פאָרט שלאָגן — און אויפהערנ־דיק שניצן, דרייט ער אויס דעם קאָפּ צו שאַרלען: — זאָג, ווייסטו, אַז דיין מאַמע איז אויך אַ דייטשקע? דערפאַר האָט זי אונז פיינט און לאָזט דיך ניט קומען אַהער זיך שפּילן מיט מיר. אַזוי זאָגט די מו־טער . . זאָג, ווי אָפט שלאָגט זי דיך? . . איז זי זייער אַ שלעכטע?

שאַרלען וויל זיך שוין וויינען. אפילו דאָס פערלמוטערנע מע־סערל מיט די דריי קלינגלעך האָט שוין אָנגעוואוירן אין זיינע אויגן דעם גאַנצן חן. ער שטאַרקט זיך אָבער און ענטפערט זיכער: — ניין, זי שלאָגט מיך קיינמאָל ניט . . זי קושט מיך שטענדיק און האָט מיך שטאַרק, זייער שטאַרק ליב . .

— אַזוי? — וואונדערט זיך זשאַרזש — און איך האָב געמיינט, אַז זי שלאָגט דיך.. מיך שלאָגט מען קיינמאָל ניט.. כ׳האָב איינמאָל געהערט, ווי דער פאַ האָט דערציילט זיינע פריינט, אַז דיין פאַ איז געווען אַ גרויסער העלד.. האָט געשלאָגן אַ סך דייטשן. און כ׳האָב אַליין געזען זיינע מעדאַלן אויף אַ קליין שוואַרץ קישעלע, ביים פאַ אין שרייב־טיש. כ׳וועל זיי דיר אַמאָל ווייזן.. כ׳האָב זיי אַלע אַליין אָנגעטאָפּט. ווייסט?.. ס׳וואָלט אַ סך בעסער געווען, ווען דו האָסט אַ פראַנצויזישע מוטער, ווי מיינע.. וואָלטן מיר זיך אַלע טאָג געקענט שפּילן צוזאַמען און געגאַנגען איינער צום צווייטן צו גאַסט.

שאַרל פילט ווי דאָס האַרץ אין אים ווערט ממש צעגאַנגען פון באַליידיקונג און וויי. ער ווייסט ניט וואָס צו ענטפערן און אים וויל זיך אַזוי שטאַרק וויינען. ער שפּרינגט אויף פון פּלאַץ און לויפט אַרויס פון גאָרטן, שלינגנדיק די טרערן.

— שאַרל, שאַרל, אַנטלויף ניט! האָסט דאָס מעסערל פאַרגעסן.. שאַרל! שאַרל!..

שאַרל הערט אים ניט: ער איז שוין ווייט אין גאַס, ער לויפט און וויינט שטיל.

— — — — — — — — — — — — —

עס האָט שוין באַדאַרפט זיין שפּעט אין דער נאַכט, ווען די ערד האָט פּלוצלונג אויפגעציטערט און דער הימל האָט זיך גלייך אָנגעצונדן מיט אַ העליש פייער. די לופט, אַ צעריסענע אויף שטיקער, האָט זיך ראַשיק געטראָגן איבער דערשראָקענע פעלדער און וועגן און מיט שטילע קרעכצן צוגעפאַלן צו די פייכטע אָוונט־גראָזן.

שאַרל האָט זיך האַסטיק אויפגעזעצט, זיך איינגעהערט אין דער קאַנאָנאַדע, געקנייטשט דעם שטערן, זיך וועלנדיק אָן עפּעס דערמאָנען, און ניט געקענט. קיין איינציקער געדאַנק, ניט די קלענסטע דערינערונג. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, באַטראַכט די פיר ווענט, די טיר, דאָס פאַרגראָטעטע פענצטערל, אפילו אַ מעכאַנישן טאָפּ געטאָן דעם זאַק מיט שטרוי אונטער זיך. ווידער געזעסן אַ פּאָר מינוטן באַוועגלאָז, אַ הוסט געגעבן, אַ רייב געטאָן מיט דער רעכטער האַנט דעם האַלדז און זיך לאַנגזאַם אויפגעשטעלט. דער קאָפּ האָט זיך אים אַ דריי געטאָן. ער האָט צעשפּרייט ביידע הענט, ווי זוכנדיק אָן וואָס זיך אָנצוכאַפּן. דערנאָך איז ער צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי געפּראוווט עפענען. זי איז געווען פאַרשלאָסן פון דרויסן. ער איז צו

צום פענצטערל און אַרויסגעקוקט דורך אַ צעבראָכענער שויב. פון דער צווייטער זייט איז געשטאַנען אַ וועכטער, צוגעשפּאַרט צו זיין ביקס.

— זאָג נאָר, ברודער, וואָס פאַראַ שיסעריי קומט עס דאָרטן פאָר?

— האָט ער אַ פרעג געטאָן.

דער וועכטער האָט דערשראָקן אַ הויב געטאָן די ביקס און זיך שנעל אויסגעדרייט מיטן פּנים צו שאַרלען. ער האָט זיך איינגעקוקט אָן אים און מיט אַמאָל, צובויגנדיק זיך צום פענצטער, כמעט ווי אויסגעשריען מיט האַס און פאַראַכטונג:

— שפּיאָן! פאַררעטער! דאָס זיינען מיר מכבד דיינע דייטשן! אַוועק פון פענצטער! — און דער שפּיז פון זיין ביקס האָט אַ בלאַנק געטאָן אין ריכטונג צו גראַוויעס ברוסט.

שאַרל האָט אינסטינקטיוו אָפּגעטראָטן פונם פענצטער, ניט פאַרשטייענדיק זיך איינגעקוקט אין וועכטער און מיט אַמאָל האָט זיין גאַנצער קערפּער אַ קאָנוואולסיוון צוק געטאָן און ער האָט, ווי אַ אונטערגעהאַקטער, זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל.

„שפּיאָן!?.. פאַררעטער?!..” אין איין אויגנבליק האָט ער זיך וועגן אַלץ דערמאָנט, פונקט ווי אַ פאַרהאַנג וואָלט מיט אַמאָל אַראָפּגעריסן געוואָרן פון זיין איינגעשלאָפענעם זכרון. די פּאַסירונגען פון דער לעצטער נאַכט האָבן פאַר אים אַ שוים געטאָן: דער אַרעסט נעבן „טוירקן” מיטן צעטעלע אין האַנט, דער קאַפּראַל מיט די ברידער וואָנס, דער שטרענגער גענעראַל מיטן פּאַלקאָווניק ד׳וזיע, דער פאַרצווייפלטער אַנקל דע־גראַוויע..

ווי אין אַ קאַליידאָסקאָפּ האָבן זיך בילדער געצונדן אין זיין מאַרך: ער האָט ווידער פאַרראַטן.. אַ צווייטן מאָל.. איצט די דייטשן.. אַלע צייכנס און פאַרבינדונגען אַרויסגעגעבן דעם פּאַלקאָווניק ד׳וזיע.. זיי האָבן זיכער צוריקגעשיקט דעם הונט מיט זיין מעלדונג, אַז דער לינקער פליגל איז שוואַך, ווייל די גרעסטע האַרמאַטן האָט מען איבערגעפירט אויפן רעכטן פליגל, וועלכער וועט היינט ביינאַכט אַטאַקירן.. אַלץ האָט ער אָנגעצייכנט. און איצט.. איצט קומט דאָרטן, ווייזט אויס, פאַר די שלאַכט. איז עס מעגלעך, אַז ער געפינט זיך שוין דאָ נאָך פון דער פאַריקער נאַכט? עס זעט אויס אַזוי.. די דייטשן וועלן פאַלש אַטאַקירן און זיך ניט קענען פאַרטיידיקן..

— כאַ־כאַ־כאַ! . . — אין אַ ווילדער פרייד האָט שאַרל הילכיק געלאַכט, לויפנדיק איבערן צימער — כאַ־כאַ־כאַ! . . זיי האָבן אים געפּאָלגט, די דייטשן . . פּונקט ווי פריער . . אָבער איצט וועלן זיי טייער, זייער טייער באַצאָלן פאַר די צוויי הינט: פאַר אים, שאַרלען. . און פאַר זיין ברוינעם חבר מיטן ווייסן פלעק אויפן רוקן . . יאָ . . טייער וועלן זיי באַצאָלן פאַר אַלץ! . . פאַר אַלץ! . . כאַ־כאַ־כאַ! . .

צוויי וועכטער האָבן אומרואיק, אַביסל דערשראָקן, אַריינגעקוקט דורך דער צעבראָכענער שויב פונם פענצטערל, אים באַפוילן שטיל צו זיין, געשראָקן צו שיסן.

ער האָט זיך אפילו ניט אומגעקוקט אויף זיי. געלאָפן איבערן צימער פון ווינקל צו ווינקל, גערעדט צו זיך אַליין און געלאַכט, גע־לאַכט. מיט אַמאָל איז ער שטיין געבליבן און זיך גענומען איינהערן.

קיין איינצעלנע האַרמאַטן־שאָסן האָט מען שוין מער ניט גע־קענט הערן, נאָר געפּילט האָט מען, ווי די ערד באַוועגט זיך אונטער די פיס און ס'האָט זיך געדאַכט, אַז טויזנטער פולע און ליידיקע פעסער האָלטן מאַסנווייז אין איין פאַלן פון דער הויך און ווערן צע־שאָטן אויף שטיקער.

— אַזוי! . . אַזוי! . . זאָל מען זיי אין שטיקער רייסן! . . אין שטיקער! . . אין שטיקער! . . — האָט ער שוין שטיל גערעדט צו זיך אַליין — ווי משוגענע הינט וועט מען זיי פאַריאָגן פון פראַנק־רייך . . פון מיין פאָטערס לאַנד . . פון מיין אָנקלס לאַנד . . פון מיין . . לאַנד . . — און פראַנקרייך האָט אים אין דעם מאָמענט אויס־געזען ווי אַ שוצלאָזע מוטער, וועמענס קינדער האָבן זי פאַרראַטן, זי פאַרלאָזן. שטייט זי אַן איינזאַמע אויפן וועג, אונטער שטורם און רעגן, שטייט און וויינט און פון אַלע זייטן גנב'ענען זיך כיטרע פיינט . .

ער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און מיט די הענט צוגע־דריקטע צו זיין ברוסט, מיט טרערן אין קול גענומען בעטן:

אָ מאָן דיע, סאָוועי מואַ! (אָ גאָט, ראַטעווע מיך!) פאָטערלאַנד, כ'בעט דיך . . פאַרגיב מיר מיין שרעקלעכע שולד. דו ווייסט דאָך: מיין מוטער . . וואָס האָב איך געקענט טאָן? . . פאַרגיב מיר, פראַנקרייך!

— און טרערן זיינען גערדיכט געפאַלן איבער זיינע בלייכע באַקן.

דאָס שיסעריי רעכטס איז שטילער געוואָרן, אָבער האַרמאַטן אָפּ־טיילונגען האָבן מיט אַ מוראדיקער שנעלקייט זיך געטראָגן צום לינקן פליגל, וואו די שלאַכט האָט זיך גענומען צעברענען אַלץ העפ־

טיקער. ערגעץ־וואו האָט הילכיק און דריבנע געקלאַפּט אַ פּויק.

שטיל, כמעט ווי אויף די שפּיץ פינגער, האָט שאָרל געשלייכט זיך איבערן פינצטערן צימערל, געטאַפּט די ווענט, די טיר, אַלץ געזוכט אַן אָנהאַלט אויף וואָס צו פאַרוואַרפן דעם לעדערנעם פּאַסיק פון זיינע הויזן און זיך אויפצוהענגען.

* * *

עס האָט שוין גענומען טאָגן, ווען די שלאַכט, אַ טויט מידע, האָט ביסלעכווייז, פון זיך אַליין, זיך גענומען איינשטילן.

דער הימל — אַ בלויער ענדלאָזער פעלד, די זון — אַ גאָלדענער יונגלינג, אַ שיינענדיקער פּאַסטוך און געדיכטע גרופּעס געקרייזלטע, ווייסע וואָלקנדלעך — בלאָנדזשענדיקע שאָף. דאָס איז געווען אין דער הויך. אָבער אין דער נידער, אויף די פעלדער און אין די טראַנשייען, האָט די יונגע זון געציטערט אויך בלאַנקענדיקע באַיאָנעטן, אויך שטאָלענע היטלען און מעטאַלענע לייבער פון אומציילִיקע ביִקסן, קוילן־וואַרפערס און האַרמאַטן. און נאָך האָט די זון געזען: ענד־לאָזע שורות טראָג־בעטלעך, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין דער ריכ־טונג צו די ווייסע, לייווענטענע געצעלטן מיט גרויסע, רויטע צלמים אויף די ווענט און דעכער.

און אויפן זעלבן וועג מיט די טראָג־בעטלעך, נאָר אַביסל אָפּגעט־טראָטן, האָבן זיך שווער געקייקלט הויכע, פויערשע וועגענער, ביזן ווערך איבערגעפּילטע, מיט טויטע קערפּערס. און פון ווייטנס האָבן די דאָזיקע וועגענער אויסגעזען, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען איבערגע־פּילט מיט גרוי־ברוינע קלעצער. טיפע, ברייטע ברידער־קברים האָבן שוין געוואַרט אויף זיי אין אַ דערבייאיקן וועלדל.

אַרום צוועלף אַזייגער איז שוין דאָס שלאַכטפעלד ריין געווען פון קערפּערס. בלויז אַ פּאָר אָפּגעריסענע הענט און פיס, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעגליטשעט פון די איבערגעלאָדענע וועגענער, האָבן זיך געוואַלגערט אין עטלעכע פלעצער.

איינס אַזייגער האָבן שוין די גרובנס ווידער געשפּיגן מיט פייער און דאָס פייפן פון קוילן און דער געוואוי פון שראַפּנעלן און גראַנאַטן האָט זיך שוין ווידער געטראָגן איבער די סאָלדאַטסקע קעפּ פון ביידע זייטן.

זייער טייער האָבן די דייטשן באַצאָלט פאַר זייער ביינאַכטיקער אַטאַקע: זיי האָבן פאַרלוירן טויזנטער סאָלדאַטן אין טויטע און

פאַרוואונדעטע און געמוזט אָפּטרעטן די פּראַנצויזן עטלעכע מייל באַ־פעסטיקטע טראַנשייען. די פאַרלוסטן פון די פראַנצויזן זיינען געווען פיל קלענער.

— — — — — — — — — — — — — — — —

אין פעלד האָספּיטאַל, וואו דער אַרטילערי פּאָלקאָווניק דע־גראַוויע איז געלעגן מיט אַ דורכגעשאָסענעם פוס, איז גאַנץ פרי דעם זעלבן טאָג, אַריינגעקומען דער קאַפּראַל לאַ־קור און פאַרזיכטיק צו־געגאַנגען צום פאַרוואונדעטנס בעטל.

— נו, ווי פילט איר הערר פּאָלקאָווניק?

— אַ דאַנק, קאַפּראַל. ווי כ׳זע ביסטו אויך פאַרוואונדעט?

— אַ קלייניקייט: אַ פאַרפלוכטער „באַש" האָט מיר צווי פינ־גער אָפּגעהאַקט . . — ער איז געשטאַנען און ווי אויף עפּעס געוואַרט.

— ווילסט מיר עפּעס זאָגן, קאַפּראַל?

— יאַ, הערר פּאָלקאָווניק.

— טאָ זאָג. דאַרפסט מיך ניט שאַנעווען. דו קענסט מיך.

לאַ־קור האָט זיך אויסגעהוסט און זיך עטוואָס צוגעבויגן צום פאַרוואונדעטן: — הערר פּאָלקאָווניק, כ׳בין אייך געקומען מעלדן, אַז . . אַז שאַרל גראַוויע איז מיט אַ פערטל שעה פריער געשטאָרבן.

דע־גראַוויע האָט אַ ציטער געטאָן, זיך געפּרוּווט אָנשפּאַרן אויפן אָרעם און גלייך צוריקגעפאַלן. — שוין? ווען איז דער קריגס־געריכט פאַרגעקומען?

— שאַרל האָט . . זיך אַליין דערשאָסן.

— אַליין? . . ווי אַזוי?

— דער קאַפּראַל האָט געשוויגן אַ ווײַלע און פאַרטגעזעצט מיט אָנשטרענגונג: — זיינע לײַדן זיינען געווען שרעקלעך . . כ׳האָב אים זייער ליב געהאַט . . דער בראַווסטער סאָלדאַט געווען . . מיין לעבן געראַטעוועט: מיך אַ פאַרוואונדעטן פונם שונא׳ס הענט אַרויסגע־ריסן . . כ׳בין עס אים שולדיק געווען . .

דע־גראַוויע האָט מיט ברייט־צעעפנטע אויגן זיך איינגעקוקט אין קאַפּראַלס בלייכן, ווי פאַרגליווערטן פּנים איבער וועלכן עס האָבן זיך לאַנגזאַם געקייקלט צווי טרערן, און מיט אַמאָל דערפילט, אַז ער אַליין וויינט אויך, וויינט מיט ברינענדיקע טרערן, דעם ערשטן מאָל אין זיין לעבן. ער האָט אויסגעשטרעקט לאַ־קורן זיין ציטערנדיקע האַנט: — אַ דאַנק, קאַפּראַל . . האָסט אונזער כבוד געראַטעוועט . .

כ׳וועל עס דיר קיינמאָל ניט פאַרגעסן . . — ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן קישן און פאַרדעקט די אויגן מיט דער געזונטער האַנט . .

ווען ער האָט ווידער אויפגעהויבן דעם קאָפּ איז שוין לאַ־קור געווען אַוועק.

— — — — — — — — — — — — — —

און דאָרטן, ווייט־ווייט, אין די שטעט און דערפער פון דייטשלאַנד און פראַנקרייך, האָבן טויזנטער מוטערס, פרויען און כלות געהויבן זייערע הענט צו אָט דער זעלבער אויפגייענדיקער זון, וועלכע האָט שוין די קערפּערס פון זייערע ליבסטע ניט געקענט דערוואַרעמען מער, און מיט ציטער אין קול און טיפן גלויבן אין בליק געבעטן דעם הערשער פון דער וועלט אָפּצוהיטן זייערע טייערסטע אויף די ווייטע שלאַכטפעלדער, זיי צוריקברענגען געזונטערהייט צו זייערע היימען, צו זייערע פרויען און קינדער.

אָבער איינצייטיק האָט אין זייער ברוסט אויך געוואַקסן אַ שווערע קללה. אַ קללה צו די, וואָס האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם אויבן־אָן אין לעבן, וואָס האָבן איינגעטונקען די וועלט אין שקר און באַטראָג און, אונטערן שרעק פון טויט, אַרויסגעיאָגט איין פאָלק, אין אַ בלוטיקער שלאַכט, קעגן צווייטן.

יולי—1916.

גליק

אַרײַנפיר

(צוועלף עטיודן)

גליק!?

ווער ווייסט וואָס דאָס איז אַזוינס? ווי אַזוי ווערט עס געבוירן און ביי וועלכע אומשטענדן קען עס עקזיסטירן וואָס לענגער?!

ביי פרימיטיווע פעלקער, פונקט ווי ביי חיות, איז גליק: רו, זאַטקייט, פאַרמערונג. וואָס העכער אויפ׳ן לייטער פון אַנטוויקלונג, אַלץ קאָמפּליצירטער ווערן די געפילן און, צוזאַמען מיט זיי, די באַדינגונגען וואָס רופן אַרויס דעם געפיל פון גליק, אַלס די העכסטע שטופע פון צופרידנקייט.

אין תהילים און משלי — טרעפן מיר כמעט ניט קיין דירעקטע אויסדרוקן וואָס האָבן צי טאָן מיט פּערזענלעכן גליק. עס זיינען אָבער פאַראַן אַ סך אָנווייזונגען ווי אַזוי דער מענטש קען דערגיין צו אַ שטופע פון גליק, אויב ער וועט נאָר אויספאָלגן אָט די אַלע אָנווייזונגען:

„וואויל און גוט איז צו דעם, וואָס עסט די מי פון זיינע הענט.. וואָס באַגערט די תורה פון גאָט און טראַכט וועגן איר טאָג און נאַכט.. וואָס שטרעבט צו וויסן און צו חכמה און וועמענס וועג איז ערלעך אין גלויבן אין דער תורה און אין גאָט״. — אַזוי האָבן, ווייזט אויס, אַמאָל געדענקט די פירער פון בני־ישראל.

דער אַלטער גריכישער פּאָעט און זינגער האָמער — זעט דאָס גרעסטע גליק אין רואיקן פאַמיליע־לעבן, דער גריכישער פילאָזאָף אַריסטאָטעל באַשטייט, אַז גליק — דאָס זיינען גוטע טאָטן, אָבער דער רוימישער שרייבער און אָראַטאָר ציצעראָ איז זיכער, אַז גליק — דאָס איז מענטשלעכע פרייהייט.. דער גרויסער דייטשער דיכטער געטע, זעט דאָס גליק פונם איינצעלנעם אין דער פרייהייט און וואוילזיין פון אַלע און פאַר לאַסאַלן איז עס אַ מין קאָמבינאַציע פון פרייד און פּיין, וואָס פאַר׳שיכור׳ט אים אין צייט פון אַ וויכטיקער אַרבעט. דער פילאָ

זאָך קאַנט דענקט, אַז גליק — דאָס איז די מעגלעכקייט צו דערפילן אַלע אונזערע פאַרלאַנגען אין זייער פולער פאַרשיידנקייט און פאַר׳ן פוילישן שרייבער טעטמייער איז גליק אַ — „בליאַסק אין די וואָלקנס: צינדט זיך אָן און ווערט פאַרשוואונדן״. דער ריז פון דער אַמעריקאַנער דיכטונג וואָלט וויטמאַן פאַרמולירט גליק מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „כ׳ווייס ניט וואָס עס איז, ס׳איז אָבער אין מיר. כ׳קען עס ניט, ס׳איז נאָך אָן אַ נאָמען, עס באַוועגט זיך מער ווי די ערד אויף וועלכער איך באַוועג זיך. ס׳איז ניט קיין כאַאָס אָדער טויט, ס׳איז פאָרם, איי־ניקונג, פלאַן, ס׳איז דאָס אייביקע לעבן — ס׳איז גליק״. לעוו טאָל־סטוי לערנט אונז, אַז גליק באַשטייט אין דער גרענעצלאָזער ליבע פאַר׳ן צווייטן און זיין קאָלעגע אַנטאָן טשעכאָוו זאָגט גאַנץ פשוט: „ניטאָ קיין גליק אויף דער וועלט און עס דאַרף ניט זיין. און אויב אין אונזער לעבן איז פאַראַן אַ זין, אַ צוועק, דאַרף מען אים זוכן ניט אין פערזענלעכן, נאָר אין עפּעס גרעסערס — אין וואוילזיין פון דער גאַנצער מענטשהייט.

וואָס־זשע איז פאָרט אַזוינס — גליק?

גליק איז אַ דערגרייכטער טרוים, די העכסטע שטופע פון עקזאַל־טאַציע. אַמאָל איז די סיבה אַ ריין פערזענלעכע, אַמאָל איז זי פאַר־בונדן מיט דער אַרומיקער געזעלשאַפט אָדער נאַטור. די הויפט־מעלה פון גליק באַשטייט אָבער אין דעם, וואָס עס האַלט ניט אָן לאַנג, וואָס עס דערלאָזט ניט דעם עקסטאַז פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ רוטין, וואָס קומענדיק — ווערט עס פאַרשוואונדן.

אין דעם ליגט די טיפסטע חכמה פון דער נאַטור: גליק — מאַכט דעם מענטשן שווער, אָדער צו לייכט, צאַמט זיין האָריזאָנט, אָדער שליידערט אים אינגאַנצן אַרויס אין חלל, פאַרשליסט אים אָבער שטענדיק אין אַ ענג־טעמפּן קרייז פון זיך אַליין. דאָס שנעל־פאַר־שוואונדענע גליק שטויסט ווידער דעם „גליקלעכן״ אויפ׳ן לעבנס־וועג, טרייבט אים אויפצונעמען נייע אַרבעט, נייע קאַמפן, ווידער זוכן נייע מעגלעכקייטן, ניי־גליק.

און נאָך אַ זאַך: מעגלעך אַז דאָס קורצע לעבן פונם אמת׳ן גליק איז גאָר אַ ברכה פאַר׳ן מענטשן: ווער קען עס אויסמעסטן ווי לאַנג אַ פאַר׳שיכור׳ט פון גליק, אַן עקזאַלטירט מענטשלעך האַרץ קען אויסהאַלטן? מעגלעך, אַז אַ צו דויערהאַפטער עקסטאַז וואָלט דער־מאָרדערט דעם מענטשן פונקט אַזוי שנעל ווי אַ קויל, אָדער אַ ביס פון

אַ קאַברא־שלאַנג? ווער ווייסט וואָס עס קען שנעלער און זיכערער טויטן גליק צו אומגליק?! — — — — — — — — — — — — — — —

אָפט אין איינזאַמע אָוונטיקע שעה׳ען, אָדער אין טעג פון קראַנק־הייט, פּרוביר איך אויפלעבן דעם „אַמאָל״ ווי אויך רעווידירן דעם „היינט״.

איז מיין לעבן אַ פּולער, אַ גליקלעכער געווען? דאַכט זיך אַז יאָ. איך שליס צו די אויגן און גיב אַ רוף די פאַרגאַנגענע טעג פון מיין לעבן. און זיי פאָלגן: פּילן אָן די ווינקלען פון מיין צימער און טראָגן זיך רייענווייז פאַרביי. די מערסטע פון זיי אַזעלכע פּילפאַרביקע, אויסטערלישע: טעג פון ליבע, וואַנדער און קאַמף. צווישן זיי אויך אייניקע באַצירט אין פּיאָלעט און שוואַרץ: טעג פון אַנטוישונגען, פון פּיינלעכן גאָט־זוכעניש, פון פאַרצווייפלטן יאָגעניש נאָכ׳ן „זין״ פון לעבן.

און פון׳ם פאַרביקן קאַראַהאָד שוועבן אַרויס פרויען און מענער פּנים׳ער, אַלץ אַזעלכע טייערע, אינטימע, מיט וועמענס לעבנס־וועגן מיינער האָט זיך ענג צוזאַמענגעפלאָכטן. זיי באַגריסן מיך: ווער מיט פרייד, ווער מיט טרויער, אָבער אַלע מיט פאַרגעבונג. און איך דער־קען זיי און הער זיך איין מיט שרעק און נייגיר און זייערע פלִיסטערנ־דיקע שטימען:

— געדענקסט?.. — אַזוי פאַנגען זיי אַלע אָן — עס איז געשען אין יענעם טאָג אָדער נאַכט, ווען.. — אַ שאַרפער וויטאָק רופט זיך אָפּ אין יעדן אבר און חזר׳ט איבער מיט אַ ווידער־קול: „עס איז געשען. לאַנג, לאַנג צוריק. געשען.. וועט מעגלעך שוין קיינמאָל ניט פּאַסירן מער. קיינמאָל ניט..

און דורך אַ וואָלקן פון הייסע, הילפלאָזע טרערן וויל זיך שרייען, בעטן: לעבן מיינס, בליציקע טעג און נעכט פון דענקען און פילן, פון טרויער און גליק, גייט נאָך ניט אַוועק:.. אַזוי פיל שאַרפע ווינטשן ברויזן נאָך אין ברוסט, אַזעלכע ברייטע, זוניקע האָריזאָנטן שפּרייטן זיך נאָך פאַר׳ן בליק און לעבן וויל זיך נאָך אַזוי וואַנזיניק, לעבן און זינדיקן און תשובה טאָן און קעמפן פאַר׳ן אמת, פאַר אַ שיינער, אַ גערעכטער וועלט.

ווי האָט עס גאָר דאָס לעבן געוואַגט צו שפּילן אַזאַ בלוטיקן שפּאַס מיט׳ן אָרימען, הילפלאָזן —מענטשן? פאַרוואָס האָט עס ניט ענגער פאַרקניפּט דעם מענטשנס וואונטשן, דעם פלאַטער פון זיין מח מיט

זיין שוואַכן, שווערן קערפּער? אַלץ זאָל לעבן און שטאַרבן איינ־צייטיק?!״

הערן זיך איין מיינע אַלטע פריינט און שמייכלען אַזוי טרויעריק, אַזוי הילפלאָז: זיי האָבן זיכער אויך געפרעגט אַמאָל די זעלבע קשיא און אַוועק פון דער וועלט אָן אַן ענטפער.

איך שטעל זיך האַסטיק אויף, גיי דורך דעם צימער, פּרואוו זיך באַהערשן: „נאַרישקייטן: קיין רעוואָלט וועט דאָ ניט העלפן. אַנדערש קען עס ניט זיין. אַזוי איז עס געווען. אַזוי וועט עס שוין בלייבן״.

פלוצלונג בליצט אויף אַ געדאַנק: „פאַרוואָס ניט דערגרונטעווען אַביסל דאָס אייגענע לעבן? זיך אַראָפּלאָזן ביז׳ן סאַמע דעק, ביז׳ן ערשטן אויפברויז פון באַוואוסטזיין, אויפקלייבן כאָטש עטלעכע פּערל, עטלעכע פון די גליקלעכסטע מאָמענטן פון לעבן, זיי אַרויפברענגען אויף דער אויבערפלאַך, ווידער איבערלעבן, און זיי ווייזן די נאָענט־סטע, דער וועלט.

אפשר וועלן זיי עמיצן צונוץ קומען, עמיצן עפּעס לערנען, עמיצן דערוואַרעמען? זיי די מאָמענטן פון מיין גליק און עקסטאַז.

אין לאַנד פון גאָלד און בלוי

(ערשטער עטיוד)

ס׳איז געשען מיט פיל, פיל יאָרן צוריק. כ׳האָב באַדאַרפט דאָן אַלט זיין אַ יאָר זעקס, זיכער ניט מער ווי זיבן.

. . . אָט שוועבט אַרויס פון ווייטן דמיון אַזאַ מין בילד:

אַ טונקעלער, דושנער צימער, אַ ווייך געלעגער און נעבן מיר דער גרויסער, אַזאַ מחיה׳דיק־וואַרעמער קערפּער פון מיין מאַמען. דורך די שפּאַרעס פון די דרויסנדיקע לאָדן רייסן זיך אַריין בלויע, גאַר דינענקע שטראַמען ליכט, געמישט מיט זוניקן גאָלד, און בלייבן הענגען אויף די ווענט. דאָס צוויטשערן פון „וואַראַבייטשיקלעך״ פליוסקעט ממש שטראָמענווייז פון די דערבייאיקע אַקאַציע ביימער.

און ס׳איז מיר אַזוי גוט, אַזוי נחת׳דיק. יעדע זאַך אַרום: דאָס בעט, די מאַמע, דאָס גאָלד־בלויע ליכט, דאָס פייגל־צוויטשעריי — אַלץ איז דורכגעזאַפּט מיט אַזאַ טיפן תענוג, מיט אַזאַ גליק־זעליקייט. און מיר נעמט זיך דאַכטן, אַז אָט די אַלע טייערע זאַכן

זיינען גאָר ביי מיר אַליין אין ברוסט באַהאַלטן און רייסן זיך צו דער וועלט.

איך דריק זיך פעסטער צו דער מאַמען און דרימל איין. מיט אַמאָל זע איך די מאַמע שטייט שוין פאַרן בעט אַ אָנגעטאָענע און וועקט מיך שטיל:

— קינד, שטיי אויף! מיר זיינען אין „בענדער״: מען דאַרף זיך גיין באָדן.

איך צעעפן ברייט די אויגן און דערמאָן זיך, אַז מיר זיינען טאַקע נעכטן געקומען צו דער שוועסטער פייגע קיין בענדער צו גאַסט. איך און די מאַמע. און פאַרברענגען וועלן מיר דאָ אַ גאַנצן חודש.

פאַר די אויגן גיט אַ בליאַסק דער ברייטער טייך, דער דנעסטער, מיט די שיפלעך, מיט די באָד־הייזער, מיטן ריזיקן בריק, וועלכער שטייט מיט צווי מאַסיווע, שטיינערנע פיס טיף אין וואַסער. אַ בילד, וואָס כ׳האָב נעכטן פאַרנאַכט צום ערשטן מאָל אין מיין לעבן געזען.

אָבער דאָס בעט איז אַזוי וואַרים און אויפשטיין וויל זיך אַזוי שטאַרק ניט.

— כ׳וויל שלאָפן, מאַמע . . כ׳וויל זיך ניט באָדן איצט . .

— אָך, וואָס פאַרא פוילער דו ביסט! — זי לייגט אַרויף אירע געבענטשטע הענט אויף מיין שטערן און פירט זיי לאַנגזאַם אַרונטער, גלעטנדיק מיין לייב, ביז די שפיץ פון מיינע פינגער און לאַכט דערביי אַזוי גוטמוטיק־שטיל. און מיר דאַכט זיך, אַז דאָס זיינען ניט קיין קלאַנגען פון קיין געלעכטער, נאָר דאָס פאַלן פון די ווענט אויפן דיל די שטיקלעך גאָלדיק־בלויע זונען־שטראַלן. איך צי זיך מיט פאַרגעניגן אויס און פאַרזשמורע די אויגן.

— נאַרעלע, אַז מען קומט קיין בענדער, מוז מען זיך באָדן יעדן פרימאָרגן. אַנדערש איז דער גאַנצער טאָג אַ פאַרפאַלענער.

איך קוק זי ניט גלויביק אָן: ווי קען עס עפּעס אַ גאַנצער טאָג מיט אַמאָל פאַרפאַלן גיין? און בלויז דערפאַר וואָס איך וועל זיך ניט באָדן גאַנץ פרי? אַ טאָג איז דאָך עפּעס אַזוי גרויס: פאַרנעמט אַ גאַנצע וועלט. כ׳באַשליס, אַז זי נאַרט מיך אָפּ און כ׳פאַנג אָן צו כניקן: — לאָז מיך שלאָפן, מאַמע . כ׳וועל זיך באָדן מאָרגן . .

זי זעצט זיך אויפן בעט, קוקט אויף מיר שווייגנדיק אַ ווײַלע און גיט מיט אַמאָל אַ שטרענגן פרעג: — זאָג, שמיליקל, יעקב־וואָלפן קענסטו!?

עס פֿאַרכאַפּט מיר אַזש דער אָטעם: — יעקב־וואָלפֿן?! ווער קען עס ניט אין קישינעוו יעקב־וואָלפֿן מיט זיין „קאָמפּאַניע״ שלעגער? וויפֿיל מאָל האָב איך שוין אַליין געכאַפּט אַ „כמאַליע״ פֿון איינעם אָדער אַ צווייטן פֿון זיינע „אַדיוטאַנטן״? ווי מען פֿלעגט זיי רופֿן ביי אונז אין גאַס. און זי פֿרעגט מיך גאָר צו איך קען אים. איך הער אויף צו כניקן, פֿאַרגעס אָן שלאָף און זעץ זיך אויף: — זיכער קען איך אים!.

זי לייגט צו אַ פֿינגער צו דער נאָז און דער בליק ווערט אָנגעשטרענגט. זי רעדט לאַנגזאַם אַרויס יעדעס וואָרט: — איז אָט הער, שמיליק.. אויב דו ווילסט נאָר זיין אַזוי שטאַרק ווי יעקב־וואָלף, מוזסטו גלייך אויפֿשטיין און זיך גיין מיט מיר באָדן. אמת׳ער כח קומט בלויז פֿון באָדן זיך גאַנץ פֿרי.. בלויז אַדאַנק דעם באָדן זיך איז יעקב־וואָלף אַזוי שטאַרק געוואָרן. ער איז אויסגעוואַקסן נעבן „נעסטער״.

איך קוק אויף איר אַ פֿאַרגאַפּטער. עפּעס צווייפֿל איך אַביסל אין אירע ווערטער. זי לאָזט מיך אָבער ניט קומען צו זיך: — אויב דו גלויבסט מיר ניט — פֿרעג ווען ווילסט אַליין. אפֿילו אַ דאָקטאָר. געדענק — אויב וועסט זיך באָדן יעדן פֿרימאָרגן און טרינקן דערנאָך אַן איי מיט אַ גלאָז מילך, פֿאַרזיכער איך דיך, אַז ווען וועסט קומען צוריק קיין קישינעוו, וועסטו אפֿילו יעקב־וואָלפֿן אַליין אויך קענען שלאָגן..

דאָס איז שוין אָבער אַביסל צופֿיל, אפֿילו פֿאַר מיין ניט־געצאַמטער פֿאַנטאַזיע: — ניין, מאַמע, יעקב־וואָלפֿן אַליין וועל איך נאָך ניט קענען שלאָגן, אָבער בערקע דעם רויטן וועל איך אַלע ציין אויסזעצן: ער האָט מיר שבת געלאָזט בלוט פֿון נאָז.. געדענקסט?

מיט 15 מינוט שפּעטער לאָזן מיר זיך שוין פֿאַרזיכטיק אַראָפּ איבער די שמאָלע, אויסגעהאַקטע טרעפּלעך, וואָס פֿירן פֿון באַרג צו די באָד־הייזער.

ווי אַ ווייסע, גרויסע טויב, וואַרפֿט זיך די מאַמע אין איר לאַנגן, ווייסן העמד פֿון ברעג אין וואַסער, שווימט אַרום אַביסל, מאַכט קאַזשעלקעס, טונקט זיך, רופֿט מיך צו זיך. איך ריר זיך פֿון אָרט ניט. ענדלעך קומט זי אַרויס אויפֿן ברעג, גיט מיך אַ נעם און טראָגט מיך אין טייך אַריין. איך מאַך זיך האַרץ און שוויג. מיין העלדישקייט פֿאַרלאָזט מיך אָבער גלייך ווי איך באַמערק נאָר, ווי שנעל דער ברעג

נעמט זיך אָפּרוקן פון מיר. די מאַמע שווימט און לאַכט און איך בין זיכער, אַז באַלד ווערן מיר ביידע דערטרונקען. און בעת זי נעמט זיך טונקען מיט מיר צוזאַמען, כאַפּ איך פעסט אַרום מיט ביידע הענט איר האַלדז און . . דער גאַנצער ברעג הילכט אָפּ פון מיינע גוואַלדן

— פאַרגעס ניט, שמיליקל, אַז יעקב־וואָלפן — מונטערט זי מיך.

— כ׳געדענק, מאַמע, כ׳געדענק — קלאַפּ איך אויס מיט די ציין — ס׳איז מיר אָבער אַזוי . . קאַלט . . אַזוי קאַלט . . — אַז כ׳האָב מורא — שטייט מיר ניט אָן צוצוגעבן.

דערנאָך וויקלט מיך די מאַמע איין אין אַ גרויסן, וואַלענעם שאַל און זעצט מיך אַרויף צו זיך אויפן שויס און מיר ווערט מיט אַמאָל אַזוי וואַרים, אַזוי מורא׳דיק גוט. איך דריק צו דעם קאָפּ צו איר בוזים און ווייס אַליין ניט פון וואַנען עס שטראָמט די וואַרימקייט, פון וואַנען עס קומט אָן דאָס גרויסע גליק: פון איר קערפּער, צו פונם שיינעם פּנים מיט די צוויי גרויסע, טונקל־ברוינע אויגן, צו אפשר גאָר פון דער זון, וואָס האָט שוין פאַרטונקלט דעם טייך און ברעג מיט איר צעלאָזענעם גאָלד?

מיינע אויגן קלעפּן זיך, די ליפּן זיינען בלוי, אָבער זיי פרעגן מיט אַ שמייכל: — זאָג, מאַמע, ווען איך וועל ווערן זייער שטאַרק, וועט מיך אפשר יעקב־וואָלף אַריינגעמען צו זיך אין דער „קאָמפּאַניע״?

— מעגעלך, קינד, זייער מעגלעך, אָבער דו מוזסט זיך באָדן יעדן פרימאָרגן און אָן גוואַלדן . . געדענק עס. איצט שלאָף איין אַביסל . . שלאָף איין.

איך מאַך צו די אויגן און צעגיי זיך אינגאַנצן אין גאָלדיקן בלוי.

בוקעט און ציגאַן

(צווייטער עטיוד)

צווישן די יאָרן ניין און עלף, אין דער צייט ווען כ׳האָב באַזוכט די אידישע „קאַזיאָנע״ שול, זיינען מיינע צוויי נאָענטסטע פריינט און בעסטע חברים געווען: „בוקעט״ און „ציגאַן״.

דאָס זיינען געווען צוויי „טשובאַנישע״ (פּאַסטוכשע) הינט, די גרויס ווי וועלף, וועלכע האָבן אויף יעדן אין גאַס אַנגעוואָרפן אַ פּחד.

ביידע — אַ געמישעכץ פון ווער ווייסט וויפיל מינים האָלב־

ווילדע גאַסן הינט, האָבן זיי זיך געוויס ניט געקענט אויספּיינען מיט זייער נאָבעלער „פּעדיגרי״, דערפאַר האָט אָבער יעדער פון זיי פאַרמאָגט שטאָלענע מוסקולן, אַ ווערלט מיט ניט געצאַמטער חוצפּה און צוויי שורות ווייסע ציין, וועלכע פלעגן לייכטן, ווי דורך פּוטער, דורכבייסן די גרעבסטע שטיוול. פון אָפּרייסן שטיקלעך רעקלעך, הויזן, מאַנטלען, אָפּט מיטן פלייש צוזאַמען, איז שוין אָפּגערעדט.

די הינט זיינען געווען אַ שרעק פאַר אַלע „פּרעמדע״ פאַר „סטאַראַוועשניקעס״ (אויפקויפער פון אַלטע זאַכן), און פאַר די שורות-אידן מיט אידענעס, וואָס פלעגן „גייען איבער די הייזער״ (בעטלער).

די הינט האָבן גוט געקענט די שכנים פון הויף, זייערע קינדער און אפילו פריינט און פלעגן אויף זיי כמעט ווי קיינמאָל ניט אָנפאַלן. זיי האָבן אָבער אויך ניט אַרויסגעוויזן צו זיי קיינע סימנים פון הינטישער ליבע אָדער טריישאַפט. ווען אַ שכן פלעגט זיי אַמאָל אַ לאַסטשע טאָן אָדער צוואַרפן אַ געשמאַקן ביסן, פלעגן זיי בלויז אַ גלייכגילטיקן דריי געבן מיט די עקן, אַ כאַפּ טאָן דאָס צוגעוואָרפענע שטיקל און זיך אָפּטראָגן אין זייערע ווינקלען. די הינט האָבן די מענטשן בלויז געדולדעט.

דער איינציקער וועמען זיי האָבן אמת ליב געהאַט, וועמען זיי האָבן אָנערקענט אַלס בעל־הבית און פריינט — בין איך געווען. זיי האָבן אויסגעצייכנט געוואוסט ווען איך גיי און קום פון שול און אומגעדולדיק געוואַרט פאַר מיין טיר, ווען כ׳האָב געגעסן מיין מיטאָג.

און דער שוואָגער ישראל, אָדער די שוועסטער רודי, ביי וועמען כ׳האָב זיך אויסגעכאַוועט, פלעגן שוין שטיין איבער מיר און היטן, אַז מיין מיטאָג זאָל ניט אינגאַנצן פאַרשווינדן אין מיינע קעשענעס פאַר די הינט.

— גיי, הינטשלעגער — פלעגט די שוועסטער לאַכן — דיינע פריינט וואַרטן שוין אויף דיר.

און דער שוואָגער האָט שטענדיק צוגעגעבן: — אַ קלייניקייט . . אַיין האַרץ פילט דאָס צווייטע.

און ביידע הינט, מיט אָפענע מיילער, אָנגעשפּיצטע אויערן און ווייסע פונקען אין די שוואַרצע אויגן, זיינען שוין געשטאַנען פון יענער זייט טיר און געשפּירט מיין יעדע באַוועגונג אין הויז. און גלייך ווי כ׳פלעג זיך נאָר באַווייזן אין טיר, זיינען זיי שוין געשטאַנען מיט די פעדערשטע פיס אויף מיינע אַקסלען און בעת איך האָב געגלעט

זייערע העלזער און בייכער, האָבן זיי נאָס געמאַכט מיין פּנים מיט זייערע צינגער.

אַ פּאָר מאָל אַ וואָך, ווען די צייט האָט דערלויבט, פלעג איך זיי איינראַמען אַ וויכטיקן סוד אין די אויערן: „בוקעט", „ציגאַן", היינט גייען מיר זיך שפּילן!

זיי פלעגן מיר ענטפערן מיט אַן איינגעהאַלטענעם ברומען און מיט אַ האַסטיקערן דרייען מיט די עקן. און גיך פלעגן מיר זיך שוין אַלע דריי יאָגן, איך געווינלעך אין דער מיט, איבער די שמאָלע געסלעך אין ריכטונג צום ניט ווייטן עק שטאָט.

דאָ האָט זיך געפונען אַ גרויס, פלאַך פעלד, פאַרוואָרפן מיט היבשע שטיינער, וועלכע זיינען פון דער צייט פאַרוואַקסן געוואָרן מיט אַ גרוי־גרינעם מאָך. אייניקע פון אָט די שטיינער זיינען געווען גאַנץ טיף איינגעגראָבן אין דער ערד און אונטער זיי האָט געשווּיבלט אַ וועלט מיט אינטערעסאַנטע, פאַר מיר געהיימניספולע, באַשעפענישן: אַ וועלט מיט פאַרשיידנאַרטיקע זשוקלעך, ווערים, קריכערס, שפּינען, שוואַרצע און ברוינע מוראַשקעס, מיט זייערע ווייסינקע אייעלעך און קאָמפּליצירטע נעסטן, יאַסטשערקעס, זשאַבעס, שלאַנגען און ערד־מייז.

גאַנצע טעג פלעג איך אָפּט פאַרברענגען, איבערקערנדיק איין שטיין נאָכן צווייטן און אַ פאַרגאַפטער זיך צוקוקן וואָס דאָרטן קומט פאָר. אָט די וועלט פון „קליינוואַרג" האָט מיך געהאַלטן אין שטענ־דיקן געשפּאַן, געוועקט ביז גאָר מיין נייגעריקייט, געשאַפן הונדערטער פראַגן: פאַרוואָס קריכן אייניקע באַשעפענישן אויף די בייכער אַזוי שווער און אומגעלומפּערט, בעת אַנדערע שפּרינגען אָדער פליען אַזוי לייכט און גראַציעז דורך דער לופט? ווי אַזוי איז יעדע פון אָט די ברואים געקומען צום געדאַנק ניט נאָר צו בויען אַ נעסט, נאָר זי אויך אַמבעסטן צופּאַסן צו זיך? ווי אַזוי האָט יעדע פון זיי געשאַפן איר אייגענעם שטייגער פון דערנערן זיך? ווי אַזוי און ווי אַזוי?

אָט דאָס פעלד איז דער געהיימער פּלאַץ פאַר אונזערע שפּילן. אַהער טראָגן מיר זיך אַלע גלייך אָן.

דאָס ערשטע קוק איך זיך אַרום צו קיינער איז ניטאָ פון דער נאָענט. די הינט דרייען אויך אויס די קעפּ נאָך מיר. דאָס צווייטע וואַרף איך זיך אויפן גראָז און גיב אַ באַפעל: — אָפּרוען זיך! . .

מיינע פיר־פוסיקע חברים פאַרשטייען מיך; בעת איך אָטעם שווער אָפּ פונם לויפן, ציען זיי זיך אויס אין דער פולער לענג פון

ביידע זייטן. זייערע בייכער שפּאַרן זיך דורך די קיילעכדיקע ריפּן, די רויטע צינגער הענגען אַרויס פון די מיילער, אָבער די אויגן זיינען אָנגע־שטרענגט אויף מיר און מיט זיי צוזאַמען זיינען די קערפּערס פאַרטיק פאַר אַ ווילדן שפּרונג.

זיי היטן מיינע ליפּן און נאָך איידער איך באַוויז אויסצושרייען די צוויי ווערטער: — כאַפּט מיך! — און זיך אָפּרייסן פון אָרט, גיבן זיי זיך שוין ביידע אַ וואָרף אויף מיר און נאָך אַ קורצן געלויף, ראַנגלען מיר זיך שוין אַלע דריי אויפן גראָז, איינגעקלאַמערטע איינער אין צווייטן.

די הינט וואויען, ריטשן, בילן, לאָזן זיך מיך ניט אויפשטעלן אויף די פיס, דריקן מיך מיט זייערע שווערע, עלאַסטישע לייבער צו דער ערד און כאַפּן אַריין מיינע פיס, הענט און קאָפּ אין זייערע ברייט־צעעפנטע, שוימיקע מיילער.

און איך אַליין? . . איך אַליין — ווער אויך פאַרוואַנדלט אין אַ רויער שטיק ווילדקייט. איך שריי מיט באַנומענע קולות, ברום אויף די נידעריקסטע טענער, לאַך מיט אַ ווילדן געלעכטער און כ׳פיל, פונקט ווי כ׳וואָלט אַליין אין אַ ווילד־האָריקע חיה פאַרוואַנדלט גע־וואָרן, אין אַ חיה מיט שאַרפע ציין און נעגל, מיט אַ ברייט־צעעפנטן, שוימיק־רויטן מויל.

און דער הימל, די ערד און די זון נעמען אויך איינטייל אין אונזער ווילד־שפּילעווּדיקער פרייד: פונקט ווי מיר, הויבן זיי זיך אין דער הויך און פליען מאָמענטאַל אַרונטער, קייקלען זיך פלינק איבער און אונטער אונז און ענטפערן אָפּ מיט ווייטע, טריאומפירנדיקע ווידער־קולן: כאַ־כאַ־כאַ! . . האַוו־האַוו־האַוו! . . לאָז אָפּ, „בוקעט״! . . גיכער! . . ניט בייס, „ציגאַן״, ניט בייס! . . כאַ־כאַ־כאַ! האַוו־האַוו־האַוו . .

ענדלעך, ווען כ׳פיל, אַז מיינע הענט און פיס קענען זיך שוין מער ניט באַוועגן, אַז מיין פנים איז נאַס פון שווייס און הינטישן שוים, אַז הונדערטער פויקן רייסן מיין ברוסט אויף שטיקער — שריי איך אויס מיט די לעצטע כחות: — גענוג! רוען! . און בלייב אַליין ליגן באַוועגלאָז, מיט די הענט און פיס צעוואָרפן אין ביידע זייטן.

די הינט האַלטן אין דעם לעצטן שפּרונג, רייסן מיט אַמאָל איבער דאָס בילן און, כ׳ווייס ניט פאַרוואָס, נאָר זיי קוקן זיך שטענדיק אַרום. דערנאָך ציען זיי זיך ביידע פאַרסאָפּעטע אויס אויפן גראָז נעבן מיר,

לייגן אַרויף די אויסגעשטרעקטע העלזער אויף מיינע פיס, אָדער ברוסט און ברומען מיט פאַרגעניגן, ווען מיינע פינגער רוקן זיך טיף אַריין אין זייערע פעלן.

און אָט אַזוי, ליגנדיק מיט מיינע צוויי חברים אויפן פעלד, האָב איך ליב געהאַט צו קוקן אין הימל, וועלכער איז געהאנגען איבער מיר ווי אַן איבערגעקערטע, בלוי־געפאַרבטע שיסל, און, זשמורנדיק די אויגן פון די זונען־שטראַלן, פלעג איך „בוקעטן” מיט „ציגאַנען” אי־בערדערציילן, אָדער גלייך שאַפן אויפן פלאַץ, פאַרשידענע מעשות וועגן שדים, טייוואָלים, גזלנים, מכשפות, העלדישע ריטער און פאַר׳כישופ׳טע פרינצעסנס . .

און די הינט האָבן זיך איינגעהערט אין מיין קול, געשפיצט פון צייט צו צייט די אויערן, און אַמאָל אַ שטילן ביל געטאָן . . און מיין האַרץ איז איבערפילט געווען מיט אַזאַ ריזיק־גרויסע בלויקייט, מיט אַזאַ העלישער גוטסקייט, מיט פרייד אַן אַ שיעור און אָן אַ גרעניץ . .

די ערשטע דעמאָנסטראַציע

(דריטער עטיוד)

אין מיין קליינער פאַמיליע איז אַ שטיק צייט אָנגעגאַנגען אַ בי־טערער קאַמף: איך — אַ פופצן יאָריקער כחור, מיטן אויסזען פון אַ צוואַנציק יאָריקן, האָב זיך איינגע׳עקשנ׳ט, אַז כ׳וויל ניט אַנדערש ווי אויפגעבן דאָס לערנען זיך און ווערן אַ „פריקאַזטשיק (משרת).

מיין אידעאַל איז דאַן געווען ישראל׳יק, דעם שכנ׳ס אַ זון, עלטער פון מיר מיט אַ יאָר דריי, — אַ פריקאַזטשיק אין אַ גאַלאַנטעריי געשעפט. זיינע ווייסע, געפּרעסטע העמדער מיט די העלע קראוואַטן, זיין ציכטיקער אַנצוג מיט די שטענדיק בליסטשענדיקע שיך — האָבן מיר איינפאַך קיין רו ניט געגעבן. בפרט האָבן געררייצט מיין פאַנטאַזיע זיינע מעשות וועגן די רייך־פאַרפוצטע דאַמען און יונגע קראַסאַ־וויטצעס (שיינהייטן), וועלכע קומען אַריין קויפן צו „אים” אין מאַגאַזין.

מיין משפחה ווידער, באַזירנדיק זיך אויף מיינע גלענצנדיקע פייאיקייטן, איז דורכאויס באַשטאַנען כ׳זאָל פאַרטזעצן דאָס לערנען. איך האָב געזיגט. דריי יאָר האָב איך אָפּגעאַרבעט אין צוויי

פון די גרעסטע גאַלאַנטעריי קראָמען אין קישינעוו, דערגרייכט דער־
ביי די העכסטע שטופע פון דערפאָלג און זיך דערנאָך ערשט גע־
כאַפּט, אַז עס טויג ניט, אַז עס באַפרידיקט מיך ניט, און זיך ווידער
אַ נעם געטאָן צו די ביכער.

איצט איז שוין אָבער מיין משפחה געווען קעגן אויפגעבן די
קראָם. מען האָט ווידער באַדאַרפט קעמפן. איז טאַקע געווען זייער
ניט פריילעך. כ׳האָב גענומען זוכן אָן אומזיסטן לערער (ווי ס׳איז
דאָן געווען די מאָדע) און דערווייל אַליין אָנגעהויבן לערנען אַריפ־
מעטיק, געאָגראַפיע און געשיכטע. עד, מיט וואָס פאַראַ געשמאַק
כ׳פלעג דאָן אָפּזיצן ביים טיש צען, צוועלף שעה אַ טאָג און לערנען!

דורך אַ באַקאַנטן האָב איך ענדלעך געקראָגן אַ לערער. זיין נאָ־
מען איז געווען פעאָדאָר מעריאַקרע. אַ פיינער, העכסט אינטעלי־
גענטער רוסישער סטודענט, וועלכער האָט טאַקע אין קישינעוו אָפּ־
געריכט זיין גלות — אָן אַרויסגעשיקטער פון אַ צווייטער גובערניע.

מיר האָבן זיך זייער באַפריינדעט און פלעגן אָפּט גאַנצע טעג
פאַרברענגען צוזאַמען ניט אַזוי אין שטודירן מאַטעמאַטיק, אָדער
ליטעראַטור, ווי אין געשפּרעכן און דיסקוסיעס וועגן סאָציאַליזם און
דער אַרבעטער־באַוועגונג.

און אָט אַזוי, ביסלעכווייז, איז מיין אַלטער טרוים צו ווערן נאָך
אַמאָל אַ דאָקטאָר, אַ כירורג, זיך צעגאַנגען אין אַ צווייטן טרוים
וועגן דער פּאָליטישער און עקאָנאָמישער באַפרייאונג פונם רוסישן
פאָלק. און צוזאַמען מיט אים אויך פון אַלע קליינע פעלקער, אונז
אידן, אַריינגערעכנט

טאַקע דורכן לערער האָב איך זיך באַקאַנט מיט דער גאַנצער קאָ־
לאָניע פּאָליטישע פאַרשיקטע. אַ נייער קרייז מענטשן, ביי וועמען
דער הויפּט־צוועק פון לעבן און די הויפּט־טעמע פון געשפרעכן איז
געווען פּאָליטיק. יעדערער פון זיי, סיי מענער, סיי פרויען,איז געווען
גוט באַלעזן און זייער וויסן וועגן אַלץ און אַלעמען האָט מיך איינפאַך
היפּנאָטיזירט.

אין קישינעוו האָט זיך צו יענער צייט געפונען אַרום פערציק,
פופציק פאַרשיקטע און כמעט די זעלבע צאָל אייגענע, קישינעווער
„פּאָדנאַדזאָרניקעס״ (פאַרדעכטיקע, וואָס געפינען זיך אונטערן אויפ־
זיכט פון דער פּאָליציי). אַרום זיי האָבן זיך קאָנצענטרירט גאַנץ
היבשע גרופּעס אינטעליגענץ און שטודירנדיקע יוגנט. ריכטונגען

זיינען דאָן געווען צוויי: סאָציאַל־דעמאָקראַטן און סאָציאַליסטן־רעוואָלוציאָנערן. קיינער פון זיי האָט ניט געצווייפלט אין גיכן זיג פון דער רעוואָלוציע און צוזאַמען מיט דער זיכערקייט איז אויך געוואַקסן די חוצפה׳דיקע, פול מיט פאַראַכטונג, באַציאונג צו דער פּאָליציי און זשאַנדאַרמעריע.

אָט אין דעם קרייז בין איך עס אַריינגעפאַלן.

מיט אַ צייט צוריק איז אונזערע זשאַנדאַרמען, מיט דער הילף פון אַ פּראָוואָקאַטער, געלונגען צו פאַרכאַפּן אַ געהיימע דרוקעריי און אַרעסטירן דריי חברים. דער געריכט־אורטייל איז געווען צען יאָר סיביר. און ווען ס׳איז געקומען די צייט זיי אַרויסצושיקן, האָבן ביידע גרופּן באַשלאָסן זיי אַרויסצובאַגלייטן פון שטאָט מיט אַ דעמאָנסטראַציע.

אַרום אַכט אַזייגער, דעם זעלבן אָוונט, ווען מען האָט זיי באַדאַרפט אָוועקשיקן, האָבן מיר אומבאַמערקט זיך אַריינגעמישט צווישן פריילעך שפּאַצירנדיקן עולם אויף דער הויפּט־גאַס, און זיך ביסלעכווייז קאָנצענטרירט אויף אַ געוויסן ראָג. פונקט ניין אַזייגער האָבן מיר אויפגעהויבן אַ רעדנער אויף אונזערע אַקסלען און איבער אים האָט זיך מיט אַ ברודערלעכן רוף העל צעפלאַטערט אַ רויטע פאָן.

דער רעדנער האָט שאַרף און קורץ דערציילט וועגן די פאַרברעכערישע מעשים פונם בלוטיקן צאַריזם, גערופן צו פּראָטעסט, צו ווידערשטאַנד, צו רעוואָלוציע. ער האָט אויך דערציילט וועגן די דריי חברים, וואָס מען שיקט היינט אַוועק קיין סיביר און גערופן מיטצוגיין, איינטייל נעמען אין דער דעמאָנסטראַציע. פאַרענדיקט האָט ער מיט: „נידער מיט זעלבסטהערשונג!“, „לאַנג לעבן זאָל די רוסישע רעפּובליק“!

דער עולם איז געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער, אַ פאַרציטערטער און זיך ניט אויפגעהערט אַרומצוקוקן מיט שרעק. און מיר האָבן באַלד, אין געשלאָסענע רייען, זינגנדיק די מאַרסעליעזע, שוין געשפּאַנט אין ריכטונג צום וואָקזאַל. געווען זיינען מיר ניט מער ווי אַ זעכציק, זיבעציק מענטשן, אָבער לויטן — טומל האָט זיך געקענט דאַכטן, אַז עס מאַרשירן הונדערטער.

אין גאַס איז געוואָרן אַ מהומה: מאַסן מענטשן זיינען געלאָפן אין אַ ווילדער פּאַניק פון אונז, שרייענדיק, אַז די „סיציליסטן“ זיינען אַרויס אין גאַס און ווילן חרוב מאַכן די שטאָט. אַנדערע ווידער זיי־

נען געלאָפן כאַפּן אַ קוק אויף די „ציציליסטן", וואָס האָבן ניט פאָרן קיסר, ניט פאַרן טויט קיין מורא און שפּאַנען אַזוי חוצפה'דיק אין גאַס מיט זייערע לידער און רויטער פאָן.

און איבער די נאַכטיקע גאַסן, אַרויף צו די הימלען האָט זיך הילכיק און וואַגנדיק געטראָגן:

Отречемся от стараго мира,
Отряхнем его прах с наших ног.
Нам враждебны златые кумиры
Ненавистен нам царский чертог.
Вставай, подымайся рабочий народ,
Вставай на врага, брат голодный...

דערשראָקענע פּאָליציאַנטן, מיט שטוינונג אין די בליקן, האָבן זיך געשווינד געדרוקט אין די זייטיקע געסלעך און פאַרזיכטיק אַרויסגעקוקט פון אונטער די טויערן. „איזוואָזטשיקעס (שטאָטישע פורלייט) האָבן דערשראָקן געשמיסן די פערד, און זיך געיאָגט אין אַלע זייטן. די קראָמען האָבן זיך געשווינד גענומען שליסן. דער עולם אויף די טראָטואַרן פון ביידע זייטן גאַס איז מיט יעדער מינוט געוואָרן אַלץ געדיכטער און וואַגנדיקער. אייניקע האָבן זיך אפילו גענומען אָנשליסן אָן די דעמאָנסטראַנטן און מיטזינגען.

שוואַך איז די מענטשלעכע שפּראַך געווי צו באַשרייבן אָט אַזאַ איבערלעבונג. בפרט ווען מען מאַכט עס נאָך דורך דעם ערשטן מאָל.

כ'געדענק, כ'האָב זיך אינגאַנצן ווי אויפגעהערט צו פילן. ניט געוועזן אין מיר מער קיין וואָג, מיינע פיס זיינען געגאַנגען אין דער לופטן. עמיצער האָט אַרויסגעזונגען, אָדער גיכער, אַרויסגעשריגן פון מיר די ווערטער פון די לידער. טרערן האָבן געשטיקט אין האַלדז, פאַרנעבלט די אויגן: אַלץ אַרום האָט זיך באַוועגט אין הייסע כוואַליעס.

ניטאָ מער קיין שרעק אויף דער וועלט, קיין פּיין, קיין שלעכטס! שיינקייט בלויז, ערלעכקייט און פרידן — הערשן אומעטום. אָט שפּאַנען מיר אַזעלכע נשמה'דיק־אייגענע, נאָענטערע ווי ברידער און שוועסטער אין בלוט, שפּאַנען אונטער דער רויטער פאָן אַנטקעגן דער רעוואָלוציע, אַנטקעגן אַ נייעם לעבן, אַ נייער וועלט.

רייסט זיך אַ פייער פון האַרצן, ברענט דער מאַרך מיט טויזנטער בליצן־געדאַנקען איינצייטיק: „זיי וואַרטן שוין דאָרטן אויף אונז . . זיי, די פּאָליציי, די זשאַנדאַרמען . . זיי וועלן אונז שלאָגן, שיסן אויף אונז, אַרעסטירן. מעגלעך — אפילו טויטן . . אָבער וואָס מיינט עס טויטן? טויט? . . ניטאָ מער קיין שרעק אין אָט דעם וואָרט . . טויט? . עס מיינט שטאַרבן אָט דאָ באַלד אין קאַמף פאַר דער רעוואָ־לוציע, פאַרן פאָלק? . . איז וואָס־זשע? . . דאָס איז דאָך דאָס קלענטסטע, פאַרוואָס מען קען מורא האָבן . . וואָס קען נאָך לייכטער זיין, ווי אָט איצט שטאַרבן? . ." אַרומגערינגלט מיט די ליבסטע, מיט די טויזנטער מענטשן פוןביידע זייטן גאַס. איצט, ווען די לופט איז פול מיט לידער און פלאַטער פון דער רויטער פאָן? זאָל ער קומען, דער טויט: כ׳בין גרייט פאַר אים . .

Богачи кулаки, жадные свары
Разхищают и грабят твой труд.
Твоим потом жиреют обжоры,
Твой последний кусок они рвут.
Вставай, подымайся...

אָט אַזוי, מיט אָפענע, וואָגנדיקע הערצער, דער געפאַר אַנטקעגן, האָבן מיר זיך דורכגעבראָכן אַ וועג דורך דער רייע פּאָליציילייט און זשאַנדאַרמען צום באַן, זיך געקושט מיט די פאַרשיקטע חברים, זיי די הענט געדריקט: — פאַרט, טייערע, געזונטערהייט . . זייט רואיק: מיר׳ן פאַרנעמען אייערע פּלעצער! נידער מיט ניקאָלייען! . . לאַנג לעבן זאָל דער אַרבעטער קלאַס! . . לאַנג לעבן זאָל די רוסישע רע־וואָלוציע!

דאָס איז געווען עקסטאַז. דאָס איז געווען גליק.

ליבע

(פערטער עטיוד)

כ׳בין דאַן אַלט געווען אַ יאָר 18, אפשר 20.

לויט דער צאָל, האָט סאָניאַ באַדאַרפט זיין מיין דריטע, זיכער ניט מער ווי די פערטע ליבע, אָבער לויט דער טיפקייט פון איבער־לעבונגען, לויט דער צאָל פיינלעכע און גליקלעכע מאָמענטן, האָט זי

זיכער גְעקענט פאַרנעמען דעם פּלאַץ פון דער ערשטער.

דערצו וואו שטייט עס געשריבן, אַז די ערשטע ליבע מוז עס טאַקע זיין די שענסטע און טיפסטע? . . אפשר הויבט זיך דאָס אמת׳ע געפיל ערשט אַן פון דער צווייטער, דריטער, אָדער ווער ווייסט, פון וועלכער ליבע?

אין אַ שיינעם זומער־טאָג האָב איך דורך אַ שפּאַרע אין פּלויט, וועלכער האָט אָפּגעטיילט אונזער הויף פון אַ שכנ׳ישן גאָרטן, דערזען דאָרטן זיצן אויף אַ באַנק צוויי נייע מענטשן: אַ מיטל־יאָריקע פרוי און אַ מיידל. ביידע זיינען זיי געווען איינגעוויקלט אין גרויסע, זעט אויס, טייערע, טערקישע שאַלן.

די מיטל־יאָריקע פרוי, פון די ציגיינער טיפּן, איז נאָך איצט אויך געווען גאַנץ אָנציִענד, אָבער ביים איינקוקן זיך אין דער מיידל, איז ביי מיר פאַרגאַנגען דאָס האַרץ: אַזאַ שיינקייט האָב איך נאָך ביז דאַן ניט געזען.

איר פּנים — אַ פּערפעקטער אָוואַל, פּעך־שוואַרצע האָר און לאַנגע, ווי פאַרקלערטע, ברעמען; אַ שלאַנק געצייכנטע נאָז מיט דינע, נערוועזע פליגלען, ווייס־פינקלענדיקע ציין, איבער וועלכע עס האָט געריוויטלט אַ שיין און זאַפטיק געשניצטער מויל; פון אונטער צוויי געדיכטע, שוואַרצע ברעמען האָבן אַרויסגעקוקט גרויסע, בלויע אויגן.

— טשאַרטאָוואַ־מאַטערי . . — האָב איך געטראַכט — דאָס איז דאָך אַ קראַסאַוויצע! אַן אמת׳ע קראַסאַוויצע! ווי קומט זי אַהער?

מיט אַ פינף מינוטן שפּעטער, בין איך, אין אַ געדיכט־פאַרוואַקסענעם ווינקל, שטיל אַריבער דעם הויכן פּלויט און באַלד שוין, לאַנגזאַם, מיט אַ בוך אין האַנט, פאַרבייגעגאַנגען די צוויי פרויען. און אַז מען גייט פאַרביי צוויי פרויען, ווי באַגריסט מען זיי ניט? און אַז מען קריגט אַן ענטפער, ווי מאַכט מען עס ניט אַ פּאָר „אינטערעסאַנטע" באַמערקונגען וועגן אַזאַ פּראַכטפולן גאָרטן, ווי דער אַרום אונז?

האָב איך טאַקע אַזוי געטאָן. די צרה איז אָבער באַשטאַנען אין דעם, וואָס ביידע מאָל האָט מיר געענטפערט בלויז די מיטל־יאָריקע פרוי. די יונגע, די, מיט די בלויע אויגן, האָט מיך בלויז איינמאָל אָפּגעמאָסטן מיטן בליק פון די שפּיצן פון מיינע צעשויבערטע האָר ביז די היבשלעך אויסגעקרימטע שיך און גלייכגילטיק אָפּגעקערט דעם קאָפּ. דאָס אַלץ.

אַ קאַלטער שווייס האָט באַדעקט מיין לייב. כ׳האָב זיך העפלעך

פאַרנייגט און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטיין אונטער אַ געדיכטן באַרן־בוים, צעעפנט דעם בוך, — „באַקל׳ס געשיכטע פון דער ציוויליזאַציע אין ענגלאַנד״, און געמאַכט אַן אַנשטעל, אַז כ׳בין גאָט ווייסט ווי שטאַרק פאַרטיפט אין לייענען. אין דער אמת׳ן האָב איך געקוקט אויף דער מיידל און געטראַכט, כמעט ווי מיט שנאה: — זעט אויס צו זיין שוין איינמאָל אַ כאָלערע! . . אַ פּאָר אויגן זי האָט עס אויף מיר אָנגעשטעלט . . אפילו דעם מויל ניט צעעפנט, אַ שמייכל צו טאָן . . אַזאַ מכשפה . . און וואו האָט זי עס אַזאַ פּאָר אויגן געקומען? . . דער טייוול זאָל זי נאָר קענען . .״

אין איין זייט גאָרטן איז אַרויסגעקומען אַ ריי ווייסע, נידעריקע שטיבלעך מיט קליינע פענצטערלעך. פון איינעם פון זיי האָט זיך מיט אַמאָל אַרויסגערוקט אַ אינגלשער קאָפּ און אין אַ פיינעם רוסיש אויסגעשריען: — מוטער, כ׳וויל עסן!

די מיטל־יאָריקע פרוי האָט קורץ געענטפערט: — קום אַהער, וועל איך דיר געבן געלט, וועסטו גיין עפּעס קויפן.

דער אינגל פון אַ יאָר צען־עלף, שיין געקליידעט, האָט זיך גלייך באַוויזן אין טירל פון גאָרטן און זיך געלאָזט גיין אין ריכטונג צו דער מוטער.

ניט לאַנג טראַכטנדיק, האָב איך אַרויסגענומען פון קעשענע און אַוועקגעלייגט אויף „באַקלען״ אַ ווייס בייגעלע פּאַפּיר, געמאַכט אויף דעם עטלעכע שטריכן מיט אַ בלייער און מיטן פינגער אַ רוף געטאָן צו זיך דעם אינגל. יענער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ פאַרוואונדערטן בליק, איז אָבער גלייך צוגעקומען.

— דו וואוינסט דאָ, אין הויף? — האָב איך אים אַ זיכערן פרעג געטאָן.

— יאָ, שוין די צווייטע וואָך. אָט אין יענעם שטיבל.

— כ׳האָב אים אָנגעוויזן אין ריכטונג צום פּלויט— און איך וואוין אין צווייטן הויף. זעסט, אָט אויף דעם פּאַפּיר וויל איך אָנצייכענען אַ געאָגראַפישן סקעטש פון אָט דעם גאַנצן גאָרטן. דאָ איז פאַראַן אַריבער הונדערט טייערע פרוכטן ביימער. דער גאָרטן איז אַ היסטאָרישער. ער האָט פריער באַלאַנגט צו אַ רייכן מאָלדאַוואַן, וועלכע האָט אים נאָך מיט 100 יאָר צוריק געקויפט ביי אַ טערקישן פּאַשאַ.. פאַרשטייסט?.. ווילסטו מיר העלפן? ס׳וועט זיין זייער אַ אינטערעסאַנטע אַרבעט.

דעם אינגל׳ס פּנים האָט אויפגעלויכטן: — זיכער וויל איך.. מיר איז דאָ זייער לאַנגווייליק. גאַנצע טעג גיי איך אַרום און האָב ניט וואָס צו טאָן — ער האָט אָנגעוויזן אויף די צוויי פרויען — די מוטער מיט דער שוועסטער הערן ניט אויף צו טרוימען, ווען זיי וועלן שוין ענדלעך קענען פאָרן צוריק קיין סעוואַסטאָפּאָל, אָבער מיר געפעלט דאָ זייער..

מיט אַ פּאָר מינוטן שפּעטער איז שוין „באָקל" איינער אַליין געלעגן אויפן גראָז, נעבן שטיין און איך מיט מאָזעסן האָבן שוין געשפּאַנט אין דער לענג און ברייט פון גאָרטן, אים געמאָסטן מיט אונזערע טריט און געצייכנט אויפן ווייסן בויגן פּאַפּיר.

און אַזוי האָט זיך עס אָנגעהויבן. אין משך פון פיר וואָכן בין איך געוואָרן אויף אַזוי פיל אַ נאָענטער מענטש אין דער סעוואַסטאָפּאָליער משפּחה, אַז ווען כ׳פלעג אַמאָל פאַרשפּעטיקן אין דער פרי, האָט שוין די מוטער געשיקט מאָזעסן אויסגעפינען וואָס מיט מיר איז געשען. כ׳פלעג דאָרטן פאַרברענגען מיין גאַנצע פרייע צייט און זיי אַרויסגעהאָלפן מיט אַלץ וואָס ס׳איז נאָר געווען אין מיינע כוחות.

די פאַמיליע איז באַשטאַנען פון דער מוטער און פיר קינדער: די 20־יאָריקע סאָניאַ, די עלטסטע, און מאָזעס דער יונגסטער. פון שטיקלעך געשפּרעכן האָב איך פאַרשטאַנען, אַז דער פאָטער איז געווען אַ רייכער „פּאָדריאַדשיק" (פּראָוויאַנט צושטעלער) פאַרן רוסישן פלאָט אויפן שוואַרצן ים. געוואוינט האָבן זיי אויסלערגעווייגלעך רייך, געהאָט אַן אייגענע ווילע אויפן ברעג פון ים און צו זיי אין הויז פלעגן אַריינקומען די העכסטע פלאָטן־באַאַמטע. אַ דאַנק אַ געוויסער מסירה האָט מען דעם פאָטער, צוזאַמען מיט אַ פּאָר גענעראַלן, אַרעסטירט און די פאַמיליע האָט אויף שנעל געמוזט פאַרלאָזן די שטאָט. וואַרט מען, הייסט עס, דאָ אין באַהעלטעניש, ביז דער שטורם וועט פאַריבער.

צווישן מיר מיט סאָניען איז די גאַנצע צייט אָנגעגאַנגען אַ פּאַרביסענער קאַמף. איר גלייכגילטיקייט צו מיר איז געווען אַ מין דעמאָנסטראַטיווע און פאַרמאָגט אין זיך סימנים פון פאַראַכטונג. ווען איך פלעג פאַרברענגען מיט די קינדער אין הויז, איז זי געווען אין גאָרטן און גלייך ווי מיר פלעגן אַריין אין גאָרטן, איז זי שוין געלעגן אין בעט מיט איר בוך.

און אַ טיף באַליידיקטער, ניט קיין צוגעוואוינטער צו אַזאַ באַציאונג מצד זיך פון פרויען, האָב איך איר געצאָלט מיט דער זעלבער

מטבעה. סיי די מוטער אַזוי אויך די קינדער האָבן זיך צוליב מיר ניט איינמאָל געקריגט מיט סאָניען. כ׳האָב זיי אָבער געבעטן זי לאָזן צורו און יעדעס מאָל בלויז צוגעגעבן, אַז איין האַרץ פילט דאָס צווייטע.

ס׳איז פון מיין זייט געווען נאָך אַ פאַקטאָר ניט ליב צו האָבן סאָניען: איך האָב צו יענער צייט שוין דורכגעמאַכט דעם וועג פון דער „סאָציאַליסטיש־רעוואָלוציאָנערער״ פּראַזע צו דער מאַרקסיסטי־שער אידעאָלאָגיע. כ׳האָב שוין פאַרמאָגט — אונטער זיך אַ סטאַזש פון געוואָגטער פּאַרטיי אַרבעט: ניט איינמאָל שוין געהאַט איבערגע־פירט פּעק מיט פאַרבאָטענער ליטעראַטור פון קישינעוו קיין אָדעס און צוריק, בין אויך געווען דער ערשטער גרינדער פון סאָלדאַטסקי קרייזן. און דאָ, נעבן מיר, געפינט זיך אַ מיידל, זאָל זיין אַ קראַסאַוויצע, אָבער פאָרט אַ פאָסקודנע בורזשויקע, וועלכע איז פול מיט פּאַראַכ־טונגס צום פויער, צו די אַרבעטער, ווי צו כאַמען.

געענדיקט האָט זיך אונזער שפּיל, ווען כ׳בין איינמאָל קראַנק גע־וואָרן אויף אינפלוענציע און געמוזט אַ וואָך צייט פאַרבלייבן אין בעט.

אויפן דריטן טאָג האָב איך דורך מאַזעסן געקראָגן איר ערשט צע־טעלע: — טייערער, ס׳איז מיר אַזוי אומעטיק. שוין דריי טעג מיין שטאָלצן פּרינץ ניט געזען. ווען וועסטו שוין ווידער קומען? אַלץ אַרום איז אַזוי פּוסט און טרויעריק.. ענטפער! דיין סאָניאַ.

מיין געפאַלענע טעמפּעראַטור האָט זיך ווידער אַ הויב געטאָן. כ׳בין געווען ווי געפּלעפט. ניט געוואוסט וואָס צו טראַכטן, וואָס איר צו ענטפערן. אפשר לאָכט זי גאָר אינגאַנצן פון מיר?

כ׳האָב איר געענטפערט מיט דריי שורות פראַגע־צייכנס: קלע־נערע פון אָנפאַנג און גאָר גרויסע צום סוף.

מיט 10 מינוטן שפּעטער איז שוין מאַזעס געווען ביי מיר מיט אַ פרישׂ צעטעלע: — סאָקאָל מיינער! כ׳ווייס דו פאַרשטייסט און קענסט זייער אַ סך, אַ חוץ.. פרויען נשמות.. באַלד וועל איך זיין ביי דיר.. ווען דו קענסט הערן ווי עס קלאַפּט מיין האַרץ!. מיין פּרינץ! מיין איינציקער!.

כ׳האָב געשוויצט, פונקט ווי כ׳וואָלט געווען איינגעשלונגען דעם גאַנצן „כינין״ (אַספּירין) וואָס די שטאָט האָט פאַרמאָגט.

און די גאַנצע וועלט האָט זיך מיט אַמאָל אַוועקגעשטעלט מיטן קאָפּ אַראָפּ און איך מיט איר צוזאַמען. דאָס גאַנצע לעבן מיינס האָט

זיך איינגעטונקען אין בלויען שיין פון סאָניעס אויגן, איז איבערפילט געוואָרן מיט ברען פון אירע זאַפטיקע ליפּן, מיטן פלאַטער פון איר שלאַנקן, צאַרטן קערפּער.

אַזוינס האָב איך נאָך דאַן, און פיל, פיל יאָרן שפּעטער, ניט איי־בערגעלעבט. אָבער אין שטראָם פון מיין גליק איז געלעגן אַ שווע־רער שטיין: סאָניעס בקשה כ׳זאָל ניט רעדן מיט איר וועגן אידע־אַלן, וועגן מיין גלויבן אין אַרבעטער־קלאַס, וועגן מיין זיכערקייט אין דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

זי האָט עס ניט געקענט פאַרשטיין: דער גאַנצער עצם פון איר דערציאונג און קרייז צווישן וועלכן זי איז אויסגעוואקסן, האָט זי געטריבן צו זיין קעגן דעם. צייטנווייז האָט זיך אין מיר געוועקט אַ פיינטשאַפט, כמעט ווי אַ האַס קעגן איר.

סוף זומער איז פונם פאָטער ענדלעך אָנגעקומען די לאַנג־דער־וואַרטעטע בשורה, אַז אַלץ איז שוין ווידער גוט, אַז קומענדיקע וואָך זאָלן זיי שוין אַרויספאָרן צוריק אַהיים, וואו די אַלטע ווילע ביים ים וואַרט שוין ווידער אויף זיי.

די מוטער האָט מיר געוויזן דעם בריוו און אַ טשעק אויף 1000 רובל. אַלע, אַ חוץ מאַזעסן, וועלכער האָט זיך ניט געקענט אַזוי לייכט שיידן מיט מיר, זיינען געווען משוגע פון פרייד.

סאָניאַ האָט מיך אַרויסגערופן אין גאָרטן. מיר האָבן זיך אַוועק־געזעצט אויפן שטיין אונטער אונזער באַרן־בוים, וואו מיר האָבן פאַר־בראַכט אַזוי פיל האַלבע נעכט איינער אין צווייטנס אָרעמס, און אַנט־שלאָסן געזאָגט: — הער, ליבער, דאָס רעדל האָט זיך ווידער אַ דריי געטאָן אין אונזער זייט. מאָנטיק 10 אין דער פרי פאָרן מיר אַרויס. כ׳וויל דו זאָלסט פאָרן מיט אונז. דער רוסישער פויער און אַרבעטער וועלן נאָך סיי־ווי דעם יאָרהונדערט קיין רעוואָלוציע ניט מאַכן. אָבער הונדערטער קעפּ וועלן נאָך ביז דאַן זיכער פאַלן. איך וויל ניט, אַז דיינער זאָל זיין צווישן זיי: כ׳האָב צו לאַנג אויף דיר געוואָרט. פאָר מיט אונז. ס׳וועט דיר קיין זאַך ניט פעלן. דער טאַטע וועט דיך פאַרזאָרגן מיט וואָס פאַר אַן אַרבעט וועסט נאָר אויסקלייבן. און אויב דו טרוימסט צו ווערן אַ שרייבער, קענסטו עס ביי אונז זיכערער טאָן ווי דאָ. אויב דו וועסט בייַנקען נאָך דיין פאַמיליע, וועלן מיר זיי אויך אַרויסנעמען צו זיך.. זיי פאַרזאָרגן מיט פרנסה. — זי האָט מיר אַריינגעקוקט אין פּנים: — וואָס־זשע איז דיין ענטפער?.. וואָס

שוויגסטו?.. האָסט דאָך מיך ליב?!

מיט יעדן אבער איינגעשרומפּן אין אַ באַזונדער מין ווייטאָק, בין איך געזעסן פאַר איר און ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערן. געזאָגט האָב איך אָבער אָט וואָס: — היינט איז פרייטיק. אין אָוונט מוז איך צופאָרן קיין אָדעס.. וועל איך אויפן וועג איבערטראַכטן דיין פאַר־שלאַג.. עפּעס איז אַלץ צו שנעל געשען.. זונטיק ביינאַכט וועל איך זיין צוריק..

זי איז בלייך געוואָרן: — ווידער פאָרן?.. און וואָס, אויב מען וועט דיך דעם מאָל —אַרעסטירן?

— ניטאָ זיך פאַר וואָס צו שרעקן: כ׳פיר קיין זאַך ניט.

— דיין ערן וואָרט?

— מיין ערן וואָרט.

זי האָט מיך אַרומגענומען: — סאָקאָל מיינער, מיר׳ן אַזוי גליק־לעך זיין.. גיב נאָר אַ טראַכט: אַ ווילע ביים ים.. אַ פּראַכטפולער גאָרטן אַרום.. אַ מאַטאָר שיפל.. מיר׳ן חתונה האָבן.. מיר׳ן..

פיינלעך זיינען געוועזן די שעה׳ן פון מיין דאַמאָלסדיקן פאָרן קיין אָדעס, פיינלעך די פאַר טעג, וואָס כ׳האָב דאָרטן פאַרבראַכט. סאָניאַ האָט ניט אָפּגעטראָטן פון מיר און אין די אויערן האָבן געקלונגען אירע לעצטע ווערטער: — סאָקאָל מיינער, מיר׳ן חתונה האָבן.. מיר׳ן אַזוי גליקלעך זיין..

כדי אָנצוקומען קיין קישינעוו מאָנטיק גאַנץ פרי, האָב איך באַ־דאַרפט פאַרלאָזן אָדעס מיטן לעצטן באַן, צוועלף ביינאַכט.

עלף מיט דרייסיק בין איך שוין, צוזאַמען מיט אַ גרופּע חברים, געזעסן אין בופעט פון דער אייזנבאַן סטאַנציע און געטרונקען טיי. דער בילעט איז שוין געלעגן ביי מיר אין קעשענע. צען מינוט צו צוועלף זיינען מיר אַלע אַרויס אויף דער פּלאַטפאָרמע און זיך געגנו־מען געזעגענען. פינף צו צוועלף האָב איך זיך דערמאָנט וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין, בין אָוועק מיט די חברים אָן אַ זייט און זיי געגנומען וועגן דעם דערציילן. מען האָט געהיט די זייגערס, מיך געאיילט. ווען דער באַן האָט שוין געהאַלטן אין גיין, בין איך אַרויף אויף אַ אונ־טערשטן טרעפּל פון אַ וואַגאָן און זיך נאָך אַמאָל געגנומען געזעגענען:

— בלייבט געזונט! צום ווידערזען! — און גלייך ווי כ׳האָב נאָר באַמערקט, אַז יענע האָבן זיך שוין אויסגעדרייט אין ריכטונג צום אַרויסגאַנג, בין איך שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פונם באַן.

ערשט מאָנטיק אָוונט בין איך אַהיים געקומען. דורך דער זעל־בער שפּאַרע אין פּלויט, דורך וועלכער כ׳האָב סאָניען מיט דער מוטער דעם ערשטן מאָל דערזען, האָב איך איצט באַמערקט, אַז די פאַר־האַנגלעך אויף סאָניעס פענצטער זיינען שוין ניטאָ און דאָס גאַנצע שטיבל איז ווי איינגעטונקען אין עלענדקייט. דאָס האַרץ האָט זיך אין מיר אַזוי פיינלעך צוזאַמענגעצויגן.

אונטערן שטיין, נעבן באַרן־בוים, האָב איך געפונען אַ צעטעלע:

— טייערער, כ׳שרייב און וויין: באַלד פאָרן מיר אַוועק.. דו וועסט שוין, ווייזט אויס, ניט קומען אין צייט.. כ׳האָף ס׳איז מיט דיר קיין בייז ניט געשען. צו אפשר ביסטו אומישנע ניט געקומען אין צייט? כ׳וואָלט עס זייער געוואָלט וויסן.. ליבער מיינער, ווי דער פּרינץ פון די כישוף־מעשה׳לעך האָסטו מיך אָפּגעזוכט און אַנטלאָפענע, אַ באַ־האַלטענע אין אַ ווילדן גאָרטן.. מיך דערקענט און ליב באַקומען.. ענטפער גלייך. כ׳וועל אַלץ טאָן פאַר דיר: אפילו קומען צוריק מיטן פאָטער כדי דיך מיט דיינע אייגענע פאַרנעמען מיט זיך.. —ענטפער די מינוט וואָס וועסט קריגן מיין בריוו.. דיין סאָניאָ.

כ׳האָב צוגעשפּאַרט דעם קאָפּ צום באַרן־בוים, אַרומגענומען זיין אַלטן, טיף־געריינצלטן שטאַם און מיט טרערן אין די אויגן געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן: — סאָניאָ.. סאָניושאָ.. טייערע מיינע..

און אין ברוסט האָט זיך, אין דער זעלבער צייט, געהאַלטן אין הייבן אַ זון פון באַפרייאונג. עס האָט געוואַקסן אַ געפיל פון שטאָלץ פאַר באַזיגן זיך אַליין. עס האָט זיך שאַרף און פיינלעך קריסטאַליזירט אַ שבועה ווייטער צו דינען, דאָס גאַנצע לעבן אָפּצוגעבן דעם קאַמף פאַר באַפרייאונג פון רוסישן פאָלק, דעם קאַמף פאַר דער קומענדיקער רעוואָלוציע.

דאָס איז.. אויך געווען גליק.

מיין ערשטע דערציילונג

(פינפטער עטיוד)

דורך רייען טעג און נעכט, דורך די זייטלעך פון הונדערטער דורכגעטראַכטע און דורכגעלעבטע ביכער, האָט זיך טיף אין מיין פאַרביקן, שטענדיק אומרואיקן, דמיון שטיל און צנועה׳דיק געוויגט אַ באַהאַלטענער טרוים.

אַ טרוים — אַמאָל נאָך צו ווערן אַ שרייבער, זיך צו באַהעפטן מיט יענעם געהיימען פייער, וואָס רייסט זיך פון אונטער די שלאַנקע, שוואַרצע שורות פון מיינע באַליבטע שרייבער, שורות וועלכע, פונקט ווי שלאַנקע פרויען — הענט און פיס, שלעפּן מיט, באַצויבערן, באַצווינגען.

און אָפט, שפּעט אין נאַכט, זיצנדיק ביים שיין פון קעראָסין לאָמפּ, געבויגן איבערן שרייב־טיש, מיטן ציטערנדיקן שפּיץ פון פען, גע־ווענדט צו רואיק־וואַרטנדיקן, ווייסן בויגן פּאַפּיר, האָב איך מיט באַגייסטערונג און שרעק זיך צוגעהערט צו די פיל־שטימיקע רופן אין מיין בלוט, און געפּרואווט עפּעס אויסשפּינען פון די פאַרביקע פעדים פון מיין פאַנטאַזיע.

און געדאַכט האָט זיך, אַז נעבן מיר, פריינטלעך צוגעבויגן צו מיין אַקסל, שטייט עפּעס אַ אומבאַקאַנטער, אָבער אַזאַ אינטימער פריינט און פירט מיט זיין געניטער, פעסטער האַנט מיין ציטערנ־דיקע פען.

און נאָך אַ געפיל: פונם שאַרכנדיקן באַריר צווישן דעם שפּיץ פון מיין פען מיטן פּאַפּיר ווערט געבוירן אַן עלעקטרישער שטראָם, וואָס טראָגט — זיך פינקלענדיק איבער די שאַרפן פון מיין מאַרך און די ווערטער ווערן ניט פון מיר געצייכנט נאָר וואַקסן אַרויס פונם פּאַ־פּיר דער פען אַנטקעגן.

מאַקסים גאָרקי און לעאָניד אַנדרעיעוו — מיינע צוויי אַלטע אי־דעאַלן. ערגעץ־וואו, צווישן דער בונטאַרישע פאַלקסטימלעכקייט פונם ערשטן און דער ניוראָטישער נעבלדיקייט פונם צווייטן — האָב איך געשוועבט.

מיט אַ באַזונדערן יראת־הכבוד פלעג איך אַלע חודש בלעטערן די פירנדיקע זשורנאַלן און ליטעראַרישע אויסגאַבן און איינפּאַך איינ־זאַפּן אין זיך יעדע שורה, יעדעס וואָרט פון טאָוול צו טאָוול. און אין האַרצן אין געוואַקסן אַזאַ הייסע פרייד און שטאָלץ וואָס עס לעבן אויף דער וועלט אַזעלכע מענטשן, וואָס קענען אַזוי שיין רעדן, אַזוי פיל זען, אַזוי טיף פילן.

און צווישן שטאָלץ מיט יענעמס גרויסע אַרבעט האָט אויך שוואַך געטליעט אַ פונק: „...אפשר? ...פּאַרוואָס ניט? ...עס קען זיין: געווען דאָך אַ צייט, ווען יעדער פון זיי, אָט פון די גרויסע שרייבער, איז גאָרניט געווען באַוואוסט... און אָט איצט...״

און מיט געמאַכטער בראַוואַדע פלעג איך אַלע וואָך איבערגעבן דעם „טשינאָווניק" אין „פּאָטשט" (פּאָסט־אָפיס) אַנאַנדער מאַנוסקריפּט. איבערגעבן און צוקוקן מיט וואָס פאַר אַ גלייכגילטיקייט ער וואַרפט מיין אַרבעט אויף אַ לאַנגן טיש, צווישן בערג מיט פאַרשידנאַרטיקע פּעק און פּעקלעך.

„עס וועט זיכער פאַרלוירן גיין", האָב איך געטראַכט מיט שרעק און זיך קוים איינגעהאַלטן אים ניט צו זאָגן: — עי דו.. פאַרזיכטיקער אַביסל; ס'איז ניט קיין בייגל.. דאָס איז אַ פּיר־אַקטיקע דראַמע, אָדער נאָוועלע.. ווער ווייסט וואָס פאַראַ רושם זי קען נאָך מאַכן.."

דערנאָך האָבן זיך געצויגן טעג מיט אַזעלכע אומרואיקע פרײ־מאָרגנס, ביז דער אַלטער גוטמוטיקער בריוו־טרעגער פלעגט מיר ברענגען מיין אַרבעט צוריק. געוויינלעך איז דאָס פּעקל געווען באַגלייט מיט אַ קורצן, „פּאַרטיקן" נוסח בריוול: „זער חשוב'ער הער! מיר האָבן דעם פאַרגעניגן אייך צו מעלדן, אַז אייער אַרבעט איז גאַנץ פיין, נאָר, צום באַדויערן, טויג זי ניט פאַר אונז.. מיר דאַנקען אייך פאַרן צושיקן. פּרוּווט נאָך אַמאָל. אייער.. און אַזוי ווייטער..".

זיינען מיר שוין ביזן טויט מיאוס געווען אָט די אַלע סקאַרבאָווע בריוולעך און גרויס איז געווען מיין פרייד, ווען כ'האָב איין מאָל, צוזאַמען מיט אַ צוריקגעשיקטער פּיעסע, אויך געקראָגן פון מאַקסים גאָרקין אַ בריוו, געשריבן אויף צוויי גרויסע בויגן פּאַפּיר. ער האָט אַנאַליזירט די פּיעסע, שאַרף קריטיקירט די שוואַכע זייטן און געלויבט די גוטע. צום סוף — מיר געגעבן האָפענונגען און געהייסן שרייבן ווייטער. וואָס פאַראַ גליקלעכער טאָג ס'איז דאַן פאַר מיר געווען.

נאָך דעם האָב איך זעקס חדשים בלויז געלייענט און ווייניק געשריבן. דערנאָך זיך ווידער גענומען צו דער אַרבעט, ווער ס'וועט וועמען בייקומען: איך — שיקן מאַנוסקריפּטן אָדער זיי — צוריקשיקן.

דערווייל האָט ביי אונז אין שטאָט גענומען אַרויסגיין אַ גרויסע, ליבעראַלע צייטונג: „בעסאַראַבער לעבן". צווישן די אַנאָנסירטע מיטאַרבעטער האָבן זיך געפונען נעמען פון פראָמינענטע שרייבער און זשורנאַליסטן.

כ'האָב באַשלאָסן אויספּרובירן מיין מזל אין דער נייער צייטונג. און טאַקע גלייך אַוועקגעשיקט אַ כינעזישע מעשה'לע און אַ דער־ציילונג.

מיט אַ וואָך שפּעטער, זיצנדיק איינמאָל אין אַ פרימאָרגן ביי אַ

גלאָז טיי, האָב איך פּלוצלונג דערהערט נעבן דער טיר דעם אַלטן בריוונטרעגערס קול, אויסרופנדיק מיין נאָמען. אין איין אויגנבליק, מיט דער גלאָז אין האַנט, בין איך שוין געשטאַנען פאַר אים און מורא געהאַט צו נעמען דעם בריוו, וועלכן ער האָט געהאַלטן אין האַנט אויסגעשטרעקט צו מיר.

— שרעק זיך ניט, נאַרישער, נעם.. נעם! — האָט ער געשפּאָסט — זי שרייבט דיר דאָ גוטע נייעס.. כע־כע־כע.. איך גיב אים אַ בריוו און.. כע־כע.. ביי אים ציטערן גאָר די הענט.

אויפן קאָנווערט האָב איך באַמערקט דעם אַדרעס פון „בעסאַראַ־בער לעבן". „פאַרוואָס עפּעס אַ בריוו? — האָט זיך דורכגעטראָגן אַ געדאַנק: פאַרוואָס האָבן זיי מיר ניט צוריקגעשיקט די מאַנוס־קריפּטן?" און כ'האָב זיך גלייך אַליין געענטפערט: „ס'ווייזט אויס, אַז צייטונגען שיקן ניט צוריק קיין מאַנוסקריפּטן: זיי וואַרפן זיי גלייך אין פּאַפּיר־קאָרב". דאָס האָט מיך אַביסל באַרואיקט.

כ'האָב געעפנט דעם בריוו, אים דורכגעלייענט און מיט אַמאָל אויפגעהערט צו פאַרשטיין די מענטשלעכע שפּראַך. כ'געדענק, אַז טיף אין מיר האָט עפּעס אַ העלן בלענד געגעבן, אַ ברי האָט זיך דורכ־געטראָגן איבערן גאַנצן קערפּער און.. דאָס אַלץ: כ'לייען אַ בריוו גע־שריבן אויף מיין מוטער שפּראַך און פאַרשטיי קיין וואָרט ניט.

כ'האָב געלייענט: — געשעצטער הער ס. ריוואַרעס! מיט פאַר־געניגן לאָזן מיר אייך וויסן, אַז אייער: „כינעזיש מעשה'לע" און די דערציילונג: „ביים דנעסטער" — זיינען אָנגענומען פון דער רע־דאַקציע. דאָס מעשה'לע וועלן מיר אָפּדרוקן פרייטיק, דעם 20טן און די דערציילונג — זונטיק, דעם 22טן יוני. מיר גראַטולירן אייך מיט דער גוטער אַרבעט. קומט אַריין אין רעדאַקציע, וועלן מיר זיך דורכ־רעדן. מיט אַכטונג: רעדאַקטאָר — ב. לעמפּערט.

קוק איך אויפן בריוו און פּרוואו זיך פאַנאַנדערקלייבן אין דעם, וואָס האָט דאָ נאָר וואָס פּאַסירט, באַמי זיך אַליין פאַרשטיין צו געבן דעם געדאַנק פון די דורכגעלייענטע ווערטער און קען ניט.

דער שוואָגער ישראל, ביי וועמען כ'בין אויסגעוואַקסן, איז צוגע־קומען: — וואָס איז געשען?.. וואָס שטייסטו אַזוי?

איך דערלאַנג אים דעם בריוו.

נאָך איידער ער טוט אָן די ברילן, ווערט שוין זיין פּנים עטוואָס אויסגעצויגן, פול מיט טרויער. ער זיפצט אָפּ און זאָגט שטיל: —

מילא.. ניט דאָס ערשטע מאָל.. דאַרפסט שוין זיין געוואוינט דערצו..

איך קוק אויף אים אָנגעשטרענגט און וואַרט. ער וואַרפט אַ טריבן בליק אויף די ערשטע עטלעכע שורות און מיט אַמאָל צע־עפּענען זיך זיינע אויגן ברייט און ער קוקט מיך ניט פאַרשטייענדיק אָן, האַלטנדיק דעם מויל האַלב אָפן: — וואָס איז מיט דיר?.. מען האָט זיי דאָך אָנגענומען!.ביידע אָנגענומען!. — ער שרייט אין ריכ־טונג צו דער קיך: — רודי, שנעל קום אַהער!.. מען האָט שמילס ביידע דערציילונגען אָנגענומען!.. אין „בעסאַראַבער לעבן".—ער קלאַפּט מיטן פינגער איבערן בריוו.

די שוועסטער לויפט פון קיך, די הענט נאַס, די אַרבל הויך פאַר־שאַרט. — אָנגענומען?.. ביידע?.. דאַנקן גאָט.. וואָדען?.. מען האָט דאָך געמוזט אַמאָל אָננעמען. — טרערן באַווייזן זיך אין אירע אויגן.

איך רייס זיך אָפּ פון אָרט, לויף אין גאָרטן ,וואָס הינטערן הויז: כ׳האָב מורא כ׳זאָל זיך ניט צעוויינען. דער שוואָגער שרייט מיר נאָך: — וואו לויפסטו, משוגענער?.. היינט איז דאָך דער 20טער.. היינט דאַרף שוין זיין געדרוקט דאָס מעשה׳לע.

אין גאָרטן באַטראַכט איך אויפמערקזאַם די שטאַמען פון די אַקאַ־ציעביימער, צייל געדולדיק איבער די רויזן אויף די עטלעכע רויזן־קוסטן, היט דעם פלי פון די שוואַלבן און אין דער לופטן הילכט נאָך אַ שטילער ווידערקול: „היינט איז דער 20טער.. דער 20טער.. היינט.. היינט..

מיט אַ צען מינוט שפּעטער בין איך שוין כמעט ווי געלאָפן אין ריכטונג צו די הויפּט־גאַסן, וואו ס׳האָבן זיך געפונען די צייטונג שטעלן.

ביים ערשטן פון זיי בין איך שטיין געבליבן, מיט ציטערנדיקע הענט, אָבער געמאַכטער גלייכגילטיקייט, אַ נעם געטאָן אַ „בעסאַראַ־בער לעבן" און ניט־איילנדיק צענומען די בלעטער.

אויף דער דריטער זייט, פונקט אין דער מיט, באַמערק איך גלייך דעם נאָמען פון מיין דערציילונג און מיין נאָמען אונטערן קעפּל. דער הימל ווערט מיט אַמאָל באַשפּרינקלט מיט הונדערטער זונען און איך צעלאָך זיך. עפּעס רייסט זיך פון מיין אינגעווייד, אַ קיצלדיקע פרייד צעשפּאַרט מיך ממש אויף צווייען.

דער צייטונגס־פאַרקויפער — אַ נידעריק,פּעטלעך אידל מיט אַ שפּיציקער נאָז און געדיכט־פּאַרוואַקסענע, ניט־גלויביקע אויגן. איך

וויז אים אָן אויף דער דערציילונג: — מען זאָגט, אַז אָט דער שריי־בער, דער ריוואַרעס, שרייבט אויסגעצייכנטע זאַכן.. קענט איר אים אפשר פערזענלעך ?..

דער איד גיט אַ גלייכגילטיקן דריי מיטן אַלטן, שוין גרין גע־וואָרענעם קאַפעליוש: — ווער ווייסט זיי דאָרטן.. מיין באָבעס דאגה..

כ׳קען שוין מער ניט קוקן אויפן אידנס מיאוס׳ן פנים. כ׳קויף אַ צייטונג, באַהאַלט זי אין קעשענע און גיי ווייטער. ביי אַ צווייטן סטענד שטייט אַ יונגער מאַן מיט אַ קיילכדיקן, גאָרניט זאָגנדיקן פנים. אַ פולע לבנה אין אַ וויסטעניש. אַנגעטאָן איז ער אָבער פיל ריינער פונם ערשטן. איך גיב אים נייגעריק אַ פרעג: — זאָגט, זייט אַזוי גוט.. איז ניטאָ היינט אין „בעסאַראַבער לעבן" הער ריוואַרעסעס אַ דערציילונג? איר קענט דאָך זיכער, דעם שרייבער ריוואַרעסן?

— זיכער — גיט ער זיך אַ כאַפּ — ווער קען עס ניט ריוואַרעסן? אָבער זייט אַזוי גוט, גיט אַליין אַ קוק.

איך צענעם אַ צייטונג און דערפריי זיך: — פאַראַן, פאַראַן.. אָט עפּעס אַ כינעזישע מעשה׳לע.. איר זעט?.. ווי אָפט שרייבט ער, ריוואַרעס?..

דער יונגער מאַן וואַרפט אַ בליק אויף דער דערציילונג — ווער ווייסט?.. ווען ס׳פאַרגלוסט זיך אים, דעמאָלט שרייבט ער. דער חברה שרייבער קען קיינער קיין דעה ניט זאָגן. כ׳דענק אַ צוויי מאָל אַ וואָך..

— ער שרייבט זייער גוט.. כ׳וועל טאָקע זען ניט צו פאַרפעלן זיינע זאַכן..

דער צייטונגס־פאַרקויפער שמייכלט זיכער: — אַ קלייניקייט.. ווער קען עס ניט דעם שרייבער ריוו.. — ער כאַפּט אַ שנעלן קוק אין צייטונג — ריוואַרסן.. זייער אַ פיינער שרייבער.

איך קויף אַ נומער און אַנטלויף אַ פאַרשעמטער.

פאַרנאַכט בין איך געזעסן ביים זשורנאַליסט פייגינען אין הויז. מען האָט געטרונקען טיי און גערעדט וועגן טאָג נייעם. דערנאָך איז מען אַריבער צום היינטיקן נומער „בעסאַראַבער לעבן", און מען האָט זייער געלויבט ס. ריוואַרעסעס כינעזיש מעשה׳לע. די עקספּאַנסיווע מאַדאַם פייגין האָט דעם נייעם שרייבער אפילו פאַרגליכן מיט דאָ־ראָשעוויטשן.

אַ באַרוישטער האָב איך זיך צוגעהערט צום געשפּרעך און קיין

ווארט ניט געזאָגט. אפשר איז עס געווען פון צופיל גליק און אפשר האָב איך זיך נאָך געשעמט פאַר די צוויי בייטאָגיקע צייטונגס־פאַרקויפער.

אויף אַ באַריקאַדע

(זעקסטער עטיוד)

צעשען און יוספ׳ן — דעניעל — אַ מתנה.

אין אָדעס איז עס געשען. אין יאָר פון אויפגעוואַכטן פייער פון דער ערשטער רעוואָלוציע, ווען דאָס געזעלשאַפטלעכע געמיט פון דער רוסישער אינטעליגענץ, צוזאַמען מיטן קלאַס־באַוואוסטזיניקן טייל פון די פאַבריק־אַרבעטער, האָבן זיך געריסן מיט געווער אין די הענט אויף די שטאָטישע סקווערן, געצאַמט די גאַסן מיט באַריקאַדן, צוזאַמענגעשטעלטע פון איבערגעקערטע גאַסן־באַנען, הויז־זאַכן, שטיי־נער און אייגענע קערפערס.

„אויפשטאַנד״, „פאָגראָמען״, „רעוואָלוציע״, „קלאַסן־קאַמף״, „זעלבסטהערשונג״, „אידיש־בלוט״, „סאָציאַליזם״—אָט די באַפליגלטע ווערטער האָבן געברענט דעם געזעלשאַפטלעכן באַוואוסטזיין, עלעק־טריפיצירט די לופט. מיליאָנען פראָקלאַמאַציעס פלעגן יעדע נאַכט „פאַרשנייען״ דאָס גאַנצע לאַנד, וועקן דאָס פאָלק, אים רופן צו פּראָ־טעסט, צו אַקציע.

מען האָט געלעבט אין אַ פיבער. קיינער האָט ניט געוואוסט וואָס דער מאָרגן קען ברענגען.

האָט דער רעוואָלוציאָנערער קאָמיטעט באַשלאָסן אין אַ געוויסן טאָג דורכצופירן אַ גרויסע דעמאָנסטראַציע אויף דער הויפט־גאַס. אייניקע זיינען געווען מיט דער מיינונג, אַז מען דאַרף אויך בויען באַ־ריקאַדן. אַנדערע האָבן געדענקט, אַז די צייט איז נאָך ניט רייף דער־צו. האָט מען געלאָזט די פראַגע אָפן. מען וועט זען.

גאַנץ פרי האָט מען דער „קאַמף־אָפטיילונג״, וועלכע האָט באַ־דאַרפט אָפּהיטן די דעמאָנסטראַנטן, צעטיילט די פאָר צענדליק רע־וואָלווערן און די עטלעכע קורצע ביקסן. די „קאַמף־אָפטיילונג״ — אַלץ יונגען דינע, קרעפטיקע, מיט בלייכע, ענערגישע פּנים׳ער און מאָדנע פייערלעך אין די אויגן. אַלע ווי איינער האָבן, ניט אויס־רעדנדיק קיין וואָרט, דורכגעקוקט דאָס געווער, עס אָנגעלאָדן און אָנ־

געפילט די קעשענעס מיט קוילן. געקראָגן אינסטרוקציעס, זעלטן איבערגעפרעגט אַ וואָרט, און איינער נאָכן צווייטן שטיל פאַרלאָזן דאָס „קאָנספיראַטיווע״ הויז.

אַרום צוועלף בייטאָג האָבן זיך די געשעענישן צעוויקלט מיט אַ גראַנדיעזן טעמפּ: פון די פאַבריקן און דער אַרימשאַפט געסלעך זיינען אַרויס צענדליקער טויזנטער אַרבעטער און דער גאַנג פון דער דעמאָנסטראַציע ווי אויך דער באַריקאַדן־קאַמף זיינען אַרויס פון די פירנדיקע הענט.

אַ פאַרציטערטע איז געשטאַנען די הויפּט־גאַס און מיט טירן און פענצטער, פאַרקלאַפּטע מיט ברעטער, בלינד צוגעקוקט צו די מאַרשירנדיקע רייען דעמאָנסטראַנטן. דערשראָקענע פּנים׳ער האָבן אַרויסגעקוקט בגנבה פון אונטער די שווערע, זיידענע גאַרדינען. צענדליקע קליינע דעמאָנסטראַציעס האָבן זיך אַליין אויפגעפלאַקערט אין פאַרשידענע טיילן פון שטאָט. צעטריבענע פון פּאָליציי, סאָלדאַטן און קאָזאַקן, אויף איין אָרט, האָבן זיך די צאָרנדיקע מאַסן געטראָגן אויף אַ צווייטן, געהאַלטן די רעדנער אויף די פּלייצעס און געשטורמט מיט פּראָטעסט.

די מאַרסעליעזע, די וואַרשאַוויאַנקע און צענדליקער רעוואָלוציאָנערע לידער האָבן זיך ווי שטורעם־ווינטן געטראָגן איבער די גאַסן און סקווערן און אין זייער הייסן אָטעם האָבן בלוטיק געפלאַקערט הונדערטער רויטע פאָנען.

שווער און דראָענדיק האָבן די גאַסן געברומט:

— נידער מיט דער זעלבסטהערשונג!

— לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט!

— לאַנג לעבן זאָל די ברידערלעכקייט און גלייכהייט פון אַלע פעלקער!

נידער מיט ניקאָליי דעם צווייטן!

— לעבן זאָל דער אַרבעטער קלאַס!

כמעט ווי פון זיך אַליין האָבן גענומען וואַקסן באַריקאַדן. הונדערטער אומבאַקאַנטע מענער, פרויען, אָפט קינדער, האָבן גענומען אָפּשטעלן און איבערקערן „טראַמווייען״ און וואו אַן איבערגעקערטער „טראַמוויי״ — דאָרטן האָט גלייך גענומען וואַקסן אַ באַריקאַדע. פון די קעלערן און הייזער האָט מען געשלעפּט מאַטראַצן, אַלטע מעבל, אויסגעגראָבן די שטיינער פון דער גאַס און צוזאַמענגעשטעלט ווענט.

און גיך האָבן שוין אויף די באַריקאַדן געפּלאַטערט רויטע פּאַנען און אויף דער ערד, צווישן שטיקער מעבל און מאַטראַצן, זיינען שוין גע־לעגן קעמפער און מיט די מיילער פון זייערע ביקסן און רעוואָלווערן געהיט די ליידיקע גאַס פאַר זיך.

אין צענטער פון דער באַריקאַדע, וואו איך האָב זיך געפונען, זיינען געלעגן פעסט צוזאַמענגעבונדן צוויי איבערגעקערטע וועגענער. אַ רייע מאַטראַצן, זיך האַלטנדיק אויף קופּעס שטיינער און עטלעכע איבערגעקערטע טעלעפאָן סלופּעס, האָבן אונז גאַנץ גוט באַשיצט פונם שונא׳ס קוילן. פון די הייזער, אין דער אינוויייניקסטער טייל פון דער באַריקאַדע, האָבן אַרבעטער און סטודענטן, געהאַלטן אין איין קומען. קיינער האָט זיי ניט קאָנטראָלירט. דער קאַמף איז געווען אַ פרייער פאַר אַלעמען. די געקומענע האָבן פאַרזיכטיק געשלעפּט פון די קע־שענעס רעוואָלווערן און פאַרנעמען פּלעצער צווישן די קעמפער. אַ פּאָר האָבן פון אונטער די פּאָלעס פון זייערע מאַנטלען אַרויסגענומען קורצע ביקסן.

אַלעמענס פּנים׳ער בלייך, אָנגעשטרענגט. מען שטעלט קיינעם ניט פאָר. מען רעדט צווישן זיך ווי אַלטע באַקאַנטע, מען רופט זיך: „חבר", „שוועסטער", „ברודער", „טייערער". מען טיילט זיך מיט שפּייז, מיט „קוילן", מען שאַצט די רעוואָלווערן איינער ביים צווייטן.

איך ליג אויף אַ זאַק ביים סאַמע עק פון אַ איבערגעקערטן וואָגן. איך קוק אַרויס דורך אַ שמאָלע, מיט אַ מאַטראַץ־פאַרשטעלטע, עפע־נונג פון אַ ראָד. די האַנט מיטן רעוואָלווער האַלט איך אויף אַ פּירעקיגן שטיין און שטעל אָן דעם „צילער" אויפן שוואַרצן שנירל סאָלדאַטן אין עק גאַס.

לינקס פון מיר ליגן צוויי אַרבעטער, אויך מיט רעוואָלווערן אין די הענט, און איינער דערציילט דעם צווייטן עפּעס אַ געשיכטע וועגן זיין קראַנקער פרוי, וועלכע דער פאַבריק דאָקטאָר האָט זיך אָפּגעזאָגט אויפצונעמען. פון צייט צו צייט רייסט ער איבער די געשיכטע, און כאַפּט אַ געשעפטמעסיקן קוק צו די סאָלדאַטן.

— דערצייל.. — באַרואיקט אים דער צווייטער — דער ניט גוטער ווייסט זיי, די טייוואָלים, ווען זיי וועלן נאָך אַטאַקירן.

דער ערשטער פאַררויבערט, גיט איבער דעם צווייטן דאָס טאַר־בעלע מיט טיטון און דערציילט ווייטער.

רעכטס פון מיר ליגט אַ סטודענט. פון אונטער דעם היבשלעך

אוסגעריבענעם מונדיר קוקט אַרויס אַ רויט זיידן העמדל. זיין לאַנג פּנים מיט די שוואַרצע וואַנצעלעך און שפּיציק בערדל, די שאַרפע נאָז מיט די שוואַרצע ברענענדיקע אויגן זאָגן קלאָר, אַז דאָס איז אַ גרוזין אָדער אַן ארמענער. ער ליגט פלאַך אויף דער הוילער ערד, מיט דער באַק צוגעטוליעט צום הילצערנעם הענטל פון אַ קורצער ביקס און צילט אין עפּעס. לויטן אויסדרוק פון זיין פּנים, פאַרשאַפט אים די גאַנצע געשיכטע זייער אַ סך פאַרגעניגן.

ער באַטראַכט צוערשט מיין רעוואָלווער, דערנאָך מיך און פרעגט מיט אַ ברייטן שמייכל און כאַראַקטעריסטישן קאַווקאַזער אויסשפּראַך:
— קאָראָשאָ סטרעלאַיעש? (שיסט גוט?).
— ניטשעוואָ סעביע.. (נישקשה) — ענטפער איך.
— ביסט אַ סטודענט? — באַטראַכט ער מיין ציווילן אנצוג.
— איך קלייב זיך אויפן מעדיצינישן פאַקולטעט.

און איך שטודיר נאַטור־וויסנשאַפט — שמייכלט ער ווידער און שלעפּט גלייך אַרויס פון אונטער זיין מונדיר אַ קורצע ביקס און דער־לאַנגט זי מיר — נעם. ס'איז מיין ברודערס. ער וועט שפּעטער קומען. מיט דיין רעוואָלווער איז גוט וואָראָנעס צו שיסן.

דאָס האַרץ גיט זיך אַ וויג אין מיר. איך נעם פאַרזיכטיק די ביקס, באַטראַכט זי, צי זיך אויס און נעם צילן. אַ פאַרגעניגן. וואָס פאַראַ פרייד, וואָס פאַראַ זיכערקייט אין האַנט.

דער אַרבעטער, וועלכער האָט פריער דערציילט וועגן דער קראַנ־קער וייב, שרייט מיט אַמאָל אויס: — חברים, זיי קומען!.. מאַכט זיך פאַרטיק.

אַלע פאַלן צו צו זייער געווער, די בליקן קאָנצענטרירט אויף די „צילערס״, קיין קלאַנג, קיין ריר.

פון דער צווייטער זייט באַריקאַדע הויבט אַ פויק אָן בייז און דראָענדיק צו ציילן די שווערע טריט פון די אָנקומענדיקע סאָלדאַטן. די ברוינע רייען קומען צו אַלץ נעענטער. זיי שפּאַנען, האַלטנדיק די שפּיזן פון זייערע ביקסן פאָראויס, די בליקן מיט שרעק געווענדעט צו אונז.. זיי פילן, אַז מיר זעען זיי, אַז מיר וואַרטן אויף יי.

אַ יונגער אָפיצער, כמעט אַ אינגל, פירט זיי. ער האָט זייער מורא צו קוקן גלייך צו אונז. ער שפּאַנט פאָראויס, האַלטנדיק דאָס בלייכע פּנים אומנאַטירלעך פאַרריסן צום הימל. אַ פּופּצן שפּאַן פאַר דער באַריקאַדע, כאַפּט ער פלינק אַרויס די שווערד פון שיידל, שרייט

אויס מיט אַ קוויטשיקן קול: — פּאַראויס! הוראַ! און נעמט לויפן צו אונז.

די סאָלדאַטן כאַפּן שוואַך אונטער זיין „הוראַ" און פאַרשנעלערן בלויז עטוואָס דעם גאַנג. ער דערפילט זיך אַליין און בלייבט מיט אַמאָל שטיין. די סאָלדאַטן קומען אונטער. ער זאָגט זיי עפּעס בייז, שרייט ווידער אויס: „הוראַ" און וואַרפט זיך נאָך אַמאָל פאַראויס. דאָס מאָל כאַפּן די סאָלדאַטן אונטער זיין אויסגעשריי און לויפן צו אונז.

— מאַכט זיך פּאַרטיק! — קאָמאַנדעוועט דער ערשטער אַר־בעטער, און גלייך טאַקע קומט דער באַפעל: — פייער!

די באַריקאַדע לעבט פלוצים אויף מיט אַ שטורם פון פייער און רויך. איך זע ווי עס פאַלט דער אָפיצער און נעבן אים נאָך אַ סאָלדאַט. די ברווינע רייע סאָלדאַטן צעררייסט זיך מיט אַמאָל אויף צווייען און יעדע העלפט לויפט צו די ווענט פון די הייזער און פון דאָרטן צום עק גאַס, פון וואַנען זיי זיינען נאָר וואָס געקומען.

מיר הערן אויף צו שיסן און אַ פריידיקע „הוראַ" באַגלייט די אַנטלויפער.

— קאָראָשאָ! אָטשען קאָראָשאָ!. (גוט, זייער גוט) — שמייכלט ברייט דער גרוזינער און גיט מיר אַ שאַכטל מיט קוילן איבערצולאָדן מיין ביקס.

— אַ שאָד דאָס סאָלדאַטל — רופט זיך אָפּ עפּעס אַ פרויען שטימע.

— אַ שאָד.. — ענטפערן איר עטלעכע שטימעס אָפּ מיט אַמאָל.

אָבער דער געפאַלענער סאָלדאַט זעצט זיך פלוצלונג אויף, באַ־טראַכט זיין פאַרוואונדעטן פוס און פּרואווט זיך אויפשטעלן. מיט אַמאָל דרייט ער אויס צו אונז דעם קאָפּ און פרעגט מיט אַ רירנדיקער פּשטות:—ברידערלעך, קען איך זיך אויפהייבן? דעם פוס מיינעם האָט איר מיר אַביסל באַשעדיקט.

— הויב זיך אויף!. קיינער וועט ניט שיסן!. — האָבן מיר אַלע געענטפערט און דער צווייטער אַרבעטער האָט צוגעגעבן: — צו וואָס דיך שיסן, אַז מיר קעמפן פאַר דיר?.

— זאָג עס דאָרטן דיינע סאָלדאַטן: — האָט אַ פרויען קול אָפּגע־קלונגען פון דער זייט.

דער סאָלדאַט האָט אַ הילפלאָז מאַך געטאָן מיטביידע הענט, גע־

וואַרפן אַ בליק אויפן ליגנדיקן אַפיצער, זיך פלינק אויפגעהויבן און אַוועק צוהינקנדיק אויפן רעכטן פוס.

און איך? ווי האָב איך געפילט? כ'בין געווען ווי אין אַ עקס־טאַז. די שטימעס פון די אַרומיקע האָבן ווי גלעקער געקלונגען אין מיינע אויערן, די פּנים'ער זייערע זיינען געווען אַרומגעפלאָכטן מיט שטראַלנדיקע רינגען. אַ העלישער פייער האָט געברענט אין מיר און מיך געטריבן אויפצוטאָן עפּעס אַזעלכעס, אַז אַט די אַלע מענטשן זאָלן זען און מיר גלויבן, אַז דאָס לעבן מיינס איז דאָס מינדערוויכ־טיקסטע, דאָס קלענסטע, וואָס כ'וואָלט געוואָלט אָפּגעבן פאַר דער פרייהייט, פאַר דער רעוואָלוציע.

נאָך פריער האָב איך געהאַט באַמערקט, אַז אונזער פאָן, וועלכע איז געווען צוגעבונדן צום דישל פון איינעם פון די איבערגעקערטע וועגענער, האָט זיך אויסגעבויגן אָן אַ זייט. ניט טראַכטנדיק לאַנג, בין איך אַרויפגעשפּרונגען אויפן וואָגן, דערנאָך אויף דער ראָד, וואָס האָט געשטעקט אין דער לופטן האָריזאָנטאַל, און גענומען באַפעסטיקן די פאָן.

קוילן האָבן אַ הייסן פייף געטאָן פון בײדע זייטן קאָפּ. איינע האָט גלייך דורכגעלעכערט די פאָן.

— שנעל אַרונטער! משוגע'נער! ווי אַ גאַנדז וועלן זיי דיך אַרונטערשיסן! — האָבן זיך פון אונטן דערטראָגן קולות.

אַ פאַר'שיכור'טער פון גליק, אינגאַנצן אין ברענענדיק שטיק עקסטאַז, האָב איך אויסגעגלייכט די פאָן און מיט אַלע כוחות אויס־געשריען צום צווייטן עק גאַס, וואו עס איז שוין געשטאַנען אַ נייע ברוינע רייע סאָלדאַטן: — לאַנג לעבן זאָל די פרייהייט! נידער מיטן זעלבסטהערשונג!

און פון אונטן האָט מיר אָפּגעענטפערט אַ מעכטיקע: — הורראַ!

פרייד פון לעבן

(זיבעטער עטיוד)

עס האָט פּאַסירט אויף אַ קליינער לאָנקע, אין אַ טיפן טאָל, ערגעץ־וואו ביים גרענעץ צווישן פּערסיע און אַפגאַניסטאַן.

מיט ביקסן איבער איין זייט פּלייצעס און שווערע פּעק איבער די

צווייטע מיט לאַנגע, שאַרפע מעסערס פאַרשטעקט אין די לעדערנע גאַרטלען און — שטיין־שטאַרקע, קיזיל־שטעקנס אין די הענט, האָב איך מיט מיין פריינט מישקען, חדשים לאַנג זיך אַרומגעבלאָנקעט איבער דער ווילדער געגנט.

צוויי שטאַרקע יונגען, אָן שום זאָרגן, פליכטן, אָן דער קלענסטער צוגעבונדנקייט צו מענטשן אָדער זייערע שטעט, צוויי ווינטן אין פעלד ביזן לעצטן טראָפּן בלוט טרייע איינער דעם צווייטן: מישקאַ — אַ האַלבער קאָזאַק און האַלבער קירגיז, געבוירן טאַקע דאָ, אויף די אַזיאַטישע סטעפּעס און איך, אַ אידישער בחור, פאַרוואָרפן אין דער היגער שאול־תחתיה, אַזש פון דער געמיטלעכער בעסאַראַביע.

געטרוימט האָבן מיר דורכברעכן זיך אַ וועג קיין אינדיע. האָט זיך אָבער דער ענין אַרויסגעוויזן צו זיין פיל שווערער, ווי מיר האָבן געדענקט: אַ חוץ ווילדע חיות, גיפטיקע שלאַנגען און הויכע בערג, האָבן די וועגן געהיט ענגלישע פּאַטרולן און ס'האָבן אומעטום גע־לויערט ווילדע שבטים, פיל ברוטאַלערע און געפערלעכערע ווי די ווילדע חיות.

אויף יעדע צוויי שפּאַן פאָראויס האָבן מיר געוויינלעך געמוזט מאַכן איינעם און אַמאָל אויך דריי אויף צוריק.

אָבער, ווען מיר זיינען אפילו שוין געקומען צום שלוס, אַז קיין אינדיע וועלן מיר ניט דערגיין, האָבן מיר זיך שוין געהאַט אַזוי צו־געוואוינט צו דער פרייהייט און שטענדיקער געפאַר, אַז מיר האָבן באַשלאָסן זיך ניט צו איילן אומקערן קיין טורקעסטאַן, פון וואַנען מיר האָבן אָנגעפאַנגען אונזער נסיעה.

אַ ווילד, אַ וואונדערלעך־שיין, אַ ברוטאַל־נאַקעט לעבן האָט אַרום אונז געשוימט און מיט ציין און נעגל, מיט קויל און פייל גע־קעמפט פאַר זיין עקזיסטענץ. און מיר האָבן געמוזט ווערן אַן אָר־גאַנישער טייל פון דעם, אָדער אונטערגיין. און ווער וויל עס פריי־וויליק שטאַרבן? האָבן מיר זיך ביסלעכוויז צוגעפּאַסט, געוואָרן אַ לעבעדיקער טייל פונם אַרום. מיר האָבן אפילו פאַרבויגן דעם שפּיץ פון אונזער פּאַלאַטקע (טענט) און איר געגעבן די פאָרמע פון די גרויסע, האַלב־קיילעכדיקע שטיינער, צווישן וועלכע מיר פלעגן זי געוויינלעך באַפעסטיקן. און אויך אונזערע קליידער און פּנים'ער זיינען געווען פון די זעלבע פאַרבן וואָס די אַרומיקע נאַטור און בלויז

דיווילדע חיה מיט איר שאַרפן חוש־הריח האָט אונז געקענט פון דערווייטנס דערפילן.

גאַנצע טעג און אָפט ביז שפּעט אין דער נאַכט פלעגן מיר ליגן און דערציילן געשיכטעס איינער דעם צווייטן: איך אים וועגן דער גרויסער וועלט און ער מיר, וועגן זיינע אַזיאַטישע פעלקערלעך. ניט איינשטימען וועגן עפּעס, אָדער זיך גאָר קריגן — האָבן מיר ניט גע־האַט וועגן וואָס. אָבער זיך אַ ווערטל טאָן, געבן אַ קיבעץ, אָדער גאָר אַ „לופטער טאָן" די שפּראַך מיט אַ העכסט־רוסישן דריי־גאָרנדיקן מי־שברך — האָט ער פון צייט צו צייט זייער ליב געהאַט.

די הויפּט־ציל־ברעט פאַר זיינע קיבעצן זיינען געווען מיינע צוויי, נאָך פאַרבליבענע, ציוויליזירטע געוואוינהייטן: נוצן אַ צייך־בערשטל יעדן פרימאָרגן און, בפרט, מיין טראָגן אונטערוועש. דאָס לעצטע פלעגט אים איינפאַך אַרויסברענגען פון די כלים. לויט זיין מיינונג האָבן אונטערוועש באַדאַרפט טראָגן בלויז פוילע, פעטע, רייכע ווייבער און אַלטע, אימפּאָטענטע מענער. ער פלעגט גאָרניט מיד ווערן איבער׳חזר׳ן, אַז אַ דאַנק מיינע גאַטקעס קען איך ניט ווערן פונקט אַזאַ גוטער שיסער ווי ער.

איז אַט.. איינמאָל אין אַ זייער הייסן טאָג, עס האָט באַדאַרפט זיין אַרום דריי אַזייגער, בין איך געשטאַנען אויף די קני, אַ האַלב נאַ־קעטער, אויפן ברעג פון אַ שמאָלן טייכל און געוואַשן מיינע צוויי, אַזוי שלעכט פאַרשטאַנענע, פאַרלעך אונטערוועש. געטאָן האָב איך עס שטיל און זייער פאָרזיכטיק: שטיל — כדי ניט אויפצואוועקן מישקען און ניט דאַרפן אויסהערן זיינע שטעך־ווערטלעך, און פאָר־זיכטיק, ווייל די לייוונט פון די אונטערוועש האָט זיך שוין גענומען צעקריכן. דערצו, ניט האָבנדיק קיין זייף, האָב איך זיי געמוזט רייבן מיט זאַמד.

אַלע עטלעכע מינוטן האָט פון רעכטס, וואו די פּאַלאַטקע איז געשטאַנען, צו מיר זיך דערטראָגן אַן אויפרייס פון מישקעס מעכטיקן כראָפּן. ווי אַ פּאָר צענדליק גרויסע שטיינער וואָלטן פון דערווייטנס זיך פון אַ הויכן באַרג געקייקלט.

זיך אַרויס׳גנב׳ענענדיק פון דער פּאַלאַטקע, האָב איך ניט גענומען מיט זיך מיין ביקס. אַ זאַך וואָס כ׳האָב ביז דאַן נאָך קיינמאָל ניט געטאָן.

שטיי איך מיר אַזוי מיט די קני אין פייכטן זאַמד, עטוואָס אויס־

געבויגן אויף פֿאַראויס, איבערן לויפֿנדיקן וואַסערל, הער זיך איין אין שטילן געקלאַנג פֿון טייכל, רייב פֿאַרזיכטיק די וועש און מורמל אונטער אַ לידל.

די זון בריט אין פּלייצע, אין נאַקן, אָבער אַ לינד ווינטל קושט גלייך אויס די בריען. גרויסע, גאָלדענע בינען, פּיאָלעט און זילבער־גרויע „דראַקאָן־פֿליגן" שוועבן מיט אַ זינגנדיקן זשומען דורך דער לופֿט, פּילפֿאַרביקע שמעטערלינגען מיט אויסטערליש געצייכנטע פֿלי־געלעך, פֿלאַטערן אַרום מיין קאָפּ און קוקן זיך קורצזיכטיק צו צו מיין אַרבעט.

די געגנט אַרום אַ צויבערנדיק־שיינע, אויפֿן פּאַן פֿון די שניי־באַשפּיצטע טיאַן־שאַן בערג. עפּעס אַ אומבאַקאַנטער בוים, ביי דער זייט, האָט זיך פּרעכטיק צעבליט מיט גרויסע, ראָזעווע קנאָספּן און אָנגעפֿילט די לופֿט מיט זיין האָניק־זיסן ריח. גיסט זיך אָט דער עקזאָלטירנדיקער גערוך, געמישט מיט זונען־שטראַלן, אין ברוסט, שלעפֿערט איין, ציט דעם שווערן קאָפּ צום ווייכן, פֿייכטן זאַמד.

מיט אַמאָל, ערגעץ טיף אין אונטערבאַוואוסטזיין, בליצט אויף אַ וואָרנונג פֿון געפֿאַר און טראָגט זיך דורך יעדן אבר. אין איין אויגנ־בליק וואַכט אויף דער מאַרך מיט צענדליקער חושים און נאָך איידער כ'עפֿן אויף די אויגן, ווייס איך שוין, אַז די געפֿאַר איז גאָר נאָענט און געפֿינט זיך פּונקט אַנטקעגן מיר.

איך ריר זיך פֿון אָרט ניט און עפֿן האַלב אויף די אויגן: פֿונעם צווייטן זייט טייכל, ניט מער ווי אַ צען שפּאַן פֿון מיר, שטייט אַ גרוי־סער בענגאַלער טיגער, דעם רוקן אויסגעבויגן, אַ פֿאַרטיקער צום שפּרונג. דאָס מויל — האַלב־אָפֿן, די אויגן־ גאָלדיק־רויטע, גליענ־דיקע קוילן.

אַ קאַלטע האַנט האָט מיט איינמאָל צוזאַמענגעדריקט דאָס האַרץ און אייזיקע שטראָמען האָבן זיך אַ פֿלינקן יאָג געטאָן צו אַלע איברים און זיי פֿאַרגליווערט

אָט אַזוי זיינען מיר ביידע געשטאַנען, איך און דער טיגער, ווער ווייסט ווי לאַנג, באַוועגלאָזע און געהיט איינער דעם צווייטן. כ'האָב געזען, ווי ס'הויבן זיך שווער די געל־שוואַרצע רייפֿן איבער זיינע קיילעכדיקע זייטע און, לויט זייער רונדיקייט, אָטאָמאַטיש געצויגן שלוסן: „ווי ס'ווייזט אויס, איז ער איצט ניט הונגעריק און אויב כ'וועל נאָר קענען אויסהאַלטן און זיך ניט רירן פֿון אָרט, וועט ער

מעגלעך.. מעגלעך וואָס? מעגלעך אינגאַנצן ניט געבן דעם טויטלעכן שפּרונג.. אפשר וועט ער גאָר אַוועקגיין?.. אַזעלכעס פּאַסירט אַמאָל, ווען זיי זיינען ניט הונגעריק.. מישקע ווייסט וועגן אַזעלכע פאַלן.. מיין ביקס.. ווען כ׳האָב נאָר מיין ביקס מיט זיך!. זי ליגט זיך רואיק אין פּאַלאַטקע און.. מישקע שלאָפט.. ווי הערט ער ניט דאָס האַמערן פון מיין האַרצן?.. און ער, דער טיגער, הערט עס זיכער.. ווי שטאַרק עס הילכט אין מיינע אויערן!.. איין שפּרונג בלויז. מיין ביקס.. ווי האָב איך געקענט אַרויס אָן דער ביקס?..״

פונם העמדל, וועלכעס איז געבליבן הענגען אויף מיינע באַוועג־לאָזע הענט, זיינען אין טייכל אַריינגעפאַלן טראָפּנס וואַסער און דער קלאַנג פון יעדן האָט שאַרף געעגבערט אין מח. און שטיין באַוועגלאָז איז וואָס אַמאָל אַלץ שווערער געוואָרן און דער גאַנצער קערפּער איז געווען באַדעקט מיט טראָפּנס קאַלטן שווייס. אפילו די זונען־שטראַלן זיינען איצט געווען בלייך און אינגאַנצן ווי אויסגעזויגן פון זייער וואַ־רעמקייט.

דער טיגער איז, ווייזט אויס, מיד געוואָרן צו שטיין אין אַזאַ אָנ־געשטרענגטער פּאָזע. ער האָט אַ לייכטן טרעסל געטאָן מיטן קער־פּער און זיך אויסגעצויגן אויפן גראָז. דעם קאָפּ האָט ער דערביי אַוועקגעלייגט אויף די פעדערשטע צוויי לאַפּעס, פאַרמאַכט דאָס מויל און עטוואָס פאַרזשמורעט די אויגן.

די צייט איז שטיין געבליבן. כ׳מעט ווי שוין אינגאַנצן אָן שרעק האָב איך איצט געקוקט אויף מיין שכן און אַלץ האָט גענומען אויסזען גאַנץ נאַטירלעך ס׳האָט זיך זייער שטאַרק געוואָלט אים נאָכטאָן: אָפּ־טרעסלען פון זיך די פאַרגליווערטקייט, צושליסן די שווערע אויגן־דעקלעך, און זיך אויסציען טאַקע דאָ, גלייך אויפן ברעג. אָבער טיף אין מיר האָט אַ שוואַכער פונק געציטערט, געוואָרנט: „באַהערש זיך!.. איין ריר און.. אַ סוף צו דיר.. אָט אַזוי שטיי.. ווי אַ שטיין, ווי אַ טויטער.. ניטאָ קיין אַנדער אויסוועג.. קיין אַנדער מיטל.. מישקע שלאָפט.. די ביקסן ליגן נעבן אים.. גלויב ניט דעם שונא: ער וואַכט.. קיין ריר!.. געדענק!..״.

פון רעכטס, וואו די פּאַלאַטקע איז געשטאַנען, האָט זיך דער־טראָגן אַ נייער אויפברויז פון מישקאָס כראָפּן. דער טיגער האָט זיך אַ האַסטיקן שטעל געטאָן אויף אַלע פיר פיס מיט אַמאָל, זיין עק האָט זיך שלאַנגיש אַ הויב געטאָן אין דער לופטן און זיך פאַרקנוילט. ער

האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ אויף רעכטס און גענומען שמעקן די לופט.

הינטער אים, אין וואַלד, האָט זיך דערהערט דאָס פּאַטשן פון פליגלען און קולות פון ווילדע געגנדז. ער האָט אויסגעדרייט דעם קאָפּ צום וואַלד, זיך איינגעהערט, ווידער אַ קוק געטאָן רעכטס און, ניט צאַלנדיק מער קיין אויפמערקזאַמקייט צו מיר, גענומען אַוועקגיין, פאַרזיכטיק שטעלנדיק די פיס אויף דער ערד, פונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט זיי צו פאַרשטעכן..

כ׳האָב אים נאָכגעקוקט און געפילט, אַז נאָך איין רגע און כ׳הויב אָן ווילד צו שרייען. ווי אַזוי כ׳האָב זיך פון אָרט אָפּגעריסן און בין אַריין אין דער פּאַלאַטקע — איז פאַר מיר נאָך ביז איצט ניט קלאָר. וואָס כ׳געדענק יאָ איז דער צוריר פון מיין קאַלטער האַנט צו מישקאָס וואָרימען אַקסל און מיין פאַרשטיקטער געשריי: — אַ טיגר!

מישקאָ האָט זיך גלייך אַ שטעל געטאָן אויף די פיס און ס׳האָט ניט גענומען קיין מינוט, ווי מיר זיינען שוין ביידע געשטאַנען נעבן טייכל מיט די ביקסן אין די הענט.

מיר האָבן געוואַרט פינף מינוטן, צען — דער טיגר איז ניט צו־ריקגעקומען.

און מיט אַמאָל האָב איך ווידער דערפילט אויף מיין נאַקן דעם ברי פון די זונען־שטראַלן און דאָס ־לאַסטשן פונם ווינטל. די בלויע הימלען זיינען נאָך בלויער געוואָרן און צוזאַמען מיט די ווייסע וואָלקנדלעך זיך גאָר נידעריק אַראָפּגעלאָזט איבער מיר. דאָס זשומען פון די בינען און „דראַקאָן־פליגן" האָט זיך ווידער אַריינגעריסן אין מיינע אויערן און די שמעטערלינגען זיינען אינגאַנצן ווי משוגע גע־וואָרן פון פרייד, טאַנצנדיק אַרום מיין קאָפּ. ערשט איצט האָב איך אין דער פולער מאָס באַמערקט די שיינקייט און זאַפטיקע גרינקייט פון די אַרומיקע ביימער און קוסטן און דערהערט די מעלאָדישע קלאַנ־גען פון די צענדליקע וואַסערפאַלן איבער דער ברייט פונם טייכל.

„גאָט מיינער, ווי האָב איך אָט דאָס אַלץ פריער ניט געזען? צו בין איך בלינד און טויב געווען? און אפילו די ווילדע שיינקייט פון אָט די ריזיקע בערג, מיט די שנייאיקע שפּיצן, האָב איך אויך ניט ריכטיק אָפּגעשאַצט. פאַרזען און דאָס אַלץ".

כ׳האָב אַ וואָרף געטאָן מיינע ביידע הענט אויף מישקאָס אַקסלען:

— מישענקאַ, אייזל דו מיין טייערער, — זע ווי שיין די וועלט איז דאָ אַרום ?.. און ווי גוט עס איז צו לעבן ! פאַרשטייסטו עס ? פילסטו עס ?

מישקאַ האָט לאַנגזאַם אַראָפּגענומען די ביקס פון אַקסל און מיך באַטראַכט מיט אַ לאַנגן פאַרדעכטיקטן בליק. — וואָס איז געשען ? ס'ווייזט אויס, די קאַץ האָט דיך אַזוי איבערגעשראָקן ? — ער האָט צוזאַמענגעצויגן די ליפּן מיט אַ לייכטן שפּאָט — כ'האָב ניט געדענקט, אַז דו ביסט אַזאַ גרויסער טרוס..

— אידיאָטיק, דו מיין ליבער — האָב איך אים אין פּנים אַריינ־געשריגן — קאָפּ דו פאַרשטאָפּטער, ווי פאַרשטייסטו ניט, אַז ס'איז לייכט צו שטאַרבן אין אַ געשלעג, האָבנדיק די ביקס אין די הענט, אָבער שטיין אַ נאַקעטער.. פאַרשטיי, דו, עקלהאַפטע מאָרדע, שטיין אַ נאַקעטער און וואַרטן אויפן שפּרונג ?.. דאָס איז עפּעס אַנדערש.. דאָס איז גאָר אַנדערע מוזיק..

ער האָט צוגעמאַכט דאָס רעכטע אויג און צוזאַמענגעצויגן די מוסקולן אונטער דעם : אַ סימן, אַז ער באַמיט זיך צו טראַכטן. אַ גוטמוטיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף זיין פּנים : — מעגלעך ביסט גערעכט. אַ נאַקעטער שטיין און וואַרטן ?.. יאָ.. ניט זייער אַנגענעם. — זיינע אויגן זיינען מיט אַמאָל בייז געוואָרן און מיט דער רער פון ביקס האָט ער מיר אָנגעוויזן אויף מיין שלימ'מזל'דיקן פּאַרל אונטערוועש, וואָס האָט געווייסט אויפן זאַמד,ביים ברעג : — נאָ, אָט איצט זעסטו שוין, אַז איך בין געווען גערעכט, אַ פּון אַזעלכע ווייבערשע שמאַטעס קומט קיין גוטס ניט אַרויס ? ווען ניט זיי, וואָלסטו רואיק געלעגן נעבן מיר אין פּאַלאַטקע און מיט דער קאַץ זיך קיין נאַקעטער ניט געטראָפן. זאָג איך דיר נאָך אַמאָל : — ניט קיין מענערשער ענין איז עס.. וואַרף זיי אַוועק צום טייוול !..

— עך, מישוק ! — האָב איך אים אַרומגעכאַפּט — ווי גוט ס'איז צו לעבן אפילו מיט אַזאַ טייערן אייזל ווי דו ביסט ! — און האַלטנדיק די ביקס, ווי אַ דאַמע, פאַר זיך, האָב איך גענומען זינגען דעם וואַלץ : „אויף די סאָפּקעס פון מאַנדזשוריע" און זיך דרייען אין אַ טאַנץ.

מישקאַ האָט געשוויגן, געקוקט אויף מיר מיט אַ איראָנישן שמייכל און אַ ווייטן שפּיי געטאָן אין טייכל אַריין. מיטאַמאָל האָט ער אַ הויב געטאָן די ביקס און, נאָך איידער כ'האָב צייט געהאַט אים אָפּ־צושטעלן, האָט ער אַריינגעיאָגט דריי קוילן אין מיין אָרימען שטיקל אונטערוועש.

מיין גרוי־אויגיק אינגעלע

(אַכטער עטיוד)

כ׳האָב זיך צוגעבויגן, איר טיף אַריינגעקוקט אין די גרויע אויגן, אין וועלכע ס׳האָבן זיך געצונדן געלע, קאַצעשע פונקן און שטיל געזאָגט:

— הער, טייערע, דו ווייסט ווי שיין און אינהאַלטספול מיין לעבן איז ביז איצט געווען. פאַראַן אָבער אַ געפיל, וואָס כ׳האָב נאָך קיינמאָל ניט דורכגעלעבט און מיט וועלכן כ׳וואָלט זיך זייער געוואָלט באַהעפטן.

זי האָט ניט פאַרשטאַנען און געדולדיק געוואַרט וואָס כ׳וועל ווייטער זאָגן, עטוואָס זשמורנדיק די לאַנגע, שוואַרצע וויעס.

— איך וויל ווערן אַ טאַטע.. פאַרשטייסט?.. כ׳וויל צודריקן אַ קינד צום האַרצן און דאָס קינד זאָל זיין מיין אייגנס.. אַ שטיק פון מיין לייב און נשמה.. כ׳וויל זען, צו איז די וועלט ניט משוגע, שרייענדיק אַזוי וועגן גליק פון קינדער־ליבע.. כ׳וויל עס דורכמאַכן..

זי האָט זיך אָפּגערוקט פון מיר און שרעק האָט אַ פינקל געטאָן אין אירע אויגן: — ניין! ס׳אַ משוגעת!! ווער דאַרף עס? צוליב וואָס דאַרפן מיר אַ קינד? וויניק שווער איז אונז אָן דעם?.. מיר האַלטן זיך דאָך אַזוי אָפּט ביים צעגיין!..

כ׳האָב זי אַרומגענומען: — אמת, ס׳איז אונז אָפּט גאַנץ שווער. אָבער ווער ווייסט?.. מעגלעך אַ קינד וועט אָנפילן אָט די פוסטקייט וואָס מאַטערט אַזוי אונז ביידן: מיר׳ן פאַרגעסן אַביסל אָן זיך אַליין.. גלויב מיר, כ׳פאַרשטיי, אַז ס׳איז ניט קיין לייכטער ענין, ניט קיין קינדער־שפּיל. כ׳נעם אָבער אויף זיך די גאַנצע פאַראַנטוואָרטלעכקייט. קיין זאַך שרעקט מיך ניט. ווער ווייסט?.. אפשר וועלן מיר אויך ראַטעווען אונזער אייגן גליק מיט דעם? אפשר?

זי האָט איינגעעקשנ׳ט געשאָקלט מיטן קאָפּ אויף ניין.

כ׳האָב זי איבערגערעדט און אויפמערקזאַם געגומען נאָכפאָלגן די סימנים פונם גרויסן סוד, פונם נייעם לעבן, וועלכע האָבן לאַנגזאַם אָנגעהויבן יוירן טיף אין איר קערפּער. טאָג און נאַכט האָב איך זיך צוגעקוקט צו די אויסערלעכע און זיך צוגעהערט צו די אינערלעכע סימנים פון מיין קומענדיקן, צווייטן „איך”, פון מיין ווידערגעבורט.

כ׳האָב שטאַרק געוואָלט אַ מיידעלע. אַ ליבינקע מיידעלע מיט גרויסע, שוואַרצע אויגן, מיט געדיכט־שוואַרצע געקרייזלטע אָדער גלאַטע האָר און מיט אַ דיקלעך, איינגע׳עקשנ׳ט, אונטערשט ליפּל. און אין דמיון האָבן זיך געוועבט ווייטע בילדער פון אַ ריי אָוונטן, ווען איך מיט מיין מיידעלע שפּאַצירן איבער אַ פּאַרק, און זינגען לידער אָדער מיר זיצן אין הויז, זי פעסט צוגעדריקט צו מיר, און איך דער־צייל איר וואונדערלעכע מעשה׳לעך.

פון אַלע מיינע חלומות איז אָבער גאָרניט געוואָרן: געקומען איז אַ אינגעלע מיט גרוי־גרינע אויגן און ניט נאָר ניט דערוואַרעמט די אָפּגעשטאָרבענע ליבע פון זיינע עלטערן, נאָר געמאַכט די לאַגע נאָך שווערער, נאָך שאַרפער.

אין קליינעם שלאָף־צימערל, וואו מיר האָבן געוואוינט, איז גע־וואָרן נאָך אומעטיקער, נאָך שטיקנדיקער. און אין יאָגעניש נאָך אַביסל מער פרייהייט, נאָך אַ טראָפּן רו און גליק, זיינען מירביידע זיך צעלאָפן אין פאַרשידענע זייטן און ווי אַ פּילקע, געגומען וואַרפן דאָס בלייכע, גראָ־אויגעקע אינגעלע פון איין פרעמד הויז אין אַ צווייטן, באַצאָלנדיק מיט אַ פּאָר דאָלאַר פאַר פרעמדע פּאַטער און מוטערשאַפט.

עס האָט אָפט געוויינט אין מיר דאָס האַרץ, ווען קומענדיק איינ־מאָל אָדער צוויי מאָל אַ וואָך, אים זען, האָב איך געפילט ווי דעם קינדס הענטלעך קראַמפּפן זיך אַרום מיין האַלדז, ווי מיט שטומע בליקן, אָפט געוויין, אָדער ניט קלאָרע רייד — בעט ער זיך אים אַוועקצו־נעמען פון דאַנען, אים ניט לאָזן מער אין פרעמדע הייזער, צווישן פרעמדע מענטשן.

און איינמאָל האָבן מיר אַוועקגעפירט דאָס קינד קיין סטעלטאָן — אַ ראַדיקאַלע קאָלאָניע, אין ניו־דזשוירזי, וואו עס פלעגן זיך אָפּזעצן אַ גאַנץ היבשע צאָל קינדער פון די ניט־געלונגענע, ניו־יאָרקער ליבעס און צעשטערטע היימען. דאָרטן האָט זיך אויך געפונען די באַוואוסטע „פראַנציסקאָ פערער” שול פון מאָדערנער קינדער־דער־ציאונג און דער גרעסטער טייל פון די קאָלאָניסטן האָבן געצויגן זייער חיונה פון דערציען פרעמדע קינדער.

מיר האָבן אַוועקגעפירט דאָס קינד צו אַ געוויסער פרוי, וואָס מען האָט אונז רעקאָמענדירט, און בעת זי האָט אים „פאַרשפּילט”, האָבן מיר זיך אַרויסגע׳גנב׳עט און זיינען אַוועק. די נאַכט האָבן מיר

פאַרבראַכט אין סטעלטאָן, כדי אויפן צווייטן פרימאָרגן קריגן אַ גרוס, ווי אַזוי דאָס קינד פילט.

צוויי מאָל בין איך דורך דער נאַכט אַ אומרואיקער צוגעקומען צום הויז, וואו דאָס קינד האָט זיך געפונען, און זיך צוגעהערט. אַלץ איז געווען שטיל. גאַנץ פרי, איידער כ׳בין אַוועק צוריק קיין ניו־יאָרק, בין איך ווידער, אויסבאַהאַלטנדיק זיך אונטער די שטאַמען פון די אַרומיקע ביימער, צוגעקומען צום הויז און זיך גענומען איינהערן.

נאָך פון ווייטנס האָב איך אויף איינער פון די פענצטער־שוועלן דערזען אַ קינדערש קעפל, געווענדעט אין ריכטונג צום שמאָלן וועג, וועלכער האָט געפירט צום הויז. כ׳האָב דערקענט אין דעם מיין אינגעלע. פון ווייטנס האָב איך געזען ווי די בעל־הבית׳טע פון הויז איז עטלעכע מאָל צוגעקומען צו אים, אים גערופן זיך שפּילן, געבראַכט די שפּילצייג צום פענצטער. קיין זאַך האָט אָבער ניט געהאָלפן: ער האָט זיך פון אָרט ניט געוואָלט רירן, אַלץ געהיט דעם וועג. ענדלעך האָט זי אים מיט כח אַוועקגעפירט. זיין געוויין האָט ווי צעעפנט מיין ברוסט אויף צווייען.

כ׳האָב שוין געהאַט באַשלאָסן אַוועקצוגיין און אומבאַמערקט עטוואָס אַרויסגעטראָטן פון אונטערן בוים, וואו כ׳האָב זיך געפונען.

פלוצים האָט זיך פון הויז דערטראָגן אַ קינדערשער יאָמער־געשריי: — פּאַפּאַ! — און איידער כ׳האָב נאָך געהאַט צייט צו באַגרייפן, אַז דאָס האָט ער מיך דערזען דורכן פענצטער, איז שוין דאָס קינד אַרויסגעלאָפן פון אַ זייטיקער טיר, לויפנדיק אַריינגעפאַלן אין אַ קאַליוזשע וואַסער, זיך פלינק אויפגעהויבן, און ניט אויפהערנדיק צו יאָמערן: — פּאַפּאַ, פּאַפּאַטשקאַ! — האָט ער זיך מיט אַלע כוחות געיאָגט אין ריכטונג צו מיר.

אין דער טיר פון הויז איז געשטאַנען די בעל־הבית׳טע מיט הילפלאָז צעגעמענע הענט.

ווער קען עס געדענקען, ווער קען עס באַשרייבן וואָס מיט מיר איז דאַן געשען? אַ העלישער פייער האָט מיך אַרומגעכאַפּט, כ׳האָב געהאַט אַ געפיל, פונקט ווי פון יעדן אבר וואָלט בלוט גערונען און צעברענט מיין פּנים און לייב. כ׳בין אים אַנטקעגן געלאָפן און אַריינגעכאַפּט זיין קליינעם, ציטערנדיקן קערפּער אין מיינע אָרעמס. ער האָט מיך אַרומגעכאַפּט מיט ביידע הענטלעך און זיך באַגיסנדיק מיט טרערן געהאַלטן אין איין איבער׳חזר׳ן וועגן זיין נעכטיקן שרעק, ווען

ער האָט דערזען, אַז מיר האָבן אים איבערגעלאָזט אַליין: — פּאַפּאַ, מאַמע ניטאָ.. ניטאָ.. וואַלינקאַ איז אַליין.. איינער אַליין.. — און מיט שרעק אין ווייסן פּנים׳ל האָט ער זיך איינגעקוקט אין מיינע אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט געוואָלט אויסגעפינען, צו קען ער מיר איצט גלויבן, צו וועל איך אים באַלד ווידער אַמאָל ניט איבערלאָזן?..

ער איז דאַן אַלט געווען אַ יאָר פיר. אפשר פינף.

און אין דער רגע, ווען כ׳האָב דערפילט דעם קינדס הענטלעך אַרום מיין האַלדז, האָב איך דעם ערשטן מאָל פאַר דער גאַנצער צייט פון מיין פאַטערשאַפט, דערפילט פּונקט ווי הונדערטער לעבעדיקע פעדים, געפלאָכטענע פון הייסן בלוט און ציטערנדיקע נערוון — וואָלטן מיך צוזאַמענגעבונדן מיט מיין קינד, מיט מיין גרוי־אויגיקן אינגעלע און אָפּרייסן איצט אים פון זיך וואָלט געווען פּונקט ווי אָפּ־צורייסן אַ לעבעדיקן אבר פון מיין אייגענעם קערפּער.

עפּעס אַ העלע ליכט האָט אויפגעשיינט סיי אין מיר אַזוי אויך אַרום, אַ ליכטיקייט געפלאָכטן פון שאַרפן ווײ און זיסן פּיין, אַ געפיל וואָס האָט געפירט און דערמאָנט וועגן דעם מאָמענט פון עקסטאַז, ווען אַ קינד ווערט פאַרבונדן אין דער מוטערס טראַכט.

דאָס איז געווען גליק

דאָס קינד איז שוין פון מיינע הענט ניט אַראָפּ. און לאַנג האָב איך אַרומגעשפּאַצירט איבערן האַלב־פאַרוואַקסענעם וועג און, מיט אַ ציטערנדיק קול און אַ ברוסט פול מיט טרערן, אים אַלץ דערציילט וועגן זיך, וועגן זיין מאַמען, וועגן אומגליק וואָס האָט אונז אַלעמען געטראָפן..

און אפשר האָב איך גאָרניט דערציילט?.. אפשר אים בלויז אַ לידל געזונגען, אָדער אַ מעשה׳לע געשאָפן? ווער קען עס געדענקען?

און ער איז אַזוי איינגעשלאָפן, מיטן קעפּל אויף מיין אַקסל און מיט פאַרטרוקנטע סימנים פון טרערן און בלאַטע אויפן בלייכן פּנים׳ל.

נעבן דער אָזערע

(ניינטער עטיוד)

אַ לויטערער זומער פרימאָרגן.

„לייק פּוירל״ — אַ ריזיקער קיילעך, אַרום דריי מייל די לענג און אַ מייל די ברייט, האָט, ציטערנדיק פונם קילן פרימאָרגן ווינטל, זיך

געטוליעט צו די רונדיק אויסגעקאַרבטע ברעגן. פון צווישן די געדיכטע, גרינע גערטנדלעך אַרום דער אָזערע, האָבן, פונקט ווי שפּילנדיק זיך אין באַהאַלטעניש, אַרויסגעקוקט קליינע, ציכטיקע הייזקעס פון דער פאַרשידנאַרטיקסטער אַרכיטעקטור. זייערע ריין־געוואַשענע פענצטער און פענצטערלעך, העל־פאַרביקע דעכער און קאָקעטישע גאַניקלעך — האָבן פריינטלעך געשמייכלט אַנטקעגן דער אויפגייענדיקער זון.

אין גרין־בלויען שפּיגל פון דעם וואַסער זיינען די הייזקעס, ביידמער און גאַנעקלעך געשטאַנען מיט די קעפּ אַראָפּ, זיך דריבנע גערינצלט, און צוזאַמען מיט די כוואַליעס, זיך געבויגן אין אַלע זייטן.

ביים ברעג, נעבן אייניקע הייזקעס, האָבן זיך אין וואַסער אַריינגעצויגן דינינקע בריקלעך, נעבן וועלכע עס האָבן זיך פלייסיק געשאָקלט לייכטע, פאַרביקע שיפלעך.

שוין דער דריטער טאָג, אַז איך פאַרברענג דאָ מיט אַ גרופּע פריינט אין איינעם פון די „קאַטעדזשעס". גאַנץ פרי, ווען אַלע צערטלען זיך נאָך אין דער וואַרימקייט פון די בעטן, כאַפּ איך זיך אַרויס מיט אַ בוך אויפן פוסטן ברעג, שפּרייט אויס אַ קאָלדרע אויפן ווייסן זאַמד, ליג, לייען און טראַכט. אָט די פרימאָרגן שעה'ן זיינען פאַר מיר די טייערסטע: דער אמת'ער פיזישער און גייסטיקער אָפּרו. זיי פילן מיך אָן מיט אַ מין טיפער רו, וואַשן מיך ווי פון אינווייניק אויס, מאַכן לייכטער מיין געמיט, שליסן שלום מיט דער וועלט.

בין איך אָט איינמאָל אין אַזאַ פרימאָרגן געזעסן אויפן ברעג און געלייענט. אַלץ אַרום האָט נאָך געדרימלט, בלויז דריי יונגע מיידלעך אין העלע באַד־קאָסטיומען: רויט, געל און פיאָלעט, האָבן זיך געשפּילט אין וואַסער ניט ווייט.

זיי זיינען, ווי ס'ווייזט אויס, געווען ניט קיין גוטע שווימערינס און זיך געהאַלטן ניט ווייט פונם ברעג. זייערע בויגיק־פאַרביקע קערפּערס, פולע מיטן צויבערנדיקן געזאַנג פון זייערע שלאַנקע הענט און פיס, האָבן דורכגעמאַכט פאַרשידענע קונצן אויף דער אויבערפלאַך און אונטערן וואַסער, און זייערע מעלאָדישע שטימעס האָבן געוועקט אַ פריילעכע עכאָ פון דער צווייטער זייט אָזערע.

— נעללי!.. נעללי!.. די „גייסט" צו ווייט!..

— ס'אָלרייט, ען, שווים מיר נאָך.. כאַ־כאַ־כאַ!..

— מערי, זע ווי איך קייקל זיך דריי מאָל איבער אין וואַסער.. איינס.. צוויי.. דריי.. כאַ־כאַ!..

— כאַ־כאַ־כאַ!.. קענסטו שווימען מיט אָפענע אויגן אונטערן וואַסער?.

— זיכער קען איך.. אָט זע..

— נעללי, נעללי.. צוריק.. כ׳וועל זאָגן דיין פאָטער..

און די ווייטע עכאָ האָט זיך נאָכגעקרימט: — נעללי!.. צוריק!.. פאָטער!.. כאַ־כאַ־כאַ!..

און מיט אַמאָל האָבן אין דער לופט שאַרף אָפּגעקלונגען צוויי דערשראָקענע, מיידלשע שטימען: — העלפט!.. העלפט!.. נעללי טרינקט זיך .. העלפט!..

כ׳האָב געשווינד אויסגעדרייט דעם קאָפּ: צוויי פון די מיידלעך זיינען געשטאַנען ביז די קני אין וואַסער, און די דריטע, אין אַ רויטן באָד־היטעלע, האָט זיך געטרונקען, וואַרפנדיק מיט ביידע הענט, אַ דריי, פיר הונדערט פוס פונם ברעג. צווישן איין אַראָפּלאָזן זיך פונם רויטן היטעלע און דעם צווייטן, האָט זיך געהערט איר שוואַכע שטימע: — העל..פט.. העל..פט!..

פון די אַרומיקע הייזקעלעך האָבן מענטשן גענומען צוערשט אַרויסקוקן דורך די פענצטער, דערנאָך אַרויסלויפן אויפן ברעג און זיך יאָגן צום פּלאַץ, וואו די צוויי מיידלעך האָבן ניט אויפגעהערט יאָמער־דיק צו שרייען און בעטן הילף פאַר זייער חבר׳טע.

כ׳האָב אַראָפּגעריסן פון זיך די שיך, לויפנדיק, זיך אויך באַפרייט פונם אויבערשטן העמדל און מיטן גאַנצן אימפּעט זיך אַריינגעוואָרפן אין וואַסער. מיט יעדן טראָפּן כח האָב איך זיך געריסן פאַראויס, ניט אַרויסלאָזנדיק פון אויג דאָס רויטע היטעלע און די צוויי צי־טערנדיקע ווייסע הענט. ווען כ׳בין שוין געווען אַ צען פוס פונם פּלאַץ, איז די מיידל פאַרשוואונדן אונטערן וואַסער. אירע דינע פינגער האָבן זיך נאָך אַ פּאָר רגע׳ס ווי אָנגעהאַלטן אָן דער אויבערפלאַך און אויך אַרונטער.

כ׳בין צוגעשוואומען צום פּלאַץ, אַריינגעצויגן אין זיך אַ פולע ברוסט מיט לופט און, מיטן קאָפּ פאַראויס, אַרונטער אונטערן וואַסער.

צוערשט האָב איך אַרום זיך געזען בלויז אַ גלעזערנע גרינ־

קייט, דערנאָך רעכטס באַמערקט אַ סילועט פון אַ לאַנגן, ברוינעם קער־פער מיט ביידע הענט אויסגעשטרעקט אַרויפצו. דער קערפּער האָט זיך געשאָקלט און אין דער זעלבער צייט, זיך לאַנגזאַם דרייענדיק, געזונקען אַלץ טיפער.

„עס מוז דאָ ערגעץ־וואו זיין אַ „קעסל־גרוב", איז דורכגעלאָפן אַ געדאַנק און מיט אַ ווילדן אימפּעט, האָב איך זיך אַ ריס געטאָן צו איר, אויסמיידנדיק אויף וויפיל מעגלעך, דעם צענטער פון שטראָם אין וועלכן זי האָט זיך געוויגט. כ'האָב זי אָנגעכאַפּט פאַר דער פּאַכווע פון איר באָד־קאָסטיום, זי אַ צי געטאָן נאָך זיך און מיר זיינען ביידע לייכט אַרויף אויף דער אויבערפלאַך.

פונם ברעג האָבן זיך צו מיר דערטראָגן די היסטערישע געשרייען פון די צוויי מיידלעך און ס'איז מיר געווען מאָדנע, וואָס זיי האַלטן נאָך אין איין שרייען: מיר האָט זיך געדאַכט, אַז צווישן דעם מאָמענט וואָס איך בין אַריין אין וואַסער און דעם איצטיקן, איז פאַראיבער זייער אַ לאַנגע צייט. כ'האָב אויך באַמערקט ווי אין צוויי פלעצער בינדן מענער אָפּ שיפלעך און דאָס האָט מיך אויך טיילוויז באַרואיקט.

כ'האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, זי שוין געוואָלט איבערדרייען אויף דער פּלייצע, ס'זאָל זיין באַקוועמער צו שווימען, ווי זי האָט מיט אַמאָל ברייט צעעפנט ביידע אויגן, זינלאָז אַ קוק געטאָן אויף מיר און איידער כ'האָב נאָך צייט געהאַט עפּעס צו טאָן, האָט זי פאַר־װאַרפן ביידע הענט אַרום מיין האַלדז.

כ'האָב זיך אַ ריס געטאָן פון איר, ס'האָט אָבער ניט געהאָלפן: אירע הענט זיינען געווען אייז־קאַלט, ביינערדיק און אייזן שטאַרק. כ'האָב איר אַריינגעשריען אין אויער, וועלכער איז געווען נעבן מיין מויל: — הער, מיידל, לאָז אָפּ מיין האַלדז! מיר'ן ביידע דערטרונקען ווערן!.. לאָז אָפּ, וועל איך דיך ברענגען צום ברעג!.. לאָז מיך אָפּ!..

זי האָט מיך ניט פאַרשטאַנען און אפשר אויך ניט געהערט. גאָר נאָענט פאַר זיך האָב איך געזען אירע אויגן־דעקלעך וועלכע האָבן גע־האַלטן אין איין ציטערן. — לאָז אָפּ, מיידל.. לאָז אָפּ! מיר גייען ביידע צום גרונט!..

אירע אָרעמס האָבן נאָך פעסטער איינגעצויגן מיין האַלדז.

איילנדיק, האָב איך אַריינגעזופּט אין מיינע לונגען אַביסל לופט און אַראָפּ אונטערן וואַסער, מיט דער האָפענונג, אַז דערפילנדיק, אַז

איך זינק, וועט זי מיך אָפּלאָזן. ס׳האָט אָבער ניט געהאָלפן: מיט איר גאַנצער שווערקייט איז זי געהאַנגען אויף מיר און כ׳בין שוין קוים אַרויס צוריק אויף דער אויבערפלאַך. אין קאָפּ האָט גערוישט און אַלץ אַרום האָט זיך גענומען טונקען אין אַ גרינלעכן נעבל.

דאַן האָב איך, שוין האַלב אינסטינקטיוו, געטאָן דאָס לעצטע וואָס איז מיר נאָך געבליבן צו טאָן: כ׳האָב אָפּגעוואָרפן מיין רעכטע האַנט אויף צוריק אַזוי ווייט אויף וויפיל כ׳האָב נאָר געקענט, און מיט אַלע כוחות איר אַ זעץ געטאָן מיטן פויסט אין פּנים אַריין.

זי האָט זיך אַ ריס געטאָן אויף צוריק, האַלב צעעפנט די אויגן און, ווי אַ טויט הינדל, פאַרוואָרפן מיטן קאָפּ. אירע אָרעמס זיינען מיט אַמאָל לויז געוואָרן. כ׳האָב זיי אָפּגעריסן פון מיין האַלז און פרייער אָפּגעאָטעמט.

כ׳האָב זי איבערגעקערט אויפן רוקן און ערשט איצט באַמערקט, אַז דאָס רויטע, גומענע היטעלע איז פאַרשוואונדן און אַ געדיכטע כוואַליע געלע, כמעט ווי גאָלדענע, האָר וויקלט זיך אַרום איר קאָפּ. כ׳האָב טאַקע גלייך אַ כאַפּ געטאָן די האָר ביי זייערע וואָרצלען און גענומען שווימען צום ברעג, האַלטנדיק דעם קאָפּ האַלב אויסגעדרייט אויף צוריק: זי זאָל מיך ווידער ניט אָנכאַפּן פאַרן האַלדז.

גיך איז אָנגעקומען אַ שיפל מיט צוויי מענער און זי אַריינגענומען אינווייניק. איך בין זיי נאָכגעשוואומען, אָדער ריכטיקער, זיך צו־געהאַלטן אָן דער קייט פון שיפל און זיך געלאָזט שלעפּן. שווימען האָב איך קיין כח ניט געהאַט.

דער ברעג איז שוין געווען פול מיט מענטשן. מען האָט די מיידל אַוועקגעלייגט אויף אַ קאָלדרע און זי איבערגעגעבן אין רשות פון אַ שכן, אַ דאָקטאָר. מיך האָט מען געמוזט אַריינפירן אין הויז, וואו כ׳האָב געוואוינט. כ׳בין געווען אינגאַנצן פאַרגליווערט און די פיס האָבן זיך מיר אונטערגעהאַקט.

מען האָט מיך דערוואָרעמט, אַריינגעגאָסן אין מיר אַ האַלבע גלאָז קאָניאַק און געהאָלפן זיך איבערטאָן אין טרוקענע קליידער. עס האָט מיך געצויגן אין דרויסן צו וויסן וואָס עס הערט זיך מיט דער מיידל.

ווען כ׳בין מיט פופצן־צוואַנציק מינוטן שפּעטער, ווידער אַרויס אויפן ברעג, איז זי שוין געלעגן אַ לעבעדיקע, אַ איינגעדעקטע מיט עטלעכע קאָלדרעס און איר פאָטער, איינער פון די צוויי מענער אינעם שיפל, אַ געזונטער, זעקספוסיקער איירישער, האָט וויינענדיק מיך

אַרומגעכאַפּט, איבער׳חזר׳נדיק בלויז צוויי ווערטער: — טהענקיו.. דיר!... טהענקיו, דיר!...

דערנאָך האָט ער מיך צוגעפירט צו דער טאָכטער: — נעללי, דיר, אָט דאָס איז ער.. דאָס האָט ער דיך געראַטעוועט.

כ׳האָב אַ קוק געטאָן אויף נעללין און ס׳איז מיר פינצטער געוואָרן אין די אויגן: דאָס שיינע, יונגע פּנים איז איינפאַך געווען פאַרקריפּלט: די שלאַנקע נאָז צעבלוטיקט און געשוואָלן, דאָס רעכטע אויג אינגאַנצן פאַרלאָפן.

„איז עס מעגלעך, אַז דאָס האָב איך זי אַזוי צעקאַליעטשעט?״

— אָ, באָי, האָסט זיכער געמאַכט אַ גוטן „דזשאָב״ — האָט דער דאָקטאָר זיך צעלאַכט און כ׳האָב ניט פאַרשטאַנען צו מיינט ער עס מיין רעטונג־אַרבעט, צו דער מיידלס פּנים.

כ׳האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן זאַמד נעבן נעללין און געפילט ווי זיך צעווייגען פון רחמנות: — גאָט מיינער, וואָס האָב איך עס געטאָן מיר דיר?!.. עס טוט מיר אַזוי לייד!

ניט קענענדיק מיר ענטפערן, האָט זי צוגעצויגן מיין האַנט און זי אַרויפגעלייגט צו זיך אויף דער ברוסט.

און דער זעקספּוסיקער פאָטער האָט, שלינגנדיק די טרערן, מיר געקלאַפּט איבערן אַקסל: — נישקשה, זון... כ׳פאַרשטיי, האָסט אַנדערש ניט געקענט.. כ׳האָב פון שיפל געזען, ווי דו הרג׳עסט זי.. ס׳איז גאָרניט. ס׳וועט איבערגיין.. האָסט זי מיר געראַטעוועט.. זי איז מיין איינציקע.. די איינציקע אין מיין לעבן.. פאַרשטייסט?..

און זי, נעללי, האָט מיטאַמאָל אַ צי געטאָן צו זיך מיין האַנט און זי געגומען קושן. כ׳האָב קוים איינגעהאַלטן די טרערן.

דאַכט זיך, אַז כ׳בין דאַן גליקלעך געווען.

די באַשערטע

(צענטער עטיוד)

[מיין צירלען אַ מתנה].

דריי גרויסע פענצטער פאַרמאָגט מיין גראַמער צימער אונטערן שטאָט. צוויי זיינען געווענדט צו דרום און דער דריטער צו צפון. די ערשטע צוויי זיינען שטענדיק ליכטיק, פריילעך, מיטפילנדיק,

קוקן אַרויס אין אַ היבשן גאָרטן, וועלכער איז געדיכט פאַרוואַקסן מיט קוסטן יאַסמין און בעז און אויסגעצירט מיט בייטן פאַרשידענע בלומען. דאָס צפון׳דיקע פענצטער איז פאַרשטעלט מיט דריי גרויע ווענט פון אַ דערבייאיקער געביידע און איז צו אַלץ אין דער וועלט גלייכגילטיק, אָפּט מרה־שחורה׳דיק, אָדער פול מיט גיפט.

אַלע נאַכט, אָפּט גאַנץ שפּעט, גלייך ווי כ׳עפן נאָר די טיר פון מיין צימער און בלייב שטיין אויפן שוועל, זיך איינהערנדיק אין דער פינצטערניש, באַגריסן מיך גלייך מיינע צוויי דרום׳דיקע פענצטער: דאָס רעכטע זאָגט מיר אַ לייכטן פאַרוואורף:

— וואָס אַזוי שפּעט?.. לעצטנס — כמעט אַלע נאַכט אַזוי..

— ניט דיין זאַך — ענטפערט דאָס פענצטער פון לינקס און זיך צורוקנדיק עטוואָס נאָענטער צו מיר, פרעגט עס מיט מיטגעפיל: — וואו איז זי?.. פאַרוואָס האָסטו זי היינט ניט געבראַכט אָהער?.. כ׳האָב אַ גאַנצן אָוונט אויף איךביידן געוואַרט..

— בעסער אַזוי!..—גיט דאָס צפון׳דיקע פענצטער אַ גיפטיקן לאַך און קערט זיך אָפּ.

איך הער זיך איין אין הילכיקן גאַנג פון מיין האַרצן און ענטפער שטיל: — זי האָט ניט געוואָלט קומען.. איז נאָך ניט גרייט פאַר דעם..

דאָס פענצטער רעכטס כאַפּט שנעל איבער אַ פינקלדיקן בליק פון אַ פאַרביילויפנדיקן אָטאָמאָביל און פרעגט פאַרטרוילעך: — זאָג, ביסטו זיכער, אַז דאָס איז זי?!..

איך פאַרשטיי ניט גלייך די פראַגע: — וואָס מיינסטו?

וויל דאָס צווייטע פענצטער קלאָרער מאַכן די פראַגע פונם ערשטן: — עס מיינט, צו ביסטו זיכער, אַז דאָס איז זי, די פרוי אויף וועלכער דו וואַרטסט שוין אַזוי לאַנג און פיינלעך? . . די באַשערטע?

— איך ווייס ניט.. — ענטפער איך נאָך אַ ווײַלע שווייגן — מינוטנווייז בין איך זיכער, אַז יאָ, אָבער.. באַלד בייסט זיך אַ צווייפל איין אין מיין ברוסט און.. כ׳גיי אויס פון ווי.

די פענצטער קוקן זיך איבער, רוקן זיך נאָענטער צו מיר און פאַרוואַרפן מיך מיט פראַגן:

— האָסטו איר געזאָגט ווי שטאַרק דו האָסט זי ליב?

— איר דערמאָנט מיט וואָס פאַראַ מורא׳דיקער שנעלקייט עס לויפן די טעג פונם מענטשנס לעבן?

— געוואָרנט, אַז דאָס לעבן קערט קיינמאָל ניט אום קיין פאַר־לאָרן גליק?

צי אפשר האָט זי דיך אינגאַנצן ניט ליב?

כ׳האָב מיט אַ שווערן זיפץ געענטפערט: — זי האָט מיך ליב.. כ׳האָב איר אַלץ דערציילט ,געוואָרנט, זי געבעטן קומען אַהער און.. אָט בין איך ווידער אַליין..

— עפּעס שטערט איר.. — זיפצט דאָס פענצטער רעכטס.

— זי גלויבט דיר ניט.. — שאָקלט זיך דאָס לינקע פענצטער טרויעריק צו.

— אַלע זיינען ליגנער. בלויז נאַראָנים גלויבן.. — שטעלט גאליק אריין דאָס דריטע פענצטער, ניט קוקנדיק צו אונז.

איך טו זיך שנעל אויס, לייג זיך אַריין אין בעט, צי די קאָלדרע איבערן קאָפּ, וויל זיך פאַרגעסן. אָבער די אומרו זויגט פון אינווייניק, הויבט פון געלעגער. כ׳הער ווי די שאָטנס אין די ווינקלען כי־כיקען, לאַכן שפּאָטיש אָפּ פון מיר, ווי עס רעדן זיך פאַרזאָרגט איבער די פענצטער.

דאָס רעכטע פרעגט שטיל: — וואָס קען פאַרט זיין די סיבה פון איר ניט גלויבן? פון איר ניט וועלן קומען?

— צי וואָס זיך נאַרן? — ענטפערט זיכער דאָס לינקע — דו ווייסט עס פונקט אַזוי גוט ווי איך. און זי ווייסט עס, מן־הסתם, אויך. אונזער בעל־הבית באַציט זיך גאַנץ אָפּט שוין אַביסל צו לייכט צום ענין: „ליבע״.

— כ׳דענק ביסט גערעכט.

— און פאַר איר, ווייזט אויס, איז עס ניט קיין שפּילכל, ניט קיין צייט פאַרטרייב. זי גיט אַלץ און וויל אַלץ.

— דו רעדסט, פונקט ווי דו וואָלסט זי גוט געקענט.

— ניין, כ׳האָב זי בלויז איין מאָל געזען פון דערווייטנס. לעצטע וואָך איז עס געווען. זי איז געשטאַנען מיט אים נעבן טירל פון גאָרטן.

ווי אַזוי זעט זי אויס?

— הויך, שלאַנק, מיט אַ שיינעם, טונקעלן, אָבער שטרענגן פּנים. פון אירע בליקן און שמייכל האָט מען געקענט זען, אַז זי האָט אים ליב, אָבער..

— אָבער וואָס?

— ער וועט מוזן האָבן געדולד. אימפּעדיק איז בלויז גוט צו שטאַרבן. אַנדערש וועט ער זי ניט קריגן.

— איר פּלאַפּלט ביידע נאַרישקייטן — מישט זיך שאַרף אַריין דאָס דרום׳דיקע פענצטער — אמת, כ׳זע ניט, ווי איר, די גאַס מיט די לויפנדיקע אָטאָמאָבילן, ניט די בלומען און קוסטן פון גאָרטן, כ׳זע אָבער קלאָר וואָס עס טוט זיך אין די רייען פענצטער קעגנאיבער מיר: די מענטשן וואָס וואוינען דאָרטן, פאַרגעסן אָפט אַראָפּציען די פאָר־האַנגען. זע איך דעם שקר פון זייערע לעבנס, זע ווי מיאוס זיי האַנדלען, ווי טיף זיי נאַרן איינער דעם צווייטן. אונזער בעל־הבית איז ניט פיל בעסער פון זיי! כי־כי־כי..

— פאַרמאַך דיין גיפטיק מויל! — בייזערט זיך דאָס רעכטע פענצטער — דו זעסט קיין זאַך ניט אין לעבן, אַ חוץ דיינע דריי גרויע ווענט.

— דאָס דריטע פענצטער דרייט זיך פלינק אויס און קוקט אויף זיי בייז און שפּאָטיש מיט אירע גרויע, בעלמע׳דיקע אויגן: — נאַראָ־נים, פּוסטע, לייכטזיניקע קעפּ! וואָס פּלאַפּלט איר און וואָס ווייסט איר וועגן ליבע? איך זע עס דורך די פענצטער.. כי־כי־כי.. ליבע איז דאָס ביליקסטע און באַטריגערישסטע פון אַלע מענטשלעכע גע־פילן.. כי־כי־כי..

— דו ביסט פּונקט אַזוי קורצזיכטיק און שטומפּיק, ווי די ווענט אַרום דיר — צינדט זיך דאָס לינקע פענצטער אָן פון כעס — ליבע איז דאָס שענסטע וואָס דער מענטש פאַרמאָגט..

— ס׳אַ ליגן! כי־כי־כי.. ס׳אַ שקר!

— די מאָס פון יעדן איינעם, איז ער אַליין — זאָגט רואיק דאָס רעכטע פענצטער — איך האָף, אַז זי, די באַשערטע, וועט גאָר אין גיכן קומען צו אונזער בעל־הבית און יעדן אָוונט וועט דאָ אין הויז ברענען אַ העלע און וואַרעמע ליכט.

— כי־כי־כי.. — האַלט דאָס דריטע פענצטער אין איין לאַכן — און איך פאַרזיכער אייך, אַז ביז די לבנה וועט נאָך דעם חודש פאַר־ענדיקן איר קרייז, וועט ער שוין אַ צווייטע ברענגען אַהער און זי וועט מיט אַן אַנדערן אַרומגיין איבער די שטאָטישע פּאַרקן.. כי־כי־כי.. אַזוי גייט עס, איר דומקעפּ. און קיין ליכט וועט דאָ אין די אָוונטן ניט ברענען.. אין דער טונקלקייט איז רואיקער און זיכערער און שטילער..

דאָס רעכטע פענצטער האָט געוואָלט עפּעס ענטפערן, נאָר מיט

אַמאָל זיך אײנגאַנצן אַ צי געטאָן אין ריכטונג צו דער גאַס:—ש־ש־ש.. איך קען שווערן, כ'האָב זי נאָר וואָס געזען פאַרבײגײן אין שײן פון לאַנטערנע.

— װעמען האָסטו געזען? — האָט זי אויך דאָס לינקע פענצטער אַ צי געטאָן צו דער גאַס

— װעמען? זי.. אויף װעמען ער װאַרט.. די באַשערטע.

— װי קומט זי אַהער אַזוי שפּעט אין דער נאַכט?

— כ'װײס ניט: דער באַן פון שטאָט האָט זיך דאָ מיט אַ פּאָר מינוטן פריער אָפּגעשטעלט נעבן דער סטאַנציע.

— ביסטו זיכער, אַז דאָס איז זי?

— קוק.. אָט איז זי שוין שטײן געבליבן בײם טירל פון גאָרטן און קוקט אַרויף אַהער.

— יאָ. כ'זע.. אַ שלאַנקע אַזאַ.. זי קוקט אַהער?

— כי־כי־כי—דאָס חלום'ט זיך אײך. נישטאָ קײן באַשערטע. אַלץ אין לעבן איז אײן גרױער פּלאָנטער. אָט גײען שוין די טריט פאַרבײ. קײנער קומט ניט אַהער!

— נײן, די טריט קומען נאָענטער..

— איך הער זײ שוין אויף די טרעפּ..

— ש־ש־ש.. זי שטײט שוין פאַר דער טיר..

— מעגלעך אַ פרעמדע פרױ האָט פאַרבלאָנדזשעט.. — דרײט דאָס דריטע פענצטער אויס די בײזע אויגן צו דער טיר — און אויב ס'איז אפילו די פרױ אויף װעמען ער װאַרט, װעט זי זיכער ניט אויף לאַנג דאָ פאַרבלײבן: די ליבע איז אומעטום אײנע און די זעלבע..

— שלאַנג! — זאָגט קורץ דאָס רעכטע פענצטער און ציט זיך אויס אין דער גאַנצער לענג ביז'ן בעט און שרײט מיט אַלע כוחות:

— בעל־הבית, זי איז געקומען! זי איז שוין נעבן דער טיר!

— דאָס לינקע כאַפּט אונטער מיט פרײד און פאַרװאָרף: — װאָס ליגסטו, װי אַ גולם?! שנעל צינד אָן אַלע ליכט! פאַריאָג דעם קלענסטן שטן! זי איז געקומען, זי, דײן באַשערטע!

עס הערט זיך אַ שטילער קלונג פונם גלעקל.

איך שפּרינג אַרונטער פון בעט, דרײ אויף אַלע לאָמפּן און צע־עפן ברײט די טיר.

זי שטײט אויפן שװעל. דער פּנים בלײך, עטװאָס פאַרשעמט, דער שמײכל פול מיט קינדערשן צויבער, געמישט מיט פּײן, די

שוואַרצע אויגן אָנגעזאַפּט מיט וואָגן און שרעק. אין האַנט אַ צו־זאַמענגעדרייטע צייטונג.

— זעסט.. אַט בין איך געקומען.. — איר שטענדיק מעלאָדישע שטימע איז איצט טרוקן און רייסט זיך איבער.

אַ העלישער פייער גיט זיך אַ יאָג דורך די אָדערן, ברויזט אויף אין יעדן גליד, און דאָס האַרץ נעמט וואַקסן, צעשטראַלט זיך מיט ברויזנדן פּורפּור, פּילט אָן דעם צימער, רייסט זיך דורך די פענצטער אין גאָרטן, פאַרפלייצט די וועלט.. איך שטרעק אויס צו איר ביידע הענט: — ליבסטע, קום אַריין.. אַך, ווען דו זאָלסט נאָר וויסן..

ס׳איז געווען גליק

באַהעפטונג

(עלפטער עטיוד)

און אַמאָל געשעט אַזאַ מין וואונדער:

איך גיי אַרויס גאַנץ פרי פון הויז און בלייב שטיין ביים שוועל. דער טיף־בלויער הימל גיט זיך אַ האַסטיקן וויג מיר אַנטקעגן און בלייבט שטיין פון ביידע זייטן, האַרט נעבן מיר.

איך קוק צו מזרח —און זע: דער מעכטיקער, ברוין־לייביקער יונגלינג — דער פרימאָרגן, נאָך מיט דימענטענע טראָפּנס טוי אויף די פעך־שוואַרצע האָר, שלעפּט מיט אַ נעץ פון גאָלדענע שטריק דעם געלן קיילעך, די זון, פון אונטער אַ ווייטן, פיאָלעט־שוואַרצן באַרג.

כ׳בין זיכער, אַז אַלע: דער הימל, די זון און דער יונגלינג, קענען מיך און האָבן געוואַרט אויף מיין קומען, כדי צוזאַמען מונטערער אָנ־צופאַנגען דעם טאָג.

און ביסלעכוויז ווער איך אַליין אויך אַ טייל פונם העל־בלויען רוים, אַ ציטערנדיקער פרימאָרגן ווינטל, דורכגעוועבט מיט גאָלדענע זונען־שטראַלן.

און אַט צעעפנט זיך ברייט מיין ברוסט־קאַסטן און טויזנטער הערצער פון פלאַנצן, גראָזן און לעבעדיקע באַשעפענישן ענטפערן פון אַלע זייטן אָפּ דעם האַסטיקן גאַנג פון מיין האַרצן. אַ ברויזנדיקע פרייד, געמישט מיט אַ שאַרפער אומרו, כאַפּט מיך אַרום. כ׳ווער פאַרוואַנדלט אין איין ריזיק־גרויסע, אַלץ איינשלינגנדיקע דערוואַרטונג.

אויף וואָס? אויף וועמען?.. וואָס וועט געשען? אַ אומגליק? אַ ליכטיקע פרייד?

און ווי אַ פייער־רוף אין מיטן פון אַ טויטער, שוואַרצער נאַכט, דערטראָגט זיך צו מיר אַ ווייט רופנדיק קול. און איך ענטפער דעם רוף: כ׳רייס זיך אָפּ פון אָרט און נעם האַסטיק גיין פאָראויס. און ווען כ׳ווער מיד, נעם איך אַ ווייט לויפנדיקן באַן, שטעל זיך אַוועק ביים פענצטער פונם ערשטן וואַגאָן און טרייב מיטן געדאַנק דעם שנעל־לויפנדיקן צוג.

ביים סאַמע סוף פון דער באַן־ליניע, וועלכע ענדיקט זיך געווײנלעך אין אַ וואַלד, אַ ווייטן פּאַרק, אָדער ביים ברעג פון ים, שטייג איך אַרויס, געפין אַן איינזאַמען פּלאַץ, לעג זיך אַוועק אויפן גראָז אָדער זאַמד און.. וואַרט, אַז דער ים אָדער וואַלד זאָלן עמיצן שיקן צו מיר, אָדער אַליין קומען און אַנטפּלעקן דעם גרויסן סוד פון אונדזערע לעבנס.

און אַ עקזאַלטירט־פּאַרטראַכטער, הער איך זיך איין אין דער אַרומיקער סימפאָניע פון דער נאַטור און גיס זיך ביסלעכווייז צעגויף, פאַרשווינד אין איר אינגאַנצן.

גאָלד און פיאָלעט

(צוועלפטער עטיוד)

אין בעטה־ביטש האָט עס פּאַסירט, מיט עטלעכע יאָר צוריק. כ׳האָב פאַרבראַכט דאָן דעם זומער אין אַ הויז נעבן ים.

איינמאָל אין אַ פאַרנאַכט בין איך אַרויס זיך באָדן. די זון האָט געהאַלטן אין פאַרגיין אונטער די ניט־ווייטע ניו־דזשוירזער בערג און איר גאָלדענער שלייער האָט אַ איינגעטונקענער אין ציטערדיק־זילבערנע פליטערלעך, זיך נאָכגעשלעפּט איבערן ים.

צוערשט בין איך געזעסן אויפן זאַמד ביים ברעג, דערנאָך לאַנגזאַם געגומען אַריינגיין אין וואַסער. די כוואַליעס האָבן מיט קילע הענט געגלעט דאָס לייב און צוגעזונגען דערביי אַ לידל.

ווען כ׳בין שוין האַלב געשטאַנען אין וואַסער, האָב איך געוואָרפן אַ בליק צו דער זון און באַמערקט, אַז אַ טונקעלער וואָלקן האָט זיך

אַוועקגעשטעלט אויף אַזאַ מין אופן, אַז, פאַרשטעלנדיק די זון פונם ברעג, האָט ער דורך אַן עפענונג אין זיך געלאָזט די שטראַלן, אין אויסזען פון אַ פלאַטערנדיק־גאָלדענעם שטאַם, פאַלן אויף איין פלאַץ פונם אויבערפלאַך פון ים. און געדאַכט האָט זיך, אַז ניט שטראַלן פאַלן פון אויבן אַרונטער, נאָר אַ מעכטיקער, גאָלדענער שטראָם רייסט זיך פון דער טיפעניש אַרויפצו, צו דער זון.

איך בין געשטאַנען אַ פאַרגאַפטער מיט אַ ברייטן שמייכל אויף די ליפּן. עס האָט זיך געוואָלט שרייען צו די מענטשן אויפן ברעג:

— זעט נאָר, זעט: דער ים גיסט זיך דורך אַ גאָלדענער רער אין הימל אַריין!..

דערנאָך האָב איך אָנגענומען צוויי פולע הענט מיט וואַסער און זיי צוגעדריקט צום פּנים. און עטלעכע גרויסע, פּיאָלעטענע בלומען האָבן פּלוצלונג אַ העלן פלאַם געגעבן פאַר מיינע פאַרמאַכטע אויגן.

„פּיאָלעטענע זונען" האָב איך אַ טראַכט געטאָן און עטלעכע מאָל איבערגע׳חזר׳ט די זעלבע באַוועגונגען און יעדעס מאָל האָבן פּיאָלע־טענע פלעקן פון פאַרשיידענער גרויס און משונה׳דיקן אויסזען זיך געצונדן פאַר מיר.

אָט אַזוי באַוועגלאָז בין איך געשטאַנען און מיט אַמאָל איז אין מיר אויסגעוואַקסן אַ שאַרפער ווינטש צוצושווימען צום גאָלדענעם שטאַם און אַרויפקוקן צו דער זון.

און ניט טראַכטנדיק קיין סך, האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן מיט די הענט פאָראויס און גענומען שנעל שווימען צום גאָלדענעם סלופּ. כ׳האָב ענערגיש געשניטן די כוואַליעס, ניט אָפּווענדנדיק דעם בליק פון ציל און ביי יעדן קלאַפּ פון האַנט איבערן וואַסער, האָבן פּיאָלע־טענע זונען געטאַנצט אַרום מיין קאָפּ.

און אָט אַזוי בין איך געשוואומען פאָראויס, פאַרגעסנדיק וועגן אַלץ אין דער וועלט, אפילו וועגן דעם, אַז מען באַדאַרף זיך לאָזן אַביסל כוחות אויף צו קומען צוריק, צום ברעג.

כ׳וואָלט דאַן זיכער דערטרונקען געוואָרן, ווען אַ צופעליק־פאַר־בייגייענדיק מאָטאָר־שיפל וואָלט מיך ניט באַמערקט אַ פּאָר מייל פון ברעג און מיך אַרויסגעשלעפּט פון וואַסער.

אָבער.. די גאָלדענע רער פון ים צום וואָלקן און די פּיאָלעטענע זונען וועל איך שטענדיק געדענקען.

די לעצטע טרעפ

(סוף)

יעדעס מאָל, ווען איך טראַכט וועגן אומקום, וועגן מיין „ניט־ווערן", בעט איך, אין זיך, דעם אַלמעכטיקן צופאַל דער טויט זאָל מיך איבערנעמען אומדערוואַרטעט אויף איינעם פון מיינע וועגן. ווען כ'וועל זיך איילן צו באַגעגענען אַ גרויסע פרייד, ווען כ'וועל זיך יאָגן צו באַהעפטן מיט אַ גרויס גליק. זאָל מיט מיר געשען דאָס זעלבע וואָס מיט אַ רייע פון מיינע פריינד: איינער איז געפאַלן אויף אַ סטאַנציע פון לופט־באַן, איילנדיק זיך אַהיים צו זיין געליבטער פרוי, אַ צווייטער איז אויסגעגאַנגען מאָמענטאַל אין גאַס, גייענדיק אין אַ טעאַטער, אַ דריטער — האָט אַ „געזונטער" אויסגעהויכט זיין נשמה אין בעט, אין אַ פרימאָרגן, אין די אָרימס פון זיין פרוי, אַ פערטער — איז „ניט־געוואָרן", אַנטאָענדיק זיך צו גיין אין רעדאַקציע.

אַזוי צו אַנדערש, צו אומדערוואַרטעט וועט מיך דער סוף ניט פאַר־כאַפּן: כ'מאַך שוין לאַנג ניט קיינע צו ווייט־גייענדיקע פּלענער.

אויב עס זאָל מיר אָבער פאַרט אויסקומען צו שטאַרבן אין בעט, ליגן און וויסן און וואַרטן, אַז אָט.. אָט.. וועל איך דאַן אָנשטרענגען מיין גאַנצע ווילנס־קראַפט, וועל פאַרטרייבן פון זיך דעם געדאַנק וועגן העסלעכן קבר און אין די אָרימס פון אַ טייערן און טרייען פריינט, אויב אַזעלכער וועט זיך געפינען נעבן מיר, וועל איך צוזאַמענרופן די גליקלעכסטע מאָמענטן פון מיין לעבן. און זיי וועלן קומען: ווער מיט פרייד און געלעכטער, ווער מיט טרויער און פאַרגעבונג אין זייערע בליקן. זיי וועלן זיך אויסשטעלן אַרום מיין בעט, יעדער אין זיין באַליבטער פּאָזע, און מיר נעמען דערציילן, מיך נעמען דער־מאָנען: „געדענקסט ?.. ס'איז געשען אין יענעם טאָג.. אין יענער נאַכט.. ווען..״ ווי גוט ס'וואָלט געווען, ווען אין אַזאַ צייט וואָלט עמיצער גע־פינען אין זיך געוונג מוט און אָנשטעלן אויף מיין ראַדיאָ־וויקטראָלע — טשייקאָווסקיס „פּאַטעטיק", אָדער בעטהאָווענס: „כאָראַל סימ־פאָני".. אָדער גאָר די בראַוואורנע קלאַנגען פון שובערטס „מאַרש מיליטער".. און זאָלן זייערע פיינלעך־זיסע קלאַנגען מיך דערפירן צו דער לעצטער טרעפּ — — — — — — — — — — — —

אָבער צי וואָס זיך נאַריש מאַכן ?! ווער ווייסט עס פּינקטלעך,

ווען די לעצטע שעה וועט קומען? ווי לייכט דאָס שפּילן און שרעק קענען פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ פּאַרס.. און ווען מען ליגט עס אין אַזעל־כע מינוטן אין זינען טשייקאָווסקי, בעטהאָווען צי שובערט??!

ווי אַ האַלב־דערקוילעט הינדל ליגט מען הילפלאָז און מען וואַרט אין טויט־שרעק דערקוילעט צו ווערן. אָדער מען מאַכט זיך מוט און מען פאַררעדט זיך מיט וועלט ענינים. דערנאָך קומט דער הייליקער מלאך־המות, גיט אַ פאַכמאַניש־פלינקן, זיכער, געשעפטס־מעסיקן שטויס אַרויס די נשמה פונם פלאַטערדיקן גוף און זי קייקלט זיך אַראָפּ, איינע אַליין, פון דער לעצטער טרעפּ.

איינע אַליין.. וואוהין?.. וואוהין?

און.. דאָס איז אַלץ.. פיניטאָ..

פעווראַל, 1940.

— — — — — — — — — — — — —

און דאָך.. ווי וואונדערלעך דאָס לעבן איז!.. און ווי וואונדערלעך עס קען ערשט זיין!.. און ס׳וועט זיכער זיין!

עס שרעקט דער טויט, אָבער.. ער שרעקט ניט אָפּ. ער יאָגט אָן אַ פּחד, אַ גרויל, אָבער עס בויגט זיך פאַר אים ניט דער מענטשלעכער ווילן, דעם מענטשנס געדאַנק. ער, דער „וואָס קומט און גייט „וואָגט זיך קעגנשטעלן דעם אַלמעכטיקן טויט, זוכט מיטלען און וועגן ווי צו באַגרעניצן זיין מאַכט, אָפּשוואַכן זיין ווירקונג.

ער — „דאָס שטויבעלע פון דער ערד״, לאַכט זיך אויס פונם אוראַלטן געזעץ פון וואַלד, אַז ווער ס׳איז שטאַרקער, דער איז גע־רעכט, דער זיגט און הערשט. אויפן אייביק־זוניקן באַרג־שפּיץ פון לעבן האָט דער מענטש אויסגעקריצט מיט טויזנט־מייליקע אויתיות זיינע אייגענע געזעצן, אויסגעכאַוועט אַ טרוים פון דורות: — ליבע — פרייהייט — שיינקייט — גלייך פאַר אַלעמען.

און אין קאַמף פאַר אָט די געזעצן, לאַכט ער זיך אויס פונם אַלטן מלאך־המות, וואַרפט פרייוויליק און חוצפה׳דיק טויזנטער לעבנס אויפן שייטער־פייער פון טויט, און יעדעס פון זיי איז אַ בלוטיק־פיינלעכער אַרויסרוף, אַ פרייד־געשריי אין קאַמף פאַר ליבע, פאַר פרייהייט, פאַר שיינקייט.

מערץ—1940.—ניו־יאָרק.

יאַנקל און זיין מאַדאָנע

אין די אַכצן יאָר, וואָס יאַנקל שוצמאַן געפינט זיך אין ניו־יאָרק, האָט ער אָפּגעשפּאָרט די פּאָלגנדיקע, ווי ער רופט זיי, „פּודאַ־מעטאָלנע" זאַכן: אַ ווייב מיט דריי קינדער, אַ קראָם פון גרינ־וואַרג אין קוני־איילאַנד, אַ טראָק פּאַר „ביזנעס" אַ טויזנט דאָלאַר אין די „בענק", קליינע פּאַרזיכערונג פּאָליסיס פּאַר זיך מיט די צוויי אינגלעך און אַ צונאָמען: „יאַנקל דער משוגע׳נער".

עטוואָס נידעריקער פון מיטלען וואוקס, מאָגער, שמאָל אין די פּלייצעס, מיט אַ לאַנגלעכן פּנים און שפּיציק נעזל. זיינע שטענדיק צעשויבערטע ברוינע האָר מיט די בערשטלדיקע וואָנצעלעך, האָבן אים צוגעגעבן דעם אויסזען פון אַן איבערגעוואַקסענעם אינגל, וועל־כער האָלט דערצו ניט זייער שטאַרק פון קיין וואַסער מיט זייף.

זיין שפּראַך, פּונקט ווי די באַוועגונגען, איז געווען זייער אַ אימפּעטיקע: די ווערטער האָבן ניט געקענט אָניאָגן דעם געדאַנק, זיך געפּלאָנטערט איינער אין צווייטן, אָפּט אַרויסגעשטויסן די נוי־טיקע פּאַרזילבן און די אַרומיקע פלעגן זיך מוזן גיכער אָנשטויסן ווי קלאָר פּאַרשטיין וואָס ער מיינט. דערצו האָט ער זעלטן אַריינ־געקוקט אין אַ צייטונג, קיינמאָל אין לעבן קיין בוך ניט געלייענט, און דערפּאַר איז די צאָל פון זיינע ווערטער געווען זייער אַ באַ־גרענעצטע.

די ווייבער, וואָס פלעגן אַריינקומען צו אים אין קראָם, האָבן אים געהאַלטן פּאַר אַביסל אַ צעדרייטן און זיך געוואונדערט אויף זיינע פייאיקייטן אַזוי גוט צו פירן די געשעפטן. יאַנקל האָט געוואוסט וועגן דעם, ס׳האָט אים אָבער ווייניק וואָס געקימערט: ער האָט וועגן זיי געהאַט אַ פיל ערגערע מיינונג.

לויט זיין מאַרק־פילאָזאָפיע זיינען פרויען, מיט גאָר קליינע אויסנאַמען, די נישטיקסטע באַשעפענישן, וועלכע טויגן זיך אויס בלויז אויף צו האָבן קינדער, קאָכן וועטשערע און פּאַרשאַפן דעם מאַן אַביסל זינדיקן פּאַרגעניגן. אפילו די אויסגעפּוצטע ליידיס פון די „סי־געיט" זיינען ביי אים געווען ניט מער, ווי יאַכנע־דוואָשעס, וועלכע

יאָגן זיך אַרום נאָך „באַרגנס" און וואָלטן זיך אַליין פאַרקויפט פאַר אַ גוטער מציאה.

און ער האָט זיי געגעבן „באַרגנס" און מען איז צו זיין געוועלב געלאָפן פון אַלע זייטן פונם „פריילעכן" אינזל.

אין דער היים, אין אַ קליין כערסאָנער שטעטל, איז יאַנקל גע־ווען אַ שוסטער. צו צוואַנציק יאָר איז ער געקומען קיין ניו־יאָרק. די הימל־קראַצערס, דער אימפּעטיקער געלויף פון מחנות מענטשן, דאָס יאָגעניש פון די אויטאָמאָבילן — האָבן געמאַכט אויף אים אַזאַ שטאַרקן איינדרוק, אַז פאַר אים איז קלאָר געוואָרן, אַז זיך ווידער אַוועקזעצן אויפן דריי־פוסיקן, שוסטער־בענקעלע, איז שוין פאַר אים אוממעגלעך, אַז ער מוז קריגן אַזאַ מין אַרבעט, וועלכע זאָל אים אַליין אויך געבן אַ מעגלעכקייט צו לויפן, גיין, שרייען, זיך שטופן גלייך מיט אַלעמען. אַנדערש וועט ער עס ניט אויסהאַלטן, וועט אינגאַנצן פאַרפאַלן גיין.

און נאָך די זעלבע וואָך האָט ער שוין געקראָגן אַ שטעלע אין אַ גרויסן, ברוקלינער גרינוואַרג „מאַרקעט". דאָ איז געווען זיין וועלט: מען האָט גערעדט אידיש, די ווייבער האָבן אויף אים געשריען און ער אויף זיי, דאָ האָט דער מענטשן־שטראָם געפלאָסן אַ גאַנצן טאָג אַריין און אַרויס און ער איז געווען אַ נויטיקער טייל פון דעם אַלעמען.

יאַנקל האָט זיך גאַנץ שנעל אַרויפגעאַרבעט. אָנגעפאַנגען האָט ער מיט דריי דאָלאַר אַ וואָך, גיך אַריבער צו פינף, זיבן, שפּעטער האָט זיין געהאַלט גענומען נאָך שנעלער וואַקסן, און צום סוף פונם ערשטן יאָר האָט ער שוין געקראָגן פופצן דאָלאַר אַ וואָך.

כחות זיינען געווען איבערגענוג, די אַרבעט האָט געברענט אונטער די הענט און יעדן שבת, מיטאָג צייט, פלעגט ער זיך אַריינכאַפּן אין אַ דערבייאיקער באַנק און אַריינטראָגן אַ „פּאָר סענט". אין אַלגעמיין איז ער געווען זייער צופרידן מיט זיין שיקזאַל און דאָס איינציקע וואָס האָט נאָך געשטערט, זיין גליק זאָל זיין פולקאָמען, איז געווען דעם באַלעבאָסעס „טראָק". אָט דער „טראָק", געטריבן פון מעקסן, אַ צווייטן אָנגעשטעלטן, האָט אים איינפאַך ניט געלאָזט שלאָפן דורך די נעכט: אים האָט זיך געדאַכט, אַז גאַנץ אַמעריקע וואָלט געווען זיינע, ווען ער זאָל נאָר קענען אַ יאָג און אַ דריי טאָן דעם טראָק און אים אָפּשטעלן פונקט פאַרן „סטאָר" מיט דער זעלבער ממזר'ישער געשיקטקייט, ווי מעקס טוט עס.

און יענעם טאָג, ווען ער האָט עס דערוויזן צו טאָן, וועט ער קיינ־מאָל אין לעבן ניט פאַרגעסן. ער האָט דאַן ווי געפונען זיין פּלאַץ אין דער לויפנד־טומלנדיקער וועלט, וואָס הייסט אַמעריקע, ער איז געוואָרן אַ מיטלויפער, אַ מיטקעמפער, אַ מיטשאַפער.

פינף יאָר זיינען פאַראיבער. יאַנקל האָט שוין איצט געשלונגען ענגלישע ווערטער מיטן זעלבן אימפעט, ווי פריער אידישע, אָדער ריכטיקער — ער האָט זיי איצט געמישטע געשלונגען צוזאַמען. אין די „בענק" האָט ער שוין פאַרמאָגט אַ טויזנט דאָלאַר און הינטער־ווילעכטס געזוכט אַן אייגענע „ביזנעס" ערגעץ־וואו אין אַ נייער געגנט.

איינמאָל, אין אַ שבת אָוונט, איז ער געזעסן ביי זיינעם אַ וויטן „אַנקל", וועמענס פרוי איז געלעגן געוואָרן. דעם אַנקל האָט מען אין דער משפחה גערופן: „אַנקל־טאַקע" . . . ווייל צו יעדע פּאָר ווער־טער פלעגט ער צוגעבן דאָס וואָרט „טאַקע". אַזוי זיצנדיק האָט מען געכאַפּט צו עטלעכע שנעפּסלעך, פאַרביסן מיט לעקעך און זיך היבש־לעך דערוואַרעמט. און אַז מען איז שוין געוואָרן גאָר היימלעך, רופט זיך אָפּ דער אַנקל: — הער נאָר, יאַנקל, וויפיל איז טאַקע אַ שטייגער דעד שיעור? אַ דזשאַב האָסטו, דאַנקען גאָט, אַ גוטן, אַ פּאָר טאָ־לער אין די „בענק" אויך, פרעגט זיך אַ קשיה, ווי לאַנג קען עס טאַקע אַ יונג אַרומלויפן אויף דער וועלט, איינער אַליין? . . ווי לאַנג? ביסט דאָך, להבדיל, טאַקע פונקט ווי אַ הונט . . וואָס זאָג איך, ווי אַ הונט? אפילו אַ הונט זוכט אויך אַ צויג . ווי פאַרטראַכסטו זיך עפּעס ניט מכות אַ תכלית? . . כ׳מיין טאַקע מכוח אַ שטיקל ווייב?

יאַנקל האָט געגעבן אַ פּלוטעוואַטן שמייכל און דערביי טיף אַריינ־געצויגן די הויט אין זיינע אויסגעדאַרטע באַקן: — אייך ז׳גוט, אַנקל. איר׳ט מיט׳בראַכט פון ד׳ריים אַ היימ׳שע ווייב . . איך ב׳פיינט די מ׳ריקאַנער פינטפּליושקעס . דעמעט!

— ביסט אַ פּרא־אָדם! — לאַכט דער אַנקל אַביסל שיכור׳לעך — ניט אַלע זיינען פינטעפּליושקעס . . אויב האָסט טאַקע נאָר קיין מורא ניט, קום טאַקע גלייך אַריבער מיט מיר צו מיינעם אַ באַקאַנטן . . טאַקע דאָ ניט ווייט . . האָט ער, ברודער, אַ פּלימעניצע. באַשקע הייסט זי. טאַקע ערשט צוויי יאָר פון דער היים. איז דאָס שוין איינמאָל אַ באַשקע. שיין, קלוג, ערלעך . . אַז זי, ברודערקע, גייט

אַרויף אויף אַ קאַר, דאַרף טאַקע דער מאָטאָרמאַן דערנאָך עטלעכע מאָל אַ דריי טאָן דאָס רעדל ביז די קאַר רירט זיך פון אָרט.

יאַנקל האָט זיך צעלאַכט: — מורא? נאַטן־דוּאין . . כ׳על גיין. ב׳צאָלן דאַרף מען ד׳ניט? כ׳על קוק טאָן . .

ביים אָנקומען קיין ניו־יאָרק האָבן די הימל־קראַצערס פאַרכאַפּט יאַנקלס פאַנטאַזיע און די „עפּל־פּאַיס״ — זיין געשמאַק.ביידע זיינען געוואָרן פאַר אים סינאָנימען — די ערשטע פון עשירות און מאַכט, די צווייטע — פון אַנטציקונג.

און ווען ער איז אין יענעם אָוונט אַרויס פון באָשעס הויז און דער אָנקל האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— נו, תכשיט, וואָס וועןסטו טאַקע איצט עפּעס זאָגן?

— האָט יאַנקל מיט אַ טיפן זיפץ קורץ געענטפערט:

— אָ־רייט, אָנקל. שוין איינמאָל אַן עפּל־פּאַי!

דער אָנקל האָט זיך צופרידן צעלאַכט: — אַזאַ ווייב, ברודערקע, קען טאַקע קלעקן אויף אַ האַלבן טוץ אַזעלכע ווי דו. דאָס איז ניט קיין הילצערנע, אַמעריקאַנער הייזקע, וואו מען קען, אַריינקלאַפּנדיק אַ טשוואָק, אויפהענגען העטס פוןביידע זייטן וואַנט. דאָס, יאַנקעלע, איז טאַקע אַ היימישער, שטיינערנער „מאַוער״ מיט ברייטע גאַנקעס פון אַלע פיר זייטן . . — און ער האָט אַ ברייטן פיר געטאָן מיט די הענט אַרום זיין קערפּער.

יאַנקל איז געגאַנגען פאַרטראַכט נעבן אים און געשוויגן.

* * *

געוועזן איז באָשע פון מיטעלן וואוקס און געוואויגן האָט זי קאַרגע 179 פונט. איר פּנים און לייב אינגאַנצן ווי אויסגעקנאָטן פון בלוט און שניי. אויף איר קיילעכדיקן, ברייטלעכן פּנים האָבן מיט אַ שטאַרקער, כמעט בייזלעכער שאַרפקייט, זיך אָנגעזעצן אירע פעדער־שוואַרצע, מיט אַ שרינט אין דער מיט, צעקעמטע האָר, געדיכטע ברעמען און גרויסע, שוואַרצע אויגן. די נאָז אַביסעלע צו שאַרף, דאָס מויל אַ ברייטלעכס, אָבער מיט נאַטירלעכע רויטע זאַפטיקע ליפּן. אַלט איז זי געווען 24 יאָר.

עפּעס איז געווען אין איר ענלעכעס צו ראַפאַעלס מאַדאָנע און די וואָס האָבן אַמאָל געזען אין די צייטונגען אַ רעפּראָדוקציע פונם וועלט באַוואוסטן בילד, האָבן געמוזט די ענלעכקייט באַמערקן. און אַ צו־נאָמען „מאַדאָנע״ האָט זיך פעסט צוגעקלעפּט צו איר.

די ערשטע צייט האָט דער צונאָמען זי געערגערט, באַליידיקט, אָבער שפּעטער, ווען מען האָט איר געגעבן צו פאַרשטיין, וואָס דער נאָמען מיינט, האָט זי אַ גלייכגילטיקן מאַך געטאָן מיט דער האַנט:
— זאָלן זיי בילן . . כ׳האָב זיי סיי־ווי אַלעמען אין דער ערד.

קיין צו באַריידעוודיקע איז באַשקע ניט געווען, אָבער דאָס וואָס זי האָט געזאָגט, האָט שטענדיק געהאַט אַ דירעקטע שייכות צו איר טאָג־טעגלעכן לעבן: הויז, מלבושים, פּרנסה, צוקונפט, הייראַט. בפרט צום לעצטן. זי האָט זיך שוין געהאַלטן פאַר אַן אַלטער מויד און מיט אַ רואיקן שמייכל אויף די פולע ליפּן, אָבער מיט געהיימער זאָרג און שאַרפן נייגיר אין די שוואַרצאַפּלען געזוכט צווישן די באַקאַנטע אַ חתן.

ווען באַשקע איז צום ערשטן מאָל געבליבן אַליין מיט יאַנקלען אין צימער, האָט זי אים גענומען דערציילן אַ געשיכטע פונם היימישן שטעטל, אָבער צווישן איין פּאַסירונג און דער צווייטער, פאַרזיכטיק און געשיקט אַריינגעפלאָכטן פראַגעס וועגן זיין געזונט, פאַרדינסטן, אָפּגעשפּאָרטע געלטער און פּלענער פאַר דער צוקונפט.

יאַנקל האָט ניט געקענט צו לאַנג אויסהאַלטן איר פריינטלעך־פאַרשנדיקן בליק און איר געענטפערט, קוקנדיק אָן אַ זייט, אָדער אויף די שפּיצן פון זיינע שיך.

און זי האָט געפאָרשט זיינע באַוועגונגען, געזיכט־צוגן און געטראַכט „דאָר איז ער, ווי אַ כרוסטש . . עפּעס אַן אומרואיקער . . אַ טאַנצנדיקער . . אַזעלכער וועט קיינמאָל אין הויז ניט איינזיצן . . האַלט אין איין כאַפּן און זיך בריען מיט די ווערטער.

און שפּעטער האָט זי אָפּגערופן יאַנקלס אָנקל אָן אַ זייט און אים גלייך אַ פרעג געטאָן: — זאָגט מיר, איז ער, חלילה, ניט קיין שטיקל צעדרייטער? . . עפּעס האָט ער צופיל פליגל . . טוט אַלץ צו שנעל . .

דער אָנקל האָט זיך צעלאַכט: — זאָל טאַקע גאָט העלפן, אַז ווען מיין טאָכטער וועט דאַרפן חתונה האָבן, זאָל זי טאַקע קיין ערגערן צעדרייטן ניט קריגן . . אמת, ער רעדט טאַקע אַביסל צו שנעל. איז וואָס? ס׳איז דאָך אַמעריקע. אַלץ אויף „האַרי־אַפּ״. דערפאַר איז ער אָבער אַן אויסגעצייכנטער ביזנעס־מאַן. ער האָט טאַקע געגעבן אַ דעפּאָזיט אויף אַ גרויסן סטאָר אין קוני־איילאַנד און וועט אי״ם אם־ירצה־השם אין גיכן עפענען . . אַ צעדרייטער גאָר? הלוואי העלפט מיר טאַקע גאָט פאַר מיין שרה׳לען קיין ערגערן חתן.

דאָס וואָרט „ביזנעס־מאַן" איז פאַר באַשקען געווען דאָס זעלבע וואָס „עפּל־פּאַי" פאַר יאַנקלען. פאַר די צוויי יאָר, וועלכע זי האָט פאַרבראַכט ביים ברודער, דעם „אָרטשאַרד סטריט פּעדלער", האָט זי זיך אַזוי פיל אָנגעהערט וועגן „ביזנעס" און איבער־נאַכט רייך־געוואָרענע „ביזנעס־לייט", אַז צו קריגן אַ „ביזנעס מאַן" פאַר אַ מאַן, האָט ביי איר שוין געמיינט, ווי געבן האַנט־געלט אויף אַ זאַטן, רואיקן לעבן.

מיט דריי חדשים שפּעטער האָבן זיי חתונה געהאַט. אַ וואָך נאָך דער חתונה געעפנט אַ היפּשן גרינוואַרג קראָם אויף מוירמעיד עוועניו, אין סאַמע האַרץ פון קוני־איילאַנד.

* * *

פונקט דריי אַזייגער פאַרטאָג גיט דער גרויסער, פאַרזשאַווערטער וועק־זייגער, וואָס שטייט אויף אַ לימענע־קעסטל האַרט נעבן פאַר־פאַלקס בעט, צוערשט אַ שטילן, וואָרנדיקן קלונג און ווערט אַנט־שוויגן. אין קליינעם צימער איז די לופט געדיכט מיטן ריח פון מענטשלעכע קערפּערס, געמישט מיט גרינוואַרג. אַ קורצע ווײַלע איז שטיל, אָבער באַלד רייסט זיך דער אַלטער זייגער ווי אָפּ פון אָרט מיט אַזאַ אימפּעטיקן געקלאַנג, פונקט ווי צענדליקער אַנדערע זייגערס וואָלטן אים פון אַלע ווינקלען מיטגעהאָלפן. דער גאַנצער צימער ציטערט אויף און נעמט ממש אונטערשפּרינגען.

יאַנקל שלאָפט געוויינלעך אויף דער רעכטער זייט און האַלט זיין לינקן פוס פאַרוואָרפן איבער באַשקעס קני, זיין זומערדיק אָפּגע־גאָלט קעפּל ליגט אויף איר אַנטבלויזטן רחבת׳דיקן בוזים.

ער הערט דאָס קלינגען פון זייגער, ער קען זיך אָבער פון אָרט ניט רירן: זיינע ניט אויסגערוטע אברים זיינען פונקט ווי מיט טשוועקעס צוגעקלאַפּט צום בעט.

ווען דער זייגער האַלט שוין ביים אַנטשוויגן ווערן, עפנט באַשקע אירע אויגן, גיט זיך אַ פלינקן רוק אַן אַ זייט און פון אַט דער באַווע־גונג אירער גיט זיך יאַנקלס לינקער פוס, צוזאַמען מיטן קאָפּ אַ באַמבל אין דער לופטן און בײדע פאַלן איינצייטיק שווער אויפן קישן. דערנאָך בויגט זי זיך צו און זאָגט אים אין אויער אַריין:

— שטיי אויף, יאַנקל. וועסט דעם „מאַקעט" פאַרשפּעטיקן!

דאָס וואָרט „מאַקעט" ווירקט ווי אַ כישוף: ער זעצט זיך האַס־

טיק אויף, קראַצט בייז דאָס פּנים, דעם קאָפּ מיט אַלע צען פינגער און קרעכצט מיט אַ הייזעריקער שטימע: — דעמעט!.. דעמעט!..

— שוין באַלד פיר. — זאָגט באַשקע רואיק.

מיט איין שפּרונג איז שוין יאַנקל אין די הויזן, אַ פּאָר וואָרף מיט די הענט און פיס און ער שטעקט שוין אין די שיך און דער ברוינער, לעבערדיקער סוועטער קריכט ווי אַליין אַרויף אויף אים. די קעפּקע כאַפּט ער פון דיל, שוין שטייענדיק נעבן דער טיר און מיט פינף מינוטן שפּעטער רייסט זיך שוין זיין גרויסער „טראָק" זשומענדיק אַרויס פון הויף און צעגייט זיך מיט אַ פּיפּערריי אין דער ווייט.

באַשקע לייגט זיך צוריק אַוועק און, מאָדנע: אָן דעם מאַן פאַר־נעמט זי פּונקט דעם זעלבן שטח ווי מיט אים. זי שלאָפט גלייך איין.

אַז יאַנקל טרייבט זיין טראָק, האָט ער ליב, אַז אפילו ביינאַכט זאָל די גאַנצע גאַס וועגן דעם וויסן. זיין „שופר" האָט אַ שם איבער גאַנץ קוני־איילאַנד. יענע, וועמען זיין ביינאַכטיקער טומל וועקט אויף פון שלאָף, ווייסן שוין, אַז ס'דאַרף זיין אַרום פיר אַזייגער: דער משוגענער יאָגט זיך אין מאַרק אַריין.

היינט איז אָבער יאַנקל צו בייז אפילו צו מאַכן אַ טומל: „גאָד דעמעט!" — טראַכט ער. יעדער אַרב'טער כראָפּ'ט נאָך.. ביז זעקס.. בלויז איך, ווי אַ הונט.. דעמעט!..

נעבן אַ האַלב־באַלויכטענעם רעסטאָראַן שטייט אַ קליין טראָקל. אויף זיינע גרין געפאַרבטע זייטן זיינען אויסגעמאָלן צוויי פעסלעך מיט געזייערטע אוגערקעס און אונטער זיי — אויפשריפטן מיט געלע און רויטע בוכשטאַבן: „די ברוקלין ליבערטי פּיקלינג קאָ.".

יאַנקל שמייכלט אין די וואָנצעס: ער ווייסט, אַז דאָס טראָקל איז פול ניט מיט קיין געזייערכטס, נאָר מיט קעסטלעך שנאַפּס. אַ סימן דער פּאָליסמאַן שטייט אויפן ראָג און היט עס זאָל חלילה מיט'ן טראָקל קיין בייזעס ניט געשען. פאַרבייטראַגנדיק זיך דעם ראָג, בויגט זיך יאַנקל אַרויס פון זיין זיץ־פּלאַץ און שרייט מיט אַלע כוחות: — האַ־האָ!.. ד'מאָרנינג, אָפּ'סער! האַ־האָ!.. — און גיט צו שטילער: — כאַבאַרניקעס!.. בוטלעגער!.. אַ בראַנד ז'איך אין די ביינער!.. דעמעט!..

* * *

פונקט האַלב נאָך פינף צעקלינגט זיך ביי אַ שכן דער זייגער. דורכן דרימל דערקענט באַשע דעם קלאָקמאַכער בערנשטיינס „קלינ־גער". זי עפנט מיט אַמאָל ברייט די אויגן. איר ערשטער בליק איז צום פענצטער, דער צווייטער צו די קינדער. די צוויי אינגלעך: מעקס — צען יאָר און דעניעל — אַכט, שלאָפן אויף אַ צונויפגע־לייגטן בעט, אין ווינקל. זיי ליגן אינגאַנצן אָפּגעדעקט, די פיס צו־זאַמענגעפלאָכטן, ווי אַ קוילעטש. די עלטערע מיידל — עטהעל, דרייצן יאָר, שלאָפט אין צווייטן צימערל. דורך דער אָפענער טיר זעט זיך בלויז איר צעפּאַטלטער קאָפּ אויף אַ שמאָלן בעטל.

אין דרויסן דאַרף שוין זיין ליכטיק, אָבער די צוויי פענצטער פון צימער קומען אַרויס אין אַ פאַרבויטן, שמאָלן דורכגאַנג און זיי זיינען נאָך אָנגעהויכט מיט בלוילעכע שאָטנס, וואו ניט וואו דורכ־געוועבטע מיט לייכטע זונענפלעקן.

באַשע גייט פלינק אַראָפּ פון בעט און דער דיל גיט זיך אַ שווערן וויג אונטער איר טראָט. זי ציט אַראָפּ פון זיך דאָס נאַכט־העמד און דער צימער ווערט מיט אַמאָל ווי באַלויכטן מיט אַ ציטערנ־דיקער מילך־ווייסקייט. פונקט ווי פערלדיקע שטראָמען וואָלטן זיך געריסן פון אירע ווייכע, רונדיק־זאַפטיקע גלידער, שטראָמען איבער־געפילטע מיט געזאַנגען און די צאַרטסטע געזאַנגען און ווילדסטער תאוה.

ביז זעקס ראַמט זי אַביסל צו די צוויי צימערן, וואַשט איבער דאָס שמוציקע געפעס פון דער נעכטיקער וועטשערע, מאַכט פאַרטיק דעם פרישטיק פאַר די קינדער. דערנאָך וואַשט זי זיך אַרום.

אַ פינף־צען מינוטן נאָך זעקס הערט זיך שוין פון ווייטנס יאַנקלס פייפן. זי דערקענט אים גלייך. אין ווינקל פון איר פולקאַם־רויקן פנים גיט אַ ציטער אַ שפּאַטיש אָדערל. זי גייט דורך די קראָם און צעעפנט ברייט די טירן אין גאַס אַריין.

די קראָם געפינט זיך אויפן ראָג פון מוירמעיד עווענױ און איינער פון די פאַראַלעלנע גאַסן, וואָס לויפן גלייך צום ים. צוזאַמען מיט אַ שטראָם ליכט רייסט זיך אין באַשעס אויגן אַריין אַ שטיקל ים׳ישע בלויקייט און אַ ברוינער אָפּשניץ פונם „באָרדוואָק".

מענטשן איילן זיך אין ריכטונג פון סאָבוויי. אַנדערע שפּאַנען געמיטלעך אין די באָד־קאָסטיומען צום ים. מוירמעיד עווענױ צע־פּראַלט איילנדיק אַלע אירע טירן פון ביידע זייטן און אין יעדער

פון זיי איז אַ קראַם, אָדער קרעמל און אין יעדן מאַכן זיך די קרעמער פּאַרטיק פאַרן טאָג.

באַשע קוקט אין ריכטונג פון וואַנען יאַנקל דאַרף אָנקומען און אין דער זעלבער צייט וואַרפט זי זייטיקע בליקן וואָס עס טוט דער קאָנקורענט זייערער, דער קרעמער פון גרינוואַרג איבערן וועג. יענעמס טיר איז האַלב אָפן: ס׳ווייזט אויס, ער איז נאָך ניט צוריק־געקומען פונם מאַרק. עס טוט איר הנאה, וואָס ער האָט זיך פאַרשפּעטיקט.

מר. שפּינער איז אַ נידעריק אידל מיט אַ געל־פאַרוואַקסענעם פּנים פון וועלכן עס קוקן לעמעשקעוואַטע אַרויס אַ קורץ־קיילעכדיקע גראָבע נאָז מיט צוויי גרויע גאָרניט זאָגנדיקע אויגן. ער האַלט אָן „עפּעטאַיזינג״ קרעמל די צווייטע טיר פון יאַנקלען. ער שטייט שוין אין דרויסן מיט ביידע הענט איינגעגראָבן אין אַ פּעסל הערינג. — „גוט־מאָנינג״, באַשע, — באַגריסט ער זי מיט אַ כריפּנדיקן טענאָרל.

— ווי קומט עס וואָס יאַנקל איז נאָך ניטאָ?

— ווער זאָגט עס, אַז ער איז נאָך ניטאָ? — גיט זי אַ זיכערן שמייכל. — אָט איז ער דאָך!

אין דעם זעלבן מאָמענט גיט זיך יאַנקלס טראָק אַ פלינקן דריי אַרויס פון אַ זייטיקער גאַס און בלייבט וואויל־יונגעריש שטיין פּונקט פאַר זיין קראַם . . לויט זיין אויפגעלייגטן פּנים, זעט שוין באַשע, אַז ער האָט היינט איינגעהאַנדלט אַ פּאָר מציאות און נאָך איידער ער האָט צייט אַרונטערשפּרינגען פונם טראָק, וואַרפט ער איר אָנטקעגן דריי ווערטער: — צ׳אָרייט, באַש . . צוויי.

— וואָס?

— ל׳מאָנטשיקעס און „גריי׳פרוטס״!

— פּרייז?

—אַ פּעני און דריי פּר׳דאַים.

זי בויגט צופרידן אָן דעם קאָפּ און גייט וועקן די קינדער.

געוועזן נאָך אַ זאַך, אַ חוץ די מציאות וואָס האָט געצויגן די ווייבער צו יאַנקלען אין געוועלב: דאָס איז געווען די מעגלעכקייט אַליין אויסצוקלייבן פאַר זיך די בעסטע „וואַרע״. יאַנקל האָט איינ־געפירט אַ סיסטעם לויט וועלכער יעדער קונה האָט אַליין גענומען אַ „בעג״, אַליין געקליבן די סחורה און אפילו אַליין זי געוואויגן. דערנאָך פלעגן זיי צוטראָגן די פּעקלעך צו באַשען אָדער יאַנקלען,

וועלכע פלעגן אויף שנעל זיי איבערוועגן און צוזאַמענרעכענען.

אין דער צייט וואָס באַשע האָט זיך אינעווייניק געפּאָרעט מיט די קינדער, האָט יאַנקל אויסגעשטעלט די סחורה אין דרויסן אויף צוויי ברייטע, נידעריקע שטעלן: רעכטס — די פּרוכטן און לינקס דאָס גרינוואַרג. אין דער מיט פון דער ערשטער שטעל האָט ער אויפגעבויט אַ פּיראַמידע פון גרייפּ־פרוכטן און אין דער מיט פון דער צווייטער, אָנגעשאָטן אַ באַרג מיט לימענעס. ער האָט באַטראַכט מיט אָנטציקונג ביידע שטעלן, בפרט די פּיראַמידע מיט גרייפּ־פרוכטן און מיטאַמאָל האָט זיך זיין הייזעריקע, אָבער גאַנץ שטאַרקע שטימע, ווי צעשאָטן איבער דער נאָך האַלב־פּוסטער גאַס: — ווייב׳ר, ווייב׳לעך, אַהער! . . ל׳מאַנטשיקעס, ווי ס׳רויגימלעך . . ניט קיין דריי און ניט קיין צוויי . . פון ק׳ליפאָרניע צו אייך . . בלויז פאַר איין פּעני . . פאַר איין פּעני! .

באַשע איז אַרויס פון הויז און שטיין געבליבן נעבן דער טיר, זיך איינהערנדיק אין מאַנ׳ס קול. איר געפעלט זייער זיין אויסרופן די סחורה. זי טראַכט צופרידן: „הער נאָר אַ מענטש טראַכט עס אויס: לימאַנטשיקעס, ווי אתרוגימ׳לעך . . גלייך צו אייך פון קאַלי־פאָרניע . . פאַר איין פּעני . .״

— גיי כאַפּ עפּעס איבער, — זאָגט זי צו אים ווייך. — וועסט נאָך האָבן צייט אַ גאַנצן טאָג זיך צו רייסן די קישקעס.

— צ׳וועט ביי אונז היינט ברענען, באַש . . דעמעט!

— גיי, צעדרייטער, עס עפּעס אָפּ! — שמייכלט זי צופרידן.

ער לויפט אין הויז ברומענדיק אַ לידל.

* * *

דער ים, איינגעהילט אין ווייסן זאַמד, קוקט אַרויס פון אונטערן „באָרדוואָק״. ער זעט אויס ווי אַ ריזיק בלוי אויג באַשפּרינקלט מיט צעבראָכענע שטיקלעך גאָלד און שפּיגל. פון ביידע זייטן גאַס שטעלן זיך ביסלעכווייז איין צוויי שטראָמען באָדערס. מענער, פרויען, יונג און אַלט אין פאַרביקע באָד־קאָסטיומען, טראָגן נאָך אויף זייערע ברוינע, האַלב־אַנטבלויזטע קערפּערס געשמאַקע שטיקער וואַרעמקייט פון זייערע נישט־לאַנג פאַרלאָזענע געלעגערס.

קינדער יאָגן זיך מיט פריילעכע אויסגעשרייען, ווער מיט לאָ־פּעטקעס און עמערלעך אין די הענט, ווער מיט רויטע, אָנגעבלאָזענע „טייערס״ אויף די העלדזער.

באַשע קוקט זיי נאָך און דערמאָנט זיך, אַז נעכטן האָט זי אַפילו קיין מינוט ניט געקענט אָפּרייסן און צולויפן זיך אויסבאָדן.

פאַר דעם געוועלב באַווייזט זיך מרס. קנאָפּ. אַ לאַנגע, אַ דאַרע, גייט זי שטענדיק מיטן קאָפּ און פעדערשטיין טייל קערפּער אויף פאַראויס. אָט, אָט פאַלט זי אויף דער שפּיציקער נאָז. דאָס רעכטע אויג איז ביי איר נאָך פאַרשלאָפן אָבער דאָס לינקע נישטערט שוין צווישן די אַרויסגעשטעלטע פּרייזן אויף די קאָשעקעס מיט פּרוכט.

יאַנקל, וועלכער איז אַ מבין אויף מציאה זוכערינס, זאָגט, אַז זי איז די גרעסטע קושנירקע ניט נאָר אין קוני־איילאַנד, נאָר אין גאַנץ ניו־יאָרק. זי קויפט געוויינלעך אַלץ וואָס איז ביליק, ניט נע־מענדיק אין אַכט צי זי דאַרף די זאַך צי ניט.

זי דערזעט גלייך די פּרייזן איבער די ציטרינגען און די גרייפּ־פּרוכטן און אויך דאָס רעכטע אויג צעעפנט זיך ברייט: ערשט נעכטן פאַרנאַכט האָט זי פאַר צוויי פּונקט אַזעלכע ציטרינגען באַצאָלט פינף סענט. עס גיט איר אַזש אַ ברען פון פאַרדרוס: פאַרוואָס האָט זי בעסער ניט צוגעוואַרט ביז היינט? גיי ווייס. זי האָט שוין אָבער אַ פּלאַן: זי וועט קויפן אַ טוץ ציטרינגען און אַ טייל פון זיי פאַרקויפן צו אַ פּאָר שכנים צו צוויי סענט אַ שטיק. יענע גייען ניט צו יאַנקלען. אַזוי אַרום וועט זי אָפּמאַכן פאַרן נעכטיקן פאַרלוסט.

— גוד־מאָרנינג, באַשע!

— גוד־מאָרנינג, מרס. קנאָפּ! אַ שיינער טאָג היינט.

יאַנקל לויפט פון שטוב מיט אַ פולן מויל, פילט אָןביידע דלאָ־ניעס מיט ציטרינגען און טראָגט זיי איר אונטער: — זעט, מרס. קנאָפּ, ל׳מאָנטשיקלעך ווי בתולות׳לעך . . פּונקט ווי ווען איר׳ט אַלט געווען זעכטן יאָר . . אַ פּעני אַשטיק . .

זי ענטפערט אים ניט: זי איז פאַרטיפט אין אויסקלייבן די גרעסטע. זי האָט שוין אויסגעאַרבעט איר פּלאַן: זי קויפט צוויי טוצן ציטרינגען, אַ טוץ גרייפּ־פּרוכטן און איילט אַוועק.

יאַנקל קוקט איר נאָך מיט ביטול און זאָגט צו באַשען אין קראָם אַריין: — ז׳עט שוין האָבן מט׳וואָס צו פּעדלען צווישן ד׳שכנים . . די ק׳שנירקע . .

— אויף דיין באָבעס דאגות. גיי, משוגענער, ענדיק דיין ברעק־פעסט . .

יאַנקל לויפט אין שטוב אַריין: — אַ וועלט מיט ק׳שנירקעס.

דער טאָג פאַנגט זיך אָן.

די צווייטע באַווייזט זיך, מיט אַ פּאַפּירענעם קאָשעק אין האַנט — מרס. גאָלדבוירג. אַ שוואַרצינקע, אַ פּעטלעך־קלייניקע מיט פאַלדן איבער די איינגעפאַלענע באַקן. אַ נעזל — אַ ראַבע פּאַסאָלקע און איבער דעם, פון אונטערן פּאַריק, קוקן אַרויס צוויי שוואַרצע, שפּיציקע אויגעלעך. זי פאַרמאָגט אַן אייגן הויז דאָ ניט ווייט און שפּייזט יעדן טאָג ניט ווייניקער ווי אַ פּאָר צענדליק „באָרדערס". איר שוואַכקייט איז — גנב׳ענען.

ביי יאַנקלען אין געוועלב, וואו מען קלייבט און מען וועגט אַליין די „וואַרע", פּילט זי זיך גאָר געהויבן און מעג — דאָס גע׳גאַב׳עטע די ווערט האָבן בלויז אַ פּעני, פאַרשאַפט עס אָבער איר דעם גרעסטן פאַרגעניגן.

— די לאַטכענטע גייט! — זאָגט באַשע אין צימער אַריין.

— קיק׳יר אין ד׳הענט אַריין, דער סטערווע . . — ענטפערט יאַנקל מיט אַן אָנגעשטאָפּטן מויל.

— גוט־מאָרנינג! — שרייט די מרס. גאָלדבוירג נאָך פון דרויסן און שטעכט זיך איין מיט די בליקן אין אַ קאָשיק מיט גרויסע, געלע באַרן. זי נעמט איינע אין דער האַנט און וואַרפט אונטערווייַלעכץ אַ בליק צו באַשען אין קראָם.

באַשע איילט זיך איר אַנטקעגן, מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, ניט אַראָפּנעמענדיק די אויגן פון דער באַר.

— גוד־מאָרנינג, מרס. גאָלדבוירג. ווי פּילט איר מיטן געזונט?

— דאַנקען גאָט. דער וואָס לעבט אייביק פאַרלאָזט קיינמאָל ניט דעם וואָס האָט אים טאָקע אמת ליב. ווי לייזט איר די באַרן?

— צען סענט אַ פונט. צוויי פאַר נייַנצן. — באַשע שפּאַרט אָן ביידע הענט אויף די פעטע היפטן און היט דעם קאָשיק באַרן.

מרס. גאָלדבוירג לייגט אַוועק די באַר און זיפצט פרום אָפּ: — וואָס זייַנען היינט אייערע „ספּעשעלס"?

— אָט . . לעמאָנס אַ פּעני אַ שטיק, גרייפּ־פרוטס דריי פאַר אַ דאַים, מערעלעך פינף סענט אַ באַנטש . . שוין איינמאָל מציאות . .

— דעט׳ס טשיפּ . . וועריי טשיפּ *) — שטימט יענע צו און נעמט אָפּקלייבן ציטרינען. דער האַלב אָפּענער „בעג" ליגט נעבן איר. מיט די הענט קלייבט זי די ציטרינען און מיטן ווינקל פונם רעכטן אויג היט זי באַשען. און ווען די לעצטע קערט זיך אָפּ אויף אַ רגע

צו געבן אַ ווייבל אַ בינטל מערן וואַרפט זי פלינק אַריין צוויי לימע־נעס צו זיך אין קאַשיק.

באַשע באַמערקט עס און אַ בייז פייערל צינדט זיך אָן אין אירע אויגן. דער פּנים אירער איז אָבער, ווי געוויינלעך, פולקאָמען רואיק. זי טראַכט: „צוויי וואָכן זאָלסטו זיך רייסן אויף די ציין, דו פּאַס־קודנע קושנירקע . . וואַרט, איך וועל דיך שוין פּיקסן . .

מרס. גאָלדבוירג קלייבט דערווייל אָפּ זעקס ציטרינען און טראָגט זיי אונטער באַשען: — איר זעט? אָט נעם איך זעקס לעמאָנס . . כ׳וועל איינמאַרענירן אַ פּאָר הערינג . .

— וואָס איז מיט איך? — באַליידיקט זיך ממש באַשע — וואָס איז עס פּאַר אַ ציילעניש אויף איך? כ׳ווייס, איר דאַרפט ניט מיינס. עס זיינען אָבער פּאַראַן אַזעלכע וואָס מען דאַרף זיי קוקן אין די הענט אַריין און אין די קאַשיקעס. אויסקרענקען זאָלן זיי יעדע פּעני וואָס זיי גנב׳ענען ביי מיר. פּעטש וואָלט איך זיי דערלאַנגט, ווען כ׳זאָל זיי נאָר אַמאָל כאַפּן . . איז וואָס־זשע נאָך ווילט איר עפּעס, מרס. גאָלדבוירג?

מרס. גאָלדבוירג לאָזט שוין דעם קאַשיק פון האַנט ניט אַרויס. זי קויפט שוין מער ווי זי באַדאַרף און באַשע אַליין וועגט פּאַר איר און דערוועגט ניט צו יעדן פּעקל און צום סוף, אַריינוואַרפנדיק צו איר אין קאַשיק אַ בינטל מערלעך, ציפּט זי איינס אָפּ.

מרס. גאָלדבוירג באַצאָלט און גייט איילנדיק אַוועק. באַשע קוקט איר שפּאָטיש נאָך און זאָגט אין שטוב אַריין: — צוויי לעמאָנס צו־געלאַטכנט . . זי האָט אָבער באַצאָלט פּאַר זיי ווי אַ טאַטע.

יאַנקל לויפט פון שטוב מיט אַ מויל פול מיט קאַשע און גע־לעכטער. — ד׳ווייסט ז׳איז אַ גנב׳טע . אַ בראָך צ׳אירע ביינער . . ער קומט ווידער אַרויס און איבער דער גאַס הילכט גלייך אָפּ זיין קול: — ווייב׳ר !. . ל׳מאַנטשיקלעך! . . גריי־פּרוטס פון ק׳ליפאַר־ניע! . . איין פּעני! כאַפּט! . . אַ פּעני אַ שטיק!

ס׳דאַרף שוין זיין אַרום זיבן די גאַס ווערט מיט אַמאָל באַלעבט. געדיכטע רייען מענטשן איילן צו דער „בי־עמ־טי” און מיט איר קיין ניו־יאָרק צו דער אַרבעט.

פון דער צווייטער זייט גאַס קומען אַריבער צוויי מענער: ביידע

*) דאָס איז ביליק, זייער ביליק.

פון מיטעלן וואוקס, ביידע אין אַנהויב פון די פערציקער. איינער פון זיי, — מר. ברוקס, דערמאָנט זייער אָן אַ קאָמבינאַציע פון זעקס, שטאַרק אַנגעבלאָזענע באַלונען: פון אויבן — אַ קיילעכדיקער, פאַרן נאַקעטן קאָפּ מיטן לבנה׳דיקן פנים, דערנאָך קומען פיר לענגלעכע, פאַר די הענט און פיס און אין דערמיט — גאָר אַ גרויסער, פאַרן אומגעלומפּערט־פעטן גוף. ער ליידט פון עפּעס אַ האַרץ־קראַנקהייט און אַרבעט שוין ניט פאַר די לעצטע פינף יאָר. די ווייב איז די פּרנסה־געבערן. זי איז אַ „פינישערן״ ביי קלאָוקס און ער קאָכט וועטשערע און גיט אַכטונג אויפן הויז מיט די דריי קינדער.

דער צווייטער, מר. טאַבאַטשניק, איז פּונקט דער היפּך פונעם ערשטן: איידל, מיט טיף־איינגעפאַלענע באַקן און גרויסע, שוואַרצע אויגן, איבערגעפּילטע מיט אַ מין מאָדנע ברענענדיקער אומרו. שוין דאָס צווייטע יאָר, אַז ער האָט פאַרלוירן זיין שאַפּ, איז „אַרויסגעפאַלן״ פון דער אַרבעט און די פרוי האָט געמוזט ווערן די פאַרדינערן. די ערשטע דריי טעג פון דער וואָך יאָגט ער זיך, געוויינלעך, אַרום נאָך אַ „דזשאַב״, די איבעריקע צייט איז ער אין הויז, פירט די בעל־הבית׳ישקייט און ניאַנטשעט זיך מיט דער פינפיאָריקער מיידעלע.

זיי זיינען שכנים און פאַרברענגען אַפּט גאַנצע טעג, דיסקוטירנ־דיק טאָג־טעגלעכע פּראַגן, ווי אויך וועלט־פּראָבלעמען. ביידע פילן זיי זיך ניט באַקוועם אין די קראָמען צווישן די ווייבער און קויפן, געוויינלעך, איין גאַנץ־פרי אָדער פאַרנאַכט צו. מר. ברוקס איז אַ לייענער פון „טאָג״ און פון מר. טאַבאַטשניק׳ס קעשענע קוקט שטענ־דיק אַרויס די „מאָרגן־פרייהייט״.

— דאָס פאַר־פאַלק גייט . . — לאָזט יאַנקל וויסן באַשען אין קראָם אַריין.

— מאַך מיט די נודניקעס ניט קיין צופיל טענות! — וואָרנט זי אים קורץ.

יאַנקל זעט שוין פון וויטנס, אַז דאָס פּאָרל קריגט זיך. זייערע פנים׳ער זיינען אויפגערעגט און די הענט אַרבעטן מעשים, האַלטנדיק פעסט — יעדער זיין צייטונג.

מר. טאַבאַטשניק ווייזט אָן אויף אַ געוויסן אַרטיקל אין דער „מאָרגן־פרייהייט״ און היצט זיך: — וואָס דרייט איר מיר אַ קאָפּ מיט אייער „טאָג׳ס״ אומפּאַרטייאישקייט? אָט לעזט בעסער די אמת׳ע פאַקטן. זעט אַליין ווי ער קערט איבער די יוניאָן נייעס, וואָס

פאַראַ פּנים עס באַקומט זיין באַריכט פון אונזער נעכטיקן יוניאָן־מיטינג! . . עס איז אַ מעסער אין רוקן און . . איר צאַצקעט זיך מיט אומפּאַרטייאישקייט! פייק! . . בלאָף! . . אָט דאָס וואָס עס איז!

— הייסט עס — מר. ברוקס שטעלט זיך דערביי אָפּ און צענעמט ברייט מיט די פעטע הענט — איר ווילט זאָגן, אַז אַלע שרייבער וואָס דרוקן זיך אין „טאָג" זיינען פייקערס און בלאָפערס? . . אַזוי קומט ביי אייך אויס?!

— דאָס איז שוין אַ בלאָף — שפּרינגט מר. טאַבאַטשניק אַזש אונטער — דאָס האָב איך קיינמאָל ניט געזאָגט . . פאַראַן דאָרטן אויך אָרענטלעכע שרייבער, אָבער דער „טאָג" אַלס אַ גאַנצעס איז אַ „ביזנעס־פּראָפּאָזישן". ער איז אַ דעפּאַרטמענט סטאָר פאַר לעזער כל־המינים . . מען זוכט פּראָפיטן . . ווער עס באַצאָלט — קריגט דאָרטן וואָס אים ווילט זיך.

זיי שטייען שוין נעבן יאַנקל׳ס סטענד און דיסקוטירן ווייטער.

— אָט דאָס מיין איך טאַקע — דערפרייט זיך מר. בוירק — איר האָט מיר צוגעטראָפן: דערפאַר איז טאַקע דער „טאָג" אַ גוטע צייטונג, ווייל יעדער איינער קען אים לייענען.

מר. טאַבאַטשניק׳ס פּנים ווערט פאַרצווייפלט. ער רוקט אָנט־שלאָסן אַריין די „מאָרגן־פרייהייט" אין קעשענע: — יאַנקל, גיט מיר פינף פונט פּעטייטעס!

יאַנקל שטימט איין מיט מר. בוירקן און בעת ער וועגט די קאַר־טאָפל, זאָגט ער שטיל, באַשקע זאָל אים ניט הערן אין קראָם: — מר. טאַבאַטשניק, איר ז׳ניט ג׳רעכט: אַ פייפער ז׳דאַרף זיין פר׳אַלע־מען . . פר׳אַלע אידן . . ווי וואָלט ג׳וועזן, ווען כ׳פאַרקויף ב׳מיר אין סטאָר בלויז צ׳בילעס? . .

— גוט געזאָגט! — דערפרייט זיך מר. ברוקס.

יאַנקל איז צופרידן מיט מר. ברוק׳ס באַמערקונג און פּרוּווט קלערער מאַכן זיין געדאַנק: — ר׳פאַרשטייט מיך, מר. טאַבאַטש־ניק? . . נ׳טאָ ב׳מיר אין סטאָר ניט קיין פּטייטעס, ניט קיין לע־מענס, גריי־פרוטס, מערלעך, לעטעס . . בלויז צ׳בילעס און דאַ־צאָל . . דענקט כ׳וואָלט געקענט ק׳זיסטירן?

מר. טאַבאַטשניק׳ס פּנים ווערט רויט, ער בויגט זיך צו צו יאַנקלען און שרייט אים אין פּנים אַריין: — קאָפּ קרעמערשער! אַ צייטונג איז

ניט קיין קרעמל און מענטשלעכער גלויבן, מענטשלעכע נשמות זייַ־נען ניט קיין מערלעך אָדער רעטעכלעך!

יאַנקל פאַרשטייט לחלוטין ניט וואָס טאַבאַטשניק מיינט, אָבער נאָך איידער ער האָט צייט צו באַשליסן וואָס אים צו ענטפערן, דער־טראָגט זיך שוין פון קראָם באַשעס אומצופרידענע שטימע: — יאַנקל! . . יאַנקל! . .

צווישן אַכט און ניין אַזייגער, אַרויספּראָוואָדענדיק די מענער צו דער אַרבעט און די קינדער אין גאַס זיך שפּילן, גייען די מערסטע פרויען אַרויס איינקויפן. די מוירמעיד עווועניו ווערט מכּעט אויס־שליסלעך אַ פרויען גאַס. זיי פּילן אָן אַלע געוועלבן און „רייסן שטי־קער" פון די קרעמער: — שנעלער! האַרי, פּליז! מיר האָבן קיין צייט ניט! מיר ווילן זיך נאָך אויסבאָדן . . זיך אויסוואַרעמען אויף דער זון! . . זיך אויסרוען אַביסל! . .

ווי אַ געדיכטע וואָנט שטייען די ווייבער אין יאַנקלס קרעמל. דאָ איילט מען אָבער ניט די אייגנטימער, נאָר זיך אַליין. מען קלייבט פון די קוישן, מען וועגט, מען רעדט זיך איבער. יאַנקל, דאָס עלטסטע מיידל און אירע אַ חבר׳טע וועגן איבער די פּעקלעך און באַשע, שטייענדיק אויף אַ קעסטל, נעמט דאָס געלט און „היט" די ווייבערשע קאַשיקעס.

נעבן פענצטער שטייט די הויכע, שלאַנקע מרס. דובינסקי. זי איז געווען אַמאָל אַ פיינער ציגיינער טיפּ. איצט איז זי שוין אין די שפּעטע פערציקער און פון איר אַמאָליקן חן זיינען איר נאָך פאַר־בליבן: צוויי אָפּגעבליאַקירטע אויגן מיט ברוינע בלויזן אונטער זיי, אַ צעפאָרן מויל מיט נאָך היבש לײַדנשאַפטלעכע ליפּן און אָפּגעצויי־גענע אויערן מיט גרויסע ציגיינערישע אויערינגלעך. אירע באַקן און ליפּן זיינען שוין אַביסל צו־געדיכט פאַררויטלט און פון אונטער דער צעקנייטשטער, זיידענער קימאָנע קוקט אַרויס אַ בלויז־זיידן נאַכט־העמד.

זי האַלט אַ „פריילעך הייזל" איבערן וועג און, וועגנדיק אירע פּעקלעך, נעמט זי ניט אַראָפּ אירע הונגעריק־לאַסטשענדיקע בליקן פון די יונגע ווייבלעך וואָס שטופּן זיך אַרום איר. זייער באַרירונג פאַרשאַפט איר אַ פאַרגעניגן: קיין מענער קען זי שוין לאַנג ניט פאַרטראָגן. זי קוקט אויף די שלאַנקע, רונדע לייבער אַרום זיך און טרוימט ווי גוט עס וואָלט געווען, ווען זי וואָלט נאָר געקענט אָט די

אַלע „נקבה׳קאַלעך״ אַריבערשלעפּן צו זיך אין „הייזל״ . . שווערע טויזנטער וואָלטן זיך אַ שאָט געטאָן אויף איר . . אַ קליינינקייט: אַזאַ ביסעלע סחורה . .

באַשע קען זייער גוט די מרס. דובינסקי. זי ווייסט, אַז זי איז ניט קיין גנב׳טע, נאָר אַ פאַרזוכערקע. האַלט זי אויף איר אַן אויג, זעט יענערס בליקן אויף די ווייבלעך אַרום און טראַכט מיט דער־ווידער: „זע נאָר ווי די קוקערס האָבן זיך עס צעשפּילט ביי דער אַלטער פעל . . אַז אַרויסשפּרינגען זאָלן זיי איר נאָר . . אין אָט בייסט זי שוין איין אַן עפּל . . אַ מיתה־משונה אויף איר . .

זי איילט אַראָפּ פון קעסטל, גיט אַ וואונק צום מיידל זי זאָל פאַרנעמען איר אָרט, גייט צו מיט אַ ליבלעכן שמייכל: — יעס, מרס. דובינסקי, איצט וועל איך אייך „אַטענדן״ . .

אַרום עלף אַזייגער בלייבט פאַר יאַנקלס קראָם שטיין אַ שוואַרץ־בליאַסקענדיקער „קרייסלער״. ביים רעדל זיצט מרס סילווער און נעבן איר, איר פריינדין, מרס. באַנטשיק. זייערע באַנגאַלאָס שטייען אין אַ בלומען־גאָרטן איינע נעבן דער צווייטער. מרס. סילווער איז בלויז פינף פוס הויך און וועגט שוין 175 פונט. איר פּנים, בפרט די היפּטן ווערן וואָס אַ חודש אַלץ ברייטער און פעטער. ס׳ווערט איר שוין שווער צו באַוועגן מיט די הענט, בפרט מיט די פיס. האָט דער דאָקטאָר איר געראָטן זיך צו באַזעצן אויף אַ זומער ביים ים און אַליין טאָן די הויז־אַרבעט. ער האָט איר אויך באַפוילן צו מאַכן וואָס מער איבונגען. פאָרט זי דערפאַר טאָקע אַליין אויך איינקויפן.

קעגן איר זעט די אויסגעדאַרטע, שפּיציק־נאָזיקע מרס. באַנטשיק אויס ווי אַ שפּיזל אין אַ דיקן, וואָלענעם זאַק.

ווען דער בליאַסקענדיקער „קרייסלער״ האָט זיך היינט, ווי גע־ווינלעך, אָפּגעשטעלט פאַר יאַנקלס געוועלב, האָט מרס. באַנטשיק אַ טאָרע געטאָן די מרס. סילווער:

— לאָמיר צוואַרטן ביז די פּרוי, וואָס שטייט נעבן יאַנקלען, וועט זיך אָפּטראָגן. זי איז אַ „רויטע״ . . דאַכט זיך, אַז זי הייסט בערטאַ סימקאָוו. כ׳האָב זי אַמאָל געקענט פון דערוויטנס (אַז זיי האָבן צוזאַמען געאַרבעט ביי קלאָוקס, זאָגט זי ניט אויס). איר מאַן איז אַ געפערלעכער מענטש. ער וויל גאָר ניט אַרבעטן, בלויז סטרייקן . . נאָר ווי ס׳וויזט אויס, האָבן זיי נאָך דערוויל אויף צו פרעסן . . אַ שאָד.

פון אַלע פרויען וואָס קומען אַריין צו יאַנקלען אין קראָם, איז בערטאַ סימקאָוו כמעט די איינציקע מיט וועלכער ער האַלט זיך עטוואָס העפלעך. ערשטנס געפעלט אים איר האַלטונג. זי רעדט שטיל, רואיק, רופט אים שטענדיק מר. שוצמאַן. זי שטופּט זיך קיינמאָל ניט אין די „ראָש־האורס", קערט ניט איבער די „וואַרע" און בעט געווײנלעך, ער זאָל איר אַלץ אַליין אָפּוועגן. אויף יעדער זאַך פרעגט זי צוערשט דעם פּרייז און יאַנקל באַמערקט מיט זיין געניט אויג, אַז איידער זי הייסט זיך עפּעס אָפּוועגן, רעכנט זי אויף שנעל אויס צי זי קען זיך עס דערלויבן. אים געפעלט אויך זייער, וואָס זי רעדט צו אירע צוויי קינדער אַ פּשוט'ן אידיש און זיי ענטפערן איר אויך אויף מאַמע־לשון.

יאַנקל כאַפּט פון דער זייט אַ קוק אויף איר קליינער, גראַציעזער פיגורקע, אויף די צוויי שוואַרצע, פאַרזאָרגטע אויגן און טראַכט, אַז, ווי ס'ווייזט אויס, לעקט זי ביי דעם מאַן אירן ניט קיין האָניק. אַנ־דערש וואָלט זי ניט געלאָפן אַרבעטן אין שאָפּ און ניט געלאָזט די קינדער אויף גאַנצע טעג דער רוח ווייסט ביי וועמען. ער דערמאָנט זיך אָן מר. שפּינער'ס בייזע רייד וועגן די קאָמוניסטן. ער קען אָבער ניט קאָמבינירן אָט אַלע יענע שימף־ווערטער מיטן מענטשלעך־סימפּאַטישן געשטאַלט פון בערטען. ער פילט זיך היפּשלעך צע־טומלט, אָבער זיך אַריינטראַכטן, אַנאַליזירן — דאָס קען ער ניט.

איז דערווייל, ביז וואָס־ווען, ביז ער וועט אַמאָל צייט האָבן זיך פאַנאַנדערקלייבן ווער ס'איז גערעכט, קלייבט ער איר אַליין אויס די בעסטע סחורה, און לאָזט יעדן בעג היפּשלעך איבערוועגן.

פאַרבייגייענדיק, מיטן פּאַק גרינוואַרג אין די הענט, באַמערקט בערטאַ דעם אָטאָמאָביל און אין אים די מרס. סילוווער און די מרס. באַנטשיק. בעת די ערשטע קוקט זיך אויפמערקזאַם איין אין בערטען, קערט די צווייטע אָפּ דעם קאָפּ. דאַן באַווייזט זיך אויף בערטעס פּנים אַזאַ שפּאָטישער שמייכל, אַז דער מרס. סילוווער דאַכט זיך, אַז מען האָט איר אַריינגעשטאָכן אַ שפּילקע אין דער פּאַכווע.

יאַנקל האָט פיינט די צוויי פרויען אין שוואַרצן אָטאָמאָביל. ביידע האָבן זיי ביי אים איין צונאָמען: „דער חזיר מיטן אויערינגל". די מרס. סילוווער איז עס דער חזיר און די באַנטשיק דאָס אויערינגל. ער האָט בטבע פיינט גבירים, אפילו „קאָסטאָמער". דעם געפיל האָט ער מיטגעבראַכט נאָך פונם היימישן שטעטל, וואו ער מיטן טאַטן

פלעגן אָפּט מוזן אָפּזיצן גאַנצע פּאַר׳יום־טוב׳דיקע נעכט אַרויסעג־דיקנדיק עלעגאַנטע שטיבלעטן פאַר די גביר׳שע קינדער. שטיבלעטן, וועגן וועלכע ער האָט בלויז געקענט טרוימען.

באַשע — דאַגעגן, האָט זיך געגרויסט מיט רייכע „קאָסטימער״, זיי געצאָלט אַ באַזונדערע אויפמערקזאַמקייט און געהאַלטן, אַז זיי הייבן די חשיבות פון די ביזנעס, וואוהין זיי קומען אַריין.

דער שוואַרצער אַטאַמאָביל פאַנגט אָן אומגעדולדיק צו ברומען. יאַנקל מאַכט זיך ניט הערנדיק. אָבער פון קראָם טראָגט זיך שוין באַשעס קול: — יאַנקל! — און אין דעם איינציקן וואָרט איז פאַראַן אַזויפיל דראָונג, בקשה און פאָרוואורף, אַז ער גיט אַן אומצו־פרידענעם דריי מיטן שפּיציקן קאָפּ, דרייט זיך אויס און גייט צום מאַשין מיט אַן אַרויפגעצוואונגענעם שמייכל:

— האַ־יו־דו, מ׳סיס סילווער? האַ־יו, מרס. באַנטשיק? — און אין זיך טראַכט ער, „אַז צ׳שאַסן ז׳לט איר ביידע ווערן צ׳זאַמען מיטן ט׳מאַביל״.

* * *

און דאָ ניט ווייט, בלויז אַ פּאָר מינוטן גאַנג פון יאַנקלס קראָם, האָט זיך אין אַ ליידנשאַפטלעכער וואַקכאַנאַליע צעשפּילט דער אַלט־יונגער אַטלאַנטיק. ביז די ווייטסטע האָריזאָנטן האָט זיך צעוואָרפן זיין מעכטיקער קערפּער, ציטערנדיק מיט זיין שאַרפער, גרין־שוימי־קער נאַקעטקייט.

אויפן זאַמדיקן ברעג האָבן זיך צעשפּרייט טויזנטער מענער, פרויען און קינדער. אייניקע זיינען געלעגן פלאַך אויסגעצויגן אויפן זאַמד, אין דער מאַכט פון די הייסע זונען־שטראַלן, אַנדערע זיינען געזעסן גרופּעסווייז אין שטן פון „באָרדוואָק״ און געשמועסט צווישן זיך. די באַדערס האָבן אָנגעפּילט די לופט מיט פריידיקע געשרייען.

אָבער אויף דער מוירמעיד עוועניו איז די לופט וואָס אַ שעה געוואָרן אַלץ הייסער און שווערער. אַ געדיכטער מענטשן שטראָם האָט זיך געצויגן צום ים און פון אים. איילנדיק אַהיים, כאַפּן זיך די מערסטע פרויען אַריין אין די קראָמען און פילן זיי אָן מיט פריש־קייט און „האָרי־אַפּ״. זייערע קערפּערס — ברוין ווי די שטיינער ביים ברעג, ווי די ברעטער און סלופּעס פון „באָרד־וואָק״. אויף זייערע פייכטע האָר און שטייפע הענט, פּלייצעס און האַלב־אַנט־

בלויזטע ברוסטן — רוען נאָך פֿאַרקילטע שטיקער זון און אין זייערע שטימעס הערט זיך נאָך דער אָפּקלאַנג פֿון די כוואַליעס.

יאַנקל מיט באַשען שטייען אינגאַנצן פֿאַרגאָסענע מיט שווייס, מיט פֿאַרניענזעטע פּנים׳ער און האַלטן אין איין וועגן און ציילן. עס שווינדלט זיי ממש אין די אויגן פֿון די פּנים׳ער וואָס האַלטן זיך אין איין בייטן פֿאַר זיי, פֿון די פּרוכטן און גרינוואַרג און יעדער פֿון זיי וואָלט אַ שטיק לעבן אָפּגעגעבן, ער זאָל איצט קענען, גלייך מיט אַלעמען, אַ לויף טאָן צום ים און זיך כאָטש איין מאָל אונטערטונקען.

דער טאָג לויפֿט. ס׳איז שוין באַלד זעקס. די זון, אַ מידע פֿון צופּיל ברענען, נעמט זיך בויגן צו מערב צו און דורך אירע אָפּגעשוואַכטע שטראַלן רייסט זיך פֿון ים דורך אַ קיל ווינטל. די פֿרויען מיט די קינדער זיינען שוין אין די הייזער און פֿון דער שטאָט האַלטן אין איין אָנקומען לאַנגע שורות סאַבוויי־באַנען און פֿאַרפּלייצן דעם „פֿריילעכן אינזל" מיט צעהיצטע, אויסגעמאַטערטע מחנות מענטשן.

צוערשט איילט מען זיך אַהיים, דערנאָך צום ים און פֿון דאָרטן ווידער אַהיים.

יאַנקל זיצט אויף אַ לימענע קעסטל ביים אַריינגאַנג פֿון קראָם און העלפֿט אַרויס די שוין גאָר שיטערע קויפֿער. זיין פּנים איז געל, די אויגן קלעפּן זיך, די נאָז איז נאָך שפּיציקער ווי שטענדיק. דעם רוקן קען ער ניט אויסגלייכן און די פֿיאַטעס זיינען ווי אָפּגעסמאַליעט. מעכאַניש צופּט ער אַן איינציק, איבערגעבליבן קרענצל שוואַרצע וויינטרויבן און וואַרפֿט זיי אין מויל אַריין.

באַשקע שטייט אין הויז ביים גאַז־אויוון און פּרעגלט — קאָטלעטן. אין אַ גרויסן טאָפּ קאָכן זיך יונגע, קליינע קאַרטאָפֿל.

באַשע הייסט דער מיידל כאַפּן אַ קוק צו די קאָטלעטן און פֿאַלט ממש אַריין אין בעט. די פֿיס זיינען שווער און ווי אַנגעדראַליעט. זי פֿאַרוואַרפֿט די הענט אויף צוריק און קען זיך צו זאַט ניט אויסציען. דער גאַנצער צימער נעמט זיך וויגן מיט איר צוזאַמען. זי הערט ווי יאַנקל וואַרפֿט צעַנויף אין קראָם די אויסגעליידיקטע קאָשיקעס און קעסטעלעך. אוי, ווי ס׳ווילט זיך איר שלאָפֿן. — עטל, זע די קאָטלעטן זאָלן ניט פֿאַרברענט ווערן, — זאָגט זי ניט אויפֿעפֿענענדיק די אויגן.

יאַנקל קומט אַריין אין צימער, נעמט אַ ראָל, שמירט אים אָן מיט פּוטער און קייענדיק, נעמט ער שלעפּן פֿון אַלע קעשענעס צוזאַ־

מענגעדריקטע פּאַפּיר געלט און זיי וואַרפן אויפן בעט, נעבן באַשען.
ער גלייכט אויס דאָס געלט, ציילט און רעדט:

— אַ טייער טאָג היינט ג׳ווען.. הערסט, באַשקע?.. די סטאָר ז׳ליידיק.. ווי היישעריקן האָבן זיי אַלץ צ׳כאַפּט.. אָבער ווער האָט זוי׳פיל כוח צ׳אַטענדן?..

— אייל זיך צו: מען וועט פאַרמאַכן די בענק, — דערמאָנט זי אים — האָסט נעכטן פאַרשפּעטיקט.

— יאַ.. גוט׳ר טאָג ג׳ווען, — שאָקלט ער צופרידן מיטן קאָפּ. — אָב׳ע פון ז׳עלכע גוטע טעג קען מען ד׳פיס גיך אויסציען..

— זינדיק ניט, יאַנקל! — זעצט זיך באַשע פלינק אויף. — מען דאַרף גאָט דאַנקען וואָס די ביזנעס גייען אַזוי גוט. גאָט דאַנקען.

— אָלרייט, אָלרייט.. נאָר ז׳האָט מורא.. — ער שלעפּט פון אונטערן מאַטראַץ אַרויס דאָס באַנק־ביכל, לייגט דאָס געלט צווישן די טאָוולען און רוקט עס נאַכלעסיק אין קעשענע אַריין.

— פאַרזיכטיק ווי דו האַלטסט דאָס געלט, — דערמאָנט זי אים.

— גוט, גוט! ניט דעם ערשטן מאָל.. — ער גיסט אָן אַ גלאָז מילך, גיסט זי אַריין אין זיך און גייט צו דער טיר, קייענדיק דעם ראָל מיט פּוטער.

די קאָטלעטן פּרעגלען זיך קנאַקנדיק אויף דער פּאַן, די קאַר־טאָפלעס שטיקן זיך בייז אין פאַרמאַכטן טעפּל, און פּרוּוון אַלץ אַראָפּצוּוואַרפן פון זיך דאָס דעקל.

די צוויי אינגלעך קלעפּן אין ווינקל אַן עראָפּלאַן, עטל אַרבעט נאָך אַלץ איבערן הערינג און זינגט צו אַ פריילעך לידל. באַשע ליגט באַוועגלאָז. איר דאַכט זיך, אַז זי איז אינגאַנצן ווי געשוואָלן. בלויז דער מאַרך אַרבעט שנעל: „דאַנקען גאָט.. דער גאַנצער זומער זאָל כאָטש אַזוי אָנהאַלטן.. וואָלט מען געקענט געבן אַ דעפּאָזיט אויף אַ הייזקעלע. ווי לאַנג איז דער שיעור צו זיין טע־נענטס ביי יענעם?.. מען וועט אויך דאַרפן אַרויסנעמען אַ פּאָליסי אויף עטלען: זאָל זי צו דער חתונה האָבן אַ פּאָר דאָלאַר.. אין די „בענק” איז שוין לעצטע וואָך געווען, דאַנקען גאָט, אַזוי גרויס ווי אַריבער טויזנט טאָלאַר. ווען גאָט זאָל נאָר וועלן און עס זאָל זיי גע־לינגען ביזן ווינטער אָנזאַמלען.. אַזוי גרויס, ווי.. — דאָ פאַרלירט זי דעם פאָדעם און שלאָפט איין מיט אַ צופרידענעם שמייכל אויף די ליפּן.

קאַרמען

(דערציילונג)

לויפט אַ היימלאָזער הונט שפּעט ביינאַכט אינמיטן גאַס, אַנטקעגן דער לבנה. די ריפּן שניידן די האַלב־אויסגעקראַכענע פעל אויף שמאָלע פּאַסן, דער עק שטייף איינגעדרייט צווישן די דאַרע פּיס, דער קאָפּ טיף צו דער ערד געבויגן. אַ קאַלטער ווינט יאָגט אים נאָך, פאַרלויפט דעם וועג, שטויסט אים בייז אין די זייטן.

אַלע טירן פאַרהאַקט ,אַלע פענצטער אויסגעלאָשן.

איילן מענטשן צו זייערע היימען, טרייבן דעם הונט פון וועג, ווער מיט אַ בייזן געשריי, ווער מיט אַ קלאַפּ פון פוס.

ליידיק איז די גאַס, שטאַרקער דער ווינט, האַסטיקער דער לויף פון דער לבנה.

בלייבט שטיין דער הונט אויף אַ ראָג, קוקט זיך מיד אַרום, זעצט זיך, ציט אויס די שפּיציקע מאָרדע צו דער לבנה, שליסט צו די אויגן און.. צעוויינט זיך אויפן קול:

וואו—ו—ו—וי.. וואו—ו—ו—ו—וי..!

* * *

בלאַנדזשעט פּיפּאַ אַ גאַנצן אָוונט אַרום איינע אַליין איבער דער הויפּט־גאַס פונם מעקסיקאַנער גרענעץ־שטעטל „טיאַ־וואַ־נאַ״, פאַר־קירעוועט אָפט אירע מידע טריט אין די פינצטערע, זייטיקע, שמאָ־לינקע געסלעך און קען זיך קיין אָרט, קיין רו ניט געפינען.

* * *

דאָס גאַנצע שטעטל — איין נעסט פון זנות, שיכרות און שפּיל־הייזער. קיין איינציקע הויז, וואו מען זאָל ניט האַנדלען מיט פרויען־לייב, מיט ביר אָדער שנאַפּס.

ציט זיך אַ פלאַכע שטיק מדבר־לאַנד אויף טויזנטער מיילן ניט ווייט פונם פּאַציפישן ים. האָבן מענטשן מיט ביקס און שווערד צע־

טיילט צווישן זיך דאָס לאַנד, אַנגעצייכנט אַ גרענעץ, אויפגעשטעלט אַן אייזערנעם מויער, מיט דראָטענע פאַרצאַמונגען: דאָס איז מיינס, און דאָס — דיינס. פון איין זייט — די פאַראייניקטע שטאַטן, פון דער צווייטער — מעקסיקאָ. און געזעצן זיינען געשאַפן געוואָרן, און וועכטער האָבן טאָג און נאַכט די גרענעץ באַוואַכט: דעם טויטן ווילן פון די געזעצן געהיט.

און בעת מען האָט פון איין זייט גרענעץ שטרענג פאַרבאָטן אַלע אַזאַרט־שפּילן, הויך און הייליק פּראָקלאַמירט די פרויען טוגנד און דעם ניכטערן, ניט באַטרונקענעם, מענטשלעכן פאַרשטאַנד אַלס אי־דעאַל, אַלס געזעץ, וועלכן אַלע, אָן שום אויסנאַמע, מוזן פאָלגן — האָט מען אויף דער צווייטער זייט גרענעץ ציניש אַראָפּגעריסן יעדן צאַם פון אָנשטענדיקייט, פּראָקלאַמירט די פולסטע פרייהייט פון אויסגעלאַסנקייט, שיכרות און אַזאַרט־שפּילן.

דאָס מעקסיקאַנישע שטעטל „טיאָ־וואַנאַ" ליגט ביים סאַמע גרע־נעץ פון דער זוניקער קאַליפאָרניע. בלויז אַ טויער, אַ הויכע דראָטענע וואַנט, אַ צינגזן־הויז און אַ קליין בריקל — טיילן אָפּ איין לאַנד פונם צווייטן. אָבער וואָס פאַראַ אונטערשיד! בעת אין די שטעטלעך אויף דער אַמעריקאַנער זייט הערשט דער פּוריטאַנער דרימל, הילכט פון דער צווייטער, דער שיכור׳ער אויסגעלאַסענער געלעכטער. דאָ האָבן די סוחרים פון פרויען־לייב הויך אויפגעהויבן די געלע פאָן און אָנגע־צונדן זייערע רויטע פייערן.

און מען האָט דעם רוף דערהערט, די פייערן דערזען.

פון גאַנץ פרי ביז פאַרנאַכט וועלן די גרענעץ־טויערן שליסן זיך צו, פליסט צום „פריילעכן שטעטל" אַן ענדלאָזע שורה פון גוטע און נאָך בעסערע אָטאָמאָבילן, איבערגעפּאַקטע מיט מענער און פרויען אין עלטער פון 17 ביז 70.

און דאָס וואָרט: „טיאָ־וואַנאַ" איז איבערן גאַנצן לאַנד געוואָרן דער סינאָנים פון זנות און שיכרות, פון זיך לאָזן וואוילגיין.

* * *

נאָך פונם נידעריקן, הילצערנעם בריקל, גלייך ווי מען פאַרלאָזט די וואַך־הויז, זעט מען שוין פון וויטנס הענגען אין דער לופט ברייטע פּאַסן ווייסע לייוונט מיט גרויסע אויפשריפטן:

ביר מעקסיקאַללי! יו אַר וועלקאַם!

מיט אימפעט יאָגן זיך די געפּאַקטע אָטאָמאָבילן צו די ווייסע שילדן און אַנטקעגן זיי טראָגט זיך דער גרילץ פון דזשעז, דער שאַרפער ריח פון שנאַפּס און ביר, פון די אָפענע טירן און פענצטער פינקלען פרעך די רופנדיקע בליקן און אַנטבלויזטע ברוסטן פון די „טיאַ־וואַנער שיינהייטן״.

די טירן פון די „קאַנטינאַס״ (שיינקען), טאַנץ־זאַלן און סואווענירקראָמען זיינען ברייט צעפּראַלט און זאָגן צו פאַר גאַנץ ביליק צו באַפרידיקן יעדן פאַרלאַנג.

ציען זיך פון ביידע זייטן פון דער איינציקער הויפּט־גאַס רייען שיינקען. אויף יעדן אַ העלע שילד מיט אַ הויך־קלינגנדיקן נאָמען: „דאָס אַלטע הויז פון קענטאַקי״, „די קאַפּע פונם בלויען פוקס״, „דער שיינק פון סיאַטל״, „די האַלב־נאַכטיקע שטיפעררייען״.

פון דרויסן זיינען די שיינקען דעקאָרירט מיט העל־געפאַרבטע שניצערייען, אין אַ פּאָר פלעצער זיינען די ווענט און דער פּאָדערשטער טייל פון די דעכער צוזאַמענגעשטעלט פון ביר־פעסלעך. פון אינווייניק פינקלען שפּיגל־ווענט, ציטערן קרישטאָלענע לאָמפּען, רופן רייען פלעשער מיט שטאַרקע געטראַנקען און דער הויכער שיינקטיש רייסט ממש די אויגן מיט זיינע מעשענע באַפּוצונגען און שוימענדיקן ביר.

דער הויפּט־האָטעלביים אַריינפאָר אין שטעטל טראָגט דעם מזל׳דיקן נאָמען פונם הייליקן פראַנציסקאָ. קען מען טאַקע דאָרטן קריגן ביר, בראָנפן, שמוציקע צימערן און מיידלעך אַביסל ביליקער ווי אין אַנדערע פלעצער.

און מענער און פרויען איילן אין די אָפענע שיינקען און טאַנץ־זאַלן, טרינקען זשעדנע איין גלאָז שנאַפּס און ביר נאָך דער דער צווייטער און באַמיען זיך וואָס שנעלער אָפּצוטרייסלען פון זיך דאָס ביסל אַנשטענדיקייט, וואָס זיי האָבן אַריבערגעבראַכט מיט זיך פון יענער זייט גרענעץ.

און העגט פלעכטן זיך צוזאַמען, פרויען־קערפּערס פאַלן צו שטייפער צו די מענערשע זייטן, שיכור׳ע בליקן באַהעפטן זיך הייס און ווערטער ציניש־נאַקעטע פאַלן פון די ליפּן. און די נאַר וואָס אַנשטענדיקע פרויען קען מען שוין באַלד ניט אָפּטיילן מער פון די טיאַ־וואַנער מיידלעך און פרעמדע מענער כאַפּן זיי ניט אַרום בלויז דערפאַר, ווייל אימיצער האַלט זיי שוין אַרום גאַרטל, ווייל די אַריבער־

געקומענע מענער, אַליין לעכצנדיק נאָך אַביסל זינד, היטן דאָך אָפּ זייערע ווייבער און טעכטער.

אויפן סאַמע ענדע גאַס, אַנטקעגן דעם „לויף־פּלאַץ" פאַר פערד, געפינט זיך די „אינטערנאַציאָנאַלע קאַסינאָ". דאָס איז אַן איינשטאָקיגע, הויכע געביידע, מיט גרויסע, העל־באַלויכטענע זאַלן, טאָג און נאַכט איבערגעפּילט מיט מענטשן. דאָ איז אַ שטענדיקער טומל, אָבער דער טומל איז אַ קאָנדענסירטער, אַן אַנגעשטרענגט־שושקנדיקער, ווי דער רויש פון אַ ווייטן סאָסנע־וואַלד.

פלינק שפּרינגען די זילבערנע קייקעלעך איבער די „רולעטן־טישן", מיט אַ טרוקענעם קלאַפּן דרייען זיך די העל־געפאַרבטע „קוואָ־דער־רעדער", „פּויקער" שפּילער זיצן בלאַסע אַרום לאַנגע טישן, פאַר־וואָרפענע מיט פּאַפּיר־געלט, און ווייסע פונקען שפּריצן פון זייערע אויגן.

אַרום הויכע, לאַנגע טישלעך שפּילט מען „איין און צוואַנציק". מענער און פרויען שטייען האַלב־געבויגן, אַ ציטער פון שרעק אָדער פרייד קרימט אָפּט זייערע פּנים'ער, אָבער די בליקן רייסן זיך ניט אָפּ פון די פאַלנדיקע קאַרטן, און ציען זיך זשעדנע נאָכן „אַנגע־שטעלטן באַנקירס" הענט, ווען ער פאַרשאַרט אַזוי גלייכגילטיק צו זיך מיט אַ קורצער ווירע קופּעס זילבערנע דאָלאַרן.

ניט־ווייט נאָך אַ פּאָר טישלעך, וואו מען שפּילט אויך „איין און צוואַנציק, אָבער בלויז מיט גאָלדענע מטבעות: פינף, צען און צוואַנ־ציק דאָלאַר שטיק. דאָ איז אינגאַנצן שטיל. עס קרימען זיך בלויז די ליפּן, פינקלען אויף אָדער לעשן זיך אויס די אויגן, זיפצן פאַר־שטיקטע מישן זיך מיט דעם קלאַנג פונם פאַלנדיקן גאָלד.

צווישן עולם און נעבן די שפּיל־טישן דרייען זיך אַרום מיט גע־פאַרבטע שמייכלען אויף די ליפּן גאַסן־מיידלעך. זיי פאַרפירן באַ־קאַנטשאַפט מיט די געסט, העלפן אַרויס די ווייניקער געניטע אין דער שפּיל, באַשטעלן געטראַנקען אויפן גאַסטס חשבון, און, אויב עס גייט יענעם די קאַרט, בעטלען זיי אויס אַ פּאָר דאָלאַר, אָדער פּרובירן זיי צו'גנב'ענען, אויב יענער איז שיכור.

ביינאַכט איז גאַנץ „טיאַ־וואַנאַ" איינגעהילט אין אַ פייערדיקן שלייער און לאַכט מיט אַ הפקר'דיקן, ציניש גרילץ און אָטעמט שווער און שווייסיק אין דער שוואַרץ־סאַמעטענער מעקסיקאַנער נאַכט אַריין.

* * *

בלאָנדזשעט פּיפּאַ איינע אַליין איבער די פינצטערע, שמאָלינקע געסלעך און קאָן זיך קיין אָרט ניט געפינען.

פּיפּאַ איז איינע פון די עטלעכע הונדערט מיידלעך, וועלכע באַדינען די ליידנשאַפטן פון די טיאַ־וואַנער געסט.

זי איז העכער פון מיטלען וואוקס, מיט קיילעכדיקע, שטייפע גלידער און גראַציעזע, בויגיקע באַוועגונגען. אַ פריילעכע מילדקייט איז שטענדיק אויסגעגאָסן אויף איר באַ׳חנ׳טן, בלאָנדן פּנים און קיין געסט פעלן איר קיין מאָל ניט אויס. זי פאַרדינט גענוג געלט אי פאַר זיך, אי פאַר דזשאַנסאָנען, דעם אייגנטימער פונם טאַנץ־זאַל „אָאַזיס״, וואו זי האַלט זיך אויף מיט נאָך צוועלף מיידלעך. זי איז די איינציקע אַמעריקאַנערין. די איבעריקע זיינען מעקסיקאַנישע און שפּאַנישע.

פּיפּאַ איז 30 יאָר אַלט. אַ געבוירענע פון האַרטפּאָרד, קאָנעקטיקוט, וואו זי האָט געענדיקט אַן עלעמענטאַרע שול און צוויי יאָר באַזוכט מיטלשול. זי האָט אַמאָל געהאַט אַ פיינע מעצאָ־סאָפּראַנאָ, פלעגט צוויי מאָל אַ וואָך נעמען שטונדן ביי אַ מוזיק־לערער און געטרוימט וועגן אַן אַרטיסטישער קאַריערע. געהייסן האָט זי דאַן פּוירל. די נאָענטע האָבן זי גערופן, לויטן פאַרב פון אירע האָר: „די גאָלדענע פּוירל״.

דער אַלטער מוזיק־לערער האָט זיך אָבער שפּעטער איבערצייגט, אַז די אַרבעט איז אַן אַרויסגעוואָרפענע און איר אָפּנהאַרציק דערקלערט, אַז זי קען אַנטוויקלען אַ גאַנץ גוטע „היימישע״ שטימע, אָבער קיין מאָל ניט פאַר דער בינע. דאָס זעלבע האָט ער אויך געזאָגט פּוירלס שוואָגער און שוועסטער, ביי וועמען זי האָט געוואוינט.

האָט דער שוואָגער, אַ שווערער אַרבעטער אין אַ „גאַראַזש״, זיך געבעטן ביי איר: — פּוירל, דו ווייסט, אַז מיר האָבן דיך ליב, אַז ניט קוקנדיק אויף אונזער אָרימען לעבן, זיינען מיר פאַרטיק געווען דיך אויסצוהאַלטן ביז דו וואָלסט זיך דערשלאָגן צו דער בינע. אָבער.. מיסטער בוירנס וועט אונז ניט נאַרן: ער איז אַן אַלטער פריינט אונזערער און זיכער אַן ערלעכער מאַן.. מילא, איז ניט קיין אָפּעראַ זינגערין.. אָבער אַזוי פאַרצווייפלט דאַרף מען ניט זיין..

און די שוועסטער האָט זי אַרומגענומען און גערעדט צו איר דורך טרערן: — באַרואיק זיך, טייערע: מיר וועלן דיך ניט לאָזן אויפגעבן דיין לערנען, אָבער אויפן אָרט צו לערנען פאַר אַן אָפּערע־

זינגערין, וועסטו לערנען און ענדיקן אויף אַ לערערין. מיין גאַנצן לעבן האָב איך געטרוימט צו לערנען קינדער און.. זעסט דאָך: ניט דער־גאַנגען.. דו וועסט אָבער דערגיין, ווי.. טייער עס זאָל אונז ניט קאָסטן.. ביסט נאָך יונג, ערשט אַכצן יאָר אַלט. מיר׳ן דיר אַרויסהעלפן..

— ריכטיק! — האָט דער שוואָגער צוגעגעבן: — מיר האָבן צוויי קינדער, וועלן מיר האָבן דריי. מיר׳ן שפּאָרן און דו וועסט ענ־דיקן קאָלעדזש.. וועסט, מיט גאָט׳ס הילף, ווערן אַ לערערין.. ניט גע־זאָרגט, קליינע, אַלץ וועט זיין „אָ־קעי״!

האָט אָבער פוירל ניט ליב געהאַט דאָס לערנען, געהאַסט די „היי־סקול״, וועלכע די שוועסטער האָט זי געצוואונגען צו באַזוכן, ניט אויפגעהערט איבערצו׳חזר׳ן, אַז מיסטער בוירנס, דער אַלטער מוזיק־לערער, איז אַ טויגעניכטס, פאַרשטייט ניט קיין מוזיק און זי וועט סוף־כל־סוף קריגן דעם ריכטיקן לערער.

האָבן זיך די שוועסטער אָפּט געקריגט און דער שוואָגער איז אַרומגעגאַנגען אַ שווייגנדיקער, אַ פאַכמורעטער.

אַ וואָך נאָכדעם ווי פוירל האָט זיך באַקענט מיטן פּראָפעסאָר פון האַרמאָניע, קוראַטאָרי, האָט זי פאַרלאָזן די „היי־סקול״ און ווידער גע־נומען לערנען מוזיק.

מיטן פּראָפעסאָר האָט זי זיך באַקענט דורך זיינעם אַן אַנאָנס אין אַ צייטונג, וואו ער האָט זיך פאָרגעשטעלט אַלס אַ ספּעציאַליסט אין „איינשטעלן״ שטימעס. איז זי גלייך אַוועק צו אים נאָך אַן עצה.

דער פּראָפעסאָר, אַ מיטל־יאָריקער, אָבער נאָך גאַנץ שיינער אי־טאַליענער, האָט זי אויפמערקזאַם אויסגעהערט און אַ באַצויבערטער, מער פון איר יוגנט און שיינקייט, ווי פון איר קול, איר צוגעזאָגט גאַנצע גליקן. ער האָט זי פאַרזיכערט, אַז אַלע אירע פריערדיקע לערער זיינען ניט מער ווי שוסטערס, וועלכע פאַרשטייען ניט וואָס אַ ניט־אַנטוויקלטע, אָבער גוטע שטימע הייסט. נאָך דריי יאָר שטו־דירן מיט אים — איז איר קאַריערע, אַלס אָפּערע זינגערין, געזיכערט. ער וועט זי דאַן אַוועקפירן קיין ניו־יאָרק, וואו זיין בעסטער פריינט באַראַטעללי איז איינער פון די דיריגענטן אין דער מעטראָפּאָליטאַן־אָפּערע און יענער וועט שוין זען, מען זאָל זי אַרייננעמען אין דער אָפּערע. און אפשר וועט אים מיט באַראַטעללין נאָך געלינגען זי אַוועקצושיקן אויף איין יאָר קיין איטאַליע זיך צו פאַרפולקאָמען. ניין, זי דאַרף אים ניט זיין אַזוי שטאַרק דאַנקבאַר, זי האָט ניט וואָס צו

ווײַנען: ער טוט עס, ווײַל ס׳איז זײַן חוב אַזוי צו האַנדלען, ווײַל איר שטימע פֿאַרדינט עס. ער וועט איר רעכענען בלויז דרײַ דאָלאַר אַ שטונדע, צוויי לעקציעס אַ וואָך איז דערווײַל גענוג. און אויב זי וועט ניט קענען צאָלן, וועט ער זי שפּעטער אײַנגאַנצן לערנען אָן געלט.

פֿוירלס בלאָנדער קאָפּ האָט זיך פֿאַרדרייט. זי האָט אויפֿגעהערט צו באַזוכן דעם אַלטן מוזיק־לערער, פֿאַרלאָזן די מיטל־שול און קעגן ווילן פֿון איר שוועסטער אָנגעהויבן נעמען לעקציעס בײַ קוראַטאָרין. כּדי אים צו קענען צאָלן, האָט זי געקראָגן אַרבעט אין אַן אָפּיס און, ווי קוראַטאָרי האָט געפֿאָדערט, זיך אין גאַנצן איבערגעגעבן „איר קונסט".

צוערשט פֿלעגט זי צו אים קומען צוויי מאָל אַ וואָך, שפּעטער האָט ער איר געגעבן דרײַ שטונדן אַ וואָך פֿאַרן פּרײַז פֿון צוויי. ער האָט זי צוזאַמענגעבראַכט מיט פֿאַרשידענע „אַרטיסטן", אויך צו־קונפֿטיקע וועלט־באַרימטהייטן, און זי האָט זיך ביסלעכווײַז אַרײַנגע־צויגן אין זייער אַרט לעבן, וואָס איז באַשטאַנען אַביסל פֿון זינגען, שפּילן אָדער מאָלן און אַ סך הולטאַיעווען. מענער האָבן זיך געשטופּט אַרום איר, זי געגלעט און איר געזונגען ליבע־געזאַנגען.

„אַזוי דאַרפֿן לעבן אמת׳ע אַרטיסטן!" — האָט קוראַטאָרי זי פֿאַר־זיכערט. זי האָט אים געגלויבט, דערצו איז אַזאַ לעבן איר אַליין גע־פֿעלן. זי האָט געטאָן מיט פֿאַרגעניגן אַלץ וואָס איז איר פֿריער שטרענג געווען פֿאַרבאָטן אין דער שוועסטערס הויז. זי האָט געטראָגן טיף דעקאָלטירטע קליידער, געררויכערט, זיך אַרומגעשפּילט מיט מע־נער, זיך געלאָזט פֿון זיי קושן, געלעבט אין שטענדיקער אויפֿרעגונג, אין שטענדיקער דערוואַרטונג.

גאַנצע טעג פֿלעגט זי פֿאַרברענגען אין לעזן אַרטיקלען וועגן פֿאַר־שידענע אָפּערע זינגערנס, זיך ניט געקענט זאַט אָנקוקן אויף זייערע בילדער און רײַכע קליידער און געמאָסטן אויף זיך זייער גרויסקייט.

זעקס חדשים נאָך דעם, ווי זי האָט זיך באַקאַנט מיט קוראַטאָרין, האָט זי זיך אים איבערגעגעבן. געשען איז עס אין יענעם אָוונט, ווען ער האָט אָנגעפֿאַנגען מיט איר צו לערנען קאַרמען. ער איז גע־ווען אמת פֿאַרליבט אין איר, און ניט נאָר זי, נאָר אויך זיך אַליין דאָן געטאַרט מיט זײַנע רייד.

צוערשט האָט ער איר איבערגעגעבן דעם אינהאַלט פֿון ביזע׳ס אָפּערע, כאַראַקטעריזירט יעדן העלד באַזונדער און אָנגעוויזן דעם צו־זאַמענבונד צווישן כאַראַקטער און דער שטימע. דערנאָך האָט ער גע־

נומען איינשטודירן מיט איר די באַוואוסטע אַריע פונם צווייטן אַקט, ווען קאַרמען טאַנצט אַרום פּאַרליבטן סאָלדאַט דאָן־זשאָזע און זינגט אים איר חוצפּה׳דיקע ליד:

„ליבע איז אַ פויגל פריי
וועלכן קיינער קען ניט צאַמען.
ס׳איז אומזיסט דיין צער און טרויס,
ווען זי וויל דיין האַרץ ניט פלאַמען.
שטאַרק איז ליבע, כשופ׳ט וועלטן
שטאַרקער איז זי פון געזעץ!
כ׳האָב דיך ליב און דו מיך ניט:
היט זיך, פאַל ניט אין מיין נעץ!"

זי האָט געזונגען, געמאַכט טעות׳ן. אָפט ניט געקענט אויסהאַלטן דעם טאָן, אָדער אים אויפהויבן אויף דער געהעריקער הויך. אין אַ סך פלעצער האָט איר שטים געקלונגען פלאַך, אָדער געריסן די לופט מיט איר שאַרפקייט. זי האָט זיך אָבער געדרייט אַרום אים ווי קאַרמען אַרום איר קרבן, געפינקלט מיט די אויגן, פרעך געשמייכלט מיט אירע זאַפטיק־רויטע ליפן, געוואָרפן אויף צוריק איר קיילעכדיקן, עלאַסטישן קערפּער און די שטייפע ברוסטן האָבן זיך נאָכגעצויגן און מיט וואַנזין אָנגעפילט די קליינע, אויסטערליש אויסגעפּוצטע סטודיאָ.

און קוראַטאָרי האָט ניט געקענט רואיק איינזיצן נעבן דער פּיאַנע. ער איז אַלע מאָל אויפגעשפּרונגען, געלאָפן צו איר און זי ווילד געקושט: — פּראַכטפול, קאַרמען! דו ביסט געטלעך!

שפּעטער זיינען ביידע געשטאַנען נעבן פענצטער און נאָכגעפּאָלגט, ווי נאָר אַ גרויסע, טונקל־געלע, לבנה הויבט זיך פון אונטער אַ ווייטן באַרג. ער האָט זי געהאַלטן פעסט אַרומגענומען און מיט אַ לייכטען ציטער אין קול, איר דערציילט מעשה׳לעך וועגן איר צוקונפט: ער וועט זי שפּעטער ברענגען קיין ניו־יאָרק צו זיין פריינט באַראַטאָלין.. זי וועט אויפשטורמען די גאַנצע מוזיקאַלישע וועלט.. זי וועט זיין די בעסטע קאַרמען.. די ציישונגען וועלן משוגע ווערן און ער אַליין, פּראָפעסאָר קוראַטאָרי, וועט גליקלעך זיין. זי איז דאָך זיינע.. ניט אמת?

ער האָט איר געקושט דעם האַלז, די ליפּן און געציטערט מיטן גאַנצן קערפּער.

זי האָט זיך זשעדנע איינגעהערט אין זיינע רייד, געפילט ווי זיין ציטער גיט זיך אויך איר איבער, ווי איר גאַנצער קערפּער ברענט.

— ווי גוט איר זענט צו מיר.. טייערער!

— ווייל כ׳האָב דיך ליב.. ווייל איך גלויב אין דיר!

ער האָט געעפנט אַ פלעשל רויטן ווייַן און ביידע האָבן אויסגעטרונקען פאַר איר צוקונפט.

איר איז אַזוי גוט, אַזוי לייכט געווען. זיינע הענט אויף אירע בריסט האָבן איר אַזוי פיל אויפרעגנדיקן פאַרגעניגן פאַרשאַפט. האָט מען אויסגעטרונקען נאָך צו גלעזער ווייַן און ס׳איז געוואָרן נאָך לייכטער, נאָך פריילעכער. די פראַכטפולע בינע פון דער מעטראָפּאָליטאַן אָפּערע איז געשטאַנען פאַר איר און זיך געבעטן, זי זאָל אויף איר אַרויפטרעטן. ווי דורך אַ חלום האָט זי געפילט, ווי ער טוט זי אויס, קושט איר אַנטבלויזטן קערפּער. אויף אַ ווײַלע האָט זיך לינקס נעבן איר, דורכגעטראָגן דאָס פּנים פון איר שוועסטער, מיט אַ וואָרנדיקן אויסדרוק. איז עס אָבער גלייך פאַרשוואונדן אין גלאַנץ פון דער מעטראָפּאָליטאַן בינע רעכטס. דערנאָך האָט אַ העלע ליכט אַ פינקל געטאָן פאַר איר און אַ פריידיקער, ניט אויסגעשריגענער געשריי איז ווי איינגעזונקען אין אַ וווּיכער טיפקייט אין איר ברוסט.

עס האָט שוין גענומען טאָגן, ווען ער האָט זי צוגעפירט צו איר שוועסטערס הויז. דעם גאַנצן וועג האָבן ביידע געשוויגן. ער האָט זי זיכער אַרומגענומען: — קום מאָרגן פאַרנאַכט.. טייערע..

אין הויז האָט שוואַך געברענט אַ פייערל. איין שוועסטער האָט געוואָרט אויף דער צווייטער. אַ שאָטן האָט זיך אַ וויג געטאָן אין פענצטער. קוראַטאָרי האָט זיך דערשראָקן און שנעל אַוועק.

זי האָט אים נאָכגעקוקט אָן דעם מינדסטן געדאַנק אין מידן מח, געפילט פּוסט, פּונקט ווי זי וואָלט אינגאַנצן אָן אויסגעליידיקטע געווען. ניט געקענט אָדער אפשר גאָר ניט געוואָגט אַריינצוגיין אין אַלטן הויז. זי איז אַריין אין אַ קליינעם גאָרטן, פון דער צווייטער זייט הויז, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און לאַנג נאָכגעפאָלגט די בלייכע לבנה, וועלכע האָט זיך געאײַלט צו פאַרענדיקן איר לויף.

אין אַ וואָך אַרום איז זי אַריבער וואוינען צו קוראַטאָרין.

גאַנץ גיך האָט זי פון די אַרומיקע אויסגעפונען דעם אמת וועגן איר שטימע. דערצו האָט דער געליבטער איר כמעט ווי אינגאַנצן אויפגעהערט צו געבן לעקציעס. ווען זי איז צוגעשטאַנען צו אים, האָט

ער זיך מודה געווען, אַז איר שטימע האָט לעצטנס פאַרלוירן אַ היבשן טייל פון איר קוואַליטעט.

דער קלאַפּ איז געווען אַ שווערער. איר עקזיסטענץ האָט מיט אַמאָל פאַרלוירן דעם גאַנצן זין. זי האָט גענומען שיכר׳ן און מאַכן סקאַנדאַלן. איר איז געוואָרן אַלץ איינס. מיט אַ געמאַכטער זאָרגלאָזיקייט האָט זי גענומען זיך גליטשן באַרג אַראָפּ.

קוראַטאָרין האָט זי געהאַסט און אים אויף צו־להכעיס גענומען איבערגיין פון האַנט צו האַנט צווישן זיינע פריינט. שפּעטער האָט זי זיך איינגאַנצן אַרויסגעקייטלט פון זייער קינסטלער־רינג און אַוועק מיט אַ פּראָפעסיאָנאַלן אונטער־וועלט העלד, מיט וועמען זי האָט זיך באַקאַנט אין אַ „מואווי־הויז״. ער האָט זיך איר דערקלערט אין ליבע און זי גיך אַוועקגעפירט אין דער שטאָט רינאָ, וואָס געפינט זיך אין „פרייען״ שטאָט נעוואַדאַ, וואו פּראָסטיטוציע איז נאָך ביז איצט דערלויבט. דאָרטן האָט ער זי „איינגעבראַכן״ אין איר נייער באַשעפטיקונג — אַלס גאַסן־מיידל.

פּיפּאַ האָט געהאַט אַ גאַנץ לעבעדיקע פאַרשטעלונגס־קראַפט, אָבער קנאַפּע דענקונגס פייאיקייטן. אַנאַליזירן, זאַמלען פאַקטן און מאַכן באַוואוסטזיניקע שלוסן איז פאַר איר געווען זייער אַ שווערע אַרבעט. אירע טאַטן און באַשלוסן פלעגט זי מערסטן טייל דורכפירן אינטואיטיוו, ווי אַ קינד. אירע געדאַנקען און נייגונגען זיינען געווען פּונקט אַזוי עלאַסטיש און נאָכגעביק ווי איר קערפּער, און באַגעגענענדיק אַ ווידערשטאַנד אויף איין פלאַץ, האָט זי זעלטן געטראַכט וועגן אויספירן, וועגן באַקעמפן, נאָר שטענדיק געזוכט אַ צווייטן וועג, אַ זייטיקן. ניט געפינענדיק אים, פלעגט זי זיך אונטערגעבן אָדער אויפגעבן די גאַנצע זאַך. אַמאָל פלעגט זי זיך אָנצינדן מיט צאָרן, אָבער אַן אויסגעלאָשענע איז זי געווען נאָך שוואַכער, נאָך נאָכגעביקער.

אפילו דער איבערגאַנג פון זיין אַ קינסטלערס אַ געליבטע ביז ווערן אַ באַצאָלטע גאַסן־פרוי — איז ביי איר צוגעגאַנגען מיט פיל ווייניקער קאַמף און טראַגישע מאָמענטן, ווי ביי פיל אַנדערע.

צוויי קלעפּ מיטן פויסט אין פּנים זיינען געווען גענוג זי צו צווינגען אויפצונעמען דעם ערשטן גאַסט, וועלכן איר נייער געליבטער האָט איר געבראַכט.

און אַזוי איז עס אַוועק ווייטער.

צוערשט האָט זי באַשלאָסן צו אַנטלויפֿן. ניט געהאַט אָבער צו וועמען. און די אַרומיקע זיינען צו איר זייער גוט געווען, געגעבן די בעסטע עסנס, געמאַכט שיינע קליידער און צוויי מאָל אַ וואָך געשיקט זי אין די וואָדעוויל־הייזער. און פֿריילעך איז אויך געווען: אַלע נאַכט פֿלעגן קומען רייך־געקליידעטע מענער, ברענגען שנאַפּס, מתנות, איר געבן געלט. איז איר באַשלוס צו אַנטלויפֿן צערונען געוואָרן פּונקט ווי פֿיל אַנדערע.

נאָך ריינאַ האָבן זיך אַ צי געטאָן אַ רייע אַנדערע שטעט, וואוהין מען האָט זי אַמאָל אַליין און אַמאָל מיט אַנדערע מיידלעך איבערגע־שיקט. אָט אַזוי האָט זי זיך געקייקלט דורך צענדליקער הענט, ביז איין מאָל, אין אַ זומערדיקן טאָג, האָט אַ געוויסער „דזשאַנגל־דזשעק" זי אַריבערגעפֿירט פֿון לאָס־אַנדזשעלעס איבער דער מעקסיקאַנער גרע־נעץ אין שטעטל „טיאַ־וואַנאַ" און זי איבערגעגעבן מיסטער דזשאַנ־סאָנען, דעם אייגנטימער פֿון „אָאַזיס" טאַנץ־זאַל.

* * *

דאָס טיאַ־וואַנער לעבן איז פּיפּאַן צוערשט זייער געפֿעלן: אַ שטענדיקער יום־טוב בייטאָג און ביינאַכט, אַ רייע געסט, מוזיק, טענץ, אַ ים מיט ביר און בראַנפֿן און דאָס וויכטיקסטע—אַלץ פֿריי, אָפֿן, קיין מורא פֿאַרן „פּראָהיבישאָן", אַגענטן, פּאָליציי אָדער מאָראַל־היטער.

ביי די געסט און אפֿילו ביי די מיידלעך האָט זי אויסגענומען. מיסטער דזשאָנסאָנען, דעם באַלעבאָס, איז זי אַזוי געפֿעלן, אַז די ערשטע צוויי וואָכן האָט ער זי געהאַלטן אין האָטעל פֿאַר זיך אַליין, דערנאָך ערשט זי אַראָפּגעשיקט אין זאַל.

איז איר אַלץ איינס געווען: דזשאָנסאָן? זאָל זיין דזשאָנסאָן! און אַראָפּקומענדיק דעם ערשטן מאָל אין זאַל, האָט זי גאַנץ איינפֿאַך גע־זאָגט צו די מיידלעך: — הערט, מיידלעך, כ'בין דאָ מיטן באַלעבאָס געווען אַביסל און אָט זיינען פֿופֿצן דאָלאַר וואָס ער האָט מיר געגעבן. ווער וויל אַ שנאַפּס? קומט!

און די מיידלעך זיינען איר מיט אַ שמייכל נאָכגעגאַנגען און מען האָט פֿאַרהוליעט די פֿופֿצן דאָלאַר אין נאָענטסטן שיינק. דאָס וואָס איינע פֿון זייעריקע, און ניט קיין גאַסט, איז זיי מכבד, האָט צוגעגעבן אַ באַזונדערן טעם יעדן גלעזל.

און אַזוי האָט זיך פּיפּאַ'ס לעבן אַ גאָס געטאָן, ווי וואַסער פֿון אַ

צעלעכערטן עמער אין אַ זוניקן טאָג. קיין ווידערשטאַנד ניט אין געדאַנק, ניט אין קערפּער. אַ ווילנלאָז קייקלען זיך פון אַ ריטשקעלע באַרג אַראָפּ.

אָבער אין דער ווייכער, פאַרמלאָזער מאַסע פון פּיפּאַ׳ס געדאַנקען און טרוימען איז דאָך געווען איינער פון אַ באַשטימטער פאָרמע און מיט אַ געוויסער שטייפקייט.

דאָס איז געווען דער אַלטער, אַזוי האַרצלאָז צושטערטער, טרוים וועגן איר אָפּערע־קאַריערע. אַ שטומפּיקער וויטאָג האָט זי צייטווייז געניאָגט און אַמאָל, ווען קיינער איז אַרום איר ניט געווען, פלעגט זי זיך באַמיען אַרויסצוציען פון האַלדז די פּאָר פאַרזשאַווערטע, נאָך אײַבערגעבליבענע, שטיקלעך טענער פון איר אַמאָליקער מעצאָ־סאָפּראַנאָ. זי פלעגט פּרוּוון אַ זינג טאָן אַ לידל, אַן אַריע פון אַן אָפּערע, דערנאָך לאַנג זיך איינהערן און ביטער שמייכלען.

ס׳איז איר ניט אַזוי פּיינלעך געווען איר איצטיקע לאַגע, ווי דער פאַרשוואונדענער טרוים.

און אָט די בענקשאַפט האָט זי צייטנווייז געצוואונגען צו גיסן אין זיך איין גלעזל שנאַפּס נאָכן צווייטן, אומפאַרשעמטער זיך וואַרפן אין די מענערשע אָרימס און ציגישער זיך זידלען, אַמאָל זיך אפילו וואַרפן שלאָגן: — וואַט־טהי, העל? גאַד־־דעמעט!

אָבער אַזאַ שטימונג פלעגט צו איר קומען זעלטן: בלויז אין טעג, ווען זי איז קראַנק געווען.

* * *

האָט פּיפּאַ אַ גאַנצן אָוונט איינע אַליין געבלאָנדזשעט איבער די שמאָלע, פינצטערע געסלעך, און זיך קיין אָרט ניט געקענט געפינען.

נעכטן איז אין שטעטל געווען איינער פון די טומלדיקסטע טעג פאַר די לעצטע זעקס חדשים. אויפן „לויף־פּלאַץ" האָבן זיך געיאָגט אַכצן באַרימטסטע פערד און צו די עטלעכע טויזנט געוויינלעכע זונטיקדיקע באַזוכער, זיינען צוגעקומען אַ צען טויזנט צוליב די „רייסעס".

האָבן שבת און זונטיק פון ניין אין דער פרי ביז זעקס פאַרנאַכט, רייען אָטאָמאָבילן געדיכט געשטראָמט און פאַרגאָסן ניט נאָר דאָס גאַנצע שטעטל, נאָר אויך די געגנט אויף עטלעכע מייל אַרום.

און די לופט איז געשוואָלן געוואָרן פון אויפגערעגטע מענטשןשטימען און אָטאָמאָביל־געדעוו. און די עלעקטרישע שילדן פון די קאַנטינאַס, טאַנץ־זאַלן און „פּרויען־הייזער" האָבן צוויי גאַנצע נעכט

ניט אויסגעלאָשן זייערע פייערן און שיכור׳ע מענער און פרויען האָבן זיך געוואַלגערט אין די גאַסן.

און די „אינטערנאַציאָנאַלע קאַסינאָ" האָט געקאָכט מיט אירע העל־באַלויכטענע פענצטער, געריצט מיטן טרוקענעם קלאַפּן פונעם זילבער־נעם קיילעך אויף די רולעטן־טישן, מיטן בייזן שאָרכן פון די קאָרטן און געקלאַנג פון די זילבערנע און גאָלדענע מטבעות.

אין שמאָלן, מיט געלע ציגל, בראַקירטן הייפל, מיט נומערירטע טירן פון ביידע זייטן, וואו דזשאַנסאָנס מיידלעך האָבן אויפגענומען זייערע געסט, איז געווען אויסערגעוויינלעך טומלדיק. פאַר יעדער טיר זיינען, געדיכט צוזאַמענגעדריקט, געשטאַנען שורות שיכור׳ע און האַלב־שיכור׳ע מענער און געוואַרט אויף זייער ביסל פאַרגעניגן. אַ פּאָר געזונטע יונגען זיינען אַרומגעלאָפן צווישן די וואַרטנדיקע, גע־קלאַפּט און אַריינגעקוקט אין די צימערלעך, און אַריינגעשריען: — שנעלער, מיידלעך! רירט זיך שנעלער! — און געהאַלטן אַן אויג, אַז מער ווי איין גאַסט זאָל זיך ניט אַריינשטופּן אין יעדן פריי־געוואָ־רענעם שטיבל.

און די געסט אַליין האָבן געהאָלפן די יונגען צו איילן די מיידלעך, אַליין אַריינגעשריגן אין די שטיבלעך ציניש‌ע וויצן, און געלאַכט דער־ביי מיט אַזעלכע ניט־פריילעכע שטימען, פונקט ווי זיי וואָלטן פון ליידיקע פעסער געקומען.

אַ פּאָר מעקסיקאַנישע אינגלעך האָבן אַרומגעטראָגן גלעזער ביר צווישן די שטייענדיקע געסט, וועלכע האָבן ניט געוואָלט אַרויסגיין פון דער ריי, כדי ניט צו פאַרלירן זייער „נעקסט".

פּיפּאָ האָט געפירט אַ חשבון ביזן עלפטן גאַסט, דערנאָך האָט אַ שווערקייט גענומען דריקן איר מאַרך און זי האָט פאַר קיין פאַל זיך ניט געקענט דערמאָנען וואָס פאַר אַ נומער עס קומט נאָך עלף. דערווייל איז דער עלפטער גאַסט אַרויס פון איר צימערל און ס׳איז אַריין אַן אַנדערער. האָט זי שוין מער ניט געציילט, אפילו ניט גע־קוקט אויף אים. געפילט בלויז ווי לייבער פאַלן שווער אויף איר, וואַרפן זיך אין קאָנוואולסיעס, ווי הייסע ליפּן דורכגעזאַפּטע מיטן געשטאַנק פון ביר און בראַנפן קושן, בייסן זי, אייניקע מיט קללות, אַנדערע מיט שיכור׳ער צערטלעכקייט.

פריער האָט זי זיך נאָך אַ פּאָר מאָל אויפגעהויבן פון בעט און זיך אַרומגעוואַשן, איצט איז שוין געווען אַלץ איינס. וואָס איז

דער אונטערשייד? זי האָט אַפילו די אויגן פאַרמאַכט. געפילט פונקט, ווי איר גאַנצער קערפּער וואָלט געווען דורכגעשטאָכן מיט דינע, שטייף־אָנגעגליטע דראָטן און עס האָט אימיצער אָן אויפהער געצויגן און געדרייט די דראָטן.

דורכן פאַרהאַקטן לאָדן האָט זיך פון גאַס געריסן אַ גרילצנדיקער שטראָם מיט דזשעז און אַ פּאָר מאָל, אָפּקערנדיק דעם קאָפּ פון עמיצנס נאַסע ליפּן, האָט זי עטוואָס צעעפנט די אויגן און ניט דערקענט איר קליין, בלוי צימערל מיטן טואַלעט־טישל אין ווינקל. אַלץ איז געווען ווילד פרעמד.

ערשט שפּעט אין דער נאַכט האָט מען זי, אַ האַלב־באַוואוסטלאָזע, צורו געלאָזט.

* * *

ווי לאַנג זי איז אַזוי געלעגן, ווייסט זי ניט. ווען זי איז גע־קומען צו זיך, האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי קען זיך פון אָרט ניט רירן, יעדער גליד איז ווי איבערגעבראָכן. אין מח האָט ניט אויפגע־הערט צו קלאַפּן, ריטמיש און שווער, ווי אַן אוראַלטער זייגער.

זי האָט אַ טראַכט געטאָן, אַז מען דאַרף אַראָפּ פון בעט און זיך אַביסל אַרומוואַשן. ס׳האָט זיך פאַר איר אַפילו אַ וויג געטאָן די שיסל מיט וואַסער, וואָס איז אין די „ביזי" טעג אַ פּאַרטיקע געשטאַנען אונטערן בעט.

זי האָט זיך פּאַוואָלי אויפגעהויבן אויף איין האַנט, דערזען איר נאַקעטן, אין פילע פלעצער צעקראַצטן, קערפּער מיט די איבערגעבלי־בענע שטיקלעך פונם צופליקטן נאַכט העמד אויף די פּלייצעס, באַ־מערקט די אונטערשטע טייל בעט אַרום אירע פיס, כמעט ווי איינ־גאַנצן אַ שוואַרצע פון די צענדליקע שיך, וועלכע איניקע „קאַסטימער" האָבן, ווי ס׳ווייזט אויס, זיך געפוילט, אָדער קיין צייט ניט געהאַט אַראָפּצונעמען, און ס׳האָט זיך איר פאַרוואָלט ברעכן.

זי איז צוריקגעפאַלן אויפן קישן, זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע, ליגנדיק אַרויסגעשלעפּט די קאָלדרע מיטן ליילעך פון אונטער זיך, מיט די פיס זיי אַראָפּגעשטויסן פונם בעט, אַרויפגעצויגן אויף זיך אַ דינע קאָלדרע, וואָס איז אויפן ביינקל ניט ווייט געלעגן, און שווער איינ־געשלאָפן.

עס האָט שוין באַדאַרפט זיין אַרום איינס בייטאָג, ווען זי האָט

דערפילט ווי עס גלעט איר ווער דעם קאָפּ. זי האָט געעפנט די אויגן און דערזען פאַר זיך דאָס שפּאַנישע מיידל — ריטאַ.

— שטיי אויף! מיסטער דזשאַנסאָן האָט מיך געשיקט דיך אויפֿוועקן. צייט צו עסן מיטאָג. קיין פרישטיק האָט קיינער פון אונז ניט געגעסן. ניט געווען קיין כח זיך אויפצוהויבן. זי האָט באַמערקט דעם שמוציקן ליילעך אויפן דיל, אים בייז אַ שליידער געטאָן מיטן פוס אונטערן בעט, און זיך ציניש אויסגעזידלט:—ווי ווערים צו אַ פאַדלע, אַזוי האָבן זיי זיך צוגעכאַפּט צו אונז..

ביים אַראָפגיין פון בעט האָט זיך פיפע׳ן דער קאָפּ פאַרדרייט. ריטאַ האָט איר זיך געהאָלפן אָנטאָן און דערווייל איבערגעגעבן אַביסל נייעס: אַלע מיידלעך פילן שלעכט. צו דער רויטער דזשעני האָט מען אין דער פרי געמוזט אַריינרופן דעם דאָקטאָר. סטעלאַ האָט אַן אונטערגעשלאָגן אויג און די קליינע פיאָנע — אַ אויסגעוויכנטע האַנט.

מיסטער דזשאַנסאָן איז געווען אַ גוטער קאַטאָליק און געוויינלעך געזאָרגט ניט נאָר פאַר זיין אייגענער, נאָר אויך פאַר די נשמות פון זיינע מיידלעך: פאַר יעדן מיטאָג, אויב ער איז נאָר געווען דערביי, פלעגן זיי מוזן תפילה טאָן. (ס׳איז אַרומגעגאַנגען אַ קלאַנג, אַז ערגעץ אין אַ שטעטל נאָך סאַן־דיעגאָ האָט ער אַ פאַמיליע מיט דערוואַקסענע זין און טעכטער, רעכנט זיך צווישן די פיינסטע בירגער און באַהאַלט זיין אמת׳ע באַשעפטיקונג).

אַ פּאָר שעה נאָכן עסן האָבן די מיידלעך פאַרבראַכט דערציילנדיק זיך די פּאַסירונגען פונם נעכטיקן טאָג. דערנאָך האָט מען צעבונדן די קניפּלעך מיט די נעכטיקע פאַרדינסטן און געשיקט נאָך ביר מיט בראָנפן. האָבן אייניקע געטרינקען ביר, אַנדערע שנאַפּס און אַ טייל האָבן געמישט ביר מיט שנאַפּס צוזאַמען.

איז געוואָרן פריילעך. האָט מען גענומען טומלען, זינגען, דערציילן ציניש געשיכטעס וועגן דזשאַנסאָנען מיט זיינע טעכטער און וועגן דער אָנגעשטעלטער פונם שיינק, וועלכער האָט זיי געבראַכט די געטראַנקען, האָט אַרומגעכאַפּט רטאַ׳ן און איר געוואָלט אַ קוש טאָן, האָבן אַלע זיך אַ וואָרף געטאָן דער חבר׳טע צוהילף און אויסגעגאָסן אויף אים אַ טוץ פלעשלעך מיט ביר. ער איז אַנטלאָפן אַן אויסגעווייקטער.

ווען פיפאַ איז אַרויס אויף דער גאַס אָט שוין גענומען טונקלען. זי איז ניט געווען שיכור. די עטלעכע אויסגעטרונקענע גלעזלעך

שנאַפּס האָבן בלויז פעסטער געמאַכט אירע טריט. אַן אומרו, שאַרף ביז ווייטיק, האָט זי געגאָגט כאָטש נעם און לייג זיך אַוועק אינמיטן גאַס און שריי און וויין.

די גאַס איז געווען האַלב ליידיק. די קליינע צאָל מאָנטיקדיקע געסט האָט זיך כמעט ווי ניט אָנגעזען. נאָך אַזאַ שווערן טאָג ווי נעכטן, זיינען ניט אַפילו אַלע שיינקען און טאַנץ־זאַלן געווען אָפן. די אָנגעשטעלטע און די דזשעז־שפּילער האָבן געאַרבעט און געשפּילט מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן און געהאַלטן אין איין געניצן. קיין „מיידלעך" האָט מען צווישן די געסט אינגאַנצן די געזען.

די נאַכט איז צוגעפאַלן שטיל און שנעל. פייערן האָבן זיך אָנגעצונדן פון ביידע זייטן גאַס. דורך די ברייטע פענצטער פון דער „קאַסינאָ" האָבן געפינקלט די גרויסע „קוואָדער"־רעדער און מענטשלעכע פיגורן זיינען ווי צוגעשמידטע געזעסן און געשטאַנען אַרום די טישן.

פון דער מעקסיקאַנישער מדבר האָט זיך לאַנגזאַם און שווער געהויבן — אַ גרויסע טונקל־געלע, כמעט רויטע, לבנה.

פּיפּאַ איז שטיין געבליבן אויפן ראָג, זיך גענומען איינקוקן אין דער לבנה און עפּעס האָט זיך אין איר אַ צאַפּל געטאָן: פּונקט אַזאַ לבנה איז דאָן געווען. זי איז געשטאַנען מיט קוראַטאָרין ביים פענצטער פון זיין סטודיאָ נאָך דער ערשטער לעקציע פון קאַרמען. קאַרמען.. אַ פיינע קאַרמען איז פון איר אַרויסגעקומען. ער האָט זי אויסגעלערנט דער הונט. וואָס איז דער אונטערשייד! ס'איז איר שולד געווען נאָך מער ווי זיינע. איצט פאַרשטייט זי עס. אַ קאַלב געווען, יעדן איינעם געגלויבט. לעבט נאָך די שוועסטער? יענע האָט זי אמת ליב געהאַט. קאַרמען געוואָלט ווערן.. ווי זי איז עס דאַן גליקלעך געווען. אַזוי גוט, נאַריש גליקלעך. אַ שאָד. ווי וואונדערלעך ער פלעגט שפּילן. ווי זיינע אויגן האָבן געברענט ווען זי האָט געזונגען די אַריע און געטאַנצט אַרום אים: —

„ליבע איז אַ פויגל פריי,
וועלכן קיינער קען ניט צאַמען.
ס'איז אומזיסט דיין צער און טרויס
ווען זי וויל דיין האַרץ ניט פלאַמען...".

קום, טייערע, וואָס שטייסטו אַליין? — שרייט עמיצער פּיפּאַ'ן אַריין אין אויער.

זי ציטערט אויף. צוויי שיכור'ע אַמעריקאַנער מאַטראָסן שטייען נעבן איר. איינער וויל זי שוין אַ נעם טאָן פאַרן האַנט.

— גייט צום טייוול! — שרייט זי אויס בייז און גייט האַסטיק אַריבער דעם וועג אויף דער צווייטער זייט גאַס, וואו די קאַסינאָ געפינט זיך.

דער מענטשן־שטראָם איז דאָ אַביסל געדיכטער, די שיינקען און טאַנץ־זאַלן פיל רייכער איינגעאָרדנט ווי אויף דער צווייטער זייט, אפילו די מוזיק אַ בעסערע.

זי גייט איבער דער ברייטער גאַס און פאַרנעמט זיך לינקס, צום אַלטן קעלאַנס שיינק, וואָס טראָגט אויף זיך אַ שילד: „דער שיינק פון אַלאַסקאַ".

קעלאַן, אַן אַלטער אירלענדער, האָט געהאַלטן זיין שיינק עטוואָס אַן אַ זייט פון דער הויפּט־גאַס. קיין טאַנץ־זאַל האָט ער ניט געהאַט, אָבער דער ביר און בראַנפן זיינען געווען די זעלבע ווי אומעטום און פאַרקויפט האָט ער זיי אַביסל ביליקער. און די שטענדיקע טיאַ־וואַנער געסט האָבן געוואוסט וועגן דעם און פרנסה האָט אים ניט געפעלט.

ווען פּיפּאַ איז מיט אַ חבר'טע, צום ערשטן מאָל, אַריינגעקומען צו אים אין שיינק, האָט ער זי אויפמערקזאַם באַטראַכט און זיך געווענדט צו דער חבר'טע, אַנווייזנדיק אויף פּיפּאַ'ן: — אַ נייע?

— נאָר וואָס פון דער „לאַנדרי" — האָט פּיפּאַ אַליין געענטפערט.

— געפעל איך דיר?

— ניין!

— פאַרוואָס?

ער האָט זי ווידער באַטראַכט: — מיר דאַכט זיך, עס וואָלט פון דיר אַרויסגעקומען אַ פיל בעסערע לערערין און אַ אַנפאַנגס־שול, ווי אַ טיאַ־וואַנער מיידל.

פּיפּאַ'ס חבר'טע האָט זיך הילכיק צעלאַכט, אָבער פּיפּאַ'ן אַליין האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין האַרצן. זי האָט זיך אויך געפרואווט צעלאַכן: — מסתמא טויג איך ניט פאַר קיין לערערין, אַנדערש וואָלט איך אַהער ניט אַריינגעפאַלן.

קעלאַן האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף איר און ניט געענטפערט.

האָט פּיפּאַ׳ן שוין אַ ברי געטאָן אינווייניק און זי האָט מיט חוצפּה אויסגעשריען: — דריי קיין קאָפּ ניט, אַלטער, גיס בעסער אָן אַ גלאָז ביר!

ער האָט אָנגעגאָסן צוויי גלעזער.

טרינקענדיק האָט זי אַ ווינק געטאָן צו אים מיטן רעכטן אייגל:

— ווּעסט זיך אפשר אַמאָל אַריינכאַפּן צו מיר?

— קיין מאָל ניט! — האָט ער רואיק געענטפערט.

— אַזוי שטאַרק געפעל איך דיר ניט?

— כ׳האָב שוין אַזעלכע טעכטער ווי דו.

— אַנדערע טוען עס . אָט מיין „באָס״ דזשאָנסאָן, צום ביישפּיל.

— וועל.. פאַראַן חזירים.

פּיפּאַ האָט דערפילט, אַז דער ביר גייט איר צוריק פון האַלדז אין גלאָז אַריין. זי האָט אַרויסגענומען אַ דאָלער צו באַצאָלן.

ער האָט אָפּגעשטעלט איר האַנט: — היינט וועל איך דיך מכבד זיין צוליב אונזער באַקאַנטשאַפט. — און ער האָט שטיל צוגעגעבן:

— ביסט אַ גוט מיידל. קום אַריין ווען דו ווּעסט אַמאָל פילן „בלוי״.

אַ צעטומלטע איז זי דאַן אַרויס פונם שיינק. געגאַנגען דעם גאַנצן וועג אַ היים און ניט אויפגעהערט צו שילטן דעם אַלטן הונט קעלאָגען מיט די ציינישסטע קללות. אָבער טיף אין איר האָט זיך אַ פּייערל צעברענט און איר שטיל דערציילט וועגן אַ נאָענטן פריינט, וועמען זי האָט נאָר וואָס דאָ צווישן פרעמדע באַגעגנט.

און זי פלעגט אָפּט קומען צו אים, בפרט אין די שווערע מינוטן..

אויב אין שיינק זיינען קיין קונים ניט געווען, פלעגט ער זי געוויינטלעך מכבד זיין מיט אַ פּאָר גלעזלעך שנאַפּס און אַ האַלב־שיכור׳ע פלעגט זי אים דערציילן שטיקער פון איר פאַרגאַנגע־נעם לעבן.

אַ רואיקער, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, פלעגט ער זי אויס־הערן און זיינע פאַרטראַכטע בליקן, דורך די וואָלקנס געדיכטן רויך פון זיין פּיפּקע, האָבן ווי געשלעפערט איר אומרואיק געמיט. זי פלעגט אַהיימגיין אַ באַרואיקטע.

זיינען אָבער קונים אין שיינק געווען, פלעגט ער זי יעדעס מאָל אָוועקשטעלן ביי דער קאַסע נעמען געלט. און זי פלעגט מיט אַמאָל, ווי גאָר אַן אַנדערע ווערן: זי איז ניט מער קיין טיאַ־וואַנער מיידל. זי איז דאָ אַן אָנגעשטעלטע, אַ קאַסירערין, אַ מענטש מיט פּאַראַנט־

וואַרטלאָזיקייט, אַ פּערזאָן וועמען מען טרויעט. זי באַלאַנגט שוין ניט מער צו מיסטער דזשאָנסאָנען, נאָר צו אים, דעם גוטן קעלאָנען. זי איז פון זיין משפּחה.. און אפשר טאַקע אַ.. טאָכטער זיינע?..

אין אַזאַ אָוונט פלעגט זי אינגאַנצן ניט טרינקען און צוריקגיין צו זיך אין צימערל אַריין עפּעס מיט אַ פריידיקער פרעמדקייט צו זיך אַליין און איר יעדן גליד. — — — — — — — — — — — —

עס האָט זי אויך איצט אַ צי געטאָן צו קעלאָנען.

* * *

אין „אַלאַסקאַ באַר" זיינען געשטאַנען עטלעכע מענער און געטרונ־קען ביר. פּיפּאָ איז דורכגעגאַנגען דעם גאַנצן צימער און שטיין גע־בליבן אין צווייטן עק, נעבן טיש.

קעלאָן איז באַלד צוגעקומען, זי אויפמערקזאַם באַטראַכט, און מיטפילנדיק, שטיל אַ זאָג געטאָן: — אַ שווערן טאָג נעכטן געהאַט?! פאַרוואָס גייסטו זיך בעסער ניט אויסרוען? — ער האָט איר דערלאַנגט אַ גלאָז ביר. ניט ענטפערנדיק, האָט זי אויסגעליידיקט די גלאָז. דאָ האָבן זיך צו איר אַ לאָז געטאָן צוויי מענער מיט אויסגעשטרעקטע הענט:

— קום, טייערסטע, מיר זוכן דיך!

— כ'וועל שפּעטער אַריינקומען! — האָט זי אַ זאָג געטאָן קע־לאָנען, אָפּגעשטויסן איין מאַן, אויסגעמידן דעם צווייטן און אַרויס אין גאַס.

אַ פּאָר שעה האָט זי אַרומגעבלאָנדזשעט איבער די שמאָלע געס־לעך, פאַרביי אָרימע מעקסיקאַנישע הייזקעס, געקוקט אויף דער, איצט שוין קלענערער און העלערער לבנה, און געטראַכט וועגן דער זיב־געריין דזשעראַלדין פּעראַר, וועלכע זי האָט איין מאָל, דאַכט זיך, אין שיקאַגאָ, געהערט זינגען קאַרמען. דאָן האָט זי נאָך זי געגלויבט אַביסל אין זיך, געטרוימט וועגן עס איז נאָך אויך אַליין אַזוי אַרומצושוועבן איבער דער בינע מיטן טאַמבורין אין האַנט און זינגען. ווער האָט עס זי דאָן אין טעאַטער גענומען? דאַכט זיך, דער טענצער — קוזאָוו. יאָ, זיכער ער. זי אויך אָפּגענאַרט. אַלע האָבן זי גענאַרט. געזוכט איר קערפּער און גערעדט —וועגן איר שטימע. ניין, ניט דער קער־פּער אַרט זי. אַדרבה, זאָלן זיי איצט אַלע קומען וועט זי זיך אַליין אונטער זייערע פיס וואַרפן: — נאַ, פרעסט! דריי דאָלאַר אַ שטיק!

זייער פֿאַרברעכן איז וואָס זיי האָבן עפּעס אינווייניק אין איר צעבראָכן. איר שטימע, איר גלויבן, האָבן זיי באַדאַרפֿט צורו לאָזן! אָך, ווען זי קען זיי איצט אַלעמען אַהער אַריינקריגן! בפֿרט אים, קוראַטאָרין; מיט די ציין וואָלט זי זיך איינגעביסן אין אים..

ווען זי איז שפּעטער צוגעקומען צו קעלאַנס שיינק, איז ער שוין געווען אַליין. זי איז ניט אַריין אינווייניק, נאָר געבליבן שטיין נעבן דער טיר. ער האָט זי אויפֿמערקזאַם באַטראַכט. ביידע האָבן געשוויגן. דערנאָך האָט ער אַראָפּגענומען פֿון אַ פּאָליצע אַ פֿלעשל מיט שנאַפּס און עס אַוועקגעשטעלט אויפֿן טיש מיט אַ גלעזל.

— טרינק!

זי איז צוגעגאַנגען צום טיש, אָנגעגאָסן און איינס נאָכן צווייטן אויסגעטרונקען דריי גלעזלעך. פֿאַררויכערט און נאָך אַ פּאַוזע, האָט זי פּלוצלונג אַ פֿרעג געטאָן: — קעלאָן, האָסטו אַמאָל געהערט וועגן דער אָפּערע „קאַרמען״?

— געהערט.

— זי אפשר אויך אַמאָל געזען?

— קיין מאָל ניט.

זי האָט ווידער אויסגעטרונקען אַ גלעזל. — ווייסט, איך האָב אַמאָל געהאַט זייער אַ פֿיינע מעצאָ־סאָפּראַנאָ, זיך עטלעכע יאָר געלערנט זינגען און געהאָפֿט נאָך ווען עס איז צו ווערן אַן אָפּערעזינגערין! ניט ערגער ווי דזשעראַלדיני פֿעראַר.. גלויבסט מיר?

— יאָ, פּיפּאָ. האָסט מיר שוין וועגן דעם דערציילט.

זי טרינקט אויס נאָך אַ גלעזל. רינגען דרייען זיך פֿאַר אירע אויגן, קוים וואָס עס באַוועגט זיך שוין די צונג. מיט אַלע כּוחות רייסט זי פֿון איר אינגעווייד שטיקער פֿון איר לעבן און וואַרפֿט זיי פֿאַרן אַלטן. דערנאָך שטעלט זי זיך אַוועק אין אַ פּאָזע, הייבט אויף די רעכטע האַנט, פּונקט ווי זי וואָלט אין איר אַ טאַמבורין געהאַלטן און פֿאַנגט אָן טאַנצן און זינגען די אַריע פֿון קאַרמען.

עטלעכע פֿאַרבייגייער שטעלן זיך אָפּ.

קעלאָן קוקט אויף איר, ציט די פּיפּקע און שווייגט. ער גלויבט איר. ער איז שוין אָבער דרייסיק יאָר אין טיאָ־וואַנאָ און ווייסט, אַז יעדע גאַסן־מיידל דאָ האָט ערגעץ־וואו אַמאָל געהאַט אַ מוטער מיט אַ פֿאָטער, וועלכע וואָלטן געגרן די לעבנס אָפּגעגעבן פֿאַר זייער קינד. חידוש׳ט ער זיך קיין מאָל ניט. היט זיינע אייגענע טעכטער. קוקט

ער אויף פּיפּען און טראַכט: „ווער ווייסט וואָס עס קען נאָך ווען ניט איז אויך מיט זיינע קינדער פּאַסירן? ווער קען זיין אַזוי קלוג און אַלץ פאַראויסזען? און ווי לאַנג וועט ער נאָך אינגאַנצן לעבן? אַט אַזוי דרייט זיך דאָס גאָט פאַרדאַמטע וועלטל!״

ער זיפצט אָפּ, גיט אַ קוק אויפן זייגער: — גענוג, פּיפּאָ: ס׳איז שוין שפּעט. מען מוז צומאַכן. גיי שלאָף זיך אויס. איך גלויב דיר. ביסט אַ גוטע מיידל. דאַרפסט ניט מיין רחמנות. ס׳איז פאַרפאַלן. ווער לעבט עס צוויי מאָל?

ער ציט אַרויס צוויי טירן פון ביידע זייטן ווענט, לעשט אויס די ליכט, זאָג איר אַ גוטע נאַכט און פאַרמאַכט זיך פון אינווייניק.

פּיפּאָ בלייבט אַליין אין גאַס. אַליין אַנטקעגן דער לבנה.

וואַקלענדיק זיך גייט זי אַהיים. ביי דער שיין פון דער לבנה זעען איר איצט די גאַסן אויס אינגאַנצן פרעמד. זי גייט פאַרביי די שוין פינצטערע קאַסינאָ, נעמט זיך לינקס און בלייבט שטיין ביים אַריינגאַנג פונם „לויף-פּלאַץ״.

זי שפּאַרט זיך צו צום פּלויט און קוקט זיך איין אין דער לבנה. איר דאַכט זיך די לבנה דערקענט זי, האַלט איין איר לויף און באַ־טראַכט זי. געפעלט עס איר, פילט זי אַ דאַנקבאַרקייט צו דער גוטער לבנה, וועלכע האָט זי ניט פאַרגעסן. שטעלט זי זיך אין אַ פּאָזע, הויבט אויף די רעכטע האַנט, פאַנגט אָן טאַנצן און זינגען אויפן קול:

„שטאַרק איז די ליבע, כישופט וועלטן,
שטאַרקער איז זי פון געזעץ,
כ׳האָב דיך ליב, דו מיך ניט
היט זיך: פאַל ניט אין מיין נעץ!

זי טאַנצט און די לבנה טאַנצט איר נאָך, די ווייסע, לעמעריש־צעשויבערטע וואָלקנס פלאַנטערן זיך צווישן די ניט ווייטע הייזער, די פּייערלעך שפּרינגען אין דער לופטן פונקט ווי געלע ראַקעטן.

זי פאַרטשעפּעט זיך אָן עפּעס, פאַלט שווער אויף דער ערד און קלאַפּט זיך שטאַרק אָן מיטן קאָפּ אָן דער וואַנט פונם „לויף-פעלד״.

זי זיצט אַ ווײַלע אַ פאַרטומלטע, קומט אַביסל צו זיך, ציט אויס דעם צעקרימטן פּנים אַרויף צו דער העלער לבנה און צעוויינט זיך מיט אַ וואָיענדיקער, ווי הינטעשער שטימע:

— וואו־ו־ו־וי... וואו־ו־ו־וי!..

זעקס מענטשן אויף אַ באַנק

(דערציילונג)

. . . אין טיף בלויען דרויסן האָט זיך ברייט צעלייגט דער אינדיאַנער זומער.

ווי אַ רייפע פולבלוטיקע פרוי שטייט די זון אין מיטן הימל אַזאַ קאָנצענטרירט־צאַרטע, אַזאַ גאָלדיק־ווילדע און אירע הייסע שטראַלן לאַסטשען און רעגן איינצייטיק. דורך די פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך שפּיזן זיי זיך טיף אַריין אין מאַרך און האַלטן אין איין דערמאָנען וועגן עפּעס זייער טייערן, אינטימען, וואָס איז זיך אַזוי האַרצלאָז צעגאַנגען אין לויף פון די הונדערטער נעכטנס, איבערלאָזנדיק נאָך זיך אַ שטילן, ווייטיקדיקן טרויער.

די שלאַנקע, גרוי־שטאַמיקע אַספּן־ביימער, די ווילדע ווײנשל און די מעכטיקע דעמבן מיט זייערע טיף־אויסגעקאַרבטע בלעטער, האָבן היי־יאָר פיל פריער פון אַלע אַנדערע ביימער דערפילט דעם ווייטן אָטעם פונם אַנקומענדיקן אָסיען און זיך גענומען גרייטן צו אים.

אין איין וואָך צייט האָבן די סימעטריש־צעלייגטע אַספּן בלעטלעך זיך איינגעפאַרבט אין העל און טונקל רויט, די דעמבן האָבן אייגנע־טונקען זייערע בלעטער אין מאַטאָוון ברוין און אַרום די זומען זיי באַצירט מיט אַ קופּערנער רויטקייט און די ווילדע ווײנשל־בלעטער זיינען פון אינעווייניק ווי אויסגעשמירט געוואָרן מיט בלוטיקע פלעקן.

דער באַרגיקער „פּאַרט־טרייענט" פּאַרק, ביים סאַמע צפון עק פון ניו־יאָרק, האָט, אין איינעם פון אָט אַזעלכע אינדיאַנישע זומער־טעג, זיך רחבות'דיק צעוואָרפן מיט זיינע ציכטיק־שטילע שפּאַציר־וועגן, מיט די אויפגעראַמטע טעראַסן, גרינע לאָנקעס, געדיכט באַפּוצטע מיט אויסטערלישע בלומען, זעלטענע ביימער און קוסטן.

הויך און ווילד האָט אַמאָל באַדאַרפט זיין אָט דער באַרג, אויף וועלכן דער „פּאַרט־טרייענט" פּאַרק האָט זיך איצט אַזוי רואיק און געמיטלעך צעלייגט. האָבן מענטשן געצאַמט דעם באַרגס אימפּע־

טיקן שוואונג צום האָדסאָן, פאַרהאַלטן דעם ראַשיקן לויף פון זיינע שאַרפע אָפּרייסן מיט געלאָסענע טעראַסן, מיט זיכערע אַטאַמאַביל־וועגן, באַזוימטע מיט דיקע, שטיינערנע ווענט און געדיכטע ביימער.

שפּאַצירן אין פּאַרק דערוואַקסענע, שפּילן זיך קינדער און טיף, אויף די געפּלאַסטערטע וועגן אונטער זיי, יאָגן זיך מיט אַ דראָענדיקן רויש הונדערטער אַטאָמאָבילן און גאַר אונטן, ביים סאַמע ברעג פון טייך, אָטעמען באַנען שווער און ריטמיש.

שוין אַריבער צוויי שעה ווי זיי שפּאַצירן אין פּאַרק און קענען זיך צו־זאַט ניט אָנריידן, קענען צו־זאַט זיך ניט אָנקוקן איינער אָן צווייטן. אַ וואָך צייט זיך ניט געזען, זיבן נעכט, איינשלאָפנדיק, גע־צערטלט איינער דעם אַנדערנס נאָמען, געבעטן אויף היינט אַ שיינעם טאָג: עס זאָל ניט צעשטערט ווערן די גרויסע פרייד פון זייער פאַר־ברענגען צוזאַמען.

ברענט דער אינדיאַנער זומער איבער טייך און לאַנד, רעגט זיי ביידן מיט זייער ניט־אויסגעלעבטן גליק, פלעכט זייערע פינגער ענג צוזאַמען און ציטערט אָפּ אין זייערע שטימען און בליקן.

שפּאַנען זיי ביידע אַזעלכע שלאַנקע, שטייפע, פולע מיט פלאַטער, פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטן און דער גרויער אַספאַלט לעבט זיפצנדיק אויף אונטער זייערע ריטמישע טריט.

אַ גאַנצע וואָך האָבן זיי זיך ניט געקענט טרעפן: דער מאַן אי־רער, בערנאַרד ריבמאַן, דער אייגנטימער פון דער „בי. ריבמאַן פוט־וועיר קאָ.", איינער פון די רייכסטע שיך־פאַבריקאַנטן אין לאַנד, איז פלוצלונג קראַנק געוואָרן אויף דער „פליו". און ער, דער שטאַלצער, שטרענגער הערשער איבער טויזנטער אַרבעטער לעבנס, האָט זיך שטאַרק דערשראָקן פאַר זיין אייגן לעבן, איז פאַרציטערט געוואָרן בלויז פונם געדאַנק, אַז די „פליו" קען חלילה איבערגיין אין „ניומאָ־ניע", ווי עס האָט אים געוואָרנט דער פאַמיליען־דאָקטאָר.

און, טאַקע גלייך, אין איין האַלבער שעה, איז צווישן דער פּרי־וואַלער, לייכטזיניקער „פליו" און דער געפערלעכער, טויט־ערנסטער „ניומאָניע" אויפגעשטעלט געוואָרן אַ מאַסיווע שוץ־וואַנט, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ „באַוואוסטן" פּראָפעסאָר, צוויי געוויינלעכע דאָקטוי־רים און צוויי באַרמהאַרציקע שוועסטער. זיי האָבן פאַרכאַפּט דאָס גאַנצע הויז, עס אָנגעפילט מיט אַ קראַנקער שטילקייט, מיט פליס־טערנדיקע שטימען און מיטן ריח פון שפּיטאָל.

און אַ באַאומרואיקטער פון די ערנסטע פּנים׳ער פון זיינע היילער, האָט מר. ריבמאַן דערפילט די נויטווענדיקייט זיך אָנצוכאַפּן אָן עפּעס ממשות׳דיקעס: פון אונטער ריזיקע בערג מיט שוין „פּראָדוצירטע״ שיך, פון צווישן קאָלאָסאַלע פלענער פון נאָך מער שיך, פון נאָך גרע־סערע עשירות — האָט זיך אין אים פלוצלונג דערוועקט די אַמאָליקע ליבע צו זיין פרוי, צו דער מוטער פון זיינע צוויי קינדער, וועלכע ער פלעגט ביז איצט זען מינוטנווייז בלויז יעדן פרימאָרגן און פון איין זונטיק צום צווייטן זי קענען גוט אָנקוקן, אויסרעדן מיט איר אַ פּאָר ווערטער.

און דער קלוגער, אַלץ פאַרשטייענדיקער, פּראָפעסאָר האָט כמעט ווי באַפוילן דער מרס. ריבמאַן ניט אָפּצוטרעטן פונם חולה און אַזוי אַרום העלפן אויפצוהאַלטן זיין מאָראַלישן גלייכגעוויכט, וואָס וועט איינצייטיק אים אויך העלפן זי שטעלן אויף די פיס.

אַ וואָך צייט איז רעי געווען צוגעבונדן צום מאַנס בעט און ערשט איצט דערפילט דעם גאַנצן שוידער פון פאַרברענגען מיט אַ מאַן, וועמען מען האָט ניט ליב, וועמעס באַריר רופט אַרויס אַ געפיל פון שרעק, אָפּט עקל, בפרט, ווען דאָס נעמט אַוועק די מעגלעכקייט זיך צו טרעפן מיט יענעם, נאָך וועמען עס גייט אויס דאָס האַרץ. ניט איינמאָל האָט זי אים געוואונטשן דעם טויט. און יעדעס מאָל זיך אַליין געשראָקן פאַר די משוגענע געדאַנקען, זיי געטריבן פון זיך און באַמיט זיך מיט אַלע כוחות אויסצוקראַצן פון וואַנען ניט־איז אַ טראָפּן געפיל פון מיטלייט צו אים, דעם מאַן אירן, און ניט געקענט.

יעדן פאַרנאַכט פלעגט זי זיך דורכגיין אויף אַ שעה צוזאַמען מיטן מאַנס שוועסטער, וועלכע האָט אויך געהאָלפן „ראַטעווען״ דאָס קאָסטבאַרע לעבן פון איר ברודער. בלויז צוויי מאָל איז רעי׳ן גע־לונגען זיך צו פאַר׳גנב׳ענען, אָפּרופן וואָלטערן, אים דערציילן וואָס ס׳איז געשען און אַראַנזשירן די היינטיקע באַגעגעניש.

זיבן טעג, און אָפּט נעכט, האָט זי זיך אַרומגעדרייט איבער אירע ניין רייכע צימערן און געפילט, אַז זי ווערט דאָ דערשטיקט. ווען קיינער איז אין צימער ניט געווען, האָט זי גערעדט צו זיך אַליין, גערעדט צום געליבטן, צוגעגעבן, אַז ער איז גערעכט, אַז זי מוז אַוועק פון דעם „גאָלדענעם קבר״, ווי ער רופט איר הויז, אַלץ איבערלאָזן און אַוועק מיט אים . .

אָפּט זיצנדיק לעבן מאַנס בעט און צוהערנדיק זיך צו זיינע פאַר׳־

דאגה׳טע רייד, אַז בעת ער ליגט דאָ, ווערן „דאָרטן״ זיינע געשעפטן רואינירט, אַז ס׳איז לחלוטין ניטאָ זיך אויף וועמען צו פאַרלאָזן, האָט זי ביז בלוט געביסן די ליפּן, און מיט האַס, באַהאַלטן אונטער די האַלב־פאַרמאַכטע אויגן־דעקלעך, זיך איינגעקוקט אין זיין לאַנגעכיקן, ווי איר האָט זיך איצט געדאַכט, פאַרביסענעם, פּנים, אין די צוויי שמאָלע, כיטרע אייגעלעך איבער דער שאַרפער נאָז, נאָכגעפאָלגט ווי זיינע שטייפע, איינגע׳עקשנ׳טע ליפּן ציען זיך באַפעלעריש צוזאַמען — און אין איר איז געוואַקסן אַ וואונטש אַ כאַפּ צו טאָן עפּעס זייער אַ שווערע זאַך און אים דערלאַנגען מיט דעם איבערן נאַקעטן קאָפּ.

און נאָך אַ געדאַנק אַ מאַכטלאָזער, אַ באַליידיקנדיקער האָט גע־צוקט טיף אין איר: „איז עס מעגלעך, אַז אָט דער דיקלעכער מאַן, מיט די גייציקע קנייטשן אין די ווינקלען פון זיין מויל, איז עס דער פאָטער פון אירע צוויי קינדער? .. ער און ניט דער שלאַנקער, לי־בער וואָלטער, וועמען זי האָט אַזוי ליב? .. ווי אַזוי־זשע האָט עס פּאַרט געקענט פּאַסירן? .. און וואָס פאַר אַ וועלט איז עס, בכלל, ווען אַזעלכע ווי ער פאַרמאָגן אַלץ און אַזעלכע ווי וואָלטער מוזן אָנקומען צו זיי „מאַכן אַ לעבן״?

און מאָדנע פאַר איר אַליין זיינען געווען אירע נייע געדאַנקען און ניט געווען איז קיינער ווער עס זאָל איר העלפן זיך אין זיי פאַנאַנ־דערצוקלייבן, ווער עס זאָל איר ווייזן אַ וועג.

אָבער וואָס אַמאָל איז פאַר איר אַלץ קלאָרער געוואָרן, אַז וואָלטער איז גערעכט, אַז וואָס שנעלער זי וועט זיך אַנטשליסן צו פאַרלאָזן דעם „גאָלדענעם קבר״ אַלץ בעסער וועט זיין פאַר זיי ביידן. יאָ, ער איז גערעכט. צי וויל זי עס דען אַליין ניט? אָבער .. די קינדער .. ער, בערנאַרד ריבמאַן, וועט איר האַנדלונג קיינמאָל ניט פאַרשטיין, וועט איר קיינמאָל ניט פאַרגעבן און זי ניט דערלאָזן אפילו צו זען די קינדער פון דערווייטנס .. און זיין אָן די קינדער? .. ניין, צו דעם איז זי נאָך ניט גרייט .. —

דער זייגער ווייזט שוין באַלד צוויי. פּונקט צוועלף איז ער אָנ־געקומען מיט דער אַכטער עווניו סאַבווי און זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק ביים אַריינגאַנג פון פּאַרק. מיט אַ צען מינוטן שפּעטער איז זי אָנגעקומען מיטן „באָס״. ער איז איר אַנטקעגנגעגאַנגען, זי אָנגע־נומען אונטערן האַנט און, ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט, אויסמיידנדיק

אפילו צו קוקן איינער אויפן צווייטן, זיינען זיי אַריין אין פּאַרק.

אַ פּאָר מינוטן זיינען זיי געשטאַנען צוגעשפּאַרט צו דער נידעריקער וואַנט, וועלכע האָט אַרומגעצאַמט די הויפּט־טעראַסע, און געקוקט אויפן האַדסאָן. דערנאָך האָבן זיי ביידע מיט אַמאָל אַ קוק געטאָן איינער אויפן צווייטן.

— איז וואָס־זשע מאַכסטו, רעי?

— אָט, דאָס זעלבע וואָס דו . .

— אויב אַזוי, בין איך דיר ניט מקנא: כ׳האָב געמיינט . . כ׳וועל פון זינען אַראָפּ.

— איך אויך . . — ענטפערט זי שטיל.

זייערע הענט פלעכטן זיך ענג צוזאַמען און יעדער פינגער וויבּרירט באַזונדער מיט פיין און מיט ווילדער פרייד.

— אַ שרעקלעכע וואָך געווען — זיפצט זי שווער.

— ניט קיין וואָך, נאָר חדשים האָבן זיך פיינלעך געצויגן.

ביידע קוקן פאַרטראַכט אויף די דריי געפלאַסטערטע וועגן, וועלכע ליגן טיף איינער אונטערן צווייטן און איבער וועלכע עס יאָגן זיך מיט אַ טייוולשער שנעלקייט פינקלענדיקע אָטאָמאָבילן.

זי ווישט אומבאַמערקט אויס די טרערן און רעדט שטיל און לאַנגזאַם: — ווייסט, טייערער, מיר דאַכט זיך, כ׳האָב אין מיין גאַנצן לעבן ניט געטראַכט אַזויפיל, ווי אין דער לעצטער וואָך. כ׳האָב געטראַכט וועגן דיר, זיך, אונזערע און אויך אַנדערע לעבנס און ווייסט . . כ׳פאַנג אָן צו דענקען, אַז די וועלט איז משוגע . . אַז אין קיין זאַך איז ניטאָ קיין זין, אַז אַלץ ביי אונז גייט מיטן קאָפּ אַראָפּ. זאָג, צי בין איך ניט אַליין אַביסל אַרונטער פון זינען?

ער באַטראַכט זי מיט נייגיר און אָפענער פרייד:

— ניין, רעי, האָסט קיינמאָל אַזוי צו דער זאַך ניט גערעדט ווי איצט.

זי קוקט אים פאַרשנדיק אין די אויגן: צי לאַכט ער ניט פון איר? דאַן זעצט זי פאָר, זוכנדיק אָנגעשטרענגט די נויטיקע ווער־טער: — פאַרשטייסט? . . פאַראַן מענטשן גראָבע, זשעדנע, וועלכע לייענען אפילו קיין בוך ניט, פאַרשטייען דאָס לעבן זייער ווייניק און דאָך . . דאָך זיינען זיי רייך, האָבן פאַבריקן, באַלעבאַטעווען איבער אַנדערע מענטשנס לעבנס . . און פאַראַן אַנדערע, אַזעלכע פיינע, ערלעכע, געלערנטע און . . זיי האָבן גאָרניט . . קענען קיין גוטן

לעבן אפילו ניט מאַכן. מוזן אָפּט אָנקומען צו יענע, צו די נידע־ריקערע, נאָך הילף, נאָך אַרבעט . . דו פאַרשטייסט וואָס איך מיין?

— יאָ, טייערע, רעד, כ׳בעט דיך. כ׳פאַרשטיי דיך אויסגע־צייכנט! — זיינע אויגן האָבן געפינקלט מיט פרייד.

— איז אַט . . קענסטו מיר אפשר זאָגן, פאַרוואָס אַלץ איז אַזוי? ווי קאָן אַ וועלט, אַ גאַנצע וועלט, משוגע זיין?

ער האָט זי אַרומגענומען און צוגעדריקט צו זיך:

— טייערע וועגן דעם איז פאַראַן זייער אַ סך וואָס צו רעדן און מירן עס טאָן אַ צווייטן מאָל. איצט וועל איך דיר בלויז זאָגן איינס: פאַראַן אויף דער וועלט מענטשן און אַ גאַנץ היפּשע צאָל, וועלכע פרואוון אויסהיילן, קלאָר מאַכן די משוגענע וועלט.

ער האָט איר פלוצלונג אָנגעוויזן אויף צוויי גרויסע פּאַרוויילונגס־שיפן, וועלכע האָבן זיך באַגעגנט אויפן האָדסאָן, פּונקט אין שאָטן פונם ריזיקן „דזשאָרדזש־וואַשינגטאָן“ בריק, וועלכער פאַרבינדט די שטאַטן ניו־יאָרק און ניו־דזשוירזי.

די דעקן פון ביידע שיפן זיינען געווען געדיכט באַזעצט מיט מענטשן אין העלע זומער־קליידער און אַלע האָבן, פאָכנדיק מיט ווייסע טיכלעך און הארבסטיקע קאַפּעליושן, באַגריסט איינער דעם צווייטן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געווען גוטע באַקאַנטע.

זי האָט אים איינגערוימט אַ סוד אין אויער:

— אויף איינער פון אָט די שיפן וואָלט איך איצט אַ בעלן געווען צו זיין מיט דיר.

און ער האָט איר שטיל געענטפערט:

— אָבער בלויז אויף יענער שיף, וואָס גייט פון ניו־יאָרק.

זי שמייכלט גליקלעך: — יאָ, טייערער, פון ניו־יאָרק.

און אָט אַזוי שטייענדיק, פעסט צוגעדריקטע איינער צום צווייטן, קוקן ביידע מיט בענקשאַפט נאָך דער שיף וואָס גייט צו די „בער מאָונטענס“.

— — — — — — — — — — — — — — —

און באַלד האָבן זיי שוין ווידער געשפּאַנט איבער דער פאַר־פוצטער הויפּט־טעראַסע, אין דער לענג פון וועלכער עס האָבן זיך געפונען אַ רייע ברייטע, העכסט באַקוועמע בענק, האַלב־איינגע־מויערטע אין ווייס־ברוינע שטיינער. איבער יעדער באַנק זיינען גע־שטאַנען געבויגן יונגע לינדן און מייפל־ביימלעך.

— לאָמיר זיך אַוועקזעצן, — בעט זי זיך קינדעריש — כ׳פאַל פון די פיס.

— אַנו, זיי אַ כישוף־מאַכערין און געפין אַ פּלאַץ — לאַכט ער, זוכנדיק מיטן בליק.

זיי גייען ווייטער. אַלע בענק פאַרנומען. זיצן זיך מענטשן אַזוי באַקוועם צעלייגט: ווער עס קוקט אין אַ בוך אָדער צייטונג, ווער עס רוט די בליקן אויפן טייך אָדער בריק, און אייניקע זיצן גלאַט אַזוי מיט פאַרמאַכטע אויגן און זאַפּן אין זיך איין די הייסע זונען־שטראַלן.

וואָלטער ווייזט אָן אויף רעכטס: — זעסט, אָט דאָרטן, אויף דער צווייטער באַנק, איז פאַראַן אַ שטיקל ליידיק פּלאַץ.

זי קוקט זיך איין: — יאָ, אָבער אויף יעדן עק באַנק זיצן צו צוויי פּרויען.

— דאָס איז דאָס בעסטע לויט די אומשטענדן — שמייכלט ער און גיט צו: — און אויב מירן זיך ניט צוויילן . . — ער האָט אָנגעוויזן אויף אַ פּאָרל, וואָס איז שטיין געבליבן אויפן וועג און, ווי ס׳ווייזט אויס, אויך גענומען זוכן אַ פּלאַץ וואו זיך אַוועקצוזעצן.

— וועלן מיר זיך טאָקע צוויילן, אינגל מיינער! — זי האָט אים אַ נעם געטאָן פאַרן האַנט און ביידע האָבן זיך געשווינד אַ לאָז געטאָן אין דער ריכטונג צו דער באַנק . . . —

זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט. די פּאָרלעך פון ביידע זייטן האָבן געוואָרפן אויף זיי אַ פּאָר אומרואיקע, זייטיקע בליקן, פּונקט ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָפּשאַצן אויף וויפיל זיי וועלן איצט געשטערט ווערן. כדי זיי צו באַרואיקן האָט וואָלטער מיט רעיען, ניט צוזאַמענגערעדטערהייט, זיך פאַרטיפט אין אַ שטילן געשפּרעך צווישן זיך, ניט שענקענדיק קיין אויפמערזאַמקייט צו זייערע שכנים. יענע האָבן זיך גיך באַרואיקט און פאַרגעזעצט זייערע פריערדיקע געשפּרעכן. איצט האָבן שוין די געסט, פון זייער זייט, פאַרזיכטיק גענומען באַטראַכטן די פּאָרלעך פון ביידע זייטן באַנק.

רעכטס — זיינען געזעסן צוויי אַלטיטשקע. זייערע לענגלעכע פּנים׳לעך איינגעשרומפּן אין אַ געדיכטער נעץ פון קנייטשן. איינע האָט געטראָגן אַ שוואַרצן, גרינדלעך־אויסגעטראָגענעם מאַנטל, באַפּוצט מיט אַן אויסגעריבענעם האָזענעם קאָלנער. אירע אויגן —

איינגעשרומפּן און פאַררוקט טיף אין קאָפּ. די צווייטע — פּאַרפּוצט אין אַ נייעם, ברוינעם מאַנטל מיט אַ גועלן, פוקסענעם קאָלנער. דער מאַנטל איז, ווייזט אויס, געווען זייער אַ ביליקער און די האָר פונם פוקסענעם קאָלנער זיינען קופּקעלעכווייז, ווי דינע, געלע ווערים, זיך צעקראָכן איבער דער אַלטערס פּלייצע און אַרבל. אויגן האָט זי געהאַט גרויסע, קיילעכדיקע, מיט רויטע, אָנגעשוואָלענע קישעלעך אַרום.

געערדט צווישן זיך האָבן זיי מיט שטימעס ענלעכע צו די קלאַנגען פון אָנגעבראָכענע טעפּ: איינע, די מיטן שוואַרצן מאַנטל, עט־וואָס דינער, די צווייטע, מער מיט אַ קאָנטראַלטאָ. און בעת איינע פלעגט רעדן האָט די צווייטע, צום טאַקט, מיטפילנדיק, צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ.

אין לינקן עק באַנק זיינען געזעסן צוויי פרויען: זיי האָבן אויסגעזען צו זיין — אַ מוטער מיט אַ טאָכטער. די מוטער אין די שפּעטע פערציקער, די טאָכטער ניט מער ווי אַ יאָר אַכטצן, ניינצן. זייערע פּנים׳ער שטאַרק ענלעך: די זעלבע פעך־שוואַרצע האָר, ביי איינער שוין געדיכט געמישט מיט ווייסע פעדים; די זעלבע רונדע, זאַפטיקע ליפּן, ביי דער מוטער שוין היפּשלעך פאַרשאָטנט מיט דינינקע קנייטשעלעך אַרום די אויגן און מויל. דער טאָכטערס אויגן — צוויי צייטיקע, זאַפטיקע קאַרשן, פאַרטיקע צום רייסן. דער מוטערס — די זעלבע קאַרשן, פאַרגעסענע אָסיען־צייט אויפן בוים.

בלויז די נעזער זייערע האָבן זיך אַביסל אונטערשיידן: דער מוטערס — דין, מיט צאַרט־פלאַטערנדיקע פליגלען, דער טאָכטערס — עטוואָס פלאַכער און די פליגלען עטוואָס דיקער און ברייטער.

רעדט די אַלטיטשקע אין שוואַרצן מאַנטל און אין יעדן וואָרט אירן הילכט אָפּ, ווי אַ ווייטער ווידער׳קול, אַ פאַרשטיקטער קרעכץ:

— שלעכט, מרס. בינען, זייער שלעכט צו זיין אַלט און דאַרפן אָנקומען נאָך הילף צו קינדער . .

די אַלטיטשקע אין ברוינעם מאַנטל שאָקלט צו מיטן קאָפּ און זיפצט שווער מיט: — יאָ, מרס. אַלבערטאָן, איר זיינט גערעכט . . ס׳איז זייער שלעכט . .

און די ערשטע זעצט פאָר: — זאָג איך נעכטן צו אים, צו הענרי, דעם עלטסטן זון מיינעם: „מיין לעבן האָב איך פאַר דיר אָפּגעגעבן . . [illegible]ט, ווען איך בין אַלט און קראַנק, האָב איך קיין פּלאַץ ניט וואו

זיך אַהינצוטאָן . . ווערט ער בייז, מיין העברי, און שרייט: „מאַ, וואָס ווילסטו פון מיר? איך קען דיר ניט האַלטן ביי זיך: קיין פּלאַץ ניטאָ. פאַרוואָס וויל מאַטילדאַ דיך ניט האַלטן? איז זי דען ניט פּונקט אַזאַ טאָכטער צו דיר, ווי איך בין אַ זון? דערצו האָט זי אַ גרויסע הויז". איר הערט, מרס. בינען, אָט אַזוי רעדן היינט קינדער צו אַ מאַמען . . איך וואָלט אַזוי צו מיין מאַמען קיינמאָל ניט געוואָגט צו רעדן . . און זי, די טאָכטער מיינע, מאַטילדאַ, זאָגט דאָס זעלבע: „זאָל העברי דיך האַלטן: ער האָט בלויז צוויי קינדער און איך — פיר". כ׳ווייס, מרס. בינען, אַז איר, מאַטילדען, איז אויך ניט גוט, אָבער . . מיר איז זייער שווער צו וואוינען ביי מרס. קון אין קליינעם פינצטערן צימערל. ניטאָ קיין כוח זיך צו שלעפּן אויפן דריטן שטאָק. די פיס האַקן זיך מיר אונטער . . עך, ניט אַנדערש, גאָט שטראָפט מיך פאַר מיינע זינד. שווערע צייטן, מרס. ביגען, זייער שווערע . .

ביידע אַלטיטשקע ווישן איינצייטיק אויס די אויגן און די צווייטע נעמט שטיל רעדן: — איר האָט מיין טיפסטן מיטגעפיל, מרס. אַל־בערטאָן. הלואי וואָלט איך נאָר געקענט, וואָלט איך אייך אַריינגע־נומען צו זיך אין צימער. ביי מיר איז וואַרים, ליכטיק, אויפן ערשטן שטאָק. וואָלט איר געוואוינט מיט מיר. — זי זיפצט שווער אָפּ: —

די ערשטע פאַלט איר גלייך אַריין אין די רייד: — ניין, ניין, מרס. בינען, וואָס רעדט איר? איר האָט מיך שלעכט פאַרשטאַנען: מיינע קינדער זיינען, דאַנקען גאָט, אויך ניט קיין שלעכטע. זיי האָבן אויך זייער ליב די אַלטע מאַ. נאָר וואָס דען? . . די צייט איז איצט ביי זיי זייער אַ שווערע . . דער זון מיינער אַרבעט זייער ווייניק און דער איידעם, מאַטילדאַס מאַן, האָט ערשט לעצטע וואָך דעם דזשאַב פאַרלוירן. איר פאַרשטייט? און אַז מען אַרבעט ניט, ווערט מען פאַרביטערט . . ווערט מען צו אַלעמען שלעכט . .

ביידע ווישן ווידער אויס די טרערן און די צווייטע איילט זיך אָנצופאַנגען רעדן: — באַרואיקט זיך, מרס. אַלבערטאָן. יעדער איי־נער דאָ אין גאַס ווייסט וואָס פאַר אַ טייערע קינדער איר האָט. דאָס האָב איך פריער טאַקע געוואָלט זאָגן. וואָס קאָן מען טאָן? אַ צייט אַזאַ אַ שלעכטע . . גאָט וועט העלפן, ס׳וועלן קומען בעסערע צייטן.— זי רוקט זיך צו עטוואָס נאָענטער און וואַרפט אַ פאַרזיכטיקן בליק אין ביידע זייטן, צי עס הערט זיך עמיצער ניט אונטער: — איר ווייסט, מרס. אַלבערטאָן, פאַרוואָס זאָל זיך אייער זון, און אפילו

מאַטילדאַ, ניט ווענדן נאָך רעליף? אונזער רעגירונג העלפט אַרויס די אַרבעטסלאָזע. צוויי שכנים ביי מיר אין הויז קריגן רעליף. זיי קריגן אַלע צוויי וואָכן טשעקס . . אַליין נעכטן געזען ווי דער בריוו־טרעגער האָט די קאָנווערטן אַריינגעוואָרפן צו זיי אין די בריוו־קעסטלעך. אַ גאַנצן פרימאָרגן בין איך געשטאַנען און געהיט . . געוואָלט אויסגעפינען . . זאָלן אייערע קינדער אויך טאָן אַזוי. זאָגט זיי.

קרעכצט ווידער די ערשטע: — רעליף? כ׳האָב געהערט . . כ׳ווייס. ניט מער מזל אויף זיי וויפיל זיי געבן . . אַך, ווי שווער ס׳איז מיר צו שלעפּן זיך אויפן דריטן שטאָק. און אין צימערל איז פינצטער . . שטענדיק פינצטער . . שלעכט, מרס. בינען, זייער שלעכט . .

רעי דריקט זיך צו צו וואַלטערן און זאָגט שטיל, מיט שרעק: — צוויי לעבעדיקע שטיקער ברוכוואַרג. עס כאַפּט אָן אַ שרעק ביים געדאַנק, אַז ווען ניט איז ווען איך אויך זיין אַזוי . . — זי ציטערט אויף. — בעסער ניט דערלעבן . .

ער רעדט איר שטיל אַריין אין אויער:

— ניטאָ וואָס צו ווערן פאַרצווייפלט. אמת, מען קען ניט קעמפן קעגן די „יאָרן", ס׳איז אָבער זיכער, אַז ביי אַ מער געראַכטע עקאָנאָמישע אומשטענדן, וועט אויך די „עלטער" זיין אַ שענערע, אַ רואיקערע, אַ מער באַזאָרגטע. אַ פאַרברענגען באַגיין אָבער יענע, וואָס לעבן ניט אויס זייערע לעבנס. ווי אָט מיר, צום ביישפּיל . .

זיי דריקן זיך פעסטער צו איינער צום צווייטן.

און פון דער לינקער זייט באַנק — פלאַטערט אַ יונג, מיידלש קול: — און איך זאָג דיר, מאַ, אַז ער איז ווייט ניט ווי אַלע: ער איז אַ פּערזענלעכקייט. פאַרשטייסטו? אַ גרויסע פּערזענלעכקייט. גאַנצע טעג און נעכט קען מען מיט אים פאַרברענגען און ניט מיד ווערן אים צו הערן. און דו . . ווי קענסטו אפילו צווייפלען אין זיין ערלעכקייט? . . אַך, גאָט, ווען ער ווייסט דערפון! — איר שטימע האַקט זיך איבער פון גרויס צערודערטקייט.

און באַלד קלינגט אָפּ דער מוטערס רואיק קול, אָבער עס פילט זיך, אַז די רואיקייט איז אַ געמאַכטע. טיף אין איר ציטערט אַן אומרו, אַ באַהאַלטענע שרעק פון אַ געניטער מוטער פאַר איר נאַאיוו קינד: — נו זאָג, רוט, צו וואָס דאַרפסטו זיך אַזוי היצן? אַז איך

האָב גאָרניט קעגן דזשעקן. מיך אַרט אַפּילו ניט וואָס ער איז על־טער פון דיר, וואָס . .

רוט קען שוין מער ניט אויסהאַלטן: זי לאָזט דער מוטער ניט רעדן ווייטער: — איז וואָס אויב ער איז עלטער? אַ מאַן דאַרף זיין עלטער פון אַ פרוי. אַכט יאָר איז ניט קיין סך. איך קען אפילו ניט קוקן אויף די יונגע שנעקעס, מיט וועלכע דו וואָלסט געוואָלט איך זאָל אַרומגיין. כ'האָב אפילו ניט וועגן וואָס צו רעדן מיט זיי. פאַרשטייסט?

— נו, גוט, גוט . . נאָר רואיק . . כ'האָב גאָרנישט קעגן דזשעקן. איין זאַך בלויז קימערט מיך: פאַרוואָס האָט ער פאַרלאָזן דעם אוני־ווערסיטעט איין יאָר פאַרן ענדיקן. דאָס האָט ער בשום אופן ניט גע־טאָרט טאָן.

רוט ציטערט אַזש פאַר אויפרעגונג: אַזוי טיף פילט זי די אומ־רעכט, וואָס איר אייגענע מוטער באַגייט קעגן איר און דזשעקן. ווי שטיינער וואַרפט זי אירע ווערטער דער מוטער אין פּנים אַריין:—איר אַלע . . אַלע זיינט איר אַזוי! . . איר זאָרגט זיך פאַר אַ „לעבן מאַכן" אַזוי שטאַרק, אַז איר דערשטיקט אַליין דאָס גאַנצע לעבן. נאָר איר זיינט פול מיט שרעק פאַרן מאָרגנדיקן טאָג, פאַר יעדער שעה, פאַר יעדער מינוט . . כ'פאַרשטיי ניט, ווי קענט איר אינגאַנצן עק־זיסטירן? . . איך פאַרזיכער דיך, מוטער, דזשעק דאַרף ניט דעם או־ניווערסיטעט. ער וועט נאָך אַמאָל ווערן אַ באַוואוסטער שרייבער. דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע וועלט, וועט קלינגען מיט זיין נאָמען. וועסט זען!

די מוטער לייגט אַרויף אירע ביידע הענט אויף דער טאָכטערס אַקסלען און רעדט מיט אַ לייכטן ציטער אין קול: — גלויב מיר, קינד, כ'מיין קיין שלעכטס ניט פאַר דיר, אויב כ'בין אפילו אומגע־רעכט. מיט 20 יאָר צוריק האָב איך גערעדט צו מיין מוטער אָט די זעלבע רייד וואָס דו רעדסט היינט צו מיר. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן דיין פאָטער. ער האָט אויך, פונקט ווי דזשעק, געטרוימט איינ־צונעמען די וועלט. איך האָב מיין מוטער באַזיגט: כ'האָב געהייראַט מיט אים. נו, וואו איז ער איצט, דיין טאַטע? ווי לאַנג האָט אונזער גליק געדויערט? געציילטע יאָרן דערנאָך ביסטו געקומען און מיט דיר איז די נויט נאָך שרעקלעכער געוואָרן. די נויט, זי ברעכט די שטאָלסטע גייסטער, צערייבט דעם שענסטן מענטשן אין שטויב.

דיין פֿאָטער האָט ניט אויסגעהאַלטן. ערשט נאָך זיין טויט איז מיר געלונגען צו קריגן אַרבעט און מאַכן פֿון דיר דאָס וואָס דו ביסט. איז וואָס־זשע וויל איך איצט פֿון דיר, קינד מיינס? . . פֿאַרשטיי און היץ זיך ניט. כ'וויל דיר איבערגעבן מיין געניטקייט פֿאַר צוואַנציק יאָר לעבן און ליידן. מיינע און דיין פֿאָטערס. כ'וויל דיך פֿאַרהיטן אויף וויפֿיל נאָר איך קען. דו זאָגסט דזשעק האָט דיך ליב? זאָל ער עס דערווייזן. זאָל ער ענדיקן דעם אוניווערסיטעט, זאָל ער שאַפֿן אפֿילו דעם שוואַכסטן באָדן פֿון מאַטעריעלער פֿאַרזיכערונג פֿאַר דיר, מעגלעך אויך פֿאַר אַ קינד . . — טרערן האָבן פֿאַרשטיקט איר קול. — פֿאַרגעס ניט, רוט, אַז ביז זשעניען ווערן אַנערקענט, לויפֿן אַמאָל איבער לאַנגע, לאַנגע יאָרן. ניט פֿאַרקויפֿן וויל איך זאָלסטו זיך, נאָר האָבן ברויט צו זאַט. ברויט און ליבע. דאָס אַלץ.

די מוטער האָט געווישט די טרערן, די טאָכטער האָט געקוקט פֿאַר זיך מיט אָנגעשטרענגטע בליקן און געשוויגן.

רעיס אויגן זיינען פֿול געווען מיט טרערן. וואָלטער האָט צוגעטראָגן איר האַנט צו זיינע ליפּן און זי געקושט ניט אויסרעדנדיק קיין וואָרט.

און אויפֿן סאַמע העכסטן וואָלקן, מיט אַ קרוין פֿון קופּער־דעמבענע בלעטער אויפֿן קאָפּ, איז געשטאַנען דער אינדיאַנער זומער און געשיקט דער זון זיינע לעצטע קושן.

און זי, די זון, אַ גליקזעליקע, אַ באַפֿרידיקטע פֿון אַ גאַנצן טאָג זיך באַהעפֿטן מיט דער ערד, האָט זיך ברייט און רחבֿות'דיק צעוואָרפֿן אין איר פֿולער נאַקעטקייט און כוואַליעסווייז צעגאָסן איר בלוטיק־רויטע זריעה איבערן גאַנצן האָריזאָנט.

אויפֿן הויכן, געדיכט־פֿאַרוואַקסענעם ברעג פֿון שטאָט ניו־דזשוירזי, ווי אויך איבער די פֿעלדער און בערגלעך אויף דער ניו־יאָרקער זייט, האָבן גענומען אויפֿלעבן נאַכט־שאָטנס און מיט אומגעדולד אַרויסקוקן פֿון צווישן די קוסטן,ביימער און הויכע גראָזן.

אויפֿן שטאָלענעם „דזשאָרדזש וואַשינגטאָן" בריק איבערן האָדסאָן, האָבן זיך אָנגעצונדן גירלאַנדעס פֿילפֿאַרביקע, עלעקטרישע לעמפּלעך, וועמענס פֿייערלעך האָבן גלייך גענומען שטיפֿעריש שפּרינגען פֿון בריק און זיך טונקען אין טייך.

זעקס מענטשן זיינען איינמאָל געזעסן אויף אַ באַנק אין „פֿאָרט־טרייענט" פּאַרק.

מיסטער פרידמאַנס פּאַלאַץ

אַ גאַנצן ווינטער, ביי יעדער פּאַסיקער און ניט־פּאַסיקער געלעגענהייט, האָט דער פּרעסער נייטן פרידמאַן דערציילט די אַרבעטער פון שאַפּ, וואו ער האָט געאַרבעט, נסים וועגן זיין קוני־איילענדער „פּאַלאַץ".

— מיין פּאַלאַץ, קינדערלעך, פאַרנעמט אַ גאַנצע הויז אויף דער 31טער סטריט. אַ הויז פון צען רומס, אויף אַלע אונזערע ליבע געזאָגט געוואָרן. רומקעלעך ווי מאַראַנצלעך: פריילעך, זוניק, לעבעדיק . . כאָטש טו זיך אויס און נעם אינמיטן ווינטער אַ „סאַן־בעט". אַלע „עמפּרואוומענטס": אַ באָד, סטים־היט, הייסע און קאַלטע וואַסער, אַ „שניידערשער „שאַור" . .

— פאַרוואָס עפּעס אַ שניידערשער שאַור? — חידוש'ן זיך אַ פּאָר אַרבעטער.

נייטן איז צופרידן פון זיין חכמה און גיט זיי צו פאַרשטיין:

— ביקאָז מיר, שניידער, האָבן צעפּוילט, פאַרזעסן בלוט, פּונקט ווי די היימישע קלויזניקעס . . עס קומט פון צופיל קוועטשן די באַנק. מוזן מיר טאַקע האָבן אַ ספּעשל שאַור מיט „נידלס", עס זאָל שיסן און רייבן, פּונקט ווי מיר שיסן די „באָנדלס" אין „סיזן".

דער עולם לאַכט. נייטן גלעט צופרידן דאָס שיטערע בערשטל לאַנגע האָר, וואָס ליגט ווי צוגעקלעפּט צו זיין נאַקעטן שאַרבן און חזר'ט איבער: — יעס, סער! עס מוז שיסן און רייבן . . אַנדערש „איט איז גוט פאָר נאָטהינג". — ער צעלאַכט זיך אויפן קול. זיין קליינער, פּעטער גוף טרייסלט זיך דערביי, דער אָפענער מויל ווייזט, אַז עס פעלן אים כמעט ווי אַלע באַק־ציינער, די כיטרע, ברוינע אויגן ווערן האַלב־פאַרשוואונדן אונטער די געדיכטע ברעמען. ער זעצט פאָר באַגייסטערט:

— מיין פּאַלאַץ, חברה, האָט אַ שם איבער גאַנץ קוני־איילענד. יעדער „לויפער" ווייסט וואו פרידמאַנס הויז געפינט זיך. 46......28 וועסט 31טע סטריט, צווישן „דער „מויד"־עוועניו, כ'מיין „מויר־

מייד״ עוועניו און „רעילראוד״. און רומס קריגט מען ביי מיר אויך גאַנץ ביליק. פון 125 ביז 200 דאָלאַר אַ שטיק פאַרן גאַנצן „סיזן״. און מיין „סיזן״ איז ניט קיין צען וואָכן, ווי ביי אַנדערע, נאָר גאַנצע פיר חדשים. ווערמען אַרט עס: וואויך, קבצן, נאָך אַ חודש און שלאָג זיך אויס די הוצאות? „דאַטס־אָל!״ מיר באַרייסן ניט קיין אַרבעטער. און ווער עס וויל אַרויסקומען אויף אַ „וויק־ענד״, קען ביי אונז איבערשלאָפן און טאַקע גוט אָפּעסן אויך. פון מיין גאָסיס מאכלים לעקן אַלע די פינגער. די זונטיקדיקע „ביידערס״ רעכן איך בלויז אַ האַלבן טאָלער. זאָלן די פערד צאָלן אין די „בעטהס״ צו דאָלאַר און צו צוויי. ביי מיר — בלויז צוויי קוואָדערס. פרידמאַן, „טשאָרט־פּאָדערי״, איז אַן ערלעכער אַרבעטער, ניט קיין פּיאַווקע!

דערביי פלעגט ער פלינק אַרויסנעמען פון דער הויזן־קעשענע אַ פירעקעדיק פּושקעלע, עס פּאָרזיכטיק עפענען, אַרויסנעמען פון דאָרטן געדרוקטע קאַרטלעך און זיי איינטיילן צווישן עולם. יעדערן צו דריי: פאַר אים און זיינע פריינט. דער אויסדרוק פון זיין פּנים און די באַוועגונגען פון די פינגער זיינען געווען אַזעלכע, פּונקט ווי ער וואָלט, אַמווייניקסטן, געהאַלטן אין אויסטיילן הונדערט־דאָלאַרדיקע פּאַפּירלעך.

מיטאָג פלעגט פרידמאַן עסן אין פאַרשיידענע רעסטאָראַנען, אָר־מעטום טרעפן באַקאַנטע, צווישן געשפּרעך וועגן געזונט און אַרבעט, זיי דערציילן וועגן די נייע איינריכטונגען אין זיין „פּאַלאַץ״ און זיי באַזאָרגן מיט קאַרטלעך.

פּונקט ווי פרידמאַן איז געווען קורץ און גראָב, אַזוי איז גאָסי, די ווייב זיינע, געווען הויך און דאַר. די „ביינערדיקע״, האָבן זי די שכנים גערופן. אַלץ אויף איר, אפילו די טונקל־ברוינע הויט אויפן פּנים און קערפּער, איז געווען זייער שאַרף אָנגעצויגן, פּונקט ווי מען וואָלט די הויט אירע געווען געמאַכט פאַר אַ צווייטער, אַ שמע־לערער פון איר, און שפּעטער, אין גרויס איילעניש, אויף איר זי אַרויפגעצויגן. אויגן האָט זי אָבער געהאַט גרויסע, בלויע, פאַר׳חלומ׳־טע. גיין פלעגט זי עטוואָס איינגעבויגן און טריט מאַכן הויכע, ווי זי וואָלט שטענדיק געשפּאַנט איבער קלעצער.

זי איז געווען ניט קיין געזונטע, אָבער אַ קרענק האָט זי געהאַט זייער אַ מאָדנע: אַ ווינטער־קרענק, אַ קוני־איילענדער. אַ גאַנצן זומער איז זי געווען אייזן־שטאַרק, האָט געאַרבעט פאַר דריי פון

גאַנץ פרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אָבער צוזאַמען מיטן זומערדיקן טומל, פלעגט פון איר אויך פאַרשווינדן דאָס געזונט. דער אָפּפאַר פונם לעצטן זומער־גאַסט, איז געווען דער אָנפאַנג פון איר קרענק. זי פלעגט אָנהויבן צו הוסטן, די פּיס האָבן שוין ניט געקענט מער דערשלעפּן דעם גוף און יעדער שטיקל אינגעווייד אין איר פלעגט ווערן ווי אָנגעזאַפּט מיט ים־וואַסער און זי געצויגן צו דער ערד.

די חדשים אָקטאָבער און נאָוועמבער האָט זי זיך נאָך ווי ס'איז אַרומגעשלעפּט אַביסל, געגאַנגען איינקויפן, אַליין געקאָכט, זיך אַמאָל נאָך אַריינגעכאַפּט צו אַ שכנה אַ שמועס טאָן וועגן פאַרגאַנגענעם זומער. דעצעמבער, יאַנואַר און האַלב פעברואַר האָט זי אָממערסטן פאַרבראַכט אין בעט. קיינע דאָקטוירים האָט מען שוין צו איר מער ניט גערופן: זיי האָבן סיי ווי פאַר איר קיין זאַך ניט געקענט טאָן. האָט מען שוין געוואוסט, אַז זי וועט „זיך איבערליגן" און צום זומער ווידער ווערן אַ מענטש.

אירע אַ שוועסטער, וועלכע האָט געוואוינט ניט ווייט, פלעגט אין פעריאָד פון איר קראַנקהייט אַריינקומען אַלע טאָג זי צו זען און עפּעס אָפּקאָכן פאַרן שוואָגער מיט די קינדער.

אין פעברואַר, ווען די טעג ציען זיך אויס אַביסל, ווען די זונען־שטראַלן ווערן שטייפער און הייסער — קריכט גאָסי פּאַוואָליטשקע אַליין אַראָפּ פונם בעט. אין מערץ איז שוין די הויז ווידער אויף אירע, נאָך שוואַכע, הענט און, צוזאַמען מיט נייטענען, אַרבעט זי שוין אויס פלענער פאַר דעם קומענדיקן „ציזאָן".

אַ מאָדנע קרענק, אַ מאָדנע אידענע, וואָס איז באַשאַפן לויט די ספּעציפישע, קוני־איילאַנדער באַדערפענישן.

פאַר די 14 יאָר, זינט פרידמאַן האָט אָנגעהויבן אויסצוצאָלן זיין פּאַלאַץ, האָט ער זיך שוין צוגעוואוינט צו דער ווייבס קרענק, פּונקט ווי צום ים, צו די קינדער, צו זיין שווערן פאַרן אַלע טאָג אין שאָפּ און צוריק. און אָפּט פלעגט ער גאָט דאַנקען וואָס גאָסי קרענקט אין ווינטער: זיי וואָלטן דאָך איבער די הייזער באַדאַרפט גיין, דאָס זאָל חלילה טרעפן זומער. מילא, אַז מען אַרבעט זיך אָן ווי אַ פערד אין זומער, קען מען זיך דערלויבן אַביסל צוצוקרענקען אין ווינטער. ווען ניט די וויסטע „מאַגעדזשעס" אויף דער הויז, וואָלט פאַר אים אַליין אויך ניט שלעכט געווען אַביסל אַ קרענק צו טאָן.

פון קיין סך קינדער האָט גאָסי ניט געהאַלטן: האָט זי געהאַט

פינף. צוויי אינגלעך און דריי מיידלעך. (ניט אַריינרעכענענדיק די דריי מפּל׳ס) דער עלטסטער אינגל, דייוו, 15 יאָר, דאָס אינגסטע מיידעלע, 4 יאָר. אַ חוץ דייווין, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין ניו־יאָרק, האָבן די איבעריקע דערזען גאָטס וועלטל אין קוני איילאַנד און אַריינגעמאַרשירט אין וועסט 31טע גאַס, ווי גוט־דיסציפּלינירטע סאָלדאַטן, אין איינער און דער זעלבער צייט: אין חודש פעברואַר. ווער מיט עטלעכע טעג פריער, ווער שפּעטער.

די סיבה פון דעם איז אויך געווען אַ קוני־איילאַנדער און געשטאַמט טאַקע פון גאַסיס אַן אייגענעם „פּעטענט״. זי האָט איין מאָל פאַר אַלע מאָל אויסגעאַרבעט אַ פּלאַן און פאַר נייטענען אים פאָרמולירט אויפן פאָלגענדן אויפן:

— הער, נייטען, צוליב וואָס וועלן מיר אייגענטלעך פאַרשוואַרצט אין דעם וויסטן קוני־איילאַנד? צוליבן ים? צוליבן געזונט? דאָס זיכער ניט. וואָס־זשע דען, מען דאַרף האָבן דעם טריפה׳נעם, דעם לויזיקן דאָלאַר. מען קען אָבער ניט לעבן ווי שטיינער, אָן אַ פּאָר קינדער. און וואו נעמט מען צייט צו האָבן קינדער אין קוני־איילענד?

האָט זי אויסגערעכנט, אַז פעברואַר איז פאַר איר דער בעסטער חודש צו ליגן אין קימפּעט. דאַן קען מען ביז אַפּריל, ווען עס הויבט זיך אָן די צוגרייטונגס־אַרבעט פאַרן זומער, שוין שטיין צוריק אויף די פיס. און כדי דאָס קינד זאָל קומען אין פעברואַר, האָט זי ווייטער אויסגעחשבונ׳ט אויף די פינגער, מוז מען פאַרגיין אין טראָגן אין חודש מאַי, פּונקט ווען דער קוסט בעז אונטערן פענצטער צעבליט זיך. און זי האָט געדענקט דעם חשבון און אַ גאַנץ יאָר, יעדעס מאָל, ווען דער מאַן האָט זי אַרומגענומען, פלעגט זי, צווישן איין קוש און זיפץ און צווייטן, אים צאַרט דערמאָנען: — נייטען, האָב גאָט אין האַרצן . . . פאַרגעס ניט דעם חשבון, נייטען!

* * *

די ערשטע טעג אין מערץ. די קעלט האַלט נאָך אָן, אָבער ווען ניט ווען, פאַרגעסט זיך די זון וואו זי האַלט מיט דער צייט און פאַלט הייס צו צו דער פאַרגליווערטער ערד. פאַרלירט די לופט דאַן מיט אַמאָל אירע שאַרפע נעגל, די כוואַליעס פאַלן פלאַכער, נעמען זיך חנפה׳נען צום האַלב־פאַרשנייטן, כמורנעם ברעג און פונם ריין־בלויען הימל הויבט אָן צו רעגענען מיט פרילינגס־ווינטלעך.

גאָסי איז היי־יאָר אַראָפּגעקראָכן פונם בעט מיט אַ וואָך אַנדער־האַלבן פריער ווי געוויינטלעך. די קישקעס אין בויך זיינען נאָך געווען שווערלעך, די פיס האָבן זיך נאָך אונטערגעהאַקט אַביסל, אָבער די זון האָט זי אַרויסגעשלעפּט אויפן גאַניק. זיצט זי אין אַ באַקווע־מען, זומערדיקן וויג־שטול, איינגעהילט אין אַ וואַרימען מאַנטל מיט צוויי קאָלדרעס אַרום די פיס. זשמורעט די אויגן אַנטקעגן די טרו־קענע, הייסע זונען־שטראַלן און טראַכט וועגן קומענדיקן זומער.

זי זיפצט שווער אָפּ: אַ ווינטער לעבן. מען אַרבעט ווי אַ פערד און פרעגט צוליב וואָס. 14 יאָר און קוים אויסגעצאָלט דעם צווייטן „מאָרטגיידזש". אין „די בענק" ניט מער ווי זיבן הונדערט טאָלער. אַלץ פאַר די קינדער. זיי זאָלן קיין פרעסערס, ווי דער טאַטע זייערער, ניט דאַרפן זיין, קיין קוני־איילאַנדער „פּאַלאַצן" ניט דאַרפן האַלטן. אַ היבש ביסל יאָרן פאַר דער חתונה האָט זי אויך אַליין אין שאַפּ אָפּגעפינצטערט . . צען לאַנגע יאָר . . עך, עך . .

זי פאַרמאַכט די אויגן. ווי גוט די זון וואַרימט, אַ תענוג, גיסט זיך ממש אין לייב אַריין. ווען די פיס הערן כאָטש אויף צו ברעכן... ווען עס קומען אָן די היצן, וואָלט זי באַדאַרפט אָפּליגן אַלע טאָג אָמ־וויניקסטן אַ פּאָר שעה אויפן זאַמד. וואו נעמט מען אָבער צייט? אַז זי קערט זיך נאָר אָפּ אויף אַ מינוט, גייט שוין די הויז כאַדאַראַם. מען רייסט, מען ברעכט, מען פּאַטשקעט... דער געדאַנק וועגן גע־שעפט, נאַרט זי אַריין, צעוויקלט זיך אומבאַמערקט און פירט זי שוין נאָך זיך:

„מען דאַרף איבערפאַרבן די סטעליעס אין אַלע צימערן און אין עס־צימער אויך די ווענט. מען מוז קויפן אַמוויניקסטן זעקס נייע מאַטראַצן". די מאַטראַץ־פראַגע איז אַן אַנגעווייטיקטע. עס גיט איר ממש אַ ברי. „ס'איז איינפאַך ניט אויסצוהאַלטן פון די פּאַסקודנע „באָרדעס"! ווי ווילדע האַלטן זיי זיך אין די צימערן. מען פאַר־שמירט און מען צערויעט די ווענט, ווי חזירים; מען צעברענט דאָס ביסל מעבעל, מען פאַרפּאַטשקעט מיט טינט יעדער צודעק. זיצן קענען זיי ניט אַנדערש ווי נאָר אין די בעטן. און ניט נאָר זיי, נאָר אויך זייער גאַנצע משפחה און אַלע פריינט. אַ פּלעצל מאַכן זיי פונם בעסטן מאַטראַץ. און דערפאַר טאַקע, ווען זיי קומען דינגען אַ צימער, כאַפּן זיי זיך דאָס ערשטע צום מאַטראַץ. נו, און די זאַמד? דעם גאַנצן „ביטש" פאַרשלעפּן זיי אין הויז און פאַרשטאָפּן די „פּלאָמבינג".

וואָס אַרט עס זיי? די פרידמאַנס קענען „אַפּאָרדן". זיי וועלן שוין באַצאָלן אַ פּאָר טאָלער און אויסרייניקן..."

די ברוינע, אָנגעצויגענע הויט אויף איר שטערן ציט זיך נאָך שטייפער אָן און פונעם רעכטן ווינקל מויל ביזן הויכן באַקן־ביין ציטערט אויף אַ בייזער מוסקול. זי וויל נאָך עפּעס געפינען געגן אירע זומערדיקע איינוואוינער, נאָר אויפן גאַניק איבערן וועג גיט אַ קלאַפּ אַ טיר. זי עפנט די אויגן. זי זעט אַרויסקומען פון הויז משהן דעם קצב, וועלכער איז ערשט נעכטן אויפגעשטאַנען פון שבעה־זיצן נאָך זיין ווייב, וואָס איז פּלוצלונג געשטאָרבן פון אַ האַרץ־שלאַג. גאָסי דערשרעקט זיך. פאַרגעסט וועגן די מאַטראַצן און זיפצט שווער אָפּ:

„אַ מענטשנס לעבן, מישטיינס געזאָגט . . היינט איז די וועלט אים ווייניק און מאָרגן ליגט ער שוין מיט די ציין אַרויף . ."

דער קצב איז אַוועק זיין וועג און אויסציענדיק די פּיס האָט זי זיך ווידער פאַרטיפט אין דער באַלעבאַטישקייט. דאָס מאָל וועגן די בעטן: „מען מוז זיי איבערפאַרבן. די פענצטער אויך. אויב דער וואָס לעבט אייביק וועט איר נאָך צושיקן אַביסל כח, וועט זי נאָך די קומענדיקע וואָך זיך אַוועקשטעלן מיט דיוווידלען און בערעלען און איבערשמירן אַלע בעטן. טייערע „באָיעס". מען האָט שוין אַ גוטע נוץ פון זיי. און וואָס פעלט אַ שטייגער מירלען?" זי האָט אַ שמייכל געטאָן:

„מען טאָר ניט זינדיקן. קיין עין־הרע טייערע קינדער.. מען זאָל היינט ניט פאַרגעסן הייסן נייטענען אָנגרייטן פאַרב".

דער געדאַנק וועגן מאַן האָט אויף איר אָנגעיאָגט אַ טרויער. „אָרימער נייטן, ס'וואָלט שוין צייט געווען, ער זאָל אויפגעבן דאָס וויסטע פּרעסערײ. שוין אַריבער 30 יאָר, אַז ער שקלאַפט אין די „שעפּער". וואָס אַמאָל ווערט ער עפּעס קורצער, פעטער און געלער. אַ גאַנצן ווינטער האָט ער אפילו קיין פּרואוו ניט געמאַכט זיך אַריינצוכאַפּן צו איר אין בעט . . אַזוי פאַרדרייט איז אים נעבעך דער קאָפּ . ."

עס האָט איר אַ נאָג געטאָן ביים האַרצן. אַ בענקשאַפט האָט זי אַרומגעכאַפּט. אַ בענקשאַפט נאָך די שנעל־אַנטלאָפענע יאָרן, נאָך יענעם נייטענען פון אַמאָל, וואָס פלעגט אַזוי פלינק און גראַציעז אויסטאַנצן גאַנצע 24 פיגורן פונם היימישן „טשערדאַש", וואָס האָט געטראָגן דאָס טרוקענע, „דוירבעלע"־קאַפּעליוש פאַרשייט, פאַררוקט אויפן

רעכטן אויער און אַזוי ממזר'יש געוואונקען צו איר מיטן לינקן אויגל:
— קום, גאָסעלי, קום, סוויטהאַרט, מירן עס היינט, „טשאַרט־פּאָדערי״ (דער טייוול זאָל עס נעמען) אַביסעלע אַ לעב טאָן!
און זי איז אים נאָכגעגאַנגען, פלינק געהויבן די לאַנגע, ביינער־דיקע פיס, צעלאָזן די גאָלד־ בלאָנדע האָר און געשרפה'ט מיט די גרויסע, שיינע אויגן. — כ'וועל גיין מיט דיר, נייטן . . מירן צו־זאַמען גיין!
גאָסיס אויגן זיינען פאַרלאָפן מיט טרערן. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן האָט זי דערפילט דעם חורבן וואָס די לויפנדיקע יאָרן מאַכן אָן אין לעבן פונם מענטשן, און אין ברוסט האָט פיינלעך שאַרף גע־נומען צאַפּלען אַ רחמנות־געפיל צו זיך און צו דעם פעטן, קורצן מאַן אירן, וואָס שלעפּט זיך זיין גאַנצן לעבן נעבן איר. זי האָט געפילט ווי זיך צעוויינען אויפן קול.
אין גאַס, רעכטס, האָבן זיך דערהערט לייכטע טריט. דאָס איז בעקי, די שוועסטער אירע, ווי אַלע פרימאָרגן, אָנגעקומען פונם מאַרק מיט אַ קאָשיק שפּייז. דערזעענדיק זי אויפן גאַניק, האָט יענע פריילעך אויסגעשריען: — אין אַ גוטער שעה, גאָסי! שוין טאָקע צייט געזונט צו ווערן!
גאָסי האָט שנעל —אויסגעווישט די אויגן.

* * *

ווען נייטן איז אין אָוונט אַהיימגעקומען פון שאָפּ, האָט ער גע־טראָפן אַ שיין־געדעקטן טיש און גאָסי, אָן אויסגעפּוצטע, איז געזעסן ביי דער זייט. די קינדער זיינען אויך געווען אין הויז און יום־טוב׳־דיק געוואַרט אויף אים.
זיין מידער פּנים האָט אויפגעלויכטן און די ווינקלען פון פעטן מויל האָבן זיך אויסגעצויגן אַזש ביז די אויערן: — דאַנקן גאָט, גאָסעלע, אַבי ביסט שוין אויף די פיס! — ער האָט דערביי אַ כאַפּ געטאָן די מיזינקע, וועלכע איז געשטאַנען גאָר נאָענט נעבן אים, זי אַ הויב געטאָן אין דער לופטן, דערנאָך צוגעדריקט צו זיך. גאָסין אַליין האָט ער אַ גלעט געטאָן איבער די האָר און וואַרים איר אַריינ־געקוקט אין די אויגן: — אַבי דו פילסט שוין בעסער! — זיין האַנט האָט אַ פעסטן דריק געטאָן אירע.
זי איז געזעסן מיט האַלב־צוגעמאַכטע אויגן, געפילט ווי אַ וואַ־

רימע כוואַליע וויגט זיך אין איר, געשפּירט דעם עטוואָס פּאַרסמאַ־ליעטן גערוך פון געפּרעסטע שטאָפן, מיט וועלכן נייטנס קליידער זיי־נען געווען אָנגעזאַפּט, און טרערן האָבן טיף אין איר געזאָטן. זי האָט אַזוי ווייניק צערטלעכקייטן געגעבן און געקראָגן אין איר גאַנצן לעבן. קיין מאָל קיין צייט ניט געווען: פּרנסה, קראַנקהייט, קינדער. ערשט איצט האָט זי פאַרשטאַנען ווי נויטיק ס'איז אַמאָל אַ גוט וואָרט, אַ לאַסקע, און געפילט ווי אַרומצוכאַפּן דעם מאַן און שטאַרק, ווי קיינ־מאָל ניט פריער, אים צודריקן צו זיך.

דאָס עסן איז געווען גאָר אַ יום־טוב'דיקס און די מאכלים אויסערגעוויינטלעכע: אַלץ אַזעלכע וואָס נייטן האָט זייער ליב גע־האַט. פיש מיט קליסקעלעך, וועלכע זיינען אַרומגעשוואומען אין פיש־יויך, אַ צימעס פון מערן, זיס און פאַרברוינט. אפילו אַביסל שנאַפּס האָט גאָסי אַנטליען ביי אַ שכן.

דאָס עסן האָט דערלאַנגט די 12־יאָריקע מייבעל און בערטראַנד האָט איר אַרויסגעהאָלפן. נייטן איז געזעסן אויבן־אָן, צופרידן געקוקט אויף זיין הויז־געזינד און אויף גאָסיס גלאַט פאַרקעמטן קאָפּ.

נאָכן עסן זיינען די קינדער פאַרשוואונדן: די קלענערע שלאָפן, די עלטערע אין גאַס. נייטן האָט אַרומגענומען דאָס ווייב און זי צוגעדריקט צו זיך: — איצט, גאָסעלי, לייג זיך צו אַביסעלע אָפּרוען: צופיל אָנשטרענגען זיך טאָר מען ניט. — ער האָט זיך צוגעבויגן און זי אַ קוש געטאָן אין באַק.

זי האָט אויפגעציטערט און פאַרמאַכט די אויגן. זי האָט זיך היינט אַליין ניט דערקענט.

ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער: — באַלד עלף. צייט צו גיין שלאָפן. — ער האָט זי אַ קיצל געטאָן אונטער דער גאָמבע: — אפשר, גאָסעלע, זיך גאָר צושפּאַרן היינט לעבן דיר? אַ? וואָס דענקסטו? אַ גאַנצן ווינטער אַליין אויפן קאַלטן בעטל זיך געוואַלגערט . .

זי האָט מיט שטראַלנדיקע אויגן און היץ אין די באַקן געענט־פערט: — אַז ביסט אָבער אַ חזיר . . קענסט ניט איינליגן רואיק, ווי אַ מענטש . .

* * *

זונטיק, דעם 16טן יולי. דער זומער איז זייער אַ הייסער. די זון פּרעגלט זיך אין איר אייגענעם, גאָלדענעם שוויס און לעקט אויס מיט מיליאָנען גלעט, דורשטיקע צינגער יעדן טראָפּן פייכקייט פון

דער ערד און לופט. לויפן מענטשן אַרום מיט קלאַפּנדיקע העמערלעך אונטער זייערע שאַרבנס, טוען אַלץ איילנדיק, אָטעמען איין די טרוקענע זונען־שטראַלן און ציען זיך מיט יעדן גליד צום ניט ווייטן ים.

אַלע דריי מינוט גליטשט זיך צווישן די צעמענטענע פּלאַטפאָרמען פונם קוני־איילאַנדער באַן־הויף אַריין אַ נייער צוג און כליאַפּעט אייבּפאַך אַרויס פון זיינע טירן אַ געדיכט־צוזאַמענגעקלעפּטע מענטשן־מאַסע.

ערשט אויף די פּלאַטפאָרמען צעפאַלט זיך די מאַסע אויף באַזונדערע מענטשלעכע קערפּערס. יעדערער כאַפּט שווער אָפּ דעם אָטעם, גלייכט אויס די ביינער, מאַכט צערעכט די צעקנייטשטע קליידער, שילט די באַן־קאָמפּאַני און פאַרלעך אָדער גרופּנווייז לויפן אַלע צום ים.

דער געדראַנג אין פרידמאַנס „פּאַלאַץ" איז פון גאַנץ פרי אָן אַזוי שטאַרק, אַז עס דאַכט זיך, די גאַנצע געביידע באַוועגט זיך ממש אויף איר פונדאַמענט. גאַסי האָט היינטיקן זומער פאַרדונגען ניט נאָר אַלע צימערן, ווי געוויינלעך, נאָר אויך איר אייגענעם שלאָפצימער, וואו די גאַנצע פאַמיליע פלעגט זיך יעדן יאָר צוזאַמענשטיקן. האָט ניטן איינגעאָרדנט אַ שלאָפצימער אין קעלער אַרום דעם „סטים־היט" אויוון. דאָרטן איז געווען פייכט און צוג־לופטן האָבן שטענדיק געצויגן פון אַלע זייטן. האָט זיך גאַסי געטרייסט, אַז עס איז אויף אַ קורצער צייט און בלויז צום איבערשלאָפן, ווייל אַ גאַנצן טאָג איז מען סיי ווי אין הויז אָדער אין דרויסן.

דער פראָנט־צימער מיטן עס־צימער האָט מען אויך פאַרדונגען צו זיבן מיידלעך, אָבער מיט אַ תנאי, אַז זונטיק פון 8 אינדערפרי ביז 6 פאַרנאַכט, געהערן די צימערן צו די פרידמאַנס און ווערן דינען אַלס אויסטער־פּלאַץ פאַר די באָדערס, וואָס קומען פון ניו־יאָרק. דעם אייביקן צימער ווערלכן מען האָט ניט פאַרדונגען איז געווען די קיך: אַלע שכנים האָבן געצאָלט פאַר גאַז און באַדאַרפט דאָרטן קאָכן.

אין פּאַלאַץ זיינען געווען פאַרטראָטן די אידן פון דער גאַרער וועלט: איין צימער האָט פאַרנומען אַ פאַמיליע ליטוואַקעס, וואָס איז באַשטאַנען פון פאָטער, מוטער און אַ 15 יאָריקן זון. אַלע מיט גרויסע האָרבאַטע נעז, שמאַלע, געלע פּנימ'ער און שוואַרצע, מייזעלש־שנעלע, אויגן. די פאַמיליע האָט געשטאַמט פון דער אמת'ער קאָוונע און געזעצט דעם „שין" אויפן אָרט פון „סמך" און קאַפּויר.

אין אַ צווייטן צימער האָט געוואוינט אַ פּוילישע פאַמיליע: אַ פּאָר פאַלק מיט אַן אַלטער מוטער, וועלכע איז אַ גאַנצן טאָג געווען באַשעפטיקט מיט זאָגן די תחינה און היטן, אַז די צלם־קעפּ, ווי זי האָט גערופן די ליטוואַקעס, זאָל איר חלילה ניט טריף מאַכן די כלים אין קיך.

אין אַ דריטן צימער האָט אַ גאַליציאַנער טאַטע־מאַמע געבראַכט צום ים זייערע צוויי איבערצייטיקטע טעכטער, און אַלע טאָג געבעטן דעם, וואָס „לעבט אייביק״, רחמנות צו האָבן און זיי צושיקן עפּעס לייטישע זיווגים. מעג זיין אפילו אויפן זאַמד ביים ים.

אין איין שלאָפצימער האָבן זיך געפונען צוויי אַמעריקאַניזירטע, אַלטע בחורים מיט זייערער אַ מומע, וועלכע וואָלט לויט איר מאָס באַדאַרפט איינע אַליין פאַרנעמען אַ פיל גרעסערן צימער. זי רופט די פלימעניקעס: „מיינע בייביס״, קאָכט און פאַסט אויף זיי אויף און טרוימט זיי נאָך ווען עס איז חתונה מאַכן. זי וויל אויך אַלעמען איינרעדן, אַז זיי זיינען היגע געבוירענע. ווען מען ווייזט איר אָבער אַן אויף זייער „אַקצענט״, ווערט זי אַן אויפגעקאָכטע און רופט אַלע־מען „גרינהאָרנס״. זי איז זייער אַ קאַרגע און פאַרבייט אָפט אין „אייז־באָקס״ איר קעז אָדער פוטער אויף אַ צווייטנס. די שכנים רופן זי צווישן זיך: „יענקי גנב״.

דעם צווייטן שלאָפצימער, וואו די פרידמאַנס האָבן אַלע זומער אַליין געוואוינט, האָט פאַרנומען אַ רוסיש־אידישער טאַטע, מיסטער בראַמבערג, מיט צוויי שוואַרץ־באַ׳חנ׳טע מיידלעך. ביידע מיידלעך אַרבעטן אין דרעס שעפּער, זיינען טעטיק אין דער יוניאַן־באַוועגונג, און מען זעט זיי אין הויז זייער זעלטן. די שכנים רעדן אפילו צווישן זיך, אַז ווי עס זעט אויס, דאַרפן זיי זיין קאָמוניסטקעס. דער אַלטער פירט די באַלעבאַטישקייט און קאָכט פאַר זיי וועטשערע. ער איז אַביסל אַן אויפגעקלערטער: זאָלצט דאָס פלייש בלויז אויף פינף מינוטן, ניט צוליב אידישקייט, נאָר צוליב „היגיענע״. עסט אויך ניט קיין מילכיקס צוזאַמען מיט פליישיקס, מישט אָבער די כלים. אים רופט עס די פּוילישע „דער אַלטער מעשימעד״, קריגט זיך אָפט מיט אים און הערט אים ניט אויף צו דערמאָנען וועגן „קאַיוער״ אין וועלכן ער „שטאַיט״ שוין מיט איין „פיס״.

* * *

פון גאַנץ פרי הויבט זיך אָן אַ שטופעניש אין קיך אַרום אויוון. עס ברענען פיר פייערן און טעפלעך מיט „סיריעל" זיינען פאַראַן אַמווייניקסטנס פינף. מאַכט זיך שוין שטענדיק, אַז איין טעפל רוקט זיך, ווי פון זיך אַליין, אָפּ פונם פייער. די אייגנטימערין פונם אָפּגערוקטן טעפל מאַכט אַ גוואַלט: ווער האָט עס געטאָן? קיינער רופט זיך ניט אָפּ. ניט אַנדערש, אַז די טעפלעך האָבן פיס. זי שטעלט אַוועק דעם טעפל אויפן פריערדיקן פּלאַץ. שרייט שוין יענע וועמעס טעפל מען האָט אָפּגערוקט. צינדט זיך אָן אַ קריג. איינע שיקט די צווייטע צום גאַז־אויוועלע אין ווינקל, וואָס רויכערט שטענדיק. באַלד אָבער לויפט אָן גאָסי און מאַכט שלום. זי קען שוין אירע ווייבער און ווייסט ווי מיט זיי צו האַנדלען.

גאָר אַנדערש קומט עס אָבער אַרויס, ווען אויפן אויוון שטויסן זיך אַמאָל צוזאַמען דעם אַלטנס טעפל מיט דער אַלטערס אַ פענדל. אין אַזאַ פאַל מישט זיך קיינער ניט אַריין. זיי לאָזט מען זיך קריגן און דאָס גאַנצע הויז שטופּט זיך אַרום און האָט הנאָה. אפילו גאָסין לאָזט מען ניט אַזוי גיך זיך אַריינמישן. עס פאַנגט זיך אָן אַזוי:

די אַלטע שטייט געווײנלעך אויף גאַנץ פרי און פאַרכאַפּט דעם „בעסטן" פייער און איר כעס האָט גאָר קיין גרעניץ ניט, ווען זי דערזעט, אַז איר פענדל איז אָפּגערוקט און אויף „איר" פייער שטייט דעם „אַלטן משומד'ס שוואַרצער טאָפּ". זי הויבט אַזש אָן טופּן מיט די פיס:

— ווער האָט עס אַוועקגעריגט מאַן ראַנדעל?

— סאַ, סרייט ניט אַזוי, — רופט זיך אָפּ די ליטוויטשקע — קיינער איז קיין מעסאָרעס ניט צו היטן אייערע טעפלעך.

— יאַך וואַיס ווער עס טיט עס — קאָכט זיך די אַלטע — יאַך וואַיס!

— גאַיט שוין גאַיט, אידענע, — וויל די גאַליציאַנערין זי באַרואיקן, — עך האָב קאַינען ניט געזען, קאַינער טוט עס ניט!

וואָס זאָגט עץ קיינער? ראַנדלס ריקן זיך אַליין, וואוּעס? יאָך. וואַיס!

— אויב איר „וואַיסט", וואָזו צעפּעט איר זשיך פאַר גאַרניסט ניט? — ווערט שוין די ליטוויטשקע ברוגז.

— לאָמיך־געמאַך: — גיט די אַלטע אַ וואַרף מיט די הענט — יאַך וואַיס, אַז דאָס טיט דער אַלטער מושימעד; ער וויל טראַיף מאַכן מיינע טעפלאַך.

מיסטער בראַמבערג רוקט זיך אַרויס פון זיין צימער מיט אַ שמייכל אין זיין גרויען, קיילעכדיק־אַרומגעשוירענעם בערדל און מיט אַ געלעכטער אין די אויגן — דאָבראָיע אוטראָ! (גוט מאָרגן) — זאָגט ער מיט זיין גרויס־רוסישן „אָ" און פאַרנייגט זיך פאַר אַלעמען: — דאַכט זיך כ'האָב געהערט דער באָבעציס זיסינקע שטימע אַזוי פרי? — ער קוקט זיך אַרום, דערזעט כלומר'שט איצט די אַלטע: — האַ, באַבושקאַ, גוד מאָנינג . . גם אתם!

די אַלטע ברענט אים מיט די בליקן: — אַלטער מעשימעד, עץ ווילט טראַיף מאַכן מאַנע טעפלאַך? עץ שטאַיט מיט איין פיס אין קאַיווער און ווילט נאָך אַנדערע ברענגען צי זינד?

בראַמבערג צלמ'ט זיך דערשראָקן איבער: — וואָס רעדט איר, באָבעצי, ווי קען איך אייך ברענגען צו זינד? מיט אייך זינדיקן קען בלויז אַ בלינדער, וועלכער איז דערצו ניט ביים קלאָרן פאַר־שטאַנד!

פון אַלע טירן רוקן זיך אַרויס די איינוואוינער פונם פּאַלאַץ. מען שטעלט זיך אַרום, אַלעמענס אויגן פינקלען. מען ריכט זיך אויף אַ פאָרשטעלונג.

די אַלטע פאַרגייט זיך פון כעס: — טראַיפענער באַין; דער־וואָרגן זאָלסטי ווערן מיט דיינע טראַיפענע עסנס.

— גם־אתם, נשמה'לע, גם־אתם

דער אַלטערס טאָכטער קומט דער מוטער צו הילף. זי רעדט געוויינטלעך בלויז ענגליש, איצט אָבער מישט זי אַריין אַ געבראָ־כענעם אידיש. זי ווענדעט זיך צום אַלטן און שנורעוועט דערביי צונויף די רויט־געפאַרבטע ליפּלעך אויפן ווייס אָנגעקאַלכטן פּנים'ל, וואָס טונקט זיך איין אַ שטראָם פון גאָלד־געפאַרבטע קרייזלעך: — איט איז עי שעים צו אינסאַלטן אַזאַ פיינע ליידי, ווי מיין מאָדער! דו ביסט אַ איגנאָרענט, אַ גרינהאָרן! וויסט, מען קען דיך נאָך דע־פּאָרטן דערפאַר פון אַמעריקע. דיך מיט דיינע צוויי טעכטער, די קאָמיוניסט! קיינער דאַרף אייך דאָ ניט!

אירע ווערטער גיבן בראַמבערגן אַ שטאָך. זיינע געוויינטלעך גוט־מוטיקע אויגן צינדן זיך אָן: — אַזוי גאָר, מיינע קינדער געפעלן דיר ניט? ווילסט אונז אַרויסשיקן? אָ, דו אָנגעפאַרבטע פּוילישע דריפּקע, דו אַמעריקאַניזירטע בהמה מיט די פאַלשע, איינגעפאַרבטע,

בלאַנדע לאָקנדלעך! מיינע קינדער האָבן דאָך אין די פּיאַטעס מער ווי דו אין מח!

— דאַנע קינדער זאָגן אויך צלם־קעפּ? — שרייט אים די אַלטע איבער.

די ליטווישע פּילט זיך געטראָפן און מישט זיך אַריין: — אַזשוי? איר ווילט, ווי ש׳ווייסט אויס, גאַנץ אַמעריטצקע בלויז פאַר זיך, פאַר די פּויליסע?

— אַ קלייניקייט! זיי האָבן דאָך דעם ערשטן „מאַרטגעדזש אויף אונזער לאַנד — איראַניזירט די פּעטע מומע, אַ באַליידיקטע פאַר איר אַמעריקע.

— גענוג זיך געקריגט — זיפּצט די גאַליציאַנערין, מורא האָבנ־דיק, מען זאָל באַלד ניט אַרויפקומען אויף איר גאַליציע — אַלע זיינען מיר אידן און דאַרפן זיך ניט קריגן.

— די פּויליסע אידן זיינען גאָר קיין אידן ניט! — זאָגט די ליטוויטשקע.

דער עולם צעלאַכט זיך.

בראָמבערג זעט, ער האָט געוואונען. זיין כעס גייט אָפּ, דאָך באַשליסט ער צו געבן זיינע שונאים נאָך איין פאַרפאַר אין דער מאָר־דע. ער ווענדעט זיך צו דער ליטוויטשקע: — מיסעס שטערן, האָט איר אפשר געהערט די מעשה מיט דער הון?

יענע האָלט איין דעם שמייכל און ענטפערט אומשולדיק: — ניין, מיסטער בראָמבערג. וואָס איז עס פאַר אַ מעשה.

אַלע וואַרפן זיך איבער מיט שמייכלנדיקע בליקן.

— ביי אַ פּוילישע אידענע איז איינמאָל פאַרפאַלן געוואָרן אַ הין. קומט אַריין אַ שכנה און אָט וויביידע ווייבער האָבן זיך דורכגערעדט. — ער פאַרלייגט דערביי די הענט אויפן בויך, פאַרשאַרט די האָר אונ־טער די אויערן, בויגט אָן דעם קאָפּ אויף אַ זייט און נעמט פאַר־שטעלן ביידע אידענעס, אויסזינגענדיק יעדעס וואָרט:

— צ׳אָט ד׳אין?

— מאָ־צי.

— טאָקע צאָ־צי?

— יע, מאָ־צי.

— אַ דאַנק דמ׳איבערשטן, אָבי צאָ־צי.

דער עולם האָלט זיך ביי די זייטן פון געלעכטער.

— יו אַר עז אָלד דעם פול! — שרייט די פּוילישע. — קאַם, מאַדער — ביידע פרויען גייען צו זייער צימער. איידער די אַלטע פאַרשווינדט הינטער דער טיר, שרייט זי אויס צום אַלטן. — אַ בראַנד זאָל דיך טרעפן!

— גם אתם! אָמן! — שרייט איר בראַמבערג נאָך

און די ליטוויטשקע גיט שטיל צו: — אָזש באַנומען זשאַלשטו ווערן, דו אַלטע מאַכסייפע!

דאָ לויפט אָן גאָסי, כאַפּט שנעל אויף וואָס עס איז פאַרגעקומען, צינדט גלייך אונטער דאָס קליינע איוועלע, שטעלט אַרויף דער אַלטערס טעפּל, און בייזערט זיך גוט־מוטיק: — אַז ס'איז גאָר אָן אומגליק! ווי פּיצלעך קינדער. פאַר יעדער קלייניקייט נאָר מען קריגט זיך. זי קלאַפּט אָן ביי די פּוילישע אין צימער און גייט אַריין זיי באַרואיקן.

* * *

דער אָוונט אין „פּאַלאַץ" איז נאָך טומלדיקער ווי אַ גאַנצן טאָג, אָבער דער טומל האָט שוין מער צו טאָן מיט גייסט ווי מיט דער קישקע.

די זיבן מיידלעך, וואָס פאַרנעמען דעם פראָנט־צימער און דעם עס־צימער, קומען גלייך פון דער אַרבעט אַהיים. זיי עסן טאַקע „סאַפּער" ביי גאָסין, וועלכע האָט פונם קעלער איינגעאָרדנט ניט נאָר אַ שלאָף־צימער, נאָר אויך אָן עס־צימער. איינע פון די מיידלעך שפּילט אויף אַ „האַוואַיען גיטאַר", די צווייטע אויף אַ מאַנדאָלין, ביידע פאַרפעלן ניט צו פּראַקטיצירן יעדן אָוונט. די איבעריקע פינף זינגען: דריי אין אַ כאָר און צוויי פאַר זיך אַליין.

דער 15 יאָריקער זון פון דער ליטווישער פאַמיליע לערנט זיך שפּילן פידל. אַ גאַנצן טאָג איז ער שטאַרק פאַרנומען ביים ים און מאַכט זיינע „לעסאַנס" געוויינלעך אין אָוונט. זיין מאַמע גיט אַלעמען אַנצוהערעניש, אַז ווער ווייסט, ער וועט נאָך אויסוואַקסן אַ צווייטער מישאַ ניעלמאַן (געלמאַן) אָדער גאָר אַ יאַשע כייפעטש, און זי גיט דערביי צו: — איך בין ניט פון יענע מעסוגענע מאַמעס, וואָס מאַכן אַ גאַנטשן טשימעש פון אַזשעלכע זשאַכן, אָבער דער „טיצער" איז איינפאַך מעסוגע פאַרן קינד!

זי וואָלט געוואָלט, אַז ווען דאָס קינד „פּאַקטיצירט", זאָל דאָס גאַנצע הויז ווערן שטיל און זיך איינהערן מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם.

און ניט קענענדיק עס אויספירן, רעדט זי זיך אָפּט אויס דאָס האַרץ פאַרן אַלטן: — ניסקאָסע, זיי וועלן נאָך ספּעטער פּלאַצן און מוזשען טשאָלן סווערע טאָלערס פאַר טיקעטס אים צו הערן!

מיסטער בראַמבערג הערט זיך איין אַ ווײַלע אין די סקריפּנדיקע קלאַנגען, וועלכע שטעכן ווי מיט טשוועקעס דורך אַלע טירן און באַ־האַלט זיין שמייכל: — טאַלאַנט, מיסעס שטערן, איז פּונקט ווי אַ שפּין־וועב: אַמאָל פליט עס און אַמאָל טראָגט עס דער ווינט . .

די אַלטע הערט ביי זיך אין צימער דאָס סקריפּעניש פונם פידל און זאָגט מיט אַ בייזן שמייכל צו דער טאָכטער: — ער וועט זיין אַ מישאַ ניעלמאַן, פּונקט ווי איך אַ טענצערין . . געלט וויל זי, דער צלם־קאָפּ, געב ער געלט פאַר טיקעץ . . שערבלאַך וועט זי קריגן אויף די אויגן . .

— לעט האָר גאָ טו העל! — ענטפערט די טאָכטער אַ פאַר־טיפטע אין פאַרבן די ליפּן. אין איין האַנט האַלט זי דאָס שפּיגעלע, אין דער צווייטער דעם „רוזש" און מיטן רעכטן פוס וואַרפט זי דאָס וויגל מיטן זעקס־חדשים׳דיקן קינד, וואָס הערט ניט אויף צו שרייען.

ביי די גאַליציאַנער זינגט די עלטערע טאָכטער. זי זינגט נאָר פון אָפּערעס און נעמט איינטייל אַלס „קראַפּט" אין לאָקאַלע קאָנ־צערטן. מיט 3 יאָר צוריק, ווען זי איז בלויז 27 יאָר אַלט געווען, האָט זי זיך געלערנט ביי אַן איטאַליענישן „פּראָפעסאָר" זינגען און געטרוימט אפילו וועגן אַן אָפּעראַ־קאַריערע. די טאַטע־מאַמעשי האָבן אויסגעגעבן אויף איר יעדע פּעני, זיך פאַרשוולדיקט איבערן קאָפּ. אָבער דאָס איינציקע ראַיעלע, אויף וואָס זיי האָבן זיך שיעור ניט דערוואַרט איז געווען אַן איניקל, טאָקע פונם פּראָפעסאָר אַליין. דערצו האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איר שטימע איז אויך אַ היבשלעך שוואַכע און מען האָט זי גלייך געמוזט אַוועקשיקן אין אַ „ספּעציעלער קאַונ־טרי" צו אַ צווייטן פּראָפעסאָר. אַזוי איז זי געבליבן מיט די אַריעס, און דאָס איינציקע, צו וואָס זי שטרעבט איצט, איז עפּעס אַ לייטישער „ביזנעס־מאַן", מעג אפילו זיין מיט אַ קינד.

און די מאַמע דערציילט אָפּט די שכנים: — מיין טאָכטערשי איז געווען געבענטשט מיט אַ גרויסן טאַלאַנט. מילא, זי זינגט נאָך איצט „געניג שיין", אָבער איר האָט באַדאַרפט זי פריער הערן. אַ וועלט מיט מענטשן האָבן אָנגעקוואָלן פון אירע „אַרביעס" (אַריעס). פינף יאָר זיך געלערנט זינגען. איז אָבער אַן אומגליק געשען: זי האָט זיך

פּאַרקילט די „קאַנסילס" און ביים שניידן האָט מען זי אומגליקלעך געמאַכט.

די אינגערע מיידל, האָט אַ גאַנץ שיינע, שטאַרקע קאָנטראַלטאָ־שטימע, די עלטערן לאָזן זי אָבער קיין מויל ניט עפענען: טאַטע־מאַמעשע ווייסן שוין צו וואָס „אַרביעס" קענען דערפירן אַ אידישע טאָכטער.

ביידע אַמעריקאַניזירטע בחורים זינגען און שפּילן אויף „יוקע־לעילעס".

אַפילו דעם אַלטנס עלטערע מיידל שפּילט אויף אַ קאָנצערטינאָ און דעם אָוונט, ווען זי איז אין הויז, פּראַקטיצירט זי אַ שעה אָדער אַנדער־האַלבן.

פאַראַן אין הויז נאָך אַ האַלבן טוץ קינדער, וועלכע ליידן חלילה ניט פון הייזעריקייט און פון 6 אין דער פרי ביז אַרום 9 אין אָוונט הויבט זיך ממש דער פּאַלאַץ אין דער לופטן.

נאָך 9 ווערט אין פּאַלאַץ שטיל: אַלע לויפן אויפן „באָרדוואָק" כאַפּן אַ „וואָק" און דערביי אויך אַביסל פרישע ים־לופט.

* * *

אין די זונטיקס פאַרגרעסערט זיך די געוויינלעכע צאָל איינוואוי־נער פונם פּאַלאַץ נאָך מיט אַ 40, 50 און אַמאָל מער. אייניקע פאַר־נעמען אין הויף די „לאָקערס" אַנדערע טוען זיך אויס אין די צוויי צימערן פון די 7 מיידלעך.

דער שטראָם פון באַדערס הויבט זיך אָן פון 8 אין דער פרי. האַלב נאָך 7 שטייט שוין בייטן אין אַ בלויען העמד מיט ווייסע אויס־געפּרעסטע הויזן אין גאַס ביי דער טיר און וואַרט. ער דערקענט שוין זיינע „קאַסטאָמערס" פאַר אַ מייל און גייט זיי אַנטקעגן. און אויב ער פאַרשלעפּט אַמאָל צו זיך עטלעכע וואָס גייען אין אַ צווייטן פּלאַץ, מאַטערט אים אויך ניט צו שטאַרק דער געוויסן.

אין „פראָנט־צימער גייט דערווייל אָן אַ פיבערהאַפטיקע אַרבעט. די זיבן מיידלעך שפּרינגען ניט־ווילנדיק פון די בעטן און ווערן צע־רונען אין טומל פון הויז און קיך. גאָסי אַרבעט שוין דאָרטן מיט די עלטערע קינדער. די בעטן ווערן שנעל פאַרבעט און צוזאַמען מיטן טיש צוגערוקט צו די ווענט. אויף יעדן פון זיי ווערן צוגעשפּילעט רויטע פּאַפּירלעך מיט נומערן. אַ האַלבער טוץ לימענע קעסטלעך

שטייען אין די ווינקלען, איינער אויפן צווייטן, אויך מיט רויטע בי־לעטלעך אין זייערע געלע בייכער. פאַר יעדן באָדער — אַ נומער. אַלץ מוז צוגיין מיט טאַלק, מען זאָל זיך ניט פאַרבייטן מיט די העמ־דער אָדער זאָקן.

דאָס זעלבע וואָס אין פראָנט־צימער, ווערט אויך געטאָן אין עס־צימער. דאָ טוען זיך אויס די מיידלעך.

אַ גאַנצן טאָג האַלט מען אין איין קומען און גיין, זיך אויסטאָן און אָנטאָן. דאָס גאַנצע הויז ווערט פאַרוואַנדעלט אין אַ באָד. אומע־טום נאַסע קערפּערס, שטראָמען וואַסער. און יעדער איז באַגייסטערט, אָפּגעפרישט פונם ים, פאַר'שיכור'ט פון זיין אייגענער און פרעמדער נאַקעטקייט. רעדן זיי אַלע מיט הויכע, ברויזנדיקע שטימען, לאַכן און שרייען צוויי מאָל אַזוי הויך ווי געוויינלעך. זייערע אויגן זיינען ברייט צעעפנט, די שמייכלען קינדערש, די באַוועגונגען פלינק און בויגיק.

פאַלן פון די באָד־אָנצוגן קלאָר־בלויע טראָפּנס אויפן פאַרגאַ־סענעם בלאַטיקן דיל, אַנגעדראָליעטע פיס טאָפּטשען זיך מיט אַ פריילעכן אומגעדולד, וויקלען זיך קרעפּטיקע מענער הענט אַרום אַנט־בלויזטע, מיידעלשע פּלייצעס און העלדזער, פאַרקריכן וואו מען דאַרף ניט, קריגן גלייך איבער די הענט און די לופט ברויזט הילכיק אויף:

— כאַ־כאַ־כאַ! . . כי־כי־כי! . . כאַ־כאַ־אַ!

רייסן זיך פון טומל איינציקע שטימען:

— מיסטער פרידמאַן, וואו זיינען מיינע זאַכן? נומער 38.

— מיסעס פרידמאַן, גיט, פּליעז, אַביסל בוימעל: מיין פּלייצע ברענט!

— וואו איז מיין העט? „מיי העט, בויעס!"

— מאַני, מאַני! ווער נעמט געלט?

— „גאָד־דעמעט" כ'קען ניט געפינען מיין העמד!

אין קליינעם הויף, וואָס איז אַרומגעכאַפּט מיט אַ ריי „לאַקערס" שטופּן זיך צום „שאַוער" אַ פּאָר צענדליק בחורים און מיידלעך. די בחורים שטייען האַלב נאַקעט, די מיידלעך האָבן אַראָפּגעלאָזט די אַקסל־בענדלעך און היטן מיט איין האַנט דער באָד־קאָסטיום זאָל זיך ניט אַראָפּגליטשן איבער די ברוסטן. מען שטעלט זיך איינער נאָכן צווייטן אונטערן קאַלטן שטראָם און די שאַרפע שפּריצן שטעכן זייערע אָנגעברענטע לייבער. גיט יעדער אַן אייגענעם אויסגעשריי, זאָגט זיך

זיין ווערטל און די אַרומיקע ענטפערן אים מיט ווערטלעך, מיט אויס־געשרייען.

— האַ, מאַמעשי! הו־הו־הו! עס שניידט ווי מיט מעסערס!

— גוט, טשאַרט פּאַדערי! פּאַדאַוואַי! פּאַדאַוואַי!

— גוואַלד, עס בריט! ראַטעוועט, אידן!

— וואַרט, וועסט ערשט מאָרגן פילן דעם ריכטיקן טעם!

— עי, ווייסמאַן, דו הייסער ציוניסט, קריך שוין אַוועק פונם קאַלטן „שאַור"! אין ארץ־ישראל וועסטו זיך קענען טובל'ען אין ירדן אַ גאַנצן טאָג.

— שאַראַפּ, רויטער! גיב ניט קיין באַפעלן: ביסט נאָך ניט אין מאָסקווע! דיין פריינט סטאַלין קען דיר דאָ ניט העלפן!

— וואַש אויס דעם מויל, איידער דו רעדסט אַרויס זיין נאָמען!

— וואָס איז דאָ אַ באַד צו אַ פּאָליטישע פאַרזאַמלונג?

— טו העל וויט אָל אָוו יו! לאָזט מיך צו צום „שאַוער!"

— קאַם־אַן, בויס, מואוו! איך שטאַרב עסן!

— איך וויל זיך נאָך היינט אַריינכאַפּן אין לונאַ־פּאַרק!

— אין ליין! קיינע מיוחסים! שטיי און וואַרט גלייך מיט אַלעמען!

— בעסילע, סוויטהאַרט, האַו איז יאָר פּופּיק?

— גאָו טאָ העל, יו סטיופּיד!

— כאַ־כאַ־כאַ!.. כי־כי־כי!..

— מיסעס פרידמאַן, פּליז, אַ טרוקענעם האַנטוך פאַר אַ דיים!

— און מיר גיט אַ האַלב־נאַסן פאַר אַ ניקל!

— כאַ־כאַ־כאַ!.. כי־כי־כי!.. כאַ־כאַ!..

נייטן און גאַסי יאָגן זיך אַ גאַנצן טאָג אַרום ווי צוויי ווינטן, איבערן הויז: אַט שטעלט ער איין „אָרדענונג" נעבן די „לאָקערס" אין הויף, בעת גאַסי גלייכט אויס אַ סכסוך צווישן די שכנים און די „ביידערס" אין עס־צימער; אַט טראָגט זיך שוין זיין קול פון גאַס, וואו ער לאָדט איין צו זיך עטלעכע נייע געסט און מיט אַ רגע שפּעטער יאָגט ער זיך שוין מיט אַ פּאַק האַנטיכער צו די „שאַוערס", שרייענדיק מיט אַלע כוחות: — כ'קום! כ'קום גלייך!.. שאַראַפּ! — און טראַכט פאַר זיך: „אַז שטום זאָלט איר שוין אַלע דאַרטן ווערן.. סאָנאָוואַ־ביטשעס!" און איידער מען קוקט זיך נאָר אַרום, שטייט ער שוין אין קעלער, נעבן דער פאַרשוויצטער, אויסגעמאַטערטער גאַסין,

העלפט אירביים אויוון, דערלאַנגט די געסט דאָס עסן און נעמט דאָס געלט.

די קינדער העלפן אַרויס מיט וואָס יעדער פון זיי קען.

* * *

שפּעט ביינאַכט. דער הערשער מיט דער הערשערן פונם „פּאַלאַץ" ליגן אין קעלער אין בעט און קענען ניט איינשלאָפן פאַר מידקייט. קיין טראָפּן לופט, כאָטש ווער דערשטיקט. זייער מאַרך איז ווי איינגעטונקען אין אַ געדיכטער, וואַרימער מאַסע, יעדער אבר איז ווי געשוואָלן און ניט צום רירן.

אין צוויי שמאָלע אויפשטעל־בעטלעך אין די ווינקלען שלאָפן די פּרינצן מיט די פּרינצעסענס. זיי ליגן אָפּגעדעקטע, האַלב־נאַקעטע, מיט די פיס איינער איבערן צווייטן און שנאָרכן און רעדן פון שלאָף.

— אַ שווערער טאָג געווען — זיפצט נייטן — כ'בין אינגאַנצן ווי איבערגעבראָכן אויף צווייען.

— מיינע פיס און הענט זיינען ווי פעסלעך — זיפצט גאָסי — כ'וואָלט שוין אַזוי געקענט אָפּליגן ביזן קומענדיקן זומער.

— גאָט איז מיט דיר! וואָס רעדסטו? — דערשרעקט זיך נייטן.

— כ'שפּאָס, נאָר איינער. — באַרואיקט אים גאָסי — וויפיל דענקסטו האָבן מיר היינט געהאַט „בעידערס"? געווען אַ 50—60?

— דאַכט זיך, אַז מער. — זיפצט ער שווער אָפּ.

— געמאַכט אַ פּאָר סענט.

— געמאַכט. אָבער וואָס קומט אַרויס פון דעם, אַז מיר אַליין זיינען טויטע.

— וועסטו זיך דעם קומנדיקן ווינטער, אם־ירצה־השם, אויך אויסרוען אַביסל.

— אויף אַלע מיינע שונאים געזאָגט געוואָרן אַזאַ אָפּרו!

וואָס קען מען העלפן? וועמען לעבט זיך עס דאָ גרינג?

נייטן קערט אָפּ דעם קאָפּ און ענטפערט ניט.

די קינדער שנאָרכן שווער, וואַרפן זיך אין שלאָף, מייבל הויבט די הענט פון בעט און שרייט: — מאַמע, אַ האַנטוך, גיך אַ האַנטוך!

טאַטע־מאַמע קוקן זיך איבער און זיפצן שווער אָפּ.

— וואָס קען מען העלפן, גאָסילע, אַזוי איז עס שוין!

— אַ הינטיש לעבן!

— קוני־איילאַנד.

צווישן שלאַנגען

(דערינערונג)

נאָך פון קינדווייז אָן האָב איך ליב געהאַט שלאַנגען. ליב און מוראַ — אין דער זעלבער צייט. כ'האָב געפילט עפּעס אַ געהיימניס־פולן צויבער אין די עלאַסטישע באַוועגונגען פון זייערע רונדע, אָפט פּרעכטיק־געפאַרבטע קערפּערס, באַוואונדערט דעם ריטמישן שוואונג און פּערפעקטן צוזאַמענבונד פון זייערע רינגנדיקע גלידער. מיר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז זייערע שוואַרצע אויגן זיינען פול מיט קלוג־שאַפט און פאַראַכטונג, אַז זיי ווייסן און פאַרשטייען אַלץ וואָס אַרום זיי קומט פאָר, בייסן בלויז, כדי זיך צו פאַרטיידיקן און ווען איך גיי צו און זאָג זיי אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער, וואָלטן זיי מיך פאַרשטאַנען, זיך געלאָזט פון מיר גלעטן און אפילו נעמען אויף די הענט.

ווען עס פלעגט אַמאָל, אין מיינע יוגנט־יאָרן, צו אונז אין שטאָט אַראָפּקומען אַ וואַנדערנדיקער צירק, וואו עס האָבן, געוויינלעך, זיך אויך געפונען ווילדע חיות, האָב איך געקענט שטונדנווייז אָפּשטיין פאַר די קאַסטנס מיט די שלאַנגען, היטן זייערע באַוועגונגען, שטיל רעדן צו זיי פריינטלעכע ווערטער און זוכן אַ סימן, אַז זיי פאַרשטייען מיך, שעצן אָפּ מיין פריינטשאַפט.

אָנקומענדיק צו איין און צוואַנציק יאָר אַלס אַ סאָלדאַט, אין אַ פאַרוואָרפענעם ווינקל אין טורקעסטאַן, האָב איך אָפט געטראַכט וועגן די שיינע, גיפטיקע שלאַנגען, וואָס געפינען זיך דאָ אין אַ גרויסער צאָל, און האָב מיט אומגעדולד און שרעק געוואַרט אויף דער מעגלעכ־קייט זיך צו טרעפן מיט זיי.

די ערשטע ראָטע, וואוהין מען האָט מיך באַשטימט, האָט זיך געפונען אין דער מאַרגעלאַנער פעסטונג, ניט ווייט אונטערן שטאָט, אַרומגערינגלט מיט אַ געדיכטן וואַלד. דאָס איז מיר נאָך מער גע־פעלן: נאָענטער צו דער ווילדער נאַטור, צו די צויבערנדיק־גיפטיקע שלאַנגען.

אויפן דריטן טאָג נאָך מיין אָנקומען, מיטאָג צייט, האָב איך אָפּגע־

רעדט מיט אַ צווייטן סאָלדאַט זיך אַרויסכאַפּן פון דער פעסטונג און באַטראַכטן די אַרומיקע געגנט. מיר זיינען אַרויס פון פעסטונג־טויער, אַריבער דעם ברייטן שטיינערנעם וועג, וואָס איז געלאָפן פון שטאָט צו די סאָרטישע דערפער, און זיך פאַרטיפט אין אַ געדיכטן וואַלד, דורך וועלכן עס איז מיט אַ מעלאַדישן גערויש האַסטיק געלאָפן פון די שניי־בערג אַן אייז־קאַלטער „אַריק״ (טייכל).

איך בין געגאַנגען זוכן שלאַנגען. אין דער האַנט האָב איך גע־האַט אַ גראָבן שטעקן און מיינע קעשענעס זיינען פול געווען מיט שטיינער.

דריי שעה זיינען מיר פאַרזיכטיק אַרומגעגאַנגען צווישן געדיכטן גראָז און הויכעביימער, זיך שרעקנדיק פאַר יעדן רונדן, זיך באַוועגנ־דיקן צווייג, אויפּציטערנדיק ביי יעדן הויכן גרילץ פון די גרויסע היי־שעריקן, ביי יעדער באַוועגונג אין גראָז.

מיינע האָפענונגען זיינען געווען אומזיסטע. פאַר דער גאַנצער צייט האָבן מיר בלויז באַמערקט צוויי קליינע שלענגלעך: איינס אַ גרוי־געלס, וואָס איז גלייך פאַרשוואונדן צווישן אַ קופּע שטיינער, דאָס צווייטע, אַ גרינס, אַן איינפאַך גראָז־שלענגל, איז געלעגן נעבן טייכל און איז אויך נעלם געוואָרן באַלד ווי מיר זיינען צוגעקומען עטוואָס נאָענטער.

מיט גאָרנישט זיינען מיר צוריקגעקומען אין קאַזאַרמע, און ביי־נאַכט, זיך שוין לייגנדיק שלאָפן, האָב איך וועגן דעם דערציילט דעם גוטן „דיאַדקע״ (עלטסטן) וואַלקאָוון, וואָס האָט שוין צו יענער צייט געדינט פרייוויליק דאָס זעקסטע יאָר.

— ביסט נאָך אַ גרינער — האָט ער זיך צעלאַכט — דאָ, אַזוי נאָענט פון דער פעסטונג, ביים סאַמע וועג, וועסטו זייער ווייניק שלאַנ־גען געפינען: מען האָט אַ סך פון זיי אויסגע׳הרג׳עט„ די איבעריקע פאַרטריבן. שלאַנגען, ברודערקע מיינער, האָבן פיינט רעש, זיי האָבן ליב זיך צו וואַרימען אויף דער זון און טראַכטן. זייערע נעסטן גע־פינען זיך אָבער ניט זייער ווייט פון דאַנען, אויף די העכערע טיילן פונם טייכל, צווישן די צווייגן ביי די ברעגן. דאָרטן, ברודערל מיינס, אויף די צווייגן, קענסטו אַמאָל אַזאַ חתונה דערזען, אַז דו זאָלסט נאָכער אַ גאַנצן מאָנאַט מורא האָבן צו שלאָפן. — ער האָט געוואָרפן אויף מיר אַ פאַרוואונדערטן בליק — און צו וואָס פאַר אַ ניט גוטן, זאָג מיר נאָר, לויפסטו זיי עס זוכן? ווילסט זיך אפשר אַ שפּיל טאָן מיט

זיי? כאַ־כאַ־כאַ! מעגסט עס פּרובירן: צווישן זיי זיינען אַזעלכע שייניקע פאַראַנען: העל־רויטע, בלאָע, ווייסע, ברוינע, גרינע, געלע ווי גאָלד, און פיל פון געמישטע פאַרבן. עס איז פשוט אַ מחיה זיי אַ גלעט צו טאָן. די זאַך איז בלויז, וואָס דער ביס פון איניקע פון אָט אַזעלכע שיינע סטערוועס (נידעריקע באַשעפענישן) טוידט דיך אין פופצן־צוואַנציק מינוטן — ער האָט אַ זיפץ געטאָן — שוין ניט איינעם פון אונזערע האָבן די שיינע בעסטיעס אויף יענער וועלט אַוועקגעשיקט. זיי זיינען פונקט ווי פרויען: וואָס שענער — אַלץ געפערלעכער. צוערשט ציען זיי דיך צו, דערנאָך בייסן זיי דיך.. וואָס דאַרפסטו מער, איך אַליין בין אין ערשטן יאָר פון מיין דינסט שיעור ניט אומגעקומען צוליב אַזאַ שיינער פאַסקודע.

— דערציילן, וואָלקאָוו, ווי אַזוי איז עס געשען?

— ניטאָ וואָס צו דערציילן — האָט ער זיך צעשמייכלט — וואָס קען מען דערציילן וועגן אַזעלכע גרינע בחורים ווי מיר זיינען, בעת מיר קומען אָן אויף דער „סלוזשבע" (מיליטער־דינסט). איך בין אויך געווען אַ גראָבער יונג, ניט קיין „אַבראַזאָווענער" (געלערנטער), פונקט ווי דו אַצינד. מיך — האָט דער קאַפּיטאַן נאַזאַראָוו, גלייך צו זיך פאַר אַ דענשטשיק (דינער) צוגענומען. איז אָט, איינמאָל, זונטיק איז דער קאַפּיטאַן מיט דער גאַנצער פאַמיליע אַרויסגעפאָרן אין וואַלד. איך מיט זיי. נעבן אַ טייכל האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט. איך האָב אויסגעשפּרייט אַ טישטוך אויפן גראָז, אויסגעשטעלט דאָס עסן און זיך אַ נעם געטאָן צום סאַמאָוואַר. גייענדיק צום טייכל נאָך וואַסער, האָב איך פּלוצלינג באַמערקט, אַז אין זאַמד אונטער אַ צווייגל ליגט צונויפגעדרייט אַ לאַנג, שיין־געפלאָכטן קייטל פון ברוינעם גאָלד.

— וואַשע בלאַגאָראָדיע (אייער וואויל־געבורט), דאַכט זיך, אַז ס'האָט ווער דאָ אַ גאָלדן קייטל פאַרלאָרן, — האָב איך אַ זאָג געטאָן צום קאַפּיטאַן און זיך שוין געהאַט אָנגעבויגן עס אויפצוהייבן. פּלוצלונג האָב איך באַמערקט, אַז אין דער מיט פונם צונויפגעדרייטן קייטל האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן און, זיך גוט איינקוקנדיק, האָב איך דערזען אַ פּלאַך, דרייעקיג קעפּל און צוויי שוואַרצינקע, בייגעריק־וואַרטנדיקע אייגעלעך.

— אַך, צום טייוול! — האָב איך אַ זאָג געטאָן — וואָס פאַר אַ שיין שלענגל! — איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף איין קני, אַרויסגענומען פון קעשענע מיין נאָז־טיכל און געוואָלט עס שנעל אַ כאַפּ טאָן,

איז אָבער אין דער רגע צוגעקומען נאַזאַראָוו און מיך אַ שלעפּ געטאָן אויף צוריק. ער איז געווען גוט דערשראָקן. — אַוועק, דו משוגע׳נער! — האָט ער אויסגעשריען, — דאָס איז דער טויט אַליין: מער ווי אַ האַלבע שעה לעבט מען ניט נאָך אַ ביס פון אַזאַ גאָלדן קייטל.. דו פאַרשטייסט?.. נישקשה פון אַ קייטל..

— נו, און דאָס שלענגל? — האָב איך אָנגעשטרענגט אַ פרעג געטאָן.

— דאָס שלענגל האָבן מיר גלייך מיט שטיינער גע׳הרג׳עט. דער קאַפּיטאַן האָט עס נאָכער אין מוזעאום אַוועקגעגעבן, און אַלע האָבן פון מיר געלאַכט און געזאָגט, אַז איך בין אַ גליקלעכער נאַר. — ער האָט אָפּגעזיפצט — אָט אַזוי איז עס, ברודערקע, ווען מען איז אַ גרינער. און דיר ראָט איך וואָס ווייניגער זוכן שלאַנגען; וועסט האָבן דאָ גענוג צרות אָן זיי אויך. צו וואָס פאַר אַ טייוול דאַרפסטו זיי? זיי אַ גוטער סאָלדאַט און וועסט מיט גאָטס הילף אויסדינען דיין צייט און בשלום אַהיים קומען. — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער. — שוין שפּעט. אַ סאָלדאַט דאַרף שוין שלאָפן: מאָרגן וועט מען דיר אויפוועקן פינף אַזייגער. די לערע פאַנגט זיך אָן.

— אַ גוטע נאַכט, „דיאָקע” וואָלקאָוו. אַ דאַנק!

לאַנג האָב איך זיך אין יענער נאַכט געדרייט פון איין זייט אויף דער צווייטער און ווען כ׳בין שוין ענדלעך איינגעשלאָפן, האָב איך ביז אין דער פרי זיך געיאָגט און געקעמפט מיט קליינע און גרויסע שלאַנגען פון פאַרשיידענע פאַרבן — — — — — — — — — — — — —

עס האָט זיך אָנגעהויבן די מיליטערישע לערע — די שווערסטע צייט, וואָס אַ סאָלדאַט מאַכט דורך. עס איז אויך גיך צוגעפאַלן דער קורצער טורקעסטאַנער ווינטער. עס זיינען בלויז אַ פּאָר מאָל אויסגעפאַלן לייכטע שנייען, אָבער אין די פרימאָרגנס און פאַרנאַכטן האָבן פון די שניי־בערג טיאַן־שאַן — געבלאָזן זייער קאַלטע ווינטן.

זעקס אַזייגער אין דער פרי, ווען אין דרויסן איז נאָך פינצטער געווען, האָבן מיר זיך שוין געשטופּט מיט די טשייניקעס נאָך הייסע וואַסער. זיבן אַזייגער זיינען מיר שוין געשטאַנען אין רייען און, ציטערנדיק מיט יעדן אבר, אומבאַמערקט רייבנדיק די הענט אָן די קני, אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ בייזן, ניט אויסגעשלאָפענעם אָפיצער, זיך געלערנט די קונסט פון זיין אַ גוטער סאָלדאַט. די קונסט פון שיסן און שטעכן מענטשן.

די שלאַנגען זיינען ביסלעכווייז אַרויס פון מיין קאָפּ און ווען איך פלעג אַמאָל הערן דערציילן וועגן זייערע נעסטן, פלעג איך טראַכטן, אַז ווי יעדער שרעק איז אויך, מן־הסתם, דער טויזנטער מאָל איבערטריבן.

די דריי מאָנאַטלעכע מיליטערישע לערע האָט זיך געענדיקט. דער ווינטער איז פאַרשוואונדן פּונקט אַזוי פּלוצלינג ווי ער איז דערשינען און די ביימער, וואָס זיינען צוליב די קעלטן בלויז עטוואָס געל און שיטערער געוואָרן, האָבן ווידער גענומען ווערן געדיכט און גרין.

עס האָבן מיט אַמאָל אַ שלאָג געטאָן די היצן.

די בערג האָבן זיך אויף גיך אָפּגערייניקט פון די גרויע וואָלקנדלעך, אָפּגעווישט פון זיך די אומעטיקע, טונקעלע קנייטשן, אַריינגעשטעלט אין די שניי קרוינען נייע בלוילעך־ווייסע און גאָלד־שפּילנדיקע דימענטן און לאַכנדיק זיך אויפגעהויבן עטוואָס העכער צום הימל.

איין מאָל אין אַ הייסן זונטיק, גלייך נאָכמיטאָג, האָבן מיר, אַ זעקס סאָלדאַטן, זיך אַ לאָז געטאָן מיטן ברייטן וועג אַביסל נאָענטער צו די בערג. אונזער אבזיכט איז געווען צו דערגרייכן אַ געוויסן דאָרף, אַ זעקס, זיבן מייל פון פעסטונג, זיך דאָרטן אָפּרוען, זיך אָנטרינקען אין אַ „טשאַי־כאָנע״, מיט גרינער סאַרטישער טיי אָן צוקער און צוריק גיין אַהיים.

די היץ איז אָבער געווען אַזוי שטאַרק, אַז אין מיטן וועג האָבן מיר באַשלאָסן זיך אויסצובאָדן און אָפּרוען אַביסל. מיר זיינען אַראָפּ פונם וועג, צוגעקומען צום טייכל, אויסגעזוכט אַ גראָזיק, ניט שטאַרק פאַרוואַקסענעם פּלאַץ און זיך גענומען אויסטאָן.

איך געדענק ניט גענוי איבער וואָס, נאָר איך האָב זיך עפּעס צעווערטלט מיט מיינע חברים, וואָס זיינען גראָדע אין דעם פּרט געווען אַלע איינשטימיק קעגן מיר. כ׳האָב זיך דערביי אַזוי צעהיצט, אַז ניט טראַכטנדיק לאַנג, האָב איך זיי געשיקט צו אַלדע שוואַרצע יאָר, געכאַפּט די שטיוול, וואָס כ׳האָב שוין געהאַט אויסגעטאָן, און בין אַוועק זוכן אַ באַזונדער פּלאַץ וואו זיך צו באָדן. זיי האָבן זיך געוויצלט אויף מיין חשבון און מיר פריילעך נאָכגעלאַכט.

אומגעפער אַ פערטל מייל פון זיי האָב איך געפונען אַן אויסגעצייכנטן פּלאַץ צום באָדן זיך: דאָס טייכל האָט זיך דאָ פאַרקירעוועט לינקס, דער ברעג איז געווען אַ הויכער, אַ געדיכט פאַר־

וואַקסענער מיט צווייגן, און ווי פון עמיצן אַ זאָרגפעלטיק אויסגע־שפּרייטער מיט קלאָרן, ווייסן זאַמד. דאָס וואַסער האָט דאָ אויסגעזען צו זיין טיפער ווי אַנדערש וואו און אין אײן אָרט איז דער ברעג גע־ווען אינגאַנצן ריין פון צווייגן, שאַפנדיק זייער אַ באַקוועמען פּלאַץ צום באָדן זיך.

איך האָב זיך דערפרייט, זיך אָוועקגעזעצט אויפן זאַמד אין דער סאַמע מיט פון דער קיילעכדיקער לאַנקע און זיך גענומען אויסטאָן.

עס האָט געדאַרפט זיין אַרום צוועלף, אָדער איינס אַזייגער. די זון האָט געברענט, די לופט איז געווען שווער, פול מיט אַן אויפרעגנ־דיקער מידקייט. דיביימער און קוסטן אַרום זיינען געשטאַנען באַ־וועגלאָז מיט עטוואָס אַראָפּגעלאָזטע צווייגן.

אַ נאַקעטער האָב איך זיך פויל אויסגעצויגן אויפן ווייסן זאַמד, פאַרדעקט דאָס פּנים מיט די הענט און אין גאַנצן איבערגעגעבן מיין קערפּער אין דער מאַכט פון די הייסע זונען־שטראַלן.

צוערשט האָב איך געטראַכט עפּעס וועגן די סאָלדאַטן, וועמענס שטימען האָבן זיך צו מיר דערטראָגן פון ווייטנס, דערנאָך איז אַ גע־דאַנק געקומען וועגן דער ווייטער היים, וועגן אייניקע באַקאַנטע. שפּעטער זיינען אַלע געדאַנקען ווי צעשמאָלצן געוואָרן אין דער אַרו־מיקער היץ. מיר האָט זיך גענומען דאַכטן, אַז איך אַליין בין אַ שטיק הייסע לופט, אָדער אַ שטיק אָנגעגליטע ערד, און וועל זיך באַלד אינגאַנצן צעגיין.

ווי לאַנג איך בין אַזוי געלעגן ווייס איך ניט. אפשר צען מינוטן און אפשר אַ שעה. די צייט איז פאַר מיר פאַרשוואונדן. נאָר פּלוצ־לונג האָב איך רעכטס פון זיך, נעבן סאַמע אויער, דערהערט אַ שטילן, שאַרפן שיפען. עס איז געווען ווי אַ קוים־הערנדיקער פייף, וואָס האָט זיך צוויי מאָל אויפגעהויבן ביז דער העכסטער נאָטע און איז לאַנגזאַם צוריקגעפאַלן.

„אַ שלאַנג!" האָט ווי ווער אין מיר וואָרנדיק אויסגעשריען, און אין איין אויגנבליק בין איך געוואָרן וואַך. כ'האָב געעפנט די אויגן. דורך די פינגער, וואָס זיינען נאָך אויף די אויגן־דעקלעך געלעגן, האָב איך דערזען דעם טיף־בלויען הימל, דעם אָפּשיין פון די געלע זונען־שטראַלן און אַ ווייטן, גאָר הויכן, שפּיץ פון אַ שניי־באַרג.

דאָס שיפען רעכטס האָט זיך איבערגע'חזר'ט, ווי מיר האָט זיך געדאַכט, שוין אַביסל נאָענטער, און באַלד האָט זיך פון לינקס דער־

הערט נאָך אַ שטאַרקערער און לענגערער שיפּען. „שלאַנגען!״.. האָט אין מח געגומען קלאַפּן, און דאָס האַרץ האָט הילכיק אָפּגעענטפערט: „שלאַנגען! שלאַנגען! שלאַנגען!..״ איך האָב לאַנגזאַם גענומען אַראָפּציען די הענט פונם פּנים, ביז די שפּיצן פון די פינגער זיינען געבליבן ליגן ביים האַלדז. איצט האָב איך שוין אויך געזען די ביימער און קוסטן אַרום און אַ ריי ווייטע באַרג־שפּיצן.

עפּעס קאַלטס, גלאַטס האָט זיך לאַנגזאַם גענומען גליטשן איבער מיין רעכטן פוס. כ׳האָב זיך קוים איינגעהאַלטן ניט אַ שלעפּ טאָן דעם פוס אויף צוריק. פון ערגעץ גאַר נאָענט האָט זיך דערטראָגן דער רויש פון אַ קלאַפּער־שלאַנג.. טר־טר־טר.. פונקט ווי עמיצער וואָלט צוויי האַרטע, טרוקענע שטיקלעך האָלץ שנעל געריבן איינס אָן צווייטן.

כ׳האָב לאַנגזאַם אויפגעהויבן דעם קאָפּ און דאָס בלוט איז אין מיר פאַרגליווערט געוואָרן: רעכטס, האַלב איינגעגראָבן אין זאַמד, זיי־נען געלעגן אויסגעצויגן און צוזאַמענגעדרייט פון אַכט ביז צוועלף שלאַנגען. אויף מיינע קליידער האָבן זיך געוויקלט צוויי: איינע אַ געלע, די צווייטע אַ שוואַרצע — ביידע געקעסטעלטע, מיט פלאַכע דרייעקיגע קעפּ. אין ווינקל איז געשטאַנען אויף איר אונטערשטן האַלבן קערפּער אַ ברוינע קלאַפּער שלאַנג און אויפגערעגט גערוישט מיטן עק. זי האָט ניט אַראָפּגענומען אירע שוואַרצע אויגעלעך פון אַ בינטל בלעטער איבער איר פלאַכן קעפּל, וואָס האָט זיך פון עפּעס לייכט באַוועגט, און זי באַאומרואיקט. און לינקס.. לינקס אויף די גע־דיכטע צווייגן איבערן וואַסער זיינען געהאַנגען צענדליקע דינע און גרעבערע שלאַנגען פון פאַרשיידענע פאַרבן און געוועבן. אַלע האָבן זיך זיך לייכט באַוועגט, צוזאַמענגעפלאָכטן און פאַרנאַנדערגעלאָזט זייערע רינגען, צופרידן געשיפּעט, נעצנדיק די עקן און קעפּ אין דער שנעל־לויפנדיקער קלאָרער וואַסער. צייטנווייז האָבן איינציקע שלאַנ־גען, אָדער גאַנצע קופּעס, זיך פון די שטאַרק־געבויגענע צווייגן אָפּ־געריסן און אין וואַסער געפאַלן.

פון צווישן די הענגנדיקע שלאַנגען־קראַנצן האָבן העל אַרויסגע־קוקט אַ פּאָר קאָראַל־רויטע, עטלעכע געלע און איינע, כמעט ווי איינגאַנצן, אַ ווייסע. — — — — — — — — — — — — — —

אין איין אויגנבליק האָב איך זיך דערמאָנט אָן „דיאַדקאַ״ וואַל־קאָווס ווערטער מיט פיר חדשים צוריק: „דאָרטן, ברודערל מיינס,

אויף די צווייגן, קענסטו אַמאָל אַזאַ חתונה דערזען, אַז דו זאָלסט נאָכער אַ גאַנצן מאָנאַט מורא האָבן צו שלאָפן".

די צייַן האָבן מיר געגומען קלאַפּן. איך האָב געוואָרפן אַ בליק אויף מיין נאַקעטן קערפּער, אויף דעם טוץ שכנים רעכטס, וואָס האָבן זיך ברייט צעלייגט, פאַרצאַמענדיק דעם איינציקן וועג, דורך וועלכן כ'וואָלט זיך געקענט ראַטעווען, און זיך שוין געפילט ווי האַלב טויט.

פון וויטנס האָבן די סאָלדאַטן מיך גענומען רופן און שרעקן, אַז אויב כ'קום גלייך ניט אַרויס פון מיין באַהעלטעניש, גייען זיי אַוועק אָן מיר.

כ'האָב זיי ניט געענטפערט: מורא'־האָבנדיק אויפצואוועקן די שלאַנגען פון זייער האַלבן דרימל. קלאָר איז געווען פאַר מיר, אַז כ'מוז וואָס שנעלער אַרויס פון דעם גיפטיקן רינג און אַז מיין לעבן הענגט אָפּ אָן דער פאַרזיכטיקייט און געשיקטקייט, מיט וועלכער ס'וועט מיר געלינגען זיך אויפצושטעלן און אַרויסשפּרינגען.

כ'האָב גענומען לאַנגזאַם, לאַנגזאַם ביזן פלאַצן פון די מוסקלען, זיך אויפזעצן, האַלטנדיק די פאַרגליווערטע הענט פוןביידע זייטן קערפּער. דערנאָך האָב איך אָנגעפאַנגען איינציקווייז צענויפציען די פיס, נאָכער אונטערגערוקט דעם רעכטן פוס אין אַזאַ פּאָזיציע אונטערן לינקן, אַז כ'זאָל מיט איין שוואונג פונם אויבערשטן טייל קערפּער פאָראויס, זיך קענען אויפשטעלן אויף דער רעכטער קני. די אויגן האָב איך די גאַנצע צייט ניט אַראָפּגענומען פון די שלאַנגען און ביי יעדער שנעלערער באַוועגונג פון איינער פון זיי, זיך אויפגעהערט צו רירן.

געדויערט האָט מיין גאַנץ אויפהייבן זיך, מן־הסתם, ניט מער ווי אַ צען, פופצן מינוטן, נאָר מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ס'האָט גענומען לאַנגע, לאַנגע שטונדן.

ס'איז פאַר מיר געווען קלאָר, אַז דער איינציקער וועג זיך צו ראַטעווען איז דער שמאָלער דורכגאַנג צווישן די קוסטן, וועלכער האָט מיך געבראַכט אַהער. פּרובירן אַנטלויפן דורכן טייכל, פאַרביי די שלאַנגען איבערן וואַסער, וואָלט געווען זעלבסטמאָרד.

אויפן וועג צווישן מיר און אַרויסגאַנג פון דער לאָנקע האָבן זיך געפונען צוויי פלאַכע שטיינער, אָפּגעטיילטע איינער פונם צווייטן מיט אַ אַנדערהאַלבן יאַרד. צוויי שפּרינג איבער אָט די שטיינער וואָלט פאַר מיר געווען דער זיכערסטער וועג, ווען אַרום דעם ערשטן שטיין

וואָלטן זיך ניט געוויקלט קיין דריי שלאַנגען: איינע אַ ברויך־שופּיקע, מיט אַ מאָדנע דינעם, האַרטן עק, די צווייטע — אַ בלוילעכע, מיט גרויע פלעקן פון ביידע זייטן קערפּער, און די דריטע, נאָך גאָר אַ יונגס, איז געווען געפאַרבט אין אַ קרענקלעכן געל און זיך קוים אָנגעזען אויפן גאָלדיק־ווייסן זאַמד.

ענדלעך בין איך שוין געשטאַנען אויף ביידע פיס און אינגאַנצן אַ באַגאָסענער מיט קאַלטן שווייס, געוועקט אין זיך די קראַפט פון די מוסקלען און געמאָסטן די שטרעקע פון מיר צום ערשטן שטיין און פון אים ביזן אַרויסגאַנג. אַ פּאָר מאָל בין איך שוין פאַרטיק געווען צום שפּרונג, נאָר יעדעס מאָל עס אָפּגעלייגט, עס אָפּגעצויגן. און אין אָט די פּאָר רגע׳ס וואָס כ׳האָב זיך גע׳ישוב׳ט, האָט זיך די ברויך־שופּיקע שלאַנג אָפּגעוויקלט פונם שטיין, זיך ניט איילנדיק צוגעגליטשעט צו מיין פוס, מיטן גאָפּלדיקן צינגל אַ לעק געטאָן דעם גראָבן פינגער, פויל אַרויפגעקוקט צו מיר און אויסדרייענדיק דעם הינטערשטן טייל קערפּער, גענומען מיטן טרוקענעם עק זיך רייבן אָן מיין קנעכל. די הויט אויפן פוס האָט גענומען קאָנוואולסיוו ציטערן. כ׳האָב אים אָבער פון אָרט ניט גערירט.

פּלוצלונג האָט זיך ווידער דערהערט דאָס, שוין שטיל געוואָרענע, רוישן פון דער קלאַפּער־שלאַנג אין ווינקל. כ׳האָב אַ קוק געטאָן צו איר און אונזערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט. זי האָט זיך ווידער אַ הויב געטאָן אויף אירע רינגען, אָבער דער פלאַכער, בייזער קאָפּ מיטן ברייט־צעעפנטן, שאַרף־ציינערדיקן מויל זיינען איצט געווען געווענדט גלייך צו מיר. די קלאַפּערס אירע האָבן ווי געגראָבן אין דער לופטן און זיך אַזש פאַרגאַנגען פון רציחה. זי איז פאַרטיק געווען צום שפּרונג.

כ׳האָב קיין רגע מער ניט געוואַרט, מיט אַ ווילדן אימפּעט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט. די ערד האָט אַ שווינדל געטאָן אונטער מיר: אָט איז דער ערשטער שטיין און אָט שלאָגט זיך שוין מיין פוס אָפּ פונם צווייטן. קיין שלאַנגען זע איך ניט מער, בלויז עטלעכע פלינקע, פאַרביקע באַוועגונגען ציטערן אויף פון ביידע זייטן וועג. — — —

באַמערקנדיק מיך פון דערווייטנס אַ נאַקעטן, האָט די חברה סאָלדאַטן גענומען הילכיק לאַכן. זיי זיינען אָבער גלייך אַנטשוויגן געוואָרן, ווען זיי זיינען צוגעקומען נאָענטער און דערזען מיין פּנים: — וואָס איז מיט דיר?.. וואָס איז געשען?.. רעד, דער טייוול זאָל דיך נעמען!

באַוואָפּנטע מיט שטעקנס און שטיינער האָבן זיי זיך גלייך אַ לאָז געטאָן צו דער גיפטיקער לאַנקע און פאַר אַ צען־פופצן מינוטן האָבן זיך פון דאָרטן דערטראָגן בלויז ווילדע קולות, בייזע אויסגעשרייען און שטומפּע קלעפּ.

פינף טויטע שלאַנגען האָבן זיי אַרויסגעטראָגן אויף זייערע שטעקנס פון דער לאַנקע. צווישן זיי אויך די ברוינע קלאַפּער־שלאַנג. דאָס צעשמעטערטע פלאַכע קעפּל פון דער זעקסטער, האָט אַרויסגע־האנגען פון איינעם פון די אַרבל פון מיין רעקל. אפילו אין מיינעם אַ שטיוול האָט זיך פאַרקליבן עפּעס אַ קויל־שוואַרץ שלענגל און גע־נומען נאַאיוו אַרויסקריכן, בעת כ׳האָב זיך שוין געהאַלטן אין אָנטאָן.

— — — — — — — — — — — — —

איך האָס שלאַנגען און האָב — זיי דאָך ליב: פאַר זייערע שטילע און גראַציעזע באַוועגונגען, פאַר זייער שווייגן, פאַר דעם וואונדער־באַרן געוועב און פאַרביקייט פון זייערע רינגען, פאַר זייער שטאָלץ, פאַרן ניט לאָזן טרעטן אויף זיך..

און נאָך האָב איך זיי ליב דערפאַר, וואָס כ׳האָב שוין אַזוי פיל פון זיי אין מיין לעבן געטוידט און קיין איינציקע האָט זיך ניט אונ־טערגעגעבן, נאָר געביסן אַזוי לאַנג ווי אירע ציין זיינען גאַנץ געוועזן און גיפט האָט אין זיי געפלאָסן...

שטערן

מיט צוגעמאַכטע אויגן און אַ פּאָר'שכור'ט־גליקלעכן אויסדרוק אויף די פּנים'ער, זיינען זיי ביידע געשטאַנען, פעסט צוגעדריקט איינער צום צווייטן, און זיך איינגעהערט אין נערוועזן גאַנג פון זייערע הערצער.

אַרום זיי האָט זיך וויך און פּויל צעוואָרפן אַ פינצטערע נאַכט און מיט אירע שוואַרצע שאָטן־שלייערס געדיכט פאַרשפּינט יעדעס הויז, יעדן קוסט, יעדן בוים. דער הימל — אַ שרעקנדיק־טיפער, אַ טונקל בלויער, האָט ווי אינגאַנצן געפלאַטערט, אַ דורכגעוועבטער מיט זילבערנע שטראַלן פון די מיליאָנען שטערן.

און אַ חלום האָט זיך געשפּינט אויף דער וואָר, אַ חלום, אַז טויזנטער פלינקע יונגלינגס, געקליידט אין ברייטע מאַנטלען, גע־שריקט פון בלוי און זילבער, שוועבן פון איין עק הימל צום צווייטן און האַלטן אין איין פאַרוואַרפן און צוזאַמענקלייבן כוואַליעס צאַרטע, זילבער־קלינגענדיקע, זילבער־פינקלענדיקע נעצן.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ פון איר אַקסל, טיף אָפּגעזיפצט און זיך גענומען איינקוקן אין דער ווייטקייט.

זי האָט זיך אויך אויסגעגלייכט, נאָכגעפאָלגט זיין בליק און פּלוצלינג, מיט אַמאָל, דערזען דעם הימל אין זיין פולער פּראַכט: — גאָט מיינער, וואָס פאַרא שיינקייט! — האָט זיך ביי איר אַרויסגעריסן.

ער האָט פאַרטראַכט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — יאָ.. בלויז די נאַטור האָט געקענט אָזעלכעס באַשאַפן.

— דאַכט זיך, אַז כ'האָב נאָך קיינמאָל אין מיין לעבן אַזאַ פּראַכט־פולן הימל ניט געזען — האָט זי נאָך אַ קורצער פּאוזע שטיל געזאָגט.

— דאָס האָבן זיך די שטערן אַזוי אויסגעפּוצט און צעהוליעט לכבוד אונזער ליבע — האָט ער האַלב אין שפּאַס, האַלב אין ערנסט באַמערקט.

זי האָט זיך איינגעקוקט אין הימל און שטיל גערעדט, ווי צו זיך אַליין: — מיר דאַכט זיך, אַז אינעווייניק, אין מיר, פינקלען איצט

פונקט אַזוי פיל שטערן ווי אין הימל און ווען די שטראַלן פון מיינע שטערן וועלן זיך באַהעפטן מיט די הימלשע — וועל איך אינגאַנצן פאַרשווינדן, וועל אַליין פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ שטיק זילבערנער בלויקייט, אין אַ שטיק הימל..

ער האָט זיך צעשמייכלט: — דו מאַלסט זייער שיין.

זי האָט זיך פעסטער צוגעדריקט צו אים און, אין עקסטאַז, ווייטער גערעדט: — מיר דאַכט זיך, אַז ווען איך צעשפרייט איצט מיינע הענט, וואָלטן זיי זיך געצויגן אויף מיילן און מיילן ווייט, ביז זיי וואָלטן די גאַנצע וועלט אַרומגענומען.. און ווען איך צעעפן איצט מיין האַרץ, וואָלטן אַלע שטערן זיך אָפּגעריסן פונם הימל און פלאַ־טערנדיק, ווי אַ מחנה ווייסע טויבן, איינער נאָכן צווייטן געגומען פאַלן צו מיר אין ברוסט.. — זי האָט אויפגעציטערט: — אַך, ווי גוט מיר איז!. — האָט פאַרוואָרפן אירע הענט אַרום זיין האַלדז און לאַנגזאַם אים געגומען קושן אין די אויגן.

דער הייסער ציטער פון אירע ליפן האָט זיך אַ יאָג געטאָן דורך זיין גאַנצן קערפער און שטייפער צוזאַמענגעצויגן זיינע הענט אַרום איר טאַליע: — ווי גוט ס׳איז אונז צוזאַמען!.. כ׳וואָלט געוואָלט די נאַכט זאָל זיך גאָר קיינמאָל ניט ענדיקן.

זי האָט מיט אַמאָל אַ בויג געטאָן אויף צוריק דעם אויבערשטן טייל פון איר קערפער, טיף און זשעדנע אַריינגעצויגן אין זיך די לופט און ווייטער גערעדט: — מיר דאַכט זיך איצט אויך, אַז כ׳בין זייער און זייער גרויס... אַ ריז, גרעסער פון דער גאַנצער וועלט... מיין האַרץ קען אַזש ניט קלאַפן פריי. מיין.. — און מיט אַמאָל האָט זי אויפגעהויבןביידע הענט און אויסגעשריגן אין הימל אַריין: — גאָט, איך וועל, דאַכט זיך, באַלד פון זינען אַראָפּ.. — און מיט אויגן פול מיט טרערן האָט זי פאַרגראָבן דעם קאָפּ אין זיין ברוסט.

ער האָט געגלעט און געקושט אירע האָר: — באַרויק זיך, טייערע.

און די נאַכט האָט געשפּינט אירע שאָטנדיקע נעצן און די שטערן האָבן געפירט זייער אומפאַרשטענדלעכן קאַראַהאָד.

אַביסל שפּעטער האָט ער אַ פיר געטאָן מיט דער האַנט איבערן האַלבן הימל פאַר זיך און, מ׳ט אַ זיפץ, געזאָגט: — אין קאַלעדזש האָב איך אויפגענומען אַביסל אַסטראָנאָמיע און קען דיר דערציילן אַ פּאָר אינטערעסאַנטע זאַכן: זעסט אָט יענעם גרויסן, פינקלענדיקן

שטערן, עטוואָס רעכטס? זיין נאָמען איז: „סיריאוס" און ער איז דער העלסטער אין הימל. אַצינד קוק אַרויף. אָט גלייך איבער אונ־זערע קעפּ געפינט זיך די גרופּע שטערן: „אָריאָן". זייער אַ אינטע־רעסאַנטע גרופּע. זי באַשטייט פון דריי הויפּט־שטערן, זעסט, די גאָר העלע. זייערע נעמען זיינען: „ריגל", „בעטעלגייז" און.. כ'האָב פאַרגעסן דעם דריטן נאָמען און נאָך 44 קלענערע שטערן. און איצט גיב אַ קוק לינקס. זע ווי שיין עס האָט זיך אויסגעצויגן „דוד'ס רייטוואָגן" מיט זיינע זיבן שטערן. פיר זיינען די רעדער און דריי — דער דישל..

מיט ברייט צעעפנטע אויגן האָט זי זיך איינגעקוקט וואוהין ער האָט איר אָנגעוויזן און צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ: — איך זע.. איך זע.. כ'פאַרשטיי..

— און אָט בויג אָן דעם קאָפּ אויף צוריק אָט אַזוי.. עטוואָס רעכטס: זעסט? אָט האָסטו ווידער אַמאָל „דוד'ס רייטוואָגן", אָבער אין אַ פיל קלענערער מאָס און ער שטייט קאַפּויר צום גרויסן וואָגן. די זעלבע זיבן שטערן, די זעלבע פּאָזיציעס. און איצט קוק זיך גוט איין אין לעצטן שטערנדל פונם דישל.. דאָס איז דער „פּאָלאַר" שטערן. ער געפינט זיך שטענדיק אויף איין אָרט און אַלע שטערן־גרופּן באַ־וועגן זיך אַרום אים.

זי האָט זיך איינגעקוקט: — יאָ, יאָ.. כ'זע אים.. אַזאַ בלאַסיקער.. קוים וואָס מען באַמערקט אים. פאַרוואָס איז ער עפּעס אַזאַ מיוחס, וואָס אַלע מוזן זיך דרייען אַרום אים?

— פרעג מיך גרינגערע קשיות: קיינער ווייסט ניט פאַרוואָס. און אָט איצט כאַפּ אַ קוק אויף אָט יענעם שטערן רעכטס.. ער שטייט פּונקט איבערן קוימען פון דער מיל. ער באַלאַנגט צו אַ גרופּע שטערן, וועלכע הייסט: „צענטאַוור", נאָכן נאָמען פון אַ גריכישער, מיפּאָלאָ־גישער באַשעפעניש, וועלכע איז באַשטאַנען פון האַלב־מענטש, האַלב־פערד. דער שטערן הייסט: „אַלפּא" און ער איז דער נאָענטסטער צו דער ערד, כמעט ווי אונזערער אַ שכן. דער שטח צווישן אים און אונז איז ניט מער און ניט ווייניקער ווי אַרום אַ.. 26 ביליאָנען מייל.

זי האָט פאַרוואונדערט איבערגעפרעגט: — ביליאָנען האָסטו געזאָגט?

— יאָ, ביליאָנען. ווען אַ צוג וואָס מאַכט 40 מייל אַ שעה, זאָל זיך וועלן דורכפאָרן צו אָט דעם שכן אונזערן צו גאַסט, וואָלט עס אים

גענומען אַזוי.. אַרום 77 מיליאָן יאָר און אַן עראָפּלאַן, וואָס מאַכט שוין 200 מייל אַ שעה, וואָלט אויך באַדאַרפט פליען ניט ווייניקער ווי אַריבער 15 מיליאָן יאָר..

זי האָט געקוקט אויפן שטערן, אויפן געליבטן און ווידער אויפן שטערן און אָנגעשטרענגט איבערגע׳חזר׳ט: — אַן עראָפּלאַן.. 15 מי־ליאָן יאָר?.. ס׳איז דאָך אומגלויבלעך.. עפּעס קען איך עס אפילו ניט באַגרייפן.

— איך אויך ניט — האָט ער געענטפערט און וויטער גערעדט: — דער „אַלפאַ"־שטערן פון „צענטאַוור" איז דער נאָענטסטער צו אונז. אַנדערע זיינען טויזנטער מאָל ווייטער. אַ ליכט שטראַל וואָס איז דער שנעלסטער שליח אין דער נאַטור און וועלכער מאַכט 192 טויזנט מייל אין איין רגע, דערטראָגט זיך צו אונז פון דער זון אין 8 מיט אַ האַלב מינוט, פונם שטערן „סיריאוס" געדויערט עס 9 מיט רדיי־פערטל יאָר, פונם „פּאָלאַר"־שטערן 36 יאָר, פון נאָך ווייטערע שטערן — 54 יאָר א. אַז. וו.

אירע אויגן האָבן זיך אַלץ ברייטער צעעפנט. — איז עס מעגלעך?.. איז עס אמת אַלץ וואָס דו דערציילסט מיר?. אַזעלכע ריזיקע..

— אמת, טייערע. אַלץ מאַטעמאַטיש אויסגערעכנט — האָט ער קענעריש צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ — און אויב מען מאַכט אפילו אַ טעות אויף אַ פּאָר מיליאָנען מייל, וואָס פאַראַ באַדייטונג האָט עס? אונזער אייגענער שטערן, די זון, אַרום וועלכער עס דרייט זיך די ערד מיט די איבעריקע פּלאַנעטן, איז מיט איין מיליאָן און 300.000 מאָל גרעסער פון אונזער ערד. ס׳איז ווי אַ פליג קעגן אַן... עלפאַנט — ער האָט פאַרטראַכט באַקוקט דעם רוים און שטילער פאָרגעזעצט. —און אין הימל זיינען פאַראַן אַריבער 8000 שטערן, וואָס מען קען זיי זען מיטן נאַקעטן אויג, הונדערטער טויזנטער וועלכע מען געפינט בלויז מיט דער הילף פונם טעלעסקאָפּ און מיליאָנען אַזעלכע ווייטע, וועלכע די טעלעסקאָפּן זיינען נאָך צו שוואַך צו באַמערקן.. — ער האָט מיט אַ שטילן זיפץ פאַרענדיקט. — וואָס־זשע פאַר אַ באַדייטונג האָט דער מענטש, וואָס איז אַ שטויבעלע אויף דער ערד, וועלכע איז אַליין אַ פליג קעגן דער זון, וועלכע איז אַליין אַ טראָפּן אין ים אַנטקעגן..

אַ בלייכע, אַ פאַרלוירענע, האָט זי געקוקט אויף אים מיט דערשראָקענע אויגן און געפילט, אַז זי ווערט וואָס אַמאָל קלענער און

קלענער. ווי אַ פייגעלע האָט זי איצט אויסגעזען, אַ פייגעלע וואָס שטייט פאַרגליווערט פון שרעק פאַרן מויל פון אַ גרויסער גיפטיקער שלאַנג. אירע הענט זיינען מיט אַמאָל מאַכטלאָז אַראָפּגעפאַלן פון זיינע אַקסלען און די פינגער האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָכטן אין אויס־דרוק פון פאַרצווייפלונג: — גאָט מיינער, ווי שרעקלעך!.. וואָס־זשע פאַר אַ באַדייטונג האָט דאָן אונזער גליק און אומגליק?.. אונזער גאַנ־צע עקזיסטענץ?!

ער האָט טיף אָפּגעזיפצט און זי צוגעדריקט צו זיך. ביידע האָבן געשוויגן.

דערנאָך האָט ער געוואָרפן אַ זייטיקן בליק אויף איר ווייסן פּנים, אויף די ציטערנדיקע ליפּן און שטיל זי גענומען באַרואיקן: — יאָ, קיין צו גרויסע באַדייטונג פאַרן חלל האָבן מיר אודאי ניט, אָבער מיר זיינען דאָך די איינציקע וואָס דרינגען אַריין אין די סודות פונם „אוניווערז״ און נוצן זיי אויס פאַר אונזער וואוילזיין.

עטלעכע מינוטן איז זי געשטאַנען מיט צוגעמאַכטע אויגן, דערנאָך שטיל גענומען רעדן. און איר קול איז געווען איצט מאַט און פלאַך, פונקט ווי דער אויסזען אירער: — מעגלעך ביסט גערעכט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז אַלץ אַרום איז מיט אַמאָל געוואָרן פּוסט, האָט פאַר־לאָרן די גאַנצע פרייד, די גאַנצע וואַרעמקייט.. און די שטערן לאַכן איצט פון מיר אַזוי שפּאָטיש און כ׳הער ווי זיי שרייען: „אַך, דו נישטיקע מיידל! האָסט געוואָלט מיט דיינע קליינינקע הענטלעך דעם גאַנצן רוים אַרומכאַפּן?.. געוואָלט מאַכן פון דיין ברוסט אַ נעסט פאַר אונז אַלעמען.. כאַ־כאַ־כאַ.. טראַכט זיך נאָר איין, וואָס פאַראַ פלאַץ דו אַליין פאַרנעמסט, וואָס פאַראַ באַדייטונג דו האָסט.. דו, מיט דיין גאַנצן גליק ביסט דאָך נאָך ווייניקער פון גאָרניט. — איר גאַנ־צער קערפּער האָט קאַנוואולסיוו גענומען ציטערן.

ער האָט זי געדריקט צו זיך, געגלעט אירע האָר און זיי געקושט: — נו, גענוג, עס טוט מיר שוין באַנג אויף דער גאַנצער לעקציע. ניטאָ דאָ, נאָדע אַלעמען, וואָס אַזוי פאַרצווייפלט צו ווערן. ניט מיט אונז האָט זיך דאָס לעבן אָנגעהויבן און ניט מיט אונז וועט זיך עס ענדיקן. די וועלט איז איין גרויסער וואונדער און אַזוי לאַנג ווי מיר האָבן חושים אָט דעם וואונדער צו זען, הערן און פילן, דאַרפן מיר זיין גליקלעך און וואָס ווייניקער זיך גריבלען אין דער פראַגע וואָס פאַראַ אָרט מיר פאַרנעמען אין רוים.. ס׳איז אַן אַרבעט פאַר אַסטראָ־

נאָמען, פיזיקער און פילאָזאָפן.. פאַראַן אין לעבן געגוג זאָרגן אָן דעם. נו, געגוג, באַרואיק זיך. כ׳בעט דיך

זי האָט געשוויגן, זיך ניט געטוליעט מער צו אים, ניט געענט־פערט אויף זיינע הייסע קושן. דורך פאַרטרעָטע אויגן האָט זי גע־קוקט אויף די ווייטע שטערן און נערוועז געביסן די ליפּן.

און דער טיפער הימל האָט ווייטער געוועבט זיין חלום אויף דער וואָר, אַ חלום געפלאָכטן פון סאַמעטענעם בלוי און פלאַטערנדיקן זילבער.